STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07743

GEVEHLTE VERK

Leo Tolstoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גראף לעא טאלסטאי.

געזאמעלטע ווערק

דריטער באנד.

1923

היברו פאבלישינג קאמפאני
50-52 עלדרידזש סט., ניו יארק.

אינהאלט־פערצייכניס:

1. דער נסיון.

2. דיא פערפיהרונג.

3. איוואַן דער נאַר.

4. מיין וידוי.

דער נסיון

1.

ער האט זיך גערופען ניקאָלאַי, אָדער, בעסער געזאגט, יעדער האט איהם גע־רופען ניקאָלאַי. אויסער וואס מען פלעגט אמאל אויסרופען זיין פאמיליען־נאמען אין דער אוניווערזיטעט, האט קיינער ניט דערמאָהנט מעהר וויא דאס וואָרט ניקאָלאַי.

ווען מען האט געזאגט „ניקאָלאַי", אונטער דיא סטודענטען, האט מען שוין געוואוסט וועמען מען מיינט, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז עס עקזיסטירט נאָר איין מענש מיט דעם נאמען ניקאָלאַי.

ווארום איז דאס געווען? דיא אורזאכע איז גאנץ איינפאך: ער איז אימער געווען אין דער געזעלשאפט פון זיינע דרייא שוועסטער־קינדער אונד דרייא שטאדטס־לייט, וועלכע האבען זיך צוגעוואָהנט, פון קינדהייט אָן, איהם אזוי צו רופען, אלס ייער קאמעראד ניקאָלאַי. דאן האט ער איבערהויפט אויסגעזעהען עפּעס א בער־ונדערער ניקאָלאַי. ווען אפילו איין אַנדערער האט זיך אויך גערופען ניקאָלאַי, איז דער אַנדערער געווים געווען ניקאָלאַי אלעקסאַנדראָוויטש, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש אָדער ניקאָלאַי אלעקסעאיטש, נאָר ער איז געווען עפּעס איין אַנדערער.

דיעזער, „אונזער ניקאָלאַי", איז געווען דער, מיט דיא מערקווירדיגע העלל־בלויע אויגען, הויך געוואקסען, ברייט־שולטעריג, זעהר ווייסע צייהן, גוטמיטהיגע געזיכטס־ציגע, אונד, גראדע יעטצט, האט ער געהאט אויף זיין פרישעם געזיכט, ארום אונד ארום בעוואקסען מיט בלאָנדע דינע האאר, וועלכע ער האט ניט געראזירט אונד געוואָלט וואהרשיינליך, זיך לאָזען וואקסען א באָרד. אויך האט איהם, איבער דער אויבערשטער ליפּ שוין אָנגעפאנגען צו שפּראָטצען וואָנצעס, וועלכע האבען אויס־געזעהען וויא א דיקער טהוי אויף א ווייסען עפּעל.

דיעזער ניקאָלאַי האט אויך געהאט א טבע אימער צו טראָגען א בוך, ווייל איבעראל, וואו ער איז געגאנגען, האט ער געהאלטען א בוך אונטער דעם

ארעם. דאן האט זיין געזיכט פארגעשטעלט, וויא דיא סטודענטען רופען אן, דעם „יאלד."

ניקאלאי האט פארגעשטעלט דאס אונשולדיגע געזיכט פון איין אונשולדיגעם מעדכען, אונד זיין אימער־וועהרענדער גוטמיטהיגער שמייכעל, האט איהם גע־מאכט וויא עפעס נאריש. וועניגסטענס אזוי האבען זיך זיינע אנדערע קאמעראדען פארגעשטעלט.

אונד דאך, נאך אלעמען, איז אין איהם עפעס געלעגען, וואס האט ארויס גערופען רעספעקט. ער האט געהאט א טבע ציי‌טענווייז אריין צו ווארפען א פאאר ווערטער איבער דער אויסגעלאסענער אויפפיהרונג פון דיא אנדערע סטודענטען, וועלכע זיינען אימער געוועזען זעהר קלוג געשפראכען. דיא סטודענטען, אהנע אויס־נאהמע האבען פון איהם געלאכט, אבער ניט אין זיין געגענווארט. פאר איהם אליין, אבוואהל קיינער האט פאר איהם קיין מורא ניט געהאט, האט מען געהאט דרך־ארץ.

איינער פון דיא לצים־סטודענטען האט אין איין צייט פראבירט איהם א נאמען צו געבען „ניקאלאי דיא בתולה," אבער זעהענדיג, אז דיא אנדערע סטודענטען האבען דעם וויטץ ניט אויפגעכאפט, האט ער עס שוין מעהר ניט געזאגט.

ניין, ניקאלאי איז ניט געוועזען אזא סטודענט וויא דיא אנדערע, אונד, לויט וויא עס שיינט, האט מען איהם בעדארפט פיינד האבען. אבער זיין טאקטישע בענעהמונג האט דאס ניט געלאזען. עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט גאנץ גוט פערשטאנען, אז מיט דיא סטודענטען איז ניט צו רעדען פיעל איבער מוסר, אונד ער האט זיך געמאכט א כלל, אפילו ווען ער וועט רעדען מיט זייא איבער מוסר, זאל ער זייא ניט אויפרייצען.

דאס האט אבער געהאט דיא דאפעלע ווירקונג: ערשטענס וואס זייא האבען איהם ניט געהאסט, אונד צווייטענס וואס זייא האבען פון איהם ניט חוזק געמאכט פאר זיינע „יאלדישע" אויפפיהרונגען, וויא זייא האבען עס גערופען.

ווען עס האט פאסירט אז ניקאלאי איז זיך צוזאמען געקומען מיט סטודענטען, אונד זייא האבען דערצעהלט פון זייערע „העלדענטהאטען" אונטער דיא פרויען פון א געוויסער קלאסע, פלעגט ער אנפאנגס שפירען, אז דאס בלוט לויפט איהם אין געזיכט פאר שאנדע. ער האט דאס ניט געוואלט אונד ניט געקענט הערען, אונד זיין ערשטער געדאנק איז אימער געוועזען ארויס צו לויפען. אבער ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דאס וועט ארויס רופען א געלעכטער פון דיא „וואוילע יונגען," אונד

ער איז פערבליעבען אזוי לאנג, ביז ער האט געפונען א געלעגענהייט צו פערלאזען דיעזע געזעלשאפט אונד ניט הערען אזא געשפרעך.

„איך ווייס ניט,“ פלעגט ער זיך טראכטען, „וויא זייא קענען זיין אזוי ניעדריג? ראבט זיך ווען איך הער זייא רעדען, זעה איך פאר מיר ערשיינען דאס געזיכט פון מיין שוועסטער אונד פון מיין מוטער, אונד איך וואלט מיך דאן בעגראבען 9 עללען אין דער ערד פאר שאנדע. האבען זייא דען קיין מוטערס ניט געהאט? שטעהען פאר זייערע אויגען ניט דיא געזיכטער פון זייערע שוועסטערס?“

ניקאלאי האט זיך עס ניט געקענט ערקלערען, ווארום זייא זאלען זיין אנדערע מענשען וויא ער איז.

טהעע פלעגט ער טרינקען, ער האט דאס געליעבט. נאך מעהר, ווען ער האט זיך געשפירט שלעפעריג אונד גראדע געוואלט לעזען א בוך וואס האט איהם אינטערעסירט, האט ער אויסגעטרונקען 3, 4 אדער 5 שטארקע גלעזער טהעע, אונד דאס האט איהם אויפגעמונטערט. ער האט אויך געטרונקען טהעע מיט דיא סטודענטען אין א טשאינע, אבער אהן ראם, וויא זייא האבען געטרונקען.

„טהעע אליין,“ פלעגט ער זאגען, „איז אויך א ליידענשאפטליכע משקה, אבער אנשטאט צו פערטומלען דעם קאפ, לייטערט זיא דאס געהירן. דעם שאדען וואס דיא טהעע ברענגט פון איין זייט, שלאגט זיא אויס פון דער צווייטער — אין אויפמונטערן. אבער צו וועלכען צוועק ניטצט ראם? ראם האט אין זיך אלקאהאל, וואס פערגיפטעט דעם מאגען, דיא קישקעס, דעם גאנצען קערפער, אונד, איבערהויפט, פערדומט עס דעם שכל. איך זעה ניט איין ווארום מען זאל דארפען טרינקען ראם, גראדע וויא עס איז א קנאפער שכל אין איינגעהמען גיפט ווען מען איז ניט ענטשלאסען צו שטארבען.“

„נאר וואס דוא ביסט,“ פלעגען דאן דיא פרעהליכע סטודענטען ענטפערן, „ראם מונטערט אויך אויף, אונד דערצו מאכט עס פערגעסען אן אלעמען מיט וואס מען דארף זיך בעשעפטיגען פיר דעם לעבענס־קאמפף. ראם טהיילט אונז אב פון דער זארגען־וועלט אונד פיהרט אונז איבער אין דער פערגניגענען־וועלט, וואו מען געניעסט נאר לויטער לעבען. דערפאר טרינקען מיר ראם.“

„וואס וויסטו איבערהויפט,“ פלעגט איין אנדערער זאגען. „דוא מוזט פריהער שפירען דעם טעם פון אזעלכע זאכען אונד נאך אנדערע זאכען, דאן וואלסטו געוואוסט וואס עס איז בעסער, אויב אנפיללען זיך דעם מאגען מיט הייסעס וואסער, אדער לעבען אונד האבען פערגניגען.“

ניקאלאי האט אויפגעצויגען מיט דיא אקסלען, אויף זיינע ליפען האט זיך

בעוויעזען דער גוטמיטהיגער שמייכעל, וואס די סטודענטען האבען גערופען „נארישע מינע.“ ער האט זייא ניט געקענט פערשטעהען.

ווייטער איינטענה'ען מיט זייא, האט ער ניט געקענט אונד ניט געוואלט. ער האט ניט געקענט, ווייל ער האט ניט געוואוסט, וויא זייא זאגען, „וואס פאר א טעם דאס האט,“ אונד ניט געוואלט, ווייל ער האט זיך עטליכע מאל איבערציינט, אז וואס מעהר ער וועט רעדען מיט זייא איבער אזעלכע זאכען, אלץ מעהר חוזק וועט מען מאכען פון איהם.

אונד אזוי איז ניקאלאי געוועזען אונטער די סטודענטען, וועלכע ער האט ניט געקענט איבערמאכען, אבער, וועלכע האבען איהם אויך ניט געקענט איבער־מאכען.

צייטענוויז פלעגט ער זיך טראכטען: „פיעללייכט האבען זייא דאך מיט עפעס רעכט? אבער איך קען בייא מיר ניט פועל'ן צו טרינקען וואדקא אדער ראם. איך קען ניט, איך האב קיין לוסט ניט דערצו, איך האב עס פיינד. איך טרינק אביסעל וויין צום עסען, עס זאל בעסער פערדייען מיין שפייז, אבער מעהר קען איך ניט. געהען אהין, אין יענע הייזער, פון וואנען זייא דערצעהלען אזוי פיעלע אבשייליכע זאכען, איז מיר אונמעגליך; איך וואלט מיר בעסער מיינע פיס צובראכען איידער איך זאל עס טהון. איך קען ניט, איך קען ניט! זאלען זייא לאכען, חוזק מאכען אונד זאגען וואס זייא ווילען. עס איז גענוג וואס איך בין צופריעדען, אז א י ך האב רעכט, אונד עס איז נאך קיין ראיה ניט, ווייל זייא זיינען די מעהרצאהל, אז זייא האבען רעכט. די מעהרצאהל איז מייסטענטהיילס א באנדע חמורים — א גרויסער דענקער האט אמאל געזאגט, אז די מעהרצאהל האט קיינמאל קיין רעכט ניט.“

פון דיעזע איבערציינגונגען האט איהם קיינער ניט געקענט ריהרען.

זיינע קאלעגען האבען אבער געהאט איין אנדערע מיינונג. זיין איינענער שוועסטער־קינד, האט בעהויפטעט אזוי:

„ער איז זעהר שעהמעדיג אונד דערפאר מאכט ער זיך פאר פרום. ווער פון אונז איז עס ניט אזוי געוועזען? אבער נאך אלעמען איז ער דאך א דומקאפ. איך בעהויפטע, אז ווען עס זאל נאר געלינגען איהם אריין צו ברענגען אין...“

„אונד,“ האט איין אנדערער אונטערגעכאפט, „איינע פון די בחור'טעס זאל איהם נאר ארום נעהמען, אביסעל קיצלען אונד...“

„חא! חא! חא!“ האט זיך א דריטער אריין געמישט לאכענדיג פון גאנצען הארצען, „מיט מיר איז עס אויך אזוי געווען, אונד איך האב אנפאנגס

געציטערט וויא אין א פיעבער. עס האט מיר געוואָרפען א צאָהן אַן א צאָהן ; עס איז מיר געווען קיהל אונטער'ן הארצען...״

„אָבער יעטצט, ברודער'ל,״ האט א ניעדריגער סטודענט געזאגט צום לעטצטען, „ביסטו א מאָקאָדעץ! דער גרעסטער חברה־מאַן, אונד דוא ווייזט אונז שוין דעם וועג...״

מען האט ווידער געלאַכט אונד געזאגט וויטצען, דערצעהלט פון דיא „פריש'ע סחורות״ וואס מען האט לעטצטענס אַנגעבראַכט נאך מאָסקווא אונד פון דער נוטער וואָדקא וואס מען געפינט אויף דאָרט.

עס איז געווען א במארגער טאַג, צום אנפאנג פון דעם פריהלינג, ווען איינינע סטודענטען זיינען ארויס פון דעם טויער אין דער נייער אוניווערזיטעטס־געביידע אונד אָנגעפאנגען צו שפאצירען איבער דער גאס.

עס זיינען געווען זיעבען אין דיעזער גרופע ; אלע יונגע אונד שעהנע מענער פיער האבען זיך אנגעקערט שוועסטער־קינדער אונד 3 זיינען גלאט געווען גוטע בעקאנטע שול־קאָלעגען נאך פון דער היים.

דיעזע זיעבען, מעג מען זאגען, האבען זיך במעט אימער געוואָלטען צוזאמען אלס א גרופע פריינדע, אונד זייא האבען מיט דיא איבריגע סטודענטען ווענינער פערקעהרט. אזעלכע סטודענטען־גרופען, זיינען בעקאנט אין אלע אוניווער זיטעטען.

א קליינע אויסנאַהמע אונטער זייא, האט געמאכט ניקאָלאַי, וויל, נאך דער גאנצער פריינדשאפט, האט ער זיך זעהר פיעלע מאל אָבגעטהיילט פון זייא, אונד געבילדעט א גרופע פאר זיך אליין. ניט איבעראל האט ער געוואָלט אונד געקענט זיין מיט זייא חברים.

וויא זייא זיינען ארויס אויף דער גאס, האבען זייא זיך צוטהיילט אין פאארען. ניקאָלאַי איז געגאנגען פאראויס מיט דעם יונגען פאָפאָוו, וועלכער האט געהאט א קאָפּ מיט הויל־שווארצע האאר ; נאך זייא זיינען נאכגעגאנגען ניקאָלאַי'ס צווייא שוועסטער־קינדער. זייא זיינען געווען זעהר עהנליך צו ניקאָלאַי'ן אין זייער וואוקס אונד געזיכט, גראדע וויא זייא וואָלטען געווען ברידער אין איינע יאָהרען, אָבער דאָך איז עפּעס געלעגען אויף זייערע געזיכטער, וואס האט זייא געמאכט אנדערש פון ניקאָלאַי'ס לויטערעס אונד שעהנעס געזיכט.

„אונזער ניקאָלאַי״, האט פאָרגעשטעלט, וויא מיר האבען שוין איינמאל אָבגעשילדערט, דיא אונשולד אונד דיא איינפאכהייט, וועהרענד זיינע שוועסטער־קינדער האבען זיך געקענט אויסצייכנען מיט איין אויגען־פינטלען, א חוזק־מאכענדע

שמייכעל אונד ארויס שטעלען דיא צונג, צו ווערבען ניקאלאי איז ניט פעהיג געווען.

איינער פון דיא שוועסטער־קינדער, וועלכער האט זיך יעדעס מאל אומגעקוקט צו זיינע אנדערע קאמעראדען, האט אויסגעזעהען צו זיין זעהר לעבהאפט. זיין נאמען איז געווען טאפיטשעוו אונד ער האט אויפגעפאסט, אז דאס וואס ער רעדט גראדע דאמאלס, זאל ניקאלאי ניט דערהערען. נאך א דריטער סטודענט פון דער הינטערשטער גרופע איז צוגעקומען, אונד טאפיטשעוו האט געמורמעלט:

„בייא גאט! דער פלאן איז אויסגעצייכענט!“

„וויא מיינסטו דאס?“ האט דער אנדערער געפרעגט.

„גאנץ איינפאך, ווייל ער ווערט 21 יאהר, דאס הייסט, ער גרייכט צו דיא יאהרען פון א כאן...“

„נו, איז וואס?“

„דומקאפ!“ האט טאפיטשעוו אויסגעשריען נאך לעבהאפטער. „האסטו מיך גאר ניט פערשטאנען?“

„ניין, איך פערשטעה דיך ניט,“ האט דער אנדערער געזאגט. „דוא ביסט צו שטארק דערפרייט מיט דיין אידעע אונד זאגסט ניט וואס דוא מיינסט.“

„הערט מיך אויס,“ האט טאפיטשעוו ווידער אנגעפאנגען רעדענדיג שטילער אונד בליקענדיג צו ניקאלאי'ן, וועלכער איז געגאנגען אין פראנט. „ער ווערט פאל־יעהריג, אונד, גראדע וויא מיר האבען אלע געטהאן, אזוי וועט ער אויך מוזען מאכען איין אונטערהאלט...“

„ווער וועט איהם צווינגען?“

„מיר! וואס הייסט ווער? מיר דארפען אלע זאגען, אז עס איז א שאנדע זיך צו מאכען אזוי דום.“

„אונד וואס וועט ווערען?“

„לאמיר איהם נאר האבען בייא איין אונטערהאלט, איהם געבען אביסעל מעהר צו טרינקען אונד, עס וועט שוין געהען וויא געשמירט.“

„דיא אידעע איז ניט שלעכט,“ האט דער אנדערער סטודענט בעמערקט מיט א צופריעדענעם שמייכעל. „אבער וויא קומט ניקאלאי צום טרינקען?“

דיא איבריגע סטודענטען זיינען דערוויל צוגעקומען צו דיא לעטצטע דרייא אונד מען האט דיא אידעע בעשפראכען. אלע האבען איינגעשטימט, אז מען מוז זעהען ניקאלאי זאל פייערן מיט פאראד זיין 21־יעהריגען געבורטסטאג, אונד דאן...

„יא, דאַן,“ האָט איין סטודענט אויסגערופען, „ווּעלען מיר איהם מאַכען פאַר א מענשען! האָסטו שוין אמאל געהערט, אז א סטודענט פון 21 יאָהר זאָל זיין א בתולה?“

אַלע האָבען געלאַכט.

„פּאַפּאָוו רעדט יעטצט מיט איהם דאַריעבער,“ האָט טאַפּיטשעוו ערקלערט, „אונד מיר מוזען אַלע צוזאַמען איהם במעט צווינגען ער זאָל מאַכען דעם אונ־טערהאַלט.“

די פינף סטודענטען אין זייער געשפּרעך, זיינען דערווייל געבליעבען שטאַרק דערווייטערט פון ניקאָלאַי׳ן מיט פּאַפּאָוו׳ן, אונד אום זייער פּלאַן דורכצופיהרען, האָבען זייא אָנגעפאַנגען שנעל צו געהען אום זייא אָנצויאָגען.

„פּאַפּאָוו!“ האָט טאַפּיטשעוו אויסגעשריען אלס ער האָט זיך דערנעהנטערט, „וואַרט נאָר אויף אַ ביסעל, לאָמיר געהען צוזאַמען.“

פּאַפּאָוו מיט ניקאָלאַי׳ן האָבען זיך אָבגעשטעלט, אונד טאַפּיטשעוו, זיך דרעהען א וואַנצע, האָט געזאָגט:

„וואָס הערט זיך, האָסטו איהם שוין ערקלערט? בייא מיין וואָרט, ניקאָלאַי, עס וואָלט געווען דיא גרעסטע שאַנדע דוא זאָלסט ניט פייערן דיין פּאַליעהרינגען גע־בורטסטאַג! מיינסטו טאַקי ווירקליך, אז מען מוז זיך אימער נאַריש מאַכען?“

ניקאָלאַי האָט גוטמוטהיג געשמייכעלט אונד אָנגעפאַנגען אונטערדעסען צו געהען פאָרווערטס, אום ניט צו פערשטעלען דעם וועג פאַר אַנדערע פאַרבייגעהער אויף׳ן טראָטואַר.

דיא אַנדערע סטודענטען זיינען צוגעקומען איינציגווייז צו איהם, אונד יעדער האָט ווידערהאָלט במעט דיזעלבע ווערטער וויא טאַפּיטשעוו. ער האָט אַלץ גע־שוויגען, נאָר צייטענווייז, האָט זיין פרייעס געזיכט אויפגעגלאַנצט מיט א זיסען אונד פערגניגענטען שמייכעל.

„וואָס ווילט איהר?“ האָט ער געפרעגט לאַבענדיג. „אונד אז מען ווערט שוין אַלט 21 יאָהר, איז וואָס? איהר זאָגט דאָך אַלע, אז איך האָב נאָך קיין שכל ניט, דאַן וואַרטס ביז איך וועל קריעגען שכל.“

„אָבער שפּאַס אָן אַ זייט,“ האָט זיך פּאַפּאָוו אריין געמישט מאַכענדיג א געצוואונגענע ערנסטע מיענע. „דוא זעהסט דאָך עפּעס אויס וויא א ווילדער. דיא גאַנצע וועלט — איך מיין אַלע סטודענטען — פיהרען זיך אַזוי אונד וואָרום זאָלסטו אַן אַלעמען מאַכען איין אויסנאַהמע?“

„ביסט איין איינפאכער בער," האט א בלאנדער סטודענט זיך אבגערופען.
„וואס האסטו מורא? ביסט דען א בתולה מען זאל דיך חלילה פערפיהרען?"
יעדער האט געלאכט אונד ניקאלאי האט מיטגעלאכט.
„ווירקליך," האט טאפיטשעוו אונטערגעבראכט. „וואס איז דא פאר א סכנה? מיר וועלען עסען מיטאג צוזאמען, דיר ווינשען גליק — אבי יוצא צו זיין."
דאן האבען ווידער אלע גערעדט צוזאמען.
„זאל שוין זיין גענוג!" האט ניקאלאי אויסגעשריען וויא וועלענדיג זיך בעפרייען. „מיר וועלען פייערן מיין פאליעהרינקייט — זיים איהר צופריעדען?"
„יא! יא!" האבען איינינע אויסגערופען.
„וויא געפעלט עס אייך," האט טאפיטשעוו געזאגט, „ער מיינט נאר, אז ער מאכט אונז גליקליך. מיר ווילען בלויז דיך אביסעל מעהר אויסמענשלען."
ניקאלאי האט געלאכט.
„ער האט פאלשטענדיג רעכט," האט וואסילי, ניקאלאי'ס א צווייטער שוועסטער־קינד איינגעשטימט. „דוא האסט נאר מורא, אז מען וועט דיר ווייס־איך־וואס טהון. מיר וועלען אבעסען אבענד־ברויט, אונד דאן קענסטו דיר אהיים פאהרען שמודירען פילאזאפיע דיא גאנצע נאכט. מען וועט פון דיר נאר ניט אבבייסען, האב קיין מורא ניט. צוליעב דיר, ניקאלאי, פערזיכער איך דיך, לאכט מען אויך פון אונז. דוא זעהסט אויס וויא א ווילדער. א מענש מוז דאך האבען אמאל א פאאר שטונדען ווען ער זאל זיך אונטערהאלטען. מיר וועלען עסען, עפעס טרינקען, אביסעל זינגען — א גאנץ אונשולדיגער אונטערהאלט, ניט וואהר?"
„געוויס, געוויס," האבען דיא איבריגע סטודענטען איינגעשטימט.
ניקאלאי האט זיך פערטראכט אונד ניט אכטענדיג אויף דיא לעטצטע ווערטער, האט ער פלוצלינג געזאגט:
„זאגט מיר נאר, איך בעט אייך, פיעללייכט וואלט איהר עס נאר געקענט טהון אהן מיר?"
אלע האבען זיך זעהר צולאכט אונד ניקאלאי האט איינגעזעהען, אז ער האט געזאגט א נארישקייט אונד זיך פערשעהמט.
„א שעהנע געשיכטע!" האט וואסילי אויסגערופען, „מען געהט מאכען א חתונה אהן דעם חתן!"
„איך פערשטעה דיך ווירקליך ניט," האט פאפאוו דאן געזאגט. „מאכסטו דיך פאר א נאר אדער ביסטו טאקי א נאר? מיר לאדען דיך איין וויא פריינדע,

סאַלגען, אום דיר עהרע אָבצוגעבען עס איז אמת, מיר ווילען זיך אויך אתמער האלטען, אָבער וואס פאר א פעהלער איז דאָ דערביי? איך וויס, פריינד, דו האסט דיינע אנזיכטען איבער פילאָזאָפיע, מאָראל אונד אנדערע זאכען, אָבער ניינערליידענשאפט, שטעהט העכער פון אַלעמען."

„פאָלשטענדיג רעכט!" האט טאפיטשעוו ביינעשטימט.

„דאן בלייבט עס אזוי," האט ניקאָלאי געענטפערט זיך שפירענדיג גאַנץ אונגערעכט. „איך וויל ניט שפיעלען די ראָלע פון דעם צדיק אונד פרומען, אונד וויל אויך ניט איהר זאָלט מיר בעטראַכטען פאר א זאָנדערבאַרען מענש. פיר איבער־מאָרגען זייט איהר אַלע געלאַדען צום עסען אום 10 אוהר אבענדס, אין דעם עפעמיטאַזש האָטעל, עס וועט מיך זעהר פרייען, אייך דאָרט צו בעגעגנען."

„בראַוואָ! בראַוואָ!" האבען אַלע אויסגעשריען אונד יעדער האט איהם געדריקט די האנד, גראָדע ווי זיי וואָלטען אין איהם פיהלינג דערזעהען א פער־לוירענעם קאמעראַד וואס איז אונערוואַרטעט ענטדעקט געוואָרען.

ניקאָלאי האט אויבערפלעכליך, אויסגעזעהען צופריעדען, אָבער אין א קורצער צייט ארום, האט ער געשפירט איין אונמוטה קומענדיג איבער איהם.

„וואס דען," האט דערוויל פּאָפּאָוו געזאגט. „א מענש ווערט עלטער ווערט ער אויך קליגער."

ניקאָלאי האט זיך ניט געשפירט שטארק געשמייכעלט פון דיזען קאָמפּ־לימענט.

ווי די סטודענטען האבען געזעהען, אז זיי האבען זייער ציעל עררייכט, האט איינער צום אַנדערן געוואָרפען בליקען, ניקאָלאי זאָל ניט בעמערקען, ווי איינער רעדט: „דער העכט איז געפאַנגען."

„די הויפּטזאַך איז," האט וואסילי אָנגעהויבען צו שפּאסען, „א מענש דאַרף לעבען אונד געניעסען פון דעם לעבען. ווי האט דאס יענער דיכטער געזאגט: דאס לעבען בעשטעהט פון דריי זאכען: וויין, ווייב, געזאַנג."

אלע האבען געשפּאַסט, אונד ניקאָלאי האט זיך ווידער אָנגעהויבען צו בעטראַכטען אלס זעהר נאַריש אונד דום, ווען ער איז ניט אימשטאַנדע נאכצוהאַלטען זיינע קאמעראַדען, אָדער זאָגאַר פערשטעהען זייערע גראָבע שפּאסען.

„ער מוז אויך קומען," האט טאפיטשעוו איינגעראַמט וואסילין אין אויער, „דער אָנקעל מוז זיין..."

„פאָלג מיך," האט וואסילי געענטפערט, „אונד פרעג איהם. איך מיין עס וועט איהם ניט פּאסען צו ענטזאגען. דו ווייסט, ניקאָלאי אונד דער אָנקעל, דיינען

זיך נים קיין גאַנץ גוטע פריינד, דאס הייסט, ניקאָלאַי האָסט איהם גאַנץ איינפאַך."

„האָסט רעכט," האָט טאַפּיטשעוו געענטפערט, אונד דאַן, זיך ווענדענדיג צו ניקאָלאַי'ן, האָט ער געזאַגט: „ענטשולדיג מיר, ניקאָלאַי, פאַר דער פראַגע. דוא האָסט אונז בלויז איינגעלאַדען. אָבער, וויא דוא ווייסט, איז דער אָנקעל זעהר א פרעהליכער מענש. מיר ווילען מונטער זיין, זאָל איך איהם אויך לאַדען?"

ניקאָלאַי איז געבליבען איינינע אויגענבליקען אין פערלעגענהייט; ער האָט געוואָלט ענטפערן: „געוויס ניט." אָבער ער האָט זיך צוריק געהאַלטען מיט אַלע כוחות, אונד ניט געוואָלט בעגעהען ווידער א „נאַרישקייט." ער האָט אַלזאָ געזאַגט:

„וואָרום דען ניט, קענסט איהם לאַדען."

„אַך, בראַוואָ!" האָט טאַפּיטשעוו אויסגערופען איהם קלאַפּענדיג אויף דיא שולטער. „דוא ביסט א גוטער־ברודער, ניקאָלאַי! דוא ווייסט דאָך, דער אָנקעל איז א געוואַלטיגער וויטצלינג, אונד ער וועט אונז אַלע פרעהליך מאַכען. ער וועט אונז אונטערהאַלטען אונד אונז אַלע אַמוזירען מיט זיינע שעהנע געשיכטען."

אַלע האָבען דערצו איינגעשטימט, אונד וואַסילי האָט נאָך צוגעלעגט, אַז „עס וואָלט געווען א שאַנדע דעם אָנקעל ניט איינצולאַדען."

דער אָנקעל איז געווען ניקאָלאַי'ס א ווייטער קרוב, אונד איז שוין געווען א מענש פון א יאָהר 40. ער איז געווען א „לעבע־מאַן," וויא דיא סטודענטען אונד אַנדערע האָבען איהם גערופען. זיין מונטערקייט אונד וויטץ איז בעשטאַנען, אין דערצעהלען דיא שמוטציגסטע געשיכטען, פון וועלבע דיא סטודענטען האָבען זיך געלעקט דיא פינגער.

וואָס עס אַנבעלאַנגט אָבער זיין פּערזאָן אַליין, איז ער בלויז געווען נעט פון דרויסען, דאָס הייסט, שעהן געקליידעט, אָבער אויסגעלאָסען אויף דער העכסטער שטופע אונד פערדאָרבען אין נייסט אויף דער ניעדריגסטער אַרט.

ניקאָלאַי האָט איהם אימער אויסגעמיעדען אונד זיך געזעהען דערווייטערן פון זיין געזעלשאַפט, אַזוי פיעל וויא מעגליך. טאַפּיטשעוו ווידער, זאָ שנעל וויא ער האָט איהם דערקענט, איז ער געוואָרען זיין בעסטער פריינד, אונד זייא האָבען צו־זאַמען ניט נאָר איין נאַכט פערבראַכט אין דיא שענדליכסטע פּלעטצער.

אָבוואָהל טאַפּיטשעוו האָט זיך מיט איהם ניט אַנגעקעהרט, האָט ער איהם גערופען „אָנקעל" בלויז דערפאַר, ווייל ניקאָלאַי, אויס רעספּעקט פון פּער־וואַנדט־שאַפט, האָט איהם אויך אַזוי גערופען. אָבער דער נאָמען „אָנקעל"

איז דאן פערבליעבען אונטער אלע סטודענטען וואס האבען זיך מיט איהם בעקאנט.

ווען זייא זיינען אנגעקומען צום עק פון דער שטראסע, האט טאפיטשעוו גע־זאגט צו וואסילי'ן שטיללערהייט:

„עס געהט וויא געשמירט."

„אויסגעצייכענט!" האט דער אנדערער געענטפערט שמייכלענדיג מיט פער־גניגען אונד זיך רייבענדיג דיא הענד.

„אהן דעם אנקעל וואלט גאר ניט געווען."

„קיין צווייפעל," האט וואסילי געענטפערט. „אבער וויא דענקסטו דאס צו טהון?"

„דא קען מען ניט רעדען, ער קען נאך דערהערען. לאמיר נעהמען פון איהם אבשיעד אונד איהם לאזען אוועק גטהען מיט פאפאוו'ן."

„פאפאוו זאל ניט זיין בייא אונזער בעראטהונג?"

„איך דארף איהם ניט. איבריגענס, איך וועל איהם דערנאך אלעס דער־צעהלען."

„אלזא מיינע העררען," האט פאפאוו געזאגט זיך אבווענדענדיג. „וואוהין געהען מיר יעטצט?"

„איך געה אהיים," האט טאפיטשעוו געזאגט. „איך וויל אביסעל שלאפען."

„איך אויך," האט וואסילי ווידערהאלט.

„אונד דוא, ניקאלאי?" האט טאפיטשעוו געפרעגט.

„איך וועל אויך אהיים געהען. ווילסטו מיטגעהען, פאפאוו?"

פאפאוו האט זיך געוואלט ענטזאגען, דען ניקאלאי'ס געזעלשאפט בייא זיך אין צימער, וואו ער רעדט אימער איבער פילאזאפיע, האט איהם ניט שטארק פער־אינטערעסירט. א..וואונק פון טאפיטשעוו'ן, האט אבער פאפאוו'ן געגעבען צו פער־שטעהען, אז ער זאל בעגלייטען ניקאלאי'ן. פאפאוו, אהנע וויטערע פראגען צו שטעלען, האט גלייך געענטפערט:

„איך געה מיט דיר, ניקאלאי."

דיא סטודענטען האבען זיך דאן געזעגענט אונד פאפאוו מיט ניקאלאי'ן זיינען אוועק רעכטס אונד דיא איבריגע לינקס.

וואסילי האט אנגעהויבען צו זינגען מונטער דאס ציגיינער־ליעד: „סיין טייבעלע, מיר וועלען פליהען — "

וואסילי איז געווען איינער פון יענע מענשען, וועלכער איז אימער צופריעדען מיט זיין שיקזאל אונד זיך פיינד געהאט צו מאכען יסורים.

וועהרענד וואסילי'ס זינגען, האט זיין שוועסטער־קינד איהם אונטערגעהאַלפען, אָהנע זיך צו בעקימערן, וואס פיעלע פארביינגעהער האבען זיך אומגעקוקט צו זייא.

פּאַפּאָוו איז אונטערדעסען ניט וויט געגאנגען מיט ניקאָלאַי'ן, וויל, נאך אלעמען, איז ער ניט געווען ענטשלאָסען צו הערען פון זיין שול־קאָלעגע פילאָזאָפישע פּאַרלעזונגען. צוקומענדיג צום עק פון א שטראסע, האט ער זיך מיט איהם געזעגענט אונד איז אוועק.

ניקאָלאַי האט אָנגעפאנגען צו געהען איבער דער גאס שטארק פערטראכט. ער איז געווען זעהר אונרוהיג אונד געברומט עפּעס אונפערשטענדליכע ווערטער צו זיך אליין. ער האט צוזאמען געצויגען דיא ברעמען, וועלכעס איז געווען א געוואָהנ־הייט ווען אונצופריעדענהייט האט בעהערשט זיין גייסט. אויף זיין שטערן האבען זיך אָבגעלעגט עטליכע קנייטשען. גראדע וויא צור צייט וואס ער פלעגט זיך פער־טיעפען אין א בוך וואו מען האט בעדארפט פיעל דענקען.

פערשיעדענע געדאנקען האבען זיך געדרענגט אין זיין געהירן אונד ער האט געשפירט איין אונהיימליכעס געפיהל בייא זיין הערצען.

„איך קען ניט, איך קען ניט," האט ער ענדליך געמורמעלט צו זיך אליין ווען ער איז קלאר געוואָרען איבער זיינע געדאנקען. „איך קען מיך ניט ענטשליעסען צו געהען אין זייערע דרכים, טהון דאס וואס זייא ליעבען, אָדער זאָגאר צו קוקען גלייכ־גילטיג צו זייערע טהאטען. וואס זאָל איך טהון? זאָל איך זייא ארויס ווייזען וואס איך דענק איבער זייא? זאָל איך זייא זאגען, אז זייא שטעהען אין מיינע אויגען אזוי ניעדריג וויא דיא בהמות? דאן וועל איך מיך מוזען פון זייא צוריק ציהען אויף אייביג. וויא קען איך דאס טהון? איך בין א סטודענט גלייך מיט זייא, אין דער־זעלבער אוניווערזיטעט, אונד זייא וועלען מיך מאכען צו שפּאָט אונד צו שאנדע. אלע אַנדערע סטודענטען זיינען ניט בעסער אלס זייא, אונד אלע געהען אויף דעמ־זעלבען וועג. איך זעה אויס אין זייערע אויגען וויא א פערריקטער, אונד זייא זיינען דיא חכמים."

„ניין ן" האט ער ווייטער געטראכט נאך א פּויזע. „זייא וועלען מיך פער־דאמען אונד פערהאסען! איך מוז האלטען מיין מויל אונד מיר לאָזען געפעלען זייערע אויפפיהרונגען. ווארום האב איך פון אנפאנג אָן איינגעשטימט? דומקאָפּ וואס איך בין! האב איך ניט געקענט פערשטעהען, אז וואוהין זייא רופען מיך קען ניט

נום וײן? אָבער ווען איך האב שוין אריין געשטעקט איין פוס אין בלאָטע, מיז איך אויך דעם אנדערן אריין שטעקען אונד געהען אזוי לאנג אין בלאָטע, ביז איך וועל געפינען א טרוקענעם פלאַטץ. אונד אונטער זייא געפינען זיך אויך נאך מיינע שוועסטער־קינדער!" האט ער געזאגט מיט א ביטערן שמייכעל. „פון איין פאַ־מיליע, פון איין בלוט, אונד דאך וויא פערשיעדען זייא זיינען פון מיר. עס איז טאַקי אמת וואס מען זאגט, אז פון איין ברעטעל מאכט מען אי א צלם, אי עפּעס אנדערש.

„זייא זיינען דאס דיא וואוילע יונגען אונד איך בין דער נאר! ווארום? דערפאר וואס איך האב שאנדע, איבערלעגונג אונד בערעכען מעהר מיינע מעשים וויא זייא טהון. אָבער וואס קען מען זיך העלפען? אזוי איז דיא גאנצע וועלט, אונד ווען אײנינע כאפּען זיך ארויס מיט אנדערע אידעען, אנדערע אנזיכטען, דאן בעטראכט מען זייא פאר משוגענע."

„יעדענפאלס," האט ער פלוצלינג געזאגט שפּירענדיג א שוידער, „איז אויך דאס וואהר, אז גוטע עפּעל מוזען קאליע ווערען ווען זייא ליעגען נעבען פערפוילטע. איך בין, נאך אלעמען, אויך נאָר א מענש, אונד ווען איך וועל מיך פיעל האלטען אן זייא, דאן... יא, יא, זייא בילדען א שלעכטע געזעלשאפט אונד מען מוז זייא אויסמיידען. דער שטארקסטער מענש מוז שוואך ווערען אונטער שוואכע מענשען.

„יעטצט איז נאָר דיא פראגע, וועלכען וועג איך דארף נעהמען: וואָלט עס ניט געוועזען דער גרעסטער יושר, טאַקי יעטצט, שוין נאך דעם גאנצען פערשפּרעכען בעסער ניט צו האלטען קיין וואָרט? דאכט זיך עס וואָלט געוועזען מעהר שכל דאבייא זיך צו לאָזען אָבשניידען א פינגער אלס דיא גאנצע האנד.

„לאָמיר אָננעהמען דעם פאל, אז זייא וועלען ברוגז ווערען, מיך שענדען אונד בעליידיגען, וואס פאר א בעדייטונג האט אָבער זייער ברוגז, שענדען אונד בע־ליידינען, נעגען מיין אייגענעם געוויסען, ווען איך בין רוהיג אונד וויים, אז וואס איך טהו איז ריכטיג? יא, יא, פילאָזאָפיש בעטראכט, איז דאס ווירקליך זעהר ריכטיג, אָבער האב איך דעם מוטה אונד דיא קראפט דאס אויסצוהאלטען?

„זייא נאכגעבען? אריין שטעלען אויך דעם צווייטען פוס אין דער בלאָטע, בעדייטעט אונבעדינגט זיך צו וואלגערן אין שמוטץ אונד פעסט. דאס הייסט, אז איך שטים איין צו זייערע אויפפיהרונגען, אבזיכטען אונד אידעען. דאס הייסט, וויא דער עולם זאגט: „גיב דעם טייפעל א פינגער, פערשלעפּט ער דיך שוין אין שאול תחתיה."

„ווער ווייס וואס איך וועל נאך ווערען אין זייער געזעלשאפט! בין איך דען א מלאך איך זאל קענען איבערשטעהען יעדען נסיון?“

ניקאָלאַי האט זיך בייא דיעזע ווערטער אנגעשלאגען מיט א פארבייגעהער. יענער איז וואהרשיינליך אויך געגאנגען פערטיעפט אונד געמיינט, אז דער צוזאמענשטויס איז זיין פעהלער. ער האט דערפאר זיך ענטשולדיגט פאר ניקאָלאַי'ן. ניקאָלאַי האט זיך ערשט נאכדעם, וויא דער פרעמדער איז אוועק, דערמאָהנט, אז ער האט זיך גאר בעדארפט ענטשולדיגען. ער איז געשטאנען איינינע אויגענבליקען אונד דאן וויעדער אמאל אָנגעפאנגען צו געהען אויפנעהמענדיג דעם שנור פון זיינע געדאנקען.

„עס איז דיא בעסטע זאך,“ האט ער געזאגט, „אויסצושניידען דעם בלאָטער כל־זמן ער איז נאך קליין. מען דארף איהם ניט לאָזען וואקסען ביז עס ווערט א גאנצער ראק, וואס פעראורזאכט א בלוט־פערגיפטונג אונד מען מארטערט זיך יאָהרען־לאנג ביז מען שטארבט. עס וועט מיר נאָר שווער זיין צו מאכען דעם שריט, אָבער ווען איך וועל איהם האבען געמאכט, וועט עס מיך געווים פרייען. איך וועל מיך דאן צוריק ציהען גאנץ אליין, פיר מיר, אונד פיהרען א לעבען פרייא פון א געזעלשאפט וואס איז פול מיט נסיונות, וועלכע פיהרען אימער צו שלעכטס. יא, יא, אליין, צוריקגעצויגען פון אלעמען, אונד אליין, צווישען דיא פיער ווענט פון מיין צימער, איז אלעס עהרליך, שעהן אונד אנשטענדיג.

„וואס זיינען אלע מענשען? זיינען זייא ניט מייסטענטהיילס פערדאָרבען? געפינט מען ניט אויף מייסטען פלעטצער דיא שמוטציגסטע ניעדערטרעכטיגקייט? עס איז א נארישע האָפנונג צו רעכענען, אז מאָרגען וועט פּלוצלינג ווערען א נייע וועלט, אונד דיא יונגע סטודענטען וועלען רעכענען, אז פרעמדע מיידלעך, פרעמדע פרויענצימער, זיינען גראדע אזעלכע מענשען מיט א געפיהל פיר ריינהייט, וויא זייערע שוועסטערס אונד מוטערס.“

„עס איז נאך ווייט פון דיעזער צייט!“ האט ער געמורמעלט ערביטערט. „יעטצט איז א צייט, ווען א יונגערמאן רעכענט עס פאר דער גרעסטער העלדענטהאט, צו נעהמען איין אונשולדיגעס קינד אונד זיא שטירצען אין דער אייבּיגער העללע! מיר דאכט, אז דיעזע געזיכטער, וועלכע איך זעה אמאל, וואס איך ווייס, אז זייא בעלאנגען צו יענער קלאסע פרויענצימער, טראָגען אויף זיך דיא פערצייכנונג פון דעם פערברעכען, וואס דער וואוילער־יונג־שופט, האט צום ערשטען בעגאנגען. איז ניט פיעל גלייבער אזעלבער אריין צו שטעכען א מעסער אין דער ברוסט אונד זיא בעפרייען פון ליידען? אה יא, עס איז ווירקליך בעסער, אונד דאך אנערקענען

אונזערע גנעזעטץ־ביכער אזא מערדערייא פאר א גאנץ קליינעם פערברעכען. עס ווערט נאך ערלויבט צו האלטען עפענטליכע הייזער דאפיר, וואוהין מען פיהרט אריין דיעזע אָפּפער צו דיענען אלס דאס שמוציגסטע ווערק־צייג פון דער מענער לומפּען־באנדע, ביז דער טויט שפּרייט אויס זיינע שווארצע פליגלען אונד עמפּפאנגט דאס אָפּפער וואס די שטאָלצע מענער האבען איהם געבראכט."

ניקאָלאי האט געשווידערט. ער האט זיך דערמאָהנט אן א סצענע וואס ער האט ביינעוואָהנט אין האָספּיטאל, וואו מען האט געמאכט איין אָפּעראציאָן איבער אזא פּרוויענצימער; נאך א יונגע, פון א יאָהר 25. איהר ליידענדעס געזיכט האט אויסגעדריקט א וועלט מיט שמערצען, אונד דער פּראָפעסאָר האט איהר געזאגט, אז די אָפּעראציאָן איז געפעהרליך, נאָר שטארבען מוז זיא יעדענפאלס ווען מען וועט קיין אָפּעראציאָן מאכען. איהרע אויגען האבען זיך דאן געעפענט אונד אויסגעדריקט אזוי פיעל ליידען, אז ניקאָלאי האט געשפּירט די טרערען לויפענדיג איבער זיינע באקען. ער האט זיך דאמאלס שנעל אומגעווענדעט מען זאָל ניט זעהען ווי ער וויינט. דען וואס וואָלטען די פּראָפעסאָרען אונד אנדערע סטודענטען געזאגט איהם זעהען וויינענדיג איבער אזא פּרויענצימער? דאכט זיך זייא האבען דאָך בעדארפט ניכער וויינען, ווייל זיא איז געוועזען איינע פון זייערע אייגענע אָפּפער? אָבער, וויא דיא זאך איז, ניקאָלאי האט זיך אויסגעווישט די אויגען אונד געהערט, אז דיא אונגליקליכע האט איינגעשטימט צו דער אָפּעראציאָן.

דיא פּראָפעסאָרען האבען זיא איינגעשלעפערט, אראָנטער גענומען דיא קליידער פון איהר אויסגעמאָגערטען אונד האלב־פערפוילטען קערפּער, אונד געמאכט דיא אָפּעראציאָן — אָהן דער מינדעסטער מיגע פון מיטלייד אָדער געוויסענסביסע.

וואס פאר א שטירמישע געדאנקען עס האבען דאמאלס געוויטהעט אין ניקאָלאי'ס געהירן. ער האט זיך געפרעגט: אונד וואס וועט זיין, ווען זיא וועט געזונד ווערען? וועט זיא דען קענען שוין אנדערש לעבען? איז זיא ניט פערראכטעט פון דער גאנצער וועלט, פון איהרע פריינדע אונד זאָגאר פון איהרע אייגענע עלטערן? זיא וועט געצוואונגען זיין צוריק צו קעהרען אין דערזעלבער העללע וואוהין די שטאָלצע מענער האבען איהר איינמאל אריין געפיהרט, אונד דאָרט וועט זיא מוזען בלייבען. דאָרט, נאך אמאל צו ליידען... ניקאָלאָ'ס געדאנקען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען, ווען ער האט געהערט וויא דער פּראָפעסאָר מיט דיא איינען־גלעזער האט געזאגט גאנץ גלייכגילטיג:

„זיא איז געשטאָרבען אונטער דעם מעסער."

אונווילענדיג האט זיך ניקאָלאַי געשפּירט ערפרייט איבער דיזען געדאנק אז איין אונגליקליכע איז בעפרייט געוואָרען פון דער העללע.

דיזעס בילד איז איהם געשטאנען פאר דיא אויגען. נאך אנדערע בילדער האט ער געדענקט. ער האט, אויך אין האָספּיטאַל, געזעהען הערליכע, מעכטיגע מענער־קערפּערס, רואינירט, צערשטערט אונד פערדאָרבען פון דעם טרינק־טייפעל. יעדער אָדער, יעדער נערוו אונד יעדער ביין אין זייערע קערפּערס, איז געוועזן אָנגע־פילט מיט אלקאָהאָל־פערגיפטונג. זייער געהירן איז שוין לאנג געווען אָבגעשטומפּפט וויא ביי א געבוירענעם אידיאָט, אונד ער האט ניט געקענט איינזעהען קיין בעסערע רפואה פאר זייא ווא דעם טויט.

„דער טויט," פלעגט ער זיך טראַכטען, „איז גוט פאר זייא אום זייא אויס־צולעזען פון ליידען אונד א טובה פאר דעם צוקינפטיגען דור, וואס וועט פּראָדוצירען וועניגער קינדער מיט א ירושה פון זייערע עלטערן זיך אָנצוטרינקען מיט אל־קאָהאָל."

ניקאָלאַי איז אזוי טראַכטענדיג אָנגעקומען ביז נעבען זיין וואָהנונג, וואו עס איז געשטאנען א באנק אונד ער האט זיך געזעטצט. זיינע געדאנקען האבען זיך ווידער אומגעווענדעט צו זיינע קאַמעראַדען.

„ווען איך זאָל צום ביישפּיעל וואגען אויסצושפּרעכען מיינע געדאנקען," האט ער ווייטער געטראַכט, „וואָלטען דיא זאָגענאַנטע חכמים פון מיר געלאכט. נאך מעהר, מען וואָלט גאר געזאגט, אז איך וויל איבערמאַכען דיא נאַטור־געזעטצע. דיא נאַטור־געזעטצע! הא, הא, הא! אונד וואס פערשטעהען דיזע הערען פון נאַטור־געזעטצע? זייא בעהויפּטען, אז דיא שמוטציגע בעסטיאַליטעט איז נאַטירליך — זאָל שוין זיין עס איז נאַטירליך, אָבער עס איז קיין נאַטור־געזעטץ צו זיין גלאָט שמוטציג אונד אָבשייליך אָהנע צו ערפילּלען א נאַטור־געזעטץ.

„אָבער זייא פערשטעהען מיך ניט. וואס, צום ביישפּיעל קען איך פערלאנגען, אז וואסילי זאָל מיך פערשטעהען? ער האט אבסאָלוט קיין בעגריף פון מאָראַל, ריינהייט אונד צניעות — ווען מען זאגט איהם דאריעבער, ברעכט ער אויס אין גרעסטען געלעכטער. פּאָפּאָוו שטעהט שוין אפילו העכער וויא דיא אנדערע. ער קען וועניגסטענס אמאל זיין ערנסט, אָבער וויא עס קומט צום שמוטץ, פערגעסט ער אָן אלעמען אונד שליידערט זיך אריין, ניט אכטענדיג אויף דעם רעזולטאַט."

ניקאָלאַי האט געשפּירט א וועהמיטהיגען שמערץ.

„ווארום האב איך זייא געלאָדען? ווארום האב איך מיך געלאָזען איבער־רעדען?" האט ער זיך געפרעגט. „עס בעדייטעט בלויז, אז איך בין גראָדע אזוי

שוואכזיניג ווא זייא זיינען. וואס קענען אזעלכע חברה־ליים מהון ? איך ווער פאל־יעהרינג, 21 יאָהר אלט, אונד וואס איז דאָ פאר אזא שמחה ? מען וועט זיך צוזאמען קומען, אונד, פאר אלעמען, וועט מען אנפאנגען צו טרינקען, גלייך וויא מענשען קענען נאר נים זיטצען אין געזעלשאפט בלויז אלס מענשען. מען מוז זויפען אום זיך צו פערטומלען אונד זיין א בעסטיע, אפילו ווען מען קען אויספיהרען צו זיין א מענש.

„דאן וועלען אנפאנגען דיא פוילע וויטצען, דיא אבשייליכע אונד פער־ברעכערישע געשיכטען, אונד, צו לעטצט, פערגניגען ! א פערגניגען וואס זייא ליעבען ! אבשייליך אונד שענדליך !

„וואו בין איך געוועזען אין דער וועלט זייא צו לאדען ? איך בין נים פיעל העכער אלס זייא. ניין ! איך האב נים געהאט דעם מוטה זייא פריהער צו ענטזאגען אונד עס פעהלט מיר אויך דער מוטה זייא יעטצט צו ענטזאגען.

„איך מוז, איך בין שוין געצוואונגען צו פערבלייבען מיט זייא איין אבענד אין וייער געזעלשאפט אונד ליידען דורך זייערע פעהלער.

„אבער זייא מעגען זיכער זיין, אז זייא וועלען מיט מיר נים צו וויים געהען. ווען איך קען זייא נים איבערמאכען, דאן זאָלען זייא מיך געוויס נים ענדערן ! איך וועל אָבעסען אבענד־ברויט אונד דאן געה איך אוועק צוריק אהיים.

„איבריגענס, גלויב איך, אז עס איז איבערהויפט אינטערעסאנט, אונד זאָגאר אויך וויכטיג, בייצור־וואָהנען אזעלכע סצענען וואו מען קען מעהר לערנען אונד ער־פאהרען איבער דער מענשליכער פערדאָרבענהייט. מען זעהט דעם שמוטץ אונד מען קען דאן אונטערשיידען.

„מיין גאָט ! וויא מען מוז נאך דעם שמוטץ צוזעהען ! אבער איך קען מיר נים העלפען, עס איז אונמעגליך.

„יא, איך וועל זיין מיט זייא אונד אָבפראָבירען מיין איינענעם כאראקטער ; איך וויל זעהען וויא שטארק איך בין ווען מיר קומט צו א נסיון. עס איז גוט דעם נסיון בייצר־וואָהנען דאמיט מען זאָל וויסען, איינמאָל פאר אלעמאל, וואו דער זומפ איז, מען זאָל זיך קענען היטען פאר איהם.“

ניקאָלאי האט געפאסט דעם בעשלוס, ער האט זיך אליין געוואָלט איינרעדען, אז נאך אלעמען איז דערבייא נים קיין געפאהר. אבער ער איז דאָך געוועזען אונצו־פריעדען, אונד דאס אונהיימליכע געפיהל אונטער זיין הערץ, האט פעראורזאכט וואס ער האט נים אויפגעהערט צו שוידערן.

„אך, וויא אונאנגענעהם,“ האט ער געמורמעלט זיך אויפהויבענדיג פון דער באנק אום אריין צו געהען אין צימער, „דער אנקעל אונד טאפיטשעוו, דיעזע צוויא מענשען, זייא וועלען אויך דערבייא זיין. מיט וויפיעל שמוטץ מען וועט זיך דארט בעדיענען !“

2.

מאסקווא בייא דער נאכט, איז שוין גראדע אזוי גוט „ציוויליזירט“ וויא פאריז. דיא גאסען רוישען אונד קאכען מיט דראשקעס אונד מיט מענשען ; דיא געשעפטען זיינען העלל בעלייכטעט, מאנכע ביז האלבע נאכט אונד אנדערע דיא גאנצע נאכט.

איין קלאסע מענשען, וועלכע מען רופט אין פאריז „דיא דאמען פון דער האלבער וועלט,“ זיינען איבערהויפט וואך נאר בייא דער נאכט. אונד מאסקווא, פערהעלטניסמעסיג מיט דער צאהל, האט זיך גאר ניט וואס צו שעהמען פאר פאריז אין דיעזער בעציהונג.

דיעזע אונגליקליכע וועזענס־צייגען אונד שקלאפען פון דיא מענער, בילדען פער־שיעדענע גרופען : זייא פאנגען אן פון דער ניעדריגסטער שמוטציגסטער שטופע, אונד גרייכען ביז דער העכסטער שמוטציגסטער שטופע ; דאס הייסט, פון דיעזע וואס בעוואהנען דיא ניעדריגע שטיבלעך אויסער דער שטאדט, ביז צו אזעלכע וואס געהען בעהאנגען מיט בריליאנטען אונד אנגעצויגען אין זיידענע קליידער, אונד בע־וואהנען פאלאסטען.

ווען מען זאל זייא אבער וועלען ריכטיג בעטראכטען, מוז מען רעכענען דעם חשבון ריקווערטס ; דאס הייסט, זייא פאנגען אן פון פאלאסטען, בריליאנטען, זייד אונד שאמפאניער, אונד זינקען דאן ביז שמאטעס, שמוטץ אונד שוידערהאפטע ניעדרינקייט.

דער האטעל ערעמיטאזש, גלייך וויא אלע האטעלען אין מאסקווא, האט גע־האט א געוויסע קלאסע פון דיעזע פרויענצימער, וועלכע פלעגען קומען אהין אויף בעזוך, אום צו בעגעגענען בעקאנטע מענער אדער גלאט צופעלליגע. דיעזער האטעל, איז אבער, נאך אלעמען, געווען אביסעל אנשטענדיג, דען דער ווירטה האט בעפוילען זיינע דיענער זייא זאלען קיינע סקאנדאלען דארט ערלויבען, אונד אונבעקאנטע פאארלעך, ניט אבגעבען קיין צימערן.

ווען א דאמע פון דער „האלבער וועלט“ האט אמאל דארט געוואלט מאכען קולות פון צו פיעל טרינקען, האט איהר דער קעלנער פריהער מודיע געווען, אן דיא

זאָל האלטען מויל, זאָנסט ווערט זיא איבערגעגעבען צו א פּאָליציסט. ווען זיא האט געפאָלגט, איז געוועזען גוט, אונד ווען ניט, דאן האט דער קעלנער געהאלטען וואָרט.

דאס האט דעם ערעמיטאַזש האָטעל געמאכט אביסעל רעספּעקטירט, אונד מענער, וועלכע האבען געוואָלט קומען זיך בעגעגענען מיט פּרויענצימער פון דער „האלבער וועלט,“ אונד עס זאָל דאָך אויסזעהען אנשטענדיג, זיינען זייא אהין געקומען.

אונד מאָסקווא האט גענוג אזעלכע מענער. דער האָטעליער האט דערפאַר, אונטער זיין טאַקטיקע, געמאכט גוטע געשעפטען, אונד זיין האָטעל האט געטראָגען א נאמען אלס איין אנשטענדיגער.

דיא קעלנערס האבען געהאט זעהר גוטע אויגען, אונד זייא האבען אויך גע־קענט כמעט יעדעס פרויענצימער פון דער „האלבער וועלט“, וועלכע איז א סקאנדאל־מאכערקע. אזעלכע האט מען אויף דער אנשטענדיגסטער ארט פערבאָטען צו בעזוכען דעם האָטעל.

נאַטירליך האבען דיא רוהיגע געמעגט זיטצען בייא א טישעל, טרינקען א גלעזעל וויין, שמייכלען אונד ווינקען מיט איין אייגעל, אָבער עס האט געמוזט זיין אויף דער אנשטענדיגער ארט.

אלזא, וויא דיא זאך איז, דער האָטעל ערמיטאזש האט געטראָגען א נאמען פאַר אנשטענדיג; ניקאָלאַי האט דערפון שוין מעהרערע מאָל געהערט, אָבער נאַ־טירליך, אזוי וויא ער האט נאך ניט פערשטאַנען קיין פיעלע אנדערע אויסדריקע פון זיינע מיט־מענשען, האט ער אויך דיעזע אנשטאנד ניט בעגריפען.

דער האָטעל ערמיטאזש, איז געוועזען, אונטער דיא אומשטענדען, אנ־שטענדיג.

ניקאָלאַי האט אהין איינגעלאַדען זיינע פריינדע, וויל ער האט גערעכענט, אז דאס איז דער אנשטענדיגסטער פּלאַטץ. זיינע פריינדע האבען אָבער גאַנץ גענוי געוואוסט דעם כאראַקטער פון דעם האָטעל.

וואס נאך האט ניקאָלאַי בעדאַרפט וויסען? ער האט ניט געקענט וויסען מעהר, וויל ער האט, אין זיין ריינהייט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען דיא מענשליכע פערדאָרבענהייט. ער האט בלויז געשיקט אָנזאגען דורך זיין דיענער אין האָטעל ערמיטאזש, אז ער בעשטעלט דאָרט א מאָהלצייט פיר זיך אונד זיינע פריינדע, אונד דאס איז שוין גענוג געוועזען.

ניקאָלאַי'ס וואָרט האט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דיעזער בעציהונג. ער

אין נעווען רייך, זעהר רייך. זיין פאטער האט איהם צוריק געלאזען איין אונגער הייערעס פערמעגען, אונד זיין מוטער מיט זיינע צווייא שוועסטערס, האבען אויסער דיעזען פערמעגען, אויך געהאט גענוג אויף זייער טהייל.

דיא נעמען פון אלע רייכע סטודענטען זיינען געווען אויף א ליסטע אין יעדען האטעל. דער אויפזעהער פון דעם ערעמיטאזש האטעל, האט ניט געקענט ניקאלאי'ס כאראקטער; ער האט איהם גערעכענט פאר א סטודענט אזוי גוט וויא אלע סטודענטען, אונד ער האט גערעכענט, אז ביז דאמאלס האט ער פאטראניזירט אנדערע פלעטצער אונד יעטצט איז ער געווארען זיין קונה. דאס האט איהם געפרייט אונד ער איז געווען בעשלאסען צו טהון אלעס מעגליכע פיר דעם נייעם קונה, אום ער זאל איהם צו ציהען.

„יא, יא, געוויס,“ האט ער געזאגט צו ניקאלאי'ס דיענער, „איך וועל אייך בעזארגען מיט א ספעציעלעס צימער, נאר איין זאך מוז איך אייך בעטען, אז איהר זאלט קיינע פרויען אריין נעהמען צווישען אייך. איהר מעגט טרינקען וויפיעל איהר ווילט; דיא גאנצע וועלט וויים, אז סטודענטען האבען ליעב משקה, נאר פרויען שיכורים ערלויבען מיר ניט.“

דער דיענער האט געלאכט.

„איהר האט א גרויסען טעות,“ האט ער געזאגט. „איהר קענט ניט מיין הערר; ווען איהר זאלט אפילו וועלען ער זאל אריין נעהמען פרויען צום אונטערהאלט, וועט ער עס ניט טהון. ער ענטלויפט פאר זייא וויא פאר פייער.“

דער האטעל אויפזעהער האט געשמייכעלט אונד בעמערקט:

„וואס, א סטודענט אונד ער האט פיינד פרויענצימער? עס איז גראדע וויא א קאטץ וואס האט פיינד פוטער. אבער זאל זיין וויא איהר זאגט. מהיילט מיט אייער הערר, אז אלעס וועט זיין אין ארדנונג.“

„יא,“ האט דער דיענער געזאגט זיך דערמאהנענדיג אן עפעס. „מיין הערר האט אייך געבעטען, אז איהר זאלט פאר איהם פארבערייטען א פלעשעל ריינעס אונד נאטירליכען וויין. ער טרינקט ניט קיין שאמפאניער.“

„גוט, גוט, אלעס וועט זיין פארבערייטעט.“

אונד עס איז ווירקליך אלעס געווען אין ארדנונג. אין דעם אבענד וואס ניקאלאי האט בעשטימט צו אונטערהאלטען זיינע פריינדע, זיינען אלע געווען פערזאמעלט אין א שעהנעם אונד גוט־בעלייכטעטען זאלאן פון דעם האטעל ערמיטאזש, אום צו חאסען צו פייערן ניקאלאי'ס פאליעהרינקייט.

עס איז שוין געווען האלבע נאכט.

יעדער האט שוין געהאט אָבגעגעסען נאך מעהר וויא ער האט געקענט. עס זיינען געוועזען דיא בעסטע שפייזען אונד אַזעלכע וואס האבען געקענט ערוועקען געניג אפעטיט. אָבער זאָגאר דיא סטודענטען וואס קענען עסען פיעל, האבען שוין אויך געזאגט, אז עס איז גענוג.

מיט דעם עסען, זעלבסטפערשטענדליך, האט מען זיך געמוזט בענעטצען דיא העלזער. דען וויא קען מען דאס עסען גלאט אַזוי טרוקען? אנפאנגס האט מען גע־טרונקען וואָדקא, דאן וואָדקא, אונד צום דריטען, 4־טען אונד 5־טען מאָל, אויך וואָדקא. נאכדעם האט מען געטרונקען פערשיעדענע ווייגען אונד שאמפאניער.

יעדער האט אויסגעזעהען שרעקליך דורשטיג. אין דעם איז שולדיג געוועזען דער האָטעליער, לויט טעפּיטשעוו'ס בעהויפטונג. אונד, אין דיעזער בעציהונג, האט טעפּיטשעוו געהאט רעכט.

ווען דיא סטודענטען זיינען אריין אין זאלאָן, איז שוין געוועזען געגרייט צו טיש מיט לויטער געזאַלצענע אונד שארפע מאכלים. עס זיינען געשטאַנען טעלער מיט גרינע אונד שווארצע אָליווען; טעלער מיט שווארצען קאוויאר וויא אויך מיט העכט־קאוויאר שטארק דורכגעזאַלצען. דאן זיינען געוועזען קליינע הערינגלעך מאַרינירט אין עסיק מיט פעפער; געזייערטע ציבעלעס אונד פיעלע אַנדערע שארפע שפייזען.

נאך דיעזער פּאָרציאָן אויף א הונגריגען מאָגען — סטודענטען עסען ניט א גאַנצען טאָג ווען זייא ריכטען זיך אָבענד אויף א סעודה — האבען געפאָלגט זעהר פיעלע שפייזען, אונד דאס אַלעס צוזאמען, האט געפאָדערט צו לעשען א ברענענדען דורשט.

פון וואסער איז קיין רעדע ניט געוועזען. דער „אָנקעל" האט גאנץ ריכטיג בע־מערקט, אז „גענז טרינקען וואסער, אונד מענשען טרינקען וויין, ביער, שאמפּאַניער, ראָם אונד וואָדקא." אלע סטודענטען, אויסער ניקאָלאי, וואס האט געשוויגען, האבען איינגעשטימט צו דיעזער „אייבּינער וואהרהייט", אָבער, נאך אַלעמען, לעשט וואסער ווירקליך דעם דורשט, אונד וואס מעהר מען טרינקט פון דיא אויסגע־רעכענטע משקאות, אַלץ דאָרשטיגער איז מען.

אום צו בענעטצען דיא העלזער, דיא שפייזען זאָלען קענען ארונטער, האט מען געטרונקען, אונד ווען מען איז פערטיג געוואָרען מיט דעם עסען, האט מען ערשט בעדאַרפט לעשען דעם דאָרשט וואס דיא פריהעריגע משקאות האבען ארויס גערופען.

אזא דאָרשט איז אָבער זעהר שווער צו לעשען, אונד מאנכע טרינקהעלדען האבען שוין אמאל פראָבירט צו לעשען זייער דאָרשט דערמיט וואס זייא האבען געטרונקען 4 טעג מיט 4 נעכט דורכאנאנד. דער סוף איז געווען, וואס זייא זיינען געבליעבען אָהנמעכטיג פון טרינקען, אָבער דער דאָרשט איז נאך ניט געלאָשען געוואָרען.

מיט אונזער סטודענטען גרופע, איז אויך געווען דערזעלבער פאלל. נאך דעם וויא זייא האבען אָבגעגעסען, האט מען ערשט אָנגעפאנגען צו טרינקען אויף'ן פרישען חשבון, צו לעשען דעם דאָרשט.

אונטערדעסען אָבער, האט דאס טרינקען וועהרענד דעם עסען, אויך ניט פערפעהלט זיין ווירקונג, אונד דיא חברה־לייט זיינען געווען גאנץ פרעהליך. עס האט אויסגעזעהען, אז יעדער רעדט צוזאמען אונד איינער וויל אריבער שרייען דעם צווייטען.

אין יעדען'ס מויל, האט געשטעקט א ציגארעטע, אונד ווען דיעזע איז אויס־געגאנגען, האט ער אָנגעצונדען א צווייטע. נאך א גוטעס עסען איז גאנץ אנגענעהם צו רויכען, אונד דיא סטודענטען האבען גערויכט גראדע אזוי לייטענשאפטליך וויא זייא האבען געטרונקען.

דער זאלאָן איז אָנגעפילט געוואָרען מיט טאבאק־רויך אונד ארום דיא לאָמפען האט זיך געבילדעט וויא א וואָלקען וואס האט פערדונקעלט דאס ליכט. דיא לופט האט געשמעקט מיט טאבאק, וויין, וואָדקא אונד דיא פערשיעדענע שפייזען. דאס פענסטער צו דער גאס, איז געווען האלב געעפענט, אָבער אנשטאט ארויס צו ציהען דיא פערשטיקטע לופט, האט עס אריין געצויגען דעם גערויש פון דיא פארבייפאָהרענדע דראָשקעס.

נעבען צווייטען פענסטער איז געזעסען וואסילי מיט זיין גיטארע, טיעף אריעבער געבויגען אונד שטארק בעשעפטיגט אין אבשטימען דיא סטרונעס.

ארום איהם זיינען געשטאנען זיינע פריינדע, וועלכע האבען פערעהרט זיין זינגען. וואסילי האט ניט געהאט קיין שלעכטע שטימע.

ניקאָלאי איז געזעסען אויבען־אָן, וויא עס פאסט פאר א בעל־שמחה, אונד נעבען איהם איז געשטאנען א גלאז פון דעם ספעציעלען ווייז וואס ער האט זיך בעשטעלט. ווייטער ארויף זיינען נאך געלעגען פערשיעדענע פרוכטען, וועלכע זיינען צוריק געבליעבען פון דעם עסען. פוןביידע זייטען זיינען געזעסען סטודענטען; איינער איז געווען פאפאָוו. ניקאָלאי האט זיא עפעס דערצעהלט, פון וועלכען ער

אליין איז געווען שטארק בעגייסטערט, אונד זיין לעבהאפטע שילדערונג, האט צו געצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון זיינע צוהערער.

ער האט נעמליך דערצעהלט פון איין אינטערעסאנטען פאל וואס עס האט מיט איהם פאסירט לעטצט‌ען זומער. עס איז געווען צור צייט וואס ער מיט זיין פיהרער האבען בעשטיעגען דעם בעריהמטען הויכען בארג קאזבעק, וואס ער, ניקאלאי, איז געגאנגען בעזוכען אויס וויסענשאפטליכער נייגיערינקייט. אנקומענדיג אין מיטען בארג, וועלכער איז כמעט פלאך וויא א וואנט, האט ער מיט'ן פיהרער שיער פערלוירען זיין לעבען.

דער קאזבעק, וועלכער איז אימער בעדעקט מיט אייז אויף'ן שפיץ, האט צו יענער צייט אנגעפאנגען נאכצולאזען דיא גרויסע שטיקער אייז פון מיטען, וועלכעס איז פעראורזאכט געווארען פון דער ווארעמער זונע. איין שטיק אייז, אזוי גרויס וויא א דרייא־גארענדיגע מויער, האט זיך אב־געריסען פון נעבען א פעלזען אונד איז אנ־געקומען גראדע געגען זייא. יעדער האט געמיינט, אז זייער לעטצטע שטונדע האט שוין געשלאגען, אבער, דורך א צופאלל, איז דאס שטיק אייז אריין מיט א שפיטץ אין א צווייטען פעלזען אונד איז געבליעבען שטעקען גראדע אין זייער פראנט. זייא האבען אבער ניט פיעל געווארט, אונד זיך זעהענדיג גערעטעט פון א זיכערן טויט, האבען זייא באלד זיך אומגעווענדעט אויף א זייט אונד זיינען ארויס דעם שטיק אייז פון וועג. מיט א מינוט שפעטער האט זיך דיא גרויסע לאסט אבגעריסען פון דעם פעלזען אונד איז ארונטער געפאלען מיט דעם גערויש פון א דונער אין טיעפען טהאל.

„וועג ניט דיעזער צופאלל פון אונזער רעטונג," האט ניקאלאי געשלאסען זיין ערצעהלונג, „וואלט איך היינט אבענד ניט געפייערט מעהר מיין פאליעהרינקייט. יעדענפאלס, וואלט איך מיר ניט געוואונשען נאך אמאל דורכצולעבען אזא צייט."

ניקאלאי האט טיכטיג געשילדערט דיא ערייגניס, אונד זיא איז דאדורך געווען אינטערעסאנט געגנוג אנצוציהען זיינע צוויא צוהערער, וועלכע האבען שוין ניט געהאט קיין גאנץ קלארע געהירנס נאך דער פארציאן געטראנק וואס זייא האבען גענאסען.

נעגענאיבער ביים צווייטען עק פון דעם גרויסען טיש, איז געזעסען דער אנקעל אונד נעבען איהם זיין יונגער פריינד טאפיטשעוו. דער אנקעל איז געווען דער איינציגער גאסט וואס איז געגאנגען ציוויל געקלי‌דעט; אלע אנדערע האבען

אויף זיך גענומען די סטודענטען־אוניפארמע. אבער דעם אנקעל'ס אנצוג איז געווען שעהן, עלעגאנט, נאך אונד נאך דער לעטצטער מאָדע.

דער אנקעל אונד טאפּיטשעוו האבען זיך ניט צוגעהערט צו ניקאלאי'ס ער־צעהלונג; עס האט זייא ניט אינטערעסירט.

דער אנקעל איז געזעסען אויסגעשטרעקט מיט זיינע פיס אויף א צווייטען שטוהל, אונד מיט זיין קערפּער איז ער געלעגען אנגעלעהנט אויף דעם שטוהל וואס ער איז געזעסען. צווישען זיינע וויסע פינגער האט ער געהאלטען א ציגארעטע, פון וועלכער ער האט צייטענווייז געצויגען דעם רויך, אונד איהם דאן נאכלעסיג ארויס געבלאזען מיט זיינע ליפּען, צייטענווייז אבשארענדיג דאס אש פון דער ציגארעטע מיט זיין קליינעם פינגער.

טאפּיטשעוו איז געלעגען אנגעלעהנט מיט איין האנד אויף'ן טיש, אבגע־ווענדעט פון די אנדערע סטודענטען אונד געקוקט דעם אנקעל אין געזיכט, שעפּענדיג תענוג פון אלעס וואס ער האט געזאגט.

און פראָנט פון זייא ביידע איז געשטאנען א פלעשעל מיט גרינעם שארטרעז (אזא בראנפען) אונד צוויא קליינע גלעזלעך, אויסגעלעדינט ביז צו דער העלפט, האבען אויסגעזעהען צו ווארטען מען זאל זייא אנפילען. דער אנקעל האט אויס־געשטרעקט זיין קליינע פרויען־האנד אונד אנגעגאָסען די גלעזלעך.

„טרינק, מיין יונגע,“ האט ער געזאגט צו טאפּיטשעוו'ן, „טרינק צום וואהלזיין פון א נייער אונטערנעהמונג.“

דער אנקעל האט געזאגט די לעטצטע ווערטער שטיל גענוג, קיינער אויסער טאפּיטשעוו זאל איהם הערען. טאפּיטשעוו האט געשמייכעלט מיט פערגניגען, גע־נומען דאס גלעזעל, אנגעשטויסען אן אנקעל'ס, אונד מיט איין צוג, גראדע וויא דער אנקעל, האט ער דאס איבערגעקעהרט אין מויל אריין.

„בייא נאָט! טאפּיטשעוו,“ האט דער אנקעל געזאגט נאכדעם וויא ער האט געווארפען א בליק אויף ניקאלאי'ן, „אלעס געהט וויא געוואונשען. קוק ניט, זאג איך דיר; מאך זיך ניט וויסענדיג. קוק אהער צו מיר — ער האט אויסגעטרונקען דאס גאנצע גלאז ווין...“

„ווירקליך?“ האט טאפּיטשעוו געפרעגט. „איך בעט אייך, אנקעל, לאזט מיך געבען א קוק וואס פאר א מינע ער האט געמאכט.“

טראָטץ דעם אנקעל'ס ווארנונג, האט טאפּיטשעוו אומגעווענדעט זיין קאפּ אונד בעמערקט ניקאלאי'ס געזיכט, וועלכעס איז געווען אונגעוועהנליך פער־פלאמט.

במעט א העלפט ראָם האב איך אריין גענאָסען,״ האט דער אָנקעל אייג־ נעראמט טאפיטשעוו׳ן אין אויער אונד געלאכט אין זיך מען זאָל ניט הערען. „דער בחור איז אונזערער.״

„אויסגעצייכענט!״ האט טאפיטשעוו אויסגעשריען יעדער זאָל הערען. נאָר אלע זיינען געווען פערטיעפט אונד זיין אויסרוף האט קיינעם׳ס אויפמערקזאמקייט ניט צוגעצויגען.

„אָנקעל, איהר זייט דער קליגסטער מאן אין דער וועלט,״ האט טאפיטשעוו ווייטער געזאגט בעוואונדערענדיג זיין קאמעראד.

„דיא הויפּטזאך איז,״ האט דער אָנקעל געזאגט ארויס לאָזענדיג א שטראָם רויך פון זיין מויל, „ווער דיא בחור׳טע וועט זיין. עס הייגנט אלעס אָב פון איהר.״

„יא, דאס איז ריכטיג, אונד ווער דענקט איהר וועט טויגען דערצו?״

„דאפיר האב איך שוין געזאָרגט.״

„ווירקליך?״ האט טאפיטשעוו געפרעגט בעגייסטערט.

„וואס דען מיינסטו, איך וועל ווארטען? אָט ניין, מיין יונגע, דער אָנקעל פערשטעהט א געשעפט.״

„בראוואָ, אָנקעל!״ האט טאפיטשעוו אויסגעשריען איהם אָנקלאפּענדיג אין דיא פּלייצעס.

„דיא זאך דערפון איז אזוי,״ האט דער אָנקעל פאַרטגעזעטצט אריבער לעג־ גענדיג איין פוס איבער דעם צווייטען אונד זיך צובייגענדיג צו טאפיטשעוו׳ן. „מאריא האט אלע מעלות: זיא איז יונג, שעהן, לעבהאפט אונד געשיקט צו אלעמען — חא, חא, חא!״

„איהר זייט א זשעניע, אָנקעל! פאָלקאָמען רעכט!״ האט טאפיטשעוו גע־ מורמעלט בעוואונדערענדיג וועהרענד ער האט זיך אָנגענאָסען א גלעזעל שארטרעז. דער אָנקעל האט דאָן אויך דאסזעלבע געטהאָן.

זייא האבען צוזאמען אויפגעהויבען דיא גלעזעלעך אונד זייא איבערגעקעהרט אין מויל. טאפיטשעוו האט געמאכט אפילו א זויערע מינע, נאָר דעם אָנקעל׳ס גע־ זיכט איז געבליעבען אונפערוועקסעלט.

„יא, איך האב גאר פערגעסען,״ האט טאפיטשעוו פּלוצלינג געזאגט זיך דערמאָהנענדיג אָן עפּעס. „איהר האט מיר פערשפּראָכען צו דערצעהלען וועגען מאריא אלס.״

חאסילי האט וועהרענד דעם אָנגעפאנגען צו זינגען אונד זיך זעלבסט בעגלייטעט מיט דער גיטארע. דער אָנקעל האט דאן געמחט העבער רעדען אום זיין יונגער קאַמעראד זאָל איהם הערען.

„איבער מאריא׳ן איז ניט דאָ פיעל צו דערצעהלען,״ האט ער געזאגט אָנציגדענדיג א שוועבעלע צו פעררויכערן זיין אויסגעלאָשענע ציגארעטע. „זיא איז פריהער געווען א גאר ניט אונד איך האב פון איהר געמאכט א לייט. מיט זעקס מאָנאט צוריק האב איך זיא אָנגעטראָפען אין דיענסט בייא מיינעם א פריינד. זיא האט מיר דערצעהלט, אז זיא האט געוואָלט ווערען א גאָווערנאנטקע, וויל זיא איז געבילדעט, נאָר זיא האט אזא פלאטץ ניט געקענט טרעפען. נאָר אזוי וויא זיא האט בעדאַרפט זאָרגען פיר איהר אַלטע מוטער, איז זיא געצוואונגען געווען צו נעהמען ווערען א קינדער־מיידעל אונד שווער ארבייטען. איך האב זיא בעטראכט אונד אין איהר געזעהען א טהייערע סחורה עס האט מיך אפילו געקאָסט פיעל מיה מיט 60 רובעל דערצו, אָבער איך האב זיא אריין געקריעגען. יעטצט זעהט זיא איין, אז איך האב איהר געטהאָן א טובה: זיא לעבט וויא גאָט אין פראנקרייך; זיא טראָגט זיידענע קליידער, פאָהרט אין עקיפּאזשען אונד טרינקט שאמפּאניער אויף וואס דיא וועלט שטעהט. נאך אַלעמען, איז געוואָרען פון דער שטילער טייבעלע א גאנצער רויב־פויגעל. זיא טויג צו אַלעמען, אפילו ווען מען דארף איינעם אויסקראצען דיא אויגען, קען זיא אויך.״

טאפּיטשעוו האט הערצליך געלאכט, זאָ דאס דיא טרערען האבען איהם אָנגעפאנגען צו רינען פון דיא אויגען. ער האט בעטראכט, אין יענעם אויגענבליק, דעם אָנקעל, עפּעס פאר א העכערן מענשען, וועלכער בעזיטצט זאָנדערבארע פעהיגקייטען אונד זיך געוואונשען אויך צו זיין אזא העלד.

„אָח יא,״ האט דער אָנקעל ווייטער געזאגט. „איך האב נאך היינט אום מיטאג צוויי מיט איהר געשפּראָכען. זיא דארף אפילו אימער האבען געלד, נאָר יעטצט נאך מעהר וויא אימער. איהר מוטער איז קראנק אונד זיא דארף איהר שיקען עטליכע צעהנדליג רובעל. ווען דוא וואָלסט נאָר געזעהען וויא זיא האט געוויינט מיט אמת׳ע טרערען רעדענדיג פון איהר מוטער.״

„אָבער וואס האט זיא געזאגט?״ האט טאפּיטשעוו געפרעגט אונגעדולדיג דיך ניט בעקימערענדיג אום מאריא׳ס פריוואט אנגעלעגענהייטען.

„זיא האט געזאגט, אז זיא וויל א הונדערטער,״ האט דער אָנקעל ער־צעהלט.

„א מציאה, בייא גאָט, א מציאה!" האט טאפּיטשעוו אויסגעשריען. „איך אליין גיב 25 רובעל."

„יא, פון געלד איז שוין קיין רעדע נים. בייא מיר אליין האט עס ווערטה א הונדערטער אום צו מאכען פון ניקאָלאַי'ן א שטיקעל מענש."

„האט איהר דערצעהלט אלעס דער בחור'טע?"

„אלעס, פון אנפאנג ביז צו ענדע, וואס פאר א חברה־מאן ניקאָלאַי איז, אונד וויא זיא האט מיט איהם אומצוגעהען."

„האט איהר שוין געגעבען דאס געלד?"

„אָה ניין, ברודער'ל."

„וואס דען?"

„זיא מוז עס ערשט פערדיענען."

„איך פערשטעה," האט טאפּיטשעוו געענטפערט שמייכלענדיג מיט א שיכור'ער מיענע.

„ווען דיא חתונה וועט זיין פאַראיבער, קריענט זיא אויסגעצאָהלט דיא מזומנים."

„האט זיא אייך געטרויעט?"

„דערפאר דארפסטו קיין מורא נים האבען; מיר טרויעט מען שוין. מיין וואָרט איז א וואָרט איבעראל."

טאפּיטשעוו האט נאכגעדענקט עטליכע אויגענבליקען אונד דאן האט ער געפרעגט:

„אָבער, זאגט מיר, אָנקעל, גלויבט איהר, אז זיא וועט איהם קענען בעזיעגען?"

„א פראגע!"

„יא, עס איז א גרויסע פראגע."

„ניין, עס איז גאר קיין פראגע נים. איז ניקאָלאַי א מאן אָדער נים?"

„יא, א מאן איז ער, אָבער..."

„שוין גענוג," האט דער אָנקעל געזאגט, „כל־זמן ער איז א מאן אונד זיא א פרוי, דארף מען זייא נאר צוזאמען ברענגען, דאס איבריגע קומט שוין פון זיך."

„וואס פאר א זיעג דאס וואָלט געווען!" האט טאפּיטשעוו אויס־געשריען.

„זאָרג נים, פריינד, פערלאָז זיך אויף מאריא'ן, זיא וויים שוין וואס זיא האט צו טהון, אונד דיא 100 רובעל וועלען נים פערפעהלען זייער ווירקונג."

דער אָנקעל אונד טאפּיטשעוו האבען געשפּירט א בעזאָנדערע פרייד אין
זעהענדיג דיא צייט זיך דערנעהנטערן, ווען ניקאָלאי זאָל ווערען גלייך מיט
אַלעמען.

„הער מיך אויס, טאפּיטשעוו,‟ האט דער אָנקעל פּלוצלינג געזאגט ווערענדיג
זיא ערנסט. „דיעזער חברה־מאן ניקאָלאי, וויים גאר נים וויפיעל שאדען ער האט
זיך ביז יעטצט געטהאָן. א מאן מוז אונד זאָל ווערען א פאָלקאָמענער מאן, צו זיין
16־טעם אָדער העכסטענס 17־טעם יאָהר, זאנסט שאדעט עס איהם. ניקאָלאי איז
איינער פון יענע, וואס לעבען נאך דער טהעאָריע, אונד דאָרט וואו דיא נאטור
מישט זיך אריין, הערען אויף אַלע טהעאָריען.‟

טאפּיטשעוו איז אויך געוואָרען ערנסט, אונד, ווען ער וואָלט נים צופיעל גע־
שפּירט דעם שארטרעז, וואָלט ער געפרעגט דעם אָנקעל ער זאָל איהם ערקלערען,
ווארום ניקאָלאי'ס געזיכט, איז אימער פרישער, מונטערער, געזינטער אונד שעהנער
וויא דיא געזיכטער פון אַלע אנדערע, טראָטץ דעם וואס ער איז נים געוואָרען קיין
פאָלקאָמענער מענש צו זיין 16־טעם אָדער העכסטענס 17־טעם יאָהר. אָבער
טאפּיטשעוו'ס צונג איז געווען געלעהמט אום אַזעלכע ווערטער ארויס צו
ברענגען.

„בייא מיין וואָרט,‟ האט דער אָנקעל אונטערגעברומט. „אַזעלכע חברה־לייט
ווייסען גאר נים וואס פאר א טובה מען טהוט זייא; שפּעטער ערשט זיינען זייא
דאנקבאר.‟

וואסילי'ס שטימע האט געקלונגען מיט מונטערע ווערטער אונד פרעהליכע
מעלאָדיען. ער האט געזונגען דאס ציגיינער ליעד פון:

„דאָרט וואו ליעבע וואָהנט,
„בילדעט גליק זיין נעסט;
„דאָרט וואו ליעבע רוהט,
„שווימט דיא זעעלע אין פערגניגען.‟

ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט דעם ליעד, האט ער זיך אויפגעהויבען,
געוואָרפען א פערשטענדליכען בליק צום אָנקעל אונד צו טאפּיטשעוו'ן אונד אויס־
געשריען:

„יעטצט, פריינדע, ווערען מיר געהען אביסעל בעזוכען דיא ציגיינערינס.‟

וואסילי'ס פינגער האבען דאן בעריהרט דיא גיטארע אונד ער האט אָנגע־
פאנגען צו שפּיעלען א מונטערע מעלאָדיע, וועלכע האט פעראורזאכט וואס איינינע
סטודענטען האבען אָנגעפאנגען צו געהען א טענצעל.

„נו, וואס שטעהט איהר ?" האט ער נעפרעגט צו ענדע. „ניקאָלאַי, פּאַפּאָוו, טאַפּיטשעוו, אָנקעל, וואס זיטצט איהר ? אז מיר האבען צו געהען, דאן זאָלען מיר געהען !"

דער אָנקעל איז דערווייל געשטאַנען נעבען ניקאָלאַי'ן אונד איהם אָנגיסענדיג א גלאָז וויין, האט ער געזאגט :

„אלזאָ, ניקאָלאַי, דוא טרינק פון דיין וויין אונד איך פון מיין שארטרעז. לחיים !"

ניקאָלאַי האט גוטמיטהיג געשמייכעלט, אונד אויפהויבענדיג דאס גלאָז, האט ער דאס אָנגעשטויסען אָן דעם אָנקעל'ס. דער לעטצטער האט אויסגעשריען :

„קומט אַלע פריינדע, לאָמיר טרינקען צום וואָהלזיין פון דעם בעל־שמחה."

יעדער האט אָנגעגאָסען א גלאָז מיט משקה, אַלע האבען צוזאמען געשטויסען די גלעזער, אונד דער אָנקעל האט אויסגעשריען :

„עס לעבע אונזער פריינד ניקאָלאַי !"

„הוררא !" האבען אַלע געענטפערט.

און האט יעדער צוגעלעגט דאס גלאָז צו זיין מויל אונד אויסגעלעדיגט, מיט דער אויסנאהמע פון ניקאָלאַי'ן, וועלכער האט נים געטרונקען מעהר וויא א העלפט.

„טרינק אויס !" האט דער אָנקעל געשריען זיך בייזערענדיג. „פע, שעהם דיך, טרינק אויס דעם וויין !"

טרינק — חיק — טרינק — חיק אויס," האט טאַפּיטשעוו געזאגט שלוקערצענדיג.

„אויפגיסען !" האט וואסילי געזאגט לאַכענדיג פון טאַפּיטשעוו'ס שלוקערץ.

„נאָך א שארטרעז אונד שלוקערץ געהט פאַראיבער."

דער אָנקעל האט זיך מתעסק געוועזען מיט דער מצוה אָנצוגיסען פול ניקאָלאַי'ס גלאָז ; אַלע אַנדערע האבען זיך אליין אָנגעגאָסען שארטרעז, אונד יעדער האט אויסגעטרונקען מיט איין צוג. ניקאָלאַי האט אויך אויסגעטרונקען.

דער אָנקעל, וועלכען די משקה האט ניט אָנגעגריפען אפילו אויף א האאר, האט געקוקט מיט א צופריעדענער מיענע צו ניקאָלאַי'ן.

„אלזאָ, וואס טהוען מיר ? געהט מען אָדער ניט ?" האט וואסילי ווידער אמאל געפרעגט.

„יא, יא, מיר געהען!“ האט ניקאָלאַי אויסגעשריען מונטער. אפילו דער שיכור'ער טאַפּיטשעוו האט איהם אָנגעקוקט מיט בעוואונדערונג.

צום ערשטען מאל אין זיין לעבען, האט ניקאָלאַי זיך געשפּירט זעהר פרעהליך. ער האט געוואוסט, אז עס איז פון דעם וויין. ער האט זיך געטראַכט, אז זיינע קאַמעראַדען האבען דאָך פיעללייכט רעכט מיט זייער בעהויפּטונג, אז מען קען מ טער ווערען אונד זיך שפּירען גליקליכער וויא צו איין אנדערער צייט.

אָבער ניקאָלאַי איז ניט געפאַלען פון דיא פיס וויא טאַפּיטשעוו. ער האט בלויז געשפּירט אביסעל שוועריקייט אין דיא קניען, א שווינדלען פאַר דיא אויגע אונד א געפיהל צו וועלען לאַכען אונד פרעהליך זיין. אָבער דאָס לעטצטע געפיהל האט ער אונטערדריקט מיט אַלע מעגליכקייטען.

געהען צו דיא ציגיינערינס? ווארום דען ניט? ער איז געוועזען פאָלקאָמען איינפערשטאַנדען. דאָרט, האט ער געהערט, זינגט מען אונד מען טאַנצט אונד ס איז פרעהליך. ניקאָלאַי איז געוועזען דאַפיר.

„עס ווערט שפּעט, וואס שטעהט איהר?“ האט וואסילי געדרונגען.

„נו קומט,“ האט ניקאָלאַי שוין געזאגט.

„קומט, קומט,“ האבען אַלע געענטפערט.

„בראַוואָ ניקאָלאַי!“ האט פּאָפּאָוו געזאגט.

„ער ווערט א מענש מיט שכל,“ האט וואסילי איינגעשטימט.

„מיט שכל — היק — בייא גאָט — היק — מיט שכל,“ האט טאַפּיטשעוו צוגעשלוקערצט.

„צו דיא ציגיינערינס, דאס איז הערליך!“ האט דער אָנקעל געזאגט זיך צוקנעפּלענדיג זיין ראָק. „זינג נאָך אביסעל וואסילי; וויא האט דאס דאָרט געהייסען?

„דאָרט וואו ליעבע וואָהנט,

„בילדעט גליק זיין נעסט...“

וואסילי האט אָנגעפאנגען צו זינגען שטיל וועהרענד ער האט זיך פערטיג געמאַכט צום געהען.

ווען זייא זיינען ארויס אויף דער גאַס אונד דיא פרישע לופט האט זייא דורכגענומען, האט ניקאָלאַי אָנגעפאנגען צו שפּירען א גרויסע איבעלקייט ביים הערצען.

אַלע האבען גערעדט, געזונגען אונד געטענה'ט, נאָר ניקאָלאַי האט

נעשוויעגען. דאַן איז ער פּלוצלינג .געבליעבען שטעהען אביסעל הינטערשטעלליג אונד אַנגעקאַנגען צו ברעכען.

„דאס איז גוט,“ האט דער אָנקעל בעמערקט. „עס וועט דיר גרינגער ווערען אויף'ן הארצען.“

ווען ניקאָלאַי האט זיך אָבגעווישט זיין מויל אונד וויטער דערשפּירט די קיהלע לופט אויף זיין פערשוויצטען שטערען, האט ער זיך אָנגעהויבען צו דער־מאָהנען וואו ער איז יעטצט אין דער וועלט.

„עס איז אונרעכט וואס איך טהו,“ האט ער זיך געטראַכט. „וואוהין געה איך?“

אָבער ניקאָלאַי האט ניט געקענט פיעל קלאָר דענקען. דער פערמישטער וויין מיט ראָם וואס דער אָנקעל האט איהם געגעבען טרינקען, האט אָנגעהויבען צו ווירקען נאָך בעסער אויף דער פרישער לופט.

דאס ברעכען האט איהם אביסעל לייכטער געמאכט די איבעלקייט אויף'ן הארצען, אָבער דערפאַר האט איהם דער קאָפּ מעהר געטומעלט.

די געזעלשאַפט איז מונטערער געוואָרען. די פּאָליציסטען אויף דער גאס, האבען אויסגעמיעדען זייער וועג לאָבענדיג.

סטודענטען! ווער קען זייא ניט, אז זייא זיינען מונטערע חברה־לייט? ניעמאַנד דאַרף זייא שטערען.

די נאכט איז געוועזען א הערליכע; דער הימעל איז געוועזען בעדעקט מיט מיליאָנען פינקלענדע שטערען אונד אין די הייזער איז שוין אַלעס געוועזען שטיל אונד רוהיג.

„וואס איז דאָ פאַר איין עולה?“ האט זיך ניקאָלאַי וויטער געפרעגט אין זיין בערוישטען קאָפּ. „ביז יעטצט האב איך נאָך נאָר קיין שלעכטס ניט געזעהען. אביסעל טרינקען אונד מונטער זיין, איז אמאל גאַנץ גוט. יעטצט שפּאַציערען מיר איבער דער גאס, עס איז פרעהליך אונד יעדער איז גליקליך! דאס איז גאַנץ אַנ־גענעהם. מיר געהען צו די ציגיינעריננס, וועלכע זינגען, שפּיעלען אונד טאַנצען. איך וועל מיך אביסעל אונטערהאַלטען, אונד דאַן געה איך אַהיים, וואו איך וועל מיך אויסרוהען, אויסשלאָפען, אונד אויפשטעהען א פרישער מענש. עס איז נאָר ניט קיין פעהלער, בלעבען ניין.“

ניקאָלאַי איז געוועזען פאָלקאָמען איבערצייגט אין זיין געהירן אָנגעפילט מיט אלקאָהאָל־בעטייבונג, אז וואס ער טהוט איז גאַנץ רעכט, אונד ער האט קיין אורזאכע, ווארום ער זאָל זיך מאכען פאָרווירפע.“

3.

עס איז געווען א פרעהליכע געזעלשאפט. מען האט געשפּיעלט, געזונגען, געטאנצט, געשריען אונד געלאכט, גלייך וויא דיא גאנצע וועלט וואָלט נאָר בע־שטאנען פון הוילע מונטערקייט.

דיא געזעלשאפט איז געווען פערזאמעלט אין אראן'ס זאלאָן, וואו מען האט אימער געפונען ציגיינער מוזיק. צוויא יונגע ציגיינער זיינען געזעסען נעבען דער וואנט מיט גיטארען אין דיא הענד אונד 4 יונגע ציגיינערינס, מיט קויל־שווארצע אויגען אונד זעהר גרויסע בוזעמס, זיינען געשטאנען אין פראָנט אונד געזונגען.

ניקאָלאי, פּאָפּאָוו, טאפּיטשעוו אונד דער אָנקעל זיינען געזעסען בייא איין טיש אונד געטרונקען שאמפּאניער, דיא אנדערע סטודענטען זיינען געזעסען מיט וואסילי'ן ביים צווייטען טיש אונד געטהאָן דאסזעלבע.

דאס צימער איז געווען אָנגעפּיללט מיט ציגארעטען־רויך צום ערשטיקען.

„עס לעבען דיא ציגיינער!“ האט וואסילי געשריען זיך אויפהויבענדיג מיט א גלאָז שאמפּאניער אין האנד.

„הורראַ פאר דיא ציגיינער!“ האבען דיא איבריגע געשריען.

ניקאָלאי האט גוטמיטהיג געשמייכעלט.

וואסילי, האלטענדיג דאס גלאז אין דער לינקער האנד, איז ער מיט דער רעכטער פערקראָכען אין בוזים פון דער מיטעלסטע ציגיינערין.

„אך, פריץ!“ האט זיא געזאגט לאכענדיג, „דאס איז ניט שעהן!“

„עס איז אָבער גוט!“ האט וואסילי געענטפערט.

„בראוואָ וואסילי!“ האט דער אָנקעל איינגעשטימט.

„עס לעבען — היק — היק — דיא — היק — ציגיינער!“ האט טאפּיטשעוו אויסגעשריען זיך אויפשטעלענדיג אויף דיא פיס אונד זיך פעסט האלטענדיג אן טישעל ער זאָל ניט פאלען.

דיא טהיר האט זיך געעפענט אונד דער קעלנער איז ערשיענען.

„קום אהער, דוא שופט,“ האט דער אָנקעל צו איהם געזאגט, „איך האב בעשטעלט זעקס פלאשען עכטען פראנצויזישען שאמפּאניער — וואו זיינען זייא?“

„ענטשולדיגט, מיין הערר, זייא זיינען נאָך ניט קאלט גענוג, באלד ברענג איך זייא אריין,“ האט דער קעלנער געענטפערט אונד אָנגעפאנגען ארונטער צו נעהמען דיא לעדיגע פלעשער.

„הערט אויף!‟ האט דיא ציגיינערין געשריען, ועהרענד וואסילי האט זיא ארום גענומען אונד ניט געוואלט אבלאזען.

„קארענקא!‟ האט פאפאוו געזאגט זיך אבווענדענדיג צו א צווייטער ציגיינערין. „דא האסטו א רובעל אונד גיב מיין פריינד א קוש!‟

ער האט געוויעזען אויף ניקאלאי׳ן.

ברא — היק — ווא! בראווא! היק,‟ האט טאפיטשעוו איינגעשטימט, אונד דיא ציגיינערין וואלט פיעללייכט געטהאן וואס פאפאוו האט געהייסען, ווען טאפיטשעוו, פאר איבערראשונג פון דער אידעע, וואלט זיך ניט דאמאלס גראדע אויסגעגליטשט מיט א פוס אויף דעם נאסען פוס־באדע וואו מען האט אנגעגאסען א מאסע שאמפאניער.

טאפיטשעוו האט זיך אנגעכאפט מיטביידע הענד אן דעם רונדען טיש, אונד ער האט אלעס מיטגעשלעפט, מיט דיא פלעשער אונד גלעזער, אונד איז געפאלען אויף קארענקא׳ס פיס.

יעדער האט זיך צולאכט, אבער קיינער, אויסער דיא ציגיינער אונד דער קעלנער, איז איהם ניט געגאנגען העלפען ער זאל אויפשטעהען.

טאפיטשעוו האט זיך וועה געטהאן אן א זייט אונד מען האט איהם גענומט אוועק לעגען אויף א סאפא.

דער אנקעל האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, אונד אויסער וואס זיינע אויגען האבען אביסעל מעהר געגלענצט וויא געוועהנליך, איז ניט געווען צו דערקענען, אז ער האט א סך געטרונקען. אין דער וואהרהייט געשפראכען אבער, האט ער מעהר גע־טרונקען וויא צוויא אנדערע סטודענטען צוזאמען.

ער איז צוגעקומען צו טאפיטשעוו׳ן, איהם בעטראכט עטליבע אויגענבליקען, אונד דאן, לאכענדיג, האט ער געזאגט:

„א שעהנער טרינקער! ווארט, נעכסטעס מאל ועסטו שוין טרינקען קוואס — דאס פאסט פאר דיר.‟

ער האט זיך אומגעווענדעט אונד ערבליקט דעם קעלנער, צו וועלכען ער האט געזאגט:

„געה ארויס אונד לאז אבקאכען א דיקען שווארצען קאפעע, גאר אהן צוקער אונד דריק אריין א האלבע לימענע. דוא הערסט? מאך דאס פערטיג זאפארט!‟

דער קעלנער איז ארויס געגאנגען אונד דיא סטודענטען האבען ווידער פארט־געזעצט זייער מונטערקייט.

„מיין טהייערע קאַרענקאַ!“ האט וואסילי געזאגט זיך אוועק זעטצענדיג אויף א שטוהל, אונד אָנגעהמענדיג דיא יונגע ציגיינערין, האט ער זיא געזעטצט אויף זיין שויס.

„זיטץ, זאג איך!“ האט ער געשריען זיא פעסט האלטענדיג וועהרענד זיא האט זיך געוואָלט אויסרייסען.

דיא ציגיינער האבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען אונד דיא ציגיינערינס האבען געזונגען.

אלס וואסילי האט אריין געשטעקט זיין האנד אין קאַרענקאַ'ס בוזים, האט זיך דיא לעטצטע אויסגעריסען אונד איז פון איהם ענטלאָפען.

ניקאָלאַי איז געזעסען וויא אין איין אונבעוואוסטען צושטאנד אונד אויסגעזעהען גאר ניט צו בעגרייפען וואס ארום איהם טהוט זיך.

צוויא קעלנערס זיינען ערשיענען; איינער האט געבראכט דעם שאמפּאניער אונד א צווייטער דעם קאפּעע וואס דער אָנקעל האט איינגעשאפּט.

דער אָנקעל האט צוגענומען דעם קאפּעע אונד איז צוגעגאנגען צו טאפּיטשעורן. דער לעטצטער האט שוין געשנאָרכט פון א טיעפען שלאָף.

„שטעה אויף, דוא פּיאניצא!“ האט ער געשריען. „אָנשיכור'ן אונד שלאָפען! א שעהנע געשיכטע, כלעבען. שטעה אויף!“

ער האט איהם אָנגעהויבען צו דריקען זיין נאָז אונד דאס האט טאפּיטשעור'ן ערוואכט.

„טרינק דאס, מיין טהייערער שיכור,“ האט ער צו איהם געזאגט איהם צו ברענגענדיג דעם קאפּעע צום מויל.

טאפּיטשעוו האט ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהם אונד דער אָנקעל האט איהם לאנגזאם איינגעגעבען דעם קאפּעע.

אלס טאפּיטשעוו האט ענדליך דערשפּירט דעם שלעכטען טעם פון אזא קאפּעע, האט ער אויסגעשפּיען אונד געמורמעלט: „פּע! פּע!“

„טרינק, פּיאניצא, אָדער איך זעטץ דיר אוים דיא צייהן!“ האט דער אָנקעל געשריען ווערענדיג אין כעס.

טאפּיטשעוו האט געעפענט זיינע גרויסע אויגען אונד אָנגעקוקט וויא מיט ערשטוינען דעם אָנקעל, אָבער ער האט גאר ניט געזאגט אונד געטרונקען.

„טרינק אוים מיט אמאָל!“ האט איהם דער אָנקעל געדרונגען. טאפּיטשעוו האט דאן מיט איין זופּ אויסגעטרונקען דעם גאנצען קאפּעע.

„א גלאָז קאַלטעס וואַסער!“ האָט דער אָנקעל בעפוילען. דער קעלנער האָט דאָס באַלד אַריין געבראַכט.

„טרינק טאַפּיטשעוו!“ האָט ער ווייטער געזאָגט. טאַפּיטשעוו האָט גענומען דאָס גלאָז וואַסער פון דעם קעלנער אונד דאָס אויסגעטרונקען ביז איבער העלפט.

„גוט, לאָזט איהם צורוה,“ האָט דאַן דער אָנקעל בעמערקט מיט דער מיענע פון אַ פּראָפעסאָר בייא אַ קראַנקען'ס בעט. „ער וועט באַלד ווערען אַ מענש.“

„עס ווערט שפּעט, שוין באַלד טאָג,“ האָט פּאַפּאָוו בעמערקט.

דיא טהיר האָט זיך געעפענט אונד צוויא פּראָוויענצימער, הויך־עלעגאַנט געקליידעט, זיינען ערשיענען.

דער אָנקעל האָט זייא בעמערקט, אָבער ער האָט קיין וואָרט געזאָגט. ער האָט זיך אומגעווענדעט אונד איז צוגעגאַנגען צו ניקאָלאַי'ן.

„נו, ניקאָלאַי,“ האָט ער געזאָגט, „וויא פיהלסטו?“

„מיר טומעלט אַביסעל דער קאָפּ,“ האָט ניקאָלאַי געענטפערט.

„עס מאַכט ניט, ברודער'ל, עס מאַכט ניט; מען געוועהנט זיך צו אונד דאַן טומעלט שוין ניט קיין קאָפּ. זעה מיך, איך האָב שוין אויסגעטרונקען אַ פאַס וואָדקאַ, ראָם, וויין, שאַרטרעז אונד שאַמפּאַניער, אונד איך בין נאָך אַזוי ניכטער וויא צום אָנפאַנג. מען דאַרף ניט זיין וויא יענער פּאַסקודנע שיכור טאַפּיטשעוו. האָסטו געהערט אַ געשיכטע! היק — היק — גאַר שלוקערצען אונד פאַלען פון דיא פיס — פע!“

„ווער פאַלט פון דיא פיס?“ האָט זיך פּלוצלינג געהערט טאַפּיטשעוו'ס שטימע, אַלס ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער סאָפאַ.

„ווער פאַלט פון דיא פיס, פרעג איך?“ האָט טאַפּיטשעוו געשריען כמעט אין גאַנצען אויסגעניכטערט.

יעדער האָט געלאַכט.

„ביסט אַ חכם, האַ?“ האָט דער אָנקעל געפרעגט. „אַזוי איז עס, ווען דער אָנקעל איז מיט דיר, לאָזט ער דיך ניט זיין קיין מיאוס'ער שיכור — מיר האָסטו צו דאַנקען, מיין יונגע!“

„ריכטיג, ריכטיג,“ האָט ניקאָלאַי איינגע'שטימט פערשטעהענדיג, אַז דערפון וואָס ער האָט איהם איינגעגעבען, איז איהם לייכטער געוואָרען.

„ציה אַרויס!“ האָט פּאַפּאָוו געזאָגט צום קעלנער איהם איבערגעבענדיג אַ פלאַש שאַמפּאַניער ער זאָל אַרויס ציהען דעם פּערשטעק.

„גיבט מיר אויף עפּעס דערפון, אָנקעל,“ האט ניקאָלאַי געמורמעלט שמילערהיים

„חא, חא, חא!“ האט זיך דער אָנקעל צולאַכט. „דיר געבען מעדיצינען? אָה ניין, דוא דאַרפסט עס ניט, מיין יונגע. דיין קאָפּ איז שטארק גענוג.“

דערווייל האט זיך נאך אמאל געעפענט דיא טהיר אונד נאך 5 פּרויענצימער זיינען אריין געקומען. דיעזע לעצטעטע האבען בעלאַנגט צום רוסישען כאָר. אויב זייא זיינען געוועזען שעהן אָדער ניט, איז געוועזען זעהר שווער צו אורטהיילען, דען זייערע נעזיכטער זיינען געוועזען אָבגעשאָטען מיט פּוידער.

דיא סטודענטען זיינען איינציגווייז באלד צוגעשפּרונגען צו דיא פּרויענצימער, זיך געקושט אונד אָנגעפאַנגען צו טרינקען שאַמפּאַניער אויף'ן נייעם חשבון.

פון דיא ערשטע צווייא פרויענצימער וואס זיינען אריין געקומען, איז איינע געוועזען א טהעאטער זענגערין אונד דיא צווייטע האט פאַרגעשטעלט א בעריהמטע שעהנהייט.

ביידע האבען געטראגען שטארק אויסגעשניטענע קליידער, זאָ דאס מען האט ארויסגעזעהען זייערע נאקעטע ברוסטען.

דיא שעהנע האט בעדאַרפט מאַכען א גוטען איינדרוק אויף א מענשען וואס איז ניט שיכור. זיא איז געוועזען מיטעלמעסיג געוואקסען, עטוואס דיק, גאַנץ פולע באַקען, אָבער שעהן גענוג אָהן פּוידער; בלויע אויגען אונד איבער דיא שולטער איז אריבער געהאנגען א גאַנצער וואלד בלאָנדע האאר, וועלכע האבען צוגעדעקט איהרע נאַקעטע פּלייצעס.

וועהרענד אַלע אנדערע פּרויענצימער האבען זיך בעשעפטיגט מיט דיא סטודענטען, איז דיעזע געזעסען אָנגעלעהנט אויף איהרע עללענבויגענס אונד לאַנגזאַם געזופּט שאַמפּאַניער פון א גלאָז.

זיא האט זיך אומגעקוקט, אונד וויא דורך א צופאַל, האט זיא דערזעהען דעם אָנקעל. זיא האט לייכט פערנייגט מיט איהר קאָפּ, וועהרענד איהרע רויטע ליפּען האבען זיך געעפענט אונד ארוים געשטעלט צווייא ווייסע שורות צייהן.

„גוט מאָרגען דיר, מאַריא!“ האט דער אָנקעל געזאגט אין א גאַנץ אַני־שטענדיגען טאָן.

דאן האבען ביידע געוועקסעלט א וואונק, אונד עס האט אויסגעזעהן, אַז דיא האבען זיך פערשטאַנען.

„מיינע דאַמען אונד הערען!“ האט טאַפּיטשעוו געזאגט נעהמענדיג א גלאָז

שאמפאניער אין האנד. „מיר טרינקען היינט צום גליק פון אונזער פריינד ניקאָלאי, וועלכער פייערט זיין 21־יעהריגען געבורטסטאג!"

„הורראַ!" האבען אלע געשריען, אונד דיא דאמען האבען אומגעווענדעט זייערע קעפּ אונד געקוקט שמייכלענדיג צו ניקאָלאי'ן.

ניקאָלאי, אַבוואָהל בעטרונקען, האט אויסגעזעהען צו פערשטעהען וואס פאר א מין פרויענצימער דיעזע זיינען אונד ער האט געשפּירט א שטארקען פּעדרוס וואס טאפּיטשעוו האט פאר זייא דערצעהלט, אז ער פייערט זיין 21־יעהריגען געבורטסטאג.

„וואס דארפען זייא עס וויסען?" האט ער זיך געטראכט, „וואס קימערט עס זייא?"

פּאָפּאָוו איז געזעסען נעבען דער זינגערין אונד אַנגעלעהנט זיין קאָפּ אויף איהר נאקעטע ברוסט.

וואסילי האט געפּאטשט א כאָריסטקע איבער איהרע נאקעטע שולטערן.

„זינגט עפּעס, שפּיעלט עפּעס!" האט איין סטודענט בעפוילען, אָבער זיך אומקוקענדיג, האט ער געזעהען, אז דיא ציגיינער מיט דיא ציגיינערינס זיינען שוין ניט געווען.

„אונד וויא געהט עס דיר, מאריא?" האט דער אָנקעל געפרעגט גלייך וויא ער האט איהר שוין זעהר לאנג ניט געזעהן.

„איך דאנקע, זעהר גוט," האט מאריא געענטפערט.

„קום אהער, זעטץ זיך," האט דער אָנקעל איינגעלאַדען מאריא'ן אונד איהר אַנגעצייגט א פּלאַטץ אויף דער סאָפּא נעבען ניקאָלאי'ן.

מאריא האט ארויס געצויגען א וויי͏סעם טאשענטוך פון איהר בוזים, זיך אָבגעווישט דאס מויל, אונד צוריק שארענדיג דיא האאר פון איהר שטערן, האט זיא זיך אויפגעהויבען אונד זיך געזעטצט אויף דער סאָפּאַ נעבען ניקאָלאי'ן.

„דאס איז מיין פריינד ניקאָלאי," האט ער געזאגט פארשטעלענדיג, „אונד דאס איז אונזער קליינע אונד שעהנע מאריא."

ניקאָלאי האט געמאכט א דומע מיענע אונד ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

מאריא איז געווען גאַנץ ניכטער. איהרע בלויע אויגען האבען בעטראכט ניקאָלאי'ס פּיגור אונד שעהנעס געזיכט אונד זייא האבען אויפגעגלאנצט מיט פערגניגען.

דאן איז מאריא'ס געזיכט פערפינסטערט געוואָרען, ווען זיא האט א קוק

געטהאָן איהךן אָנקעל. אין איהרע אויגען האט זיך בעוויזען א בליק פון אונענד־ליכען האס.

אין דערזעלבער צייט האט זיא זיך עראינערט, דאס איהר מוטער איז קראנק, געפינט זיך אין נויט, אונד זיא איז געקומען פעדריענען 100 רובעל.

דער אָנקעל האט זיך אונטערדעסען אויפגעהויבען אונד איז צוגעגאנגען צו דיא איברינע, לאָזענדיג ניקאָלאַי'ן אליין מיט מאַריא'ן.

„איהר זייט וואהרשיינליך ניט לאנג דאָ?“ האט מאַריא געפרעגט מיט מעהר מוטה זעהענדיג אוועק געהען דעם אָנקעל.

ניקאָלאַי האט צוגעווענדעט זיין געזיכט צו איהרען אונד זיך פאסענדיג מוטה, האט ער געזאגט:

„איהר וועט מיר ענטשולדיגען, פון מיין מויל שמעקט עס ניט זעהר אנגענעהם פון דעם וויין וואס איך האב געטרונקען.“

„עס מאכט ניט, עס מאכט ניט,“ האט זיא געזאגט שמייכלענדיג, ווען זיא האט געהערט דיא אונגעוועהנליכע ווערטער פון א מאן.

מענער ענטשולדיגען זיך זעהר ווענינ אין דער געגענוואַרט פון אזעלכע פרויענצימער.

„איך בין שוין לאנג אין מאָסקווא,“ האט ער געמורמעלט, בעענטפערענדיג איהר ערשטע פראגע.

„בעזוכט איהר דיא אָפּערא?“

„זעהר זעלטען.“

„דאס איז א וואונדער.

ניקאָלאַי האט ווייטער ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

מאַריא האט אויסגעשטרעקט איהר רעכטע אונד איבער העלפט נאקעטע האנד, אונד אָנגעפאנגען צו גלעטען צערטליך ניקאָלאַי'ס באַק.

א מערקווירדיגעס געפיהל פון פערגניגען אונד לוסט האט זיך אין ניקאָלאַי'ן ערוועקט, אונד, אנשטאט צוריק צו שטויסען, האט ער ניט פּראָטעסטירט דאגעגען, אונד זיך געוואונשען זיא זאָל האלטען דיא האנד בייא זיין באַק.

דאן האט זיך מאַריא נעהנטער צוגערוקט אונד ארויף געלעגט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט.

א שטארקער פּארפום־גערוך פון איהרע האאר האט איהם געררייכט אונד אָבוואָהל ניקאָלאַי האט געוואוסט פון פּארפום, דעננאך האט דאס איהם אין יענעם מאָמענט, פון מאַריא'ס קאָפּ, געשמעקט מיט איין אונגעהייערעס פערגניגען.

„אונד וויא גלאט אונד צארט אייערע באקען זיינען,‟ האט מאריא נעמ... מעלט נאך אימער גלעטענדיג זיין באק.

ניקאלאי האט געשפירט, אז עס פיעבערט איהם, נאר ער האט ניט געקענט עפענען זיין מויל.

זיינע אויגען האבען געוואנדערט איבער מאריא׳ס קערפער; דאס איז געווען א שעהנער קערפער, גוט ענטוויקעלט, מאסיוו אונד איינדרוקספאל. זיינע אויגען האבען געגלאנצט מיט אויפרעגונג, נאר אין זיין אינערער זעעלע, האט ער געשפירט א געפיהל פון דער צערטליכסטער ליעבע צו איהר.

מאריא האט אומגעווענדעט איהר געזיכט צו זיינעם אונד איהם געקוקט אי די אויגען. איהר גלאטער אונד ווייסער שטערען מיט איהרע לאבענדע אויגען, האבען פאר איהם פארגעשטעלט א בילד פון דער גרעסטער ליעבליכקייט.

„איהר זייט דער שענסטער אונטער זייא אלע,‟ האט מאריא געמורמעלט איהם ארום נעהמענדיג אויך מיט דער צווייטער האנד.

ניקאלאי׳ס געזיכט איז רויט געווארען.

„חא, חא, חא!‟ האט מאריא געלאכט שטילערהייט. „איהר פערשעהמט זיך וויא א מיידעל; איך האב נאך גאר ניט געזעהען אזעלכע יונגע לייט...‟

ניקאלאי׳ס רעכטע האנד האט בעריהרט איהר נאקעטען שולטער. איהר הויט איז געווען וויך וויא א פיינע זייד אונד ער האט זיין האנד ניט געקענט אוועק נעהמען. ער האט געהאלטען די האנד אויף איהר לייב מיט א רעספעקטפאלער בעריהרונג אונד זיין הערץ האט שווער געקלאפט.

„אך, מיין יונגע,‟ האט מאריא געזאגט איהם קוקענדיג גלייך אין די אויגען, „וויא דאס קלאפט אייער הערץ...‟

די איבריגע געזעלשאפט האט געגרייכט ביז צום העכסטען פונקט פון מונטערקייט. מען האט געטרונקען, געזונגען, געשטיפט, געלאכט אונד געשריען.

די כאריסטקעס האבען געגאסען אין זיך דעם שאמפאניער וויא וואסער, אונד דער אנקעל האט געשריען:

„נאך זעקס פלאשען! טרינקט קינדער, דער אנקעל טראקטירט!‟

„לעבען זאל דער אנקעל!‟ האט איין כאריסטקע אויסגעשריען.

„הורראַ פיר דעם אנקעל!‟ האבען אלע איבריגע געענטפערט.

אפילו די פרויענצימער האבען איהם אויך גערופען „אנקעל‟, אונד בייא איהם האט עס אויסגעזעהען וויא דער שענסטער קאמפלימענט.

„א קוש, דאָ!" האט פּאַפּאָו געשריען צו דער זענגערין.

„אפילו נים א האלבען!" האט זיא געענטפערט. „וואו איז דער רינג וואס דוא האסט מיר פערשפּראָכען?"

„איך וויל גאר נים וויסען, א קוש!" האט ער ווייטער געדרונגען.

וואסילי האט געהאלטען אויף זיין שוים צוויא באַריסטקעס אונד געקושט דיערע באַקען אָבוועקסלענד.

„איך וואָלט איך אזוי, געקענט קושען 48 שטונדען דורכאנאנד," האט ער געזאגט, „אונד וויא איך ליעב דאס!"

„אָבער ווארום פרעגסטו נים אויב מיר האבען דאס ליעב?" האט איין באַריסטקע געזאגט ווארפענדיג אויף איהם א פינסטערן בליק.

„וואס איז דאס?" האט טאפּיטשעוו געפרעגט שוין כמעט אין גאנצען אויסגעניכטערט. „איך בין געבליעבען אָהן גאר נים. קום נאָר אהער צו מיר העלענא!"

טאפּיטשעוו האט בייא דיעזע ווערטער ארונטער געשלעפּט דיא בעזע באַריסטקע פון וואסילי'ס שוים.

„גיב אהער צווייא אויף אמאל!" האט ער צו איהר געזאגט, „צווייא קושען, דוא הערסט? טאפּיטשעוו איז היינט גליקליך וויא דיא גאנצע וועלט!"

העלענא האט אויסגעזעהען נים צו האבען קיין חשק.

טאפּיטשעוו האט אריין געלעגט דיא האנד אין זיין בוזים־קעשענע אונד ארויס געשלעפּט א 10־רובעלדיגע באַנק־נאָטע אונד געזאגט:

„דאס בעלאַנגט צו דיר, אָבער, העלענא, זעה אונד מאך מיר פערגניגען."

העלענא'ס אויסדרוק אויף'ן געזיכט האט זיך באלד געוועקסעלט. איהרע אויגען האבען אָנגענומען א מיענע וויא פון א רויב־טהיער וואס דערזעהט זיין אָפּפער אונד אויף איהרע בלאַסע ליפּען, אָבער אָנגעשמירט מיט רויטער פארב, האט זיך בעוויעזען א צופריעדענער שמייבעל.

„אזוי, רעד ווערטער!" האט זיא אויסגעשריען איהם געבענדיג איין קוש נאָך'ן צווייטען. „איך האב פיינד ווען מען פערקלאַפּט א קאָפּ אומזיסט. איך האב מיך שוין היינט אָנגעגאָסען מיט שאַמפּאַניער וויא איין אָקס מיט וואסער."

דיא „קליינע מיצא", א ברונעטע באַריסטקע, איז געשטאנען נעבען אָנקעל אונד געגלעט זיין האלז. דער קעלנער האט אריין געבראכט דיא 6 פלאַשען שאַמפּאַניער, אונד דער אָנקעל האט אויסגעשריען:

„אַלע עפּעגען !“

דער קעלנער האט זיך גענומען ערפּיללען דעם אויפטראג.

„וועט איהר מיר געבען 25 רובעל?“ האט דיא קליינע מיצא געפרעגט דעם אנקעל.

„וואס, 25 רובעל?“ האט דער אנקעל געפרעגט. „ווער האט דאס אזוי פיעל געלד?

„איך האב דאך אייך געזאגט, אז איך בעדארף א קלייד צו דער נייער אפּערא. אלע כאָריסטקעס מוזען יעטצט האבען זייערע אייגענע קליידער, אזוי האט דער דירעקטאָר געזאגט.“

פּאפּאָוו האט דערבייא עפּעס איבערגערייכט דער זינגערין, וועלכע האט איהם באלד אנגעהויבען צו קושען אונד געזאגט:

„אזוי ביסטו א בראווער יונגע!“

דעם אנקעל'ס אויגען זיינען וועהרענד דער גאנצער סצענע נים ארונטער גענומען געוואָרען פון ניקאלאַי'ן מיט מאריאן. פון דעם וואס ער האט געזעהען, איז ער געוועזען צופריעדען, דען אויף זיינע ליפּען האט זיך בעוויזען א צופריעדענער שמייכעל.

„נו, אנקעל?“ האט דיא קליינע מיצא ווייטער געפרעגט.

„איך גיב דיר א צעהנער; בייא נאָט איך קען נים מעהר; איך בין איין ארעמער מענש, גלויב מיר, ארעם.“

„אונד וויא וועל איך נעהמען דיא אנדערע 15 רובעל?“

„וואס ווייס איך? דוא ביסט א גאנץ שעהנעס מעדכען אונד דוא קענסט...“

פּאפּאָוו האט זיך אויפגעהויבען מיט דער זינגערין אונד פערלאָזען דאס צימער.

טאפּיטשעוו מיט דער כאָריסטקע האבען מיט א מינוט שפּעטער אויך דאס־זעלבע געטהאן.

דיא איבערגעבליעבענע האבען פּלוצלינג זעהר שטארק אנגעהויבען צו לאכען. דיא „קליינע מיצא“ האט אָבגענארט דעם אנקעל. זיא האט בייא איהם גענומען דיא 10 רובעל אונד איז באלד אריבער געלאָפען צו א יונגען סטודענט, וועלכען זיא האט אומארמט אונד געזאגט:

„יעטצט, מאטוויי, נעהמען מיר; דוא האסט דיר ערשפּארט 10 רובעל; עס איז גאנץ גענוג ווען דוא וועסט מיר געבען 15.“

„אזוי האסטו מיר אבגעטהאן ?“ האט דער אנקעל געפרעגט מיט א צארנינגען טאן.

„הייגגט זיך, אנקעל,“ האט דיא קליינע מיצא געענטפערט, „דיא 10 רובעל ליעגען שוין אין זאק !“

אלע האבען געלאכט, אויסער ניקאלאי, וועלכער האט ניט אויסגעזעהען צו הערען וואס עס געהט דארט פאר.

ניקאלאי איז שוין געזעסען אויף דער סאפא נעבען מאריא'ן אונד ער האט געהאלטען איהר האנד אין זיינער, וועהרענד זיא האט נאך אימער געהאלטען דעם קאפ אנגעלעהנט אויף זיין ברוסט אונד גערעדט צו איהם.

מאריא'ס האאר האבען געגרייכט צו ניקאלאי'ס האלז, אונד ווען זיא האט זיך בעוואויגען, האבען דיא האאר איהם געקיצעלט אונד ארויס גערופען א מערק־ווירדיגעס געפיהל.

„איז דאס ניט א מונטערעס לעבען ?“ האט מאריא געפרעגט.

„יא,“ האט ער געענטפערט גלעטענדיג איהר האנד.

„איך האב ליעב דיעזעס לעבען,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „עס איז מונטער, פרעהליך אונד מען טרינקט אימער שאמפאניער.“

דער אנקעל האט אונטערדעסען אלעס גוט אויפגעפאסט, אבוואהל ער איז געוועזען שטארק אין כעס אויף מיצאן, וועלכע האט איהם אזוי מיאוס אב־גענארט.

ער איז צוגעגאנגען צו וואסיליין אונד געזאגט שטילערהייט :

„לאמיר ארויס געהען אונד זייא לאזען אליין.“

וואסילי האט פערשטאנען, אונד אויפהויבענדיג דיא כאריסטקע פון זיין שויס, האט ער גענומען איהר ארעם, אונד אין עטליכע מינוט ארום, איז ניקאלאי אונד מאריא געבליעבען אליין.

ניקאלאי האט געהערט וויא יעמאנד האט פערשלאסען דיא טהיר. ער האט זיך אפילו געפרעגט צו וואס דאס איז, אבער ער האט זיך ניט פיעל בעקימערט אום איין ענטפער.

אלס מאריא האט זיך געזעהען אליין מיט ניקאלאי'ן, האט זיא זיך אויפגע־הויבען אונד זיך געזעצט אויף זיין שויס

ער האט ניט פראטעסטירט.

זיא האט איהם דאן אומארמט, אונד קושענדיג אין זיין שעהנעס געזיכט,

האט זיא צוגעבויגען איהרע ליפען צו זיינע אונד איהם געקושט מיט א ליידענשאפט־ליכעם געפיהל.

יא, זאגאר אזא פרויענצימער וויא מאריא איז געווען, האט זיא זיך אויך גע־שפירט צוגעצויגען צו ניקאלאי׳ס אונשולד.

אונד, ווירקליך, וויא צערטליך, וויא ליעבענד ער איז געווען; נים אזוי וויא דיא אנדערע, גראב, געמיין אונד אונמענשליך.

ניקאלאי האט וויא אויפגעציטערט אונטער מאריא׳ס קוש.

„ווארום קושט איהר מיך ניט?“ האט מאריא געפרעגט.

„איך — איך ווייס ניט,“ האט ער געענטפערט מיט א נארישער מיענע.

מאריא האט איהם נאך מעהר ליעב געקריעגען פאר דיעזער אונגעוועהנליכער אונשולד.

זיא האט זיך צוגעבויגען אונד אריין גענומען צווישען איהרע ציינער זיין צארטע הויט פון האלז אונד אנגעהויבען צו זויגען.

וויפיעל בלוט ניקאלאי האט אין זיך דאמאלס געהאט, איז דאס אריין אין זיין געזיכט אונד קאפ. ווען מאריא האט איהם דאן אנגעקוקט, האט זיא געלאכט אונד געמורמעלט:

„וויא, איז דאס אמת, אז איהר זייט ווירקליך אונשולדיג?“

מאריא האט זיך אונטערדעסען דערמאהנט אן איהר קראנקער מוטער, וויא עלענד זיא איז, אין וואס פאר א נויט זיא געפינט זיך אונד וויא נעטהיג זיא האט פיר איהר דיא 100 רובעל. זיא האט געוואלט זא שנעל וויא מעגליך האבען דאס געלד בייא זיך, אונד זיא האט זיך פארגעשטעלט, אז זיא וועט נאכהער ניט געהען שלאפען פריהער אין האטעל, וויא געוועהנליך, זאנדערן, זיא וועט זאפארט לויפען אהיים, צו איהר מוטער, אונד איהר איבערררייכען דאס געלד — דאס גאנצע געלד, זיא וועט פיר זיך גאר ניט איבערלאזען.

מאריא׳ס צערטליכקייט איז דערבייא פערשוואונדען אונד א געפיהל פון ברוטאליטעט איז אין איהר ערשיענען; א ברוטאליטעט גוט בעקאנט אונטער אזעלכע פרויענצימער, וועלכע האנדלען מיט זייער לייב אונד ליעבע. זיא האט אין יענעם אויגענבליק פערגעסען אן דעם ערוועקטען געפיהל אין איהר צו ניקאלאי׳ס אונשולד, אונד זיא האט אנגעפאנגען פארטצוזעטצען איהרע געמאכטע שמייכלעריען אום איהר ציעל פון דיא הונדערט רובעל צו עררייכען.

איהרע הענד האבען נאך אמאל מעכאניש אומארמט ניקאלאי'ן אתד זיא האט איהם געדריקט צו איהר ברוסט.

אבער איהר לעטצטעס ווארט „אונשולדיג," וואס זיא האט אויסגע־שפראכען, האט געטראפען ניקאלאי'ן וויא מיט א קוגעל אין זיין ברוסט. דיא גע־דאנקען אין זיין קאפ האבען פלוצלינג אנגעפאנגען זיך אויסצולייטערן אונד עפעס מעהר בעגרייפען.

אנשטאט דער בערוישונג פון וויין אונד ליעבע, האבען אנגעהויבען צוריק צו קעהרען זיינע אייגענע אידעען אונד דער שטורם וואס מאריא האט ארויס גערופען אין זיין קערפער, האט זיך אלץ מעהר בערוהיגט.

מאריא איז געזעסען אויף זיין שויס מיט איהר געזיכט צו זיינעם. ער האט געבליקט אין דיעזען געזיכט אונד דארט בעמערקט א טרויעריגע מיענע.

דאן איז פאר איהם פלוצלינג ערשיענען דאס געזיכט פון זיין שוועסטער — זיין אייגענע שוועסטער, א מעדכען אין דיעזעלבע יאהרען וויא מאריא, מיט אויגען עהנליך צו מאריא'ס אונד אזוי אונשולדיג...

„אונשולדיג?" האט ער זיך געפרעגט.

א שוידער איז געלאפען איבער זיין לייב אונד ער האט געוואלט בעהאלטען זיין געזיכט.

„ווארום רעדט איהר ניט צו מיר?" האט מאריא געפרעגט בעמערקענדיג רעם וועקסעל אין זיינע בענעהמונגען.

איהר שטימע האט איהם נאך מעהר ערוואכט. ער האט א קוק געגעבען אין איהר געזיכט אונד דארט בעמערקט וויא א דערשראקענע מיענע.

מאריא האט געציטערט צו פערלירען דיא הונדערט רובעל. עפעס האט זיא געזעהען אין דיעזען יונגען מענשען, וואס זיא האט נאך אין קיין אנדערן מאן בע־מערקט, אונד זיא האט פערלוירען איהר גאנצען מוטה. זיא האט געשפירט א זעלטענעם רעספעקט צו איהם אונד איין אונגעוועהנליכעס געפיהל פון שאנדע האט זיך אין איהר ערוועקט.

דאן האט ניקאלאי נאך אמאל געקוקט אין איהר געזיכט אונד זיך וויעדער דערמאהנט אן זיין שוועסטער.

„ענטשולדיגט מיר," האט ער ארויס געשטאמעלט.

זיא האט פערשטאנען זיין וואונש. ער האט געוואלט זיא זאל ארונטער געהען פון זיין שויס. זיא האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען אונד זיך געזעטצט אויף דער סאפא נעבען איהם.

„איהר זייט א מערקווירדיגער מענש,“ האט זיא געזאגט אין א פערשעהמטען טאָן.

ער איז געזעסען איינינע אויגענבליקען שטארק פערטראכט. טויזענדער געדאנקען האבען זיך געדרענגט אין זיין געהירן אונד איהם אלץ מעהר אויסגעניכטערט פון דער בערוישונג.

זייא האבעןביידע געשוויעגען א היבשע צייט. דאן האט זיא געפרעגט:

„וואס דענקט איהר?“

ער האט זיך אומגעווענדעט צו איהר אונד געבליקט עטליכע סעקונדען אין איהר געזיכט אונד געענטפערט:

„איך דענק,“ האט ער געענטפערט, „אז איהר זייט איין אונגליקליכע.“

מאריא'ס קאָפּ איז ארונטער געפאלען אויף איהר ברוסט. זיין שטימע האט געקלונגען וועהמיטהיג אונד מיט בעדויערן.

„וואס מיינט איהר איין אונגליקליכע?“ האט זיא געפרעגט שטאמלענדיג.

„זעהט,“ האט ער געזאגט, „איהר זייט יונג, שעהן אונד אנציהענד, אתּו דאָך...“

זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען צו זיינע מיט א פראגענדען בליק.

„אונד דאָך,“ האט ער פאָרטגעזעטצט, „ווערט אייער יוגענד, שעהנהייט אונד אנציהונג געטרעטען מיט דיא פיס, גראדע וויא א שוויין צערטרעט בלומען — פיהלט איהר דאס ניט?“

„וואס זיינען דיעזע פאר א ווערטער?“ האט זיך מאריא געטראכט. „קענען מענער אויך אזוי רעדען?“ האט זיא זיך געפרעגט.

זיא האט פערשטאנען זיין מיינונג, אָבער זיך דערמאָהנענדיג אן איהר לעבען, אן איהר שיקזאל, האט זיא געפרעגט:

„זאגט מיר, איהר זייט אזוי גוט אונד בעמיטליידעט, וויא זאָל איך דען אנדערש לעבען? וואס זאָל איך טהון? אונד וויא קען איך מיך בעפרייען פון אזא לעבען? קענט איהר מיינע פערהעלטניסע? ווייסט איהר וואס האט מיך דערצו געבראכט?“

איהר שטימע האט געקלונגען טרוקען אונד שארף, אָבער אויפריכטיג אונד וועהמיטהיג.

ניקאָלאי האט זיך צו איהר אומגעווענדעט.

ער האט נאך אמאל בעטראכט איהר גאנצע פיגור אונד ער האט געשפירט צו איהר א הערצרייסענדעס מיטלייד.

„קען מען זיא נאך רעטען?“ האט ער זיך געטראכט „יא,“ האט איהם גע־ענטפערט זיין געוויסען. „זיא איז איין אונגליקליכע, אונד אנשטאט פעראכטונג, דארף מען מיט איהר מיטלייד האבען, זיא אויסלערנען אונד צייגען דעם ריכטיגען וועג.“

זיין אלטע טהעאריע, אז עלענד אונד נויט טרייבען אזעלכע פראוויזניצימער צו אזא לעבען, איז בייא איהם ווידער ערשיענען אלס א וואהרהייט. ער האט זיך גע־טראכט, אז אזא פראוויזניצימער, וועלכע האט געשפראכען א געבילדעטע שפראכע, אונד איז דערצו נאך אזוי שעהן אונד אנציהענד, וואלט ווירקליך געקענט איין אנ־שטענדיגען מאן גליקליך מאכען מיט איהר ליעבע אונד טרייהייט.

„איך וויל ניט וויסען פון פערהעלטניסע,“ האט ער געזאגט הויך. „א מענש קען זיין א מענש ווען ער וויל, אפילו ווען ער איז אין א מדבר.“

ניקאלאי האט באלד געטראכט, אז זיין לאגיק איז ניט קיין גוטע, אונד ער האט זיך דערמאהנט, אז פערהעלטניסע שפיעלען גראדע דיא הויפטראלע. זיא האט ניט געענטפערט אונד געהאלטען דעם קאפ ארונטער.

„זעהט,“ האט ער ווידער אנגעפאנגען, „איהר זייט יונג, שעהן, אונד אויך געבילדעט. איהר וואלט געקענט ווערען א גוטע אונד ליעבענדע פרוי, א צערטליכע מוטער, איין אנגענעהמער פריינד אונד א רעספעקטירטע דאמע, ווען איהר וואלט זיך איין אנדערן וועג גענומען. איך ווייס, איהר וועט מיר ענטפערן, אז אין ארמוטה אונד נויטה קען מען ניט עררייכען קיין הויכע שטופע. איך וועל אייך צוגעבען, אז איהר האט רעכט, אבער, פערגעסט ניט, אז גליק מוז ניט גראדע ליעגען אין גאלד אונד זילבער — איבערהויפט קען קיין גליק ליעגען אין אזא ארט לעבען. ווייסט איהר וואס עס קען ווערען פון אייך?“

זיא האט אויפגעהויבען איהר קאפ אונד איהם אנגעקוקט אויפמערקזאם.

„יעטצט שווימט איהר אין א ווילדעס פערגניגען,“ האט ער פארטגעזעטצט. „איהר טרינקט שאמפאניער, איהר טראגט שעהנע קליידער, איהר הוליעט אונד אונטערהאלט זיך. אין דערזעלבער צייט פערגעסט איהר, אז איהר קויפט ערשטענס דאס אלעס מיט אייער עהרע, מיט אייער קערפער, מיט דעם גרעסטען הייליגטהום וואס א פרוי בעזיטצט. דאן, וויא איהר ווייסט, בעטראכט אייך יעדער מאן, ניט מעהר וויא זיין שמוטציגעס ווערקצייג, אונד דיא גראבע בענעהמונג פון יעדען מאן

געגען אייך, איז דער בעסטער בעוויז, אז מען בעטראכט אייך אבסאָלוט ניט פאר קיין מענשען."

מאַריאַ האט אַרויס געשטויסען אַ שמערצהאַפטען זיפץ פון איהר ברוסט. ניקאָלאַי האט זיך איבערצייגט, אַז ער האט בעריהרט איהרע געפיהלע אונד זיא איז גאַנץ ערנסט. דאס האט איהם געגעבען מעהר מוטה ווייטער צו רעדען.

„אום גאָטטעס ווילען," האט ער געזאגט, „האט איהר ניט קיין מאָמענטען ווען איהר דענקט נאך איבער אייער צושטאַנד?"

ניקאָלאַי האט זיך בייא דיעזע ווערטער אויפגעהויבען אונד זיך אוועק גע־שטעלט געגענאיבער איהר, זיך אָנשפאַרענדיג אָן אַ שטוהל.

„האט איהר קיין פאטער?" האט ער געפרעגט. „האט איהר קיינע פריינדע? האט איהר קיין מוטער? אַ מוטער, מיין גאָט! וועלכע האט אייך אויפגעצויגען אין ריינהייט אונד צערטליכקייט; אַ מוטער, וועלכע האט איבער אייך קיין שלעכטען ווינד ניט געלאָזען בלאָזען; אַ מוטער, וועלכע האט זיך טויזענדער מאָל געוואונשען דעם טויט פאַר אייך; אַ מוטער..."

„נענוג! גענוג! אום גאָטטעס ווילען, גענוג!" האט זיא אויסגעשריען איהם אונטערברעכענדיג. אַ שטראָם טרערען האט געפלאָסען פון איהרע אויגען אונד איהר געזיכט איז געוואָרען טויט־בלאַס.

ניקאָלאַי האט זיך לאַנגזאַם אוועק געזעטצט אויפ'ן שטוהל אונד זיך איינגעקוקט אין איהר געזיכט, וועלכעס האט פאַרגעשטעלט דיא פערצווייפלונג זעלבסט.

„איהר ווערט מיר ענטשולדיגען," האט ער געזאגט מיטליידיג. „איך האב דאס נאַר אויסגעשפראָכען, דאמיט צו ערוועקען אין אייך דיעזעס געפיהל, וועלכעס ליעגט אין היהנער־פלעט. איך וויל זיך פאַר אייך ניט ריהמען, אָבער איך מוז מיך נעהמען אַלס ביישפיעל. זעהט איהר מיך? היינט בין איך אַלט געוואָרען 21 יאָהר; איך בין נאָך אַזוי אונשולדיג, גראַדע וויא איהר זייט געוועזען איידער אייער לייכטזינן האט אייך פערפיהרט. איך פערשטעהע גאַנץ גוט, אַז מיינע „גוטע" פריינדע האבען מיך פערשיכור'ט אונד ספעציעל אהער געבראַכט, כדי איך זאָל וואַנדערן אויף דעם־זעלבען וועג וויא זייא. עס איז שוין אויך ניט ווייט געוועזען איך זאָל פאַלען, אָבער דאס געפיהל פון זעלבסטאַכטונג אַלס מענש אונד פון רעספעקט צום צווייטען, האט מיך אויסגעניכטערט אונד מיך געבראַכט צו מיין בעזינונג.

„ניין!" האט ער אויסגעשריען בעגייסטערט. „דיא בעסטיע דאַרף קיינמאָל ניט זיעגען איבער דעם מענשען! אונד איהר פרויען, וועלכע בעזיטצען אימער

מעהר שאנדע אונד מעהר רעספעקט וויא דיא מענער. דארפט נאך ניכער דיך ניט לאָזען פערפיהרען.״

„אָבער ווען איהר זאָלט ויסען...״ האט זיא ארויס געשטאַמעלט.

„וואס זאָל איך וויסען?״ האט ער געפרעגט. „איך וויים בלויז, אז איהר, זייענדיג איין ארמעס מעדכען, האט בעזעסען איין שאַטץ, אייער ריינהייט, אונד דיזען שאַטץ האט איהר געלאָזען צערטרעטען פון שווייגען־פיס! דאס איז אונ־רעכט! מיין גאָט, עס איז אונרעכט!״

מאריא האט זיך אויסגעווישט דיא אויגען אינד האט אָנגעהויבען צו פאסען מוטה.

„זעהט,״ האט זיא געמורמעלט, „איך האב אויסגעהערט אייערע שטראף־ווערטער, יעטצט, ווען איהר ווילט, הערט וואס איך האב צו זאגען.״

„איך וועל הערען מיט געדולד,״ האט ער געענטפערט.

„איך בין געווען איין ארמעס מעדכען, עלענד אונד אין נויטה; צו הויז איז געלעגען א קראַנקע מוטער, אונד איך האב...״

דיא טרערען האבען איהר ניט געלאָזען ווייטער רעדען.

„איך קען ניט, איך קען ניט!״ האט זיא געזיפצט וויינענדיג חעפטיג.

„איך גלויב אייך,״ האט ער געזאגט מיט א ווייכער שטימע, „אָבער, וויא איך האב שוין פריהער געזאגט, איז דער טויט, לויט נאך מיין אנזיכט, פיעל בעסער אונד אנשטענדינער, אלס אזא לעבען.״

„איהר האט רעכט,״ האט זיא געזאגט, „איך האב אמאל פיעל געדענקט איבער דעם טויט, נאָר איך האב דערצו ניט געהאט דעם מוטה...״

„איך מיין ניט גראדע דעם טויט,״ האט ער געענטפערט. „עס זיינען דאָ בעזונדער אויסוועגען זאָגאר אין עלענדען לעבען, אָבער נאָר ניט בעטרעטען דיזען וועג וואס פיהרט צו דער העללע. איהר מוזט אונד איהר זאָלט זיך בעפרייען פון אזא לעבען!״

„בעפרייען?״ האט זיא געפרעגט וויא ערוואכענדיג פון א טרוים. „וויא אזוי? איז עס ניט צו שפעט?״

„צו שפעט!״ האט ער אויסגעשריען, „עס איז קיינמאל ניט צו שפעט! אין געגענוואַרטהייל, עס איז נאך פריה גענוג; איהר זייט יונג, שעהן אונד איהר קענט נאך זיין א געעהרטע אונד געאכטעטע פרוי. איך וויל שוין ניט רעדען פון דער וועלט, אַנדערע פיר זיך אליין. זייענדיג צופריעדען מיט דעם אייגענעם געוויסען, צו מען טהוט וואס רעכט איז, איז אייך א גרויסע זאך!״

וויא זיינען אייגינע אויגענבליקען געבליעבען זיטצען אין א טרויעריגער שטיל־קייט. דאן האט זיא געמורמעלט קוים וואס ער האט געהערט:

„יא, מיין הערר, איהר האט רעכט. אָבער נאך אַלעמען איז דאס לעבען פיעל ביטערער וויא איהר קענט זיך פאָרשטעלען. איך מיין דאס ווירקליכע עלענדע לעבען, וואס א מענש מאכט אליין דורך. איך קען מיך עראינערן ווען איך בין געוועזן ריין, אונשולדיג אונד אונבעקאנט מיט אלע דיעזע זאכען, וועלכע איהר רופט אָן מיט רעכט שמוטציג. זייא זיינען ווירקליך עקעלהאפט. דאן איז ערשיענען יענער שלעכטער מענש — איך מיין דעם אַנקעל — אין מיין וועג...“

„דער שופט!“ האט ניקאָלאי אויסגעשריען קריצענדיג מיט דיא צייהן, „איך האב עס מיר געמערקט.“

„אונד ער האט מיך געשטירצט אין דיעזען אָבגרונד,“ האט זיא ווייטער דער־צעהלט. „עס איז איין אָבגרונד פון וואנען נאָר איין גאָט קען מיך בעפרייען.“

ער האט געשוויעגען.

„אונד, זעהט איהר,“ האט מאריא פאָרטגעזעטצט. „היינט אבענד האט ער מיך דאָ בעשטעלט. ער האט מיר פערשפּראָכען הונדערט רובעל ווען איך וועל אייך פערפיהרען. איך האב אייך גאר ניט געקענט, נאָר איך בין געגאנגען אָפּפערן מיין לייב אונד מיין עהרע, אום דיעזעס געלד צו קריעגען. ווייסט איהר, מיין הערר, צו וועלכען צוועק איך בענעטהיג דיעזעס געלד? מיין מוטער ליעגט אויף׳ן שטערבע־בעט אונד איך האב געטראכט מיט דיעזען געלד צו רעטען איהר לעבען...“

דיא טרערען האבען פערשטיקט איהר שטימע.

ניקאָלאי האט אריין געלעגט דיא האנד אין זיין טאשע אונד ארויס געצויגען עטליכע באנק־נאָטען, וועלכע ער האט איבערגעצעהלט אונד זייא געוואָלט איבער־רייכען מאריא׳ן.

„דאָ האט איהר,“ האט ער געזאגט, „57 רובעל. מעהר האב איך ניט בייא מיר. ווען איהר ווילט, קענט איהר מיך היינט נאכמיטאג אויפזוכען אין מיין וואָהנונג נומער 72 ס. שטראסע, אונד איך וועל אייך געבען ביז צו דער סומע פון הונדערט רובעל.“

מאריא׳ס בליק איז געפאלען אויף דיא באנק־נאָטען אונד זיא האט אייניגע אויגענבליקען נאכגעדענקט. דאן, אָהנע אויסצושטרעקען איהר האנד אום צו נעהמען דאס געלד, האט זיא זיך אויפגעהויבען אונד געזאגט:

„איהר האט געעפענט מיינע אויגען אונד ערוועקט אין מיר דעם לעטצטען פונק גוטעס וואס איז געלעגען בעהאלטען אין מיין ברוסט. איך וועל פאָלגען אייער

ראטה אונד פון דיעזען מאָמענט אָן אנפאנגען צו פיהרען איין אנדערעס לעבען. איך וויל אייער געלד נים נעהמען, ניין, קיינעמ'ס געלד. אום מיין מוטער צו רעטען, וועל איך באלד, וויא פפאנד־הייזער וועלען זיך עפענען, אוועק געהען אונד פערזעטצען אלע מיינע קליידער, וועלבע איך האב מיר ערוואָרבען אין שאנדע. מיט דיעזען געלד, וועל איך רעטען מיין מוטער. איך דאנקע אייך; איהר זייט דער עדעלסטער מענש, וועלכען איך האב בעגעגענט, אונד איך האב נאָר איין וואונש אויסצושפּרעכען: ווען איהר שעהמט זיך נים, זאָלט איהר מיר ערלויבען צייטענווייז צו בעזוכען אייער וואָהנונג; איך וויל הערען נאָך אמאל דיעזע שטימע רעדען. ניין, ניין, איהר דארפט קיין מורא נים האבען, מאריא איז שוין נים דאס וואס זיא איז געוועזען אונד וועט עס אויך קיינמאל מעהר נים זיין — איך וועל ערשיינען ערניעדריגט, געשענדעט אונד בעוואוסט ווער איך בין אונד ווער איהר זייט.״

ניקאָלאי האט נאָך אימער געהאלטען דאס געלד אין זיין האנד. ער האט אנפאנגס געוואָלט פּראָבירען איהר איינצורעדען, אז זיא מעג דאס צונעהמען, נאָר איהר עדעלער ענטשלוס איז איהם אזוי געפעלען געוואָרען, דאס ער האט נים גע־וואגט איהם אנצוגרייפען. ער האט דאן אריין געלעגט דאס געלד צוריק אין קעשענע, אונד אויסשטרעקענדיג זיין האנד צו איהר, האט ער געזאגט:

„פריינדין, גיבט מיר אייער האנד!״

זיא האט איהם געגעבען איהר האנד, וועלכע האט געציטערט.

„געדענקט,״ האט ער ווייטער געזאגט, „אז איהר האט אין מיר אימער א א פריינד אונד א ברודער. קומט צו מיר אָפט, אזוי פיעלע מאל וויא איהר ווילט, אונד עס וועט מיך פרייען אייך צו זעהען אלס מיין גוטע פריינדין.״

דיא טרערען זיינען געלאָפען אין שטראָמען פון איהרע אויגען.

„איך דאנק אייך,״ האט זיא געמורמעלט.

דאן האט זיא אָבגעלאָזען זיין האנד אונד זיך אָבגעווענדעט אויסווישענדיג איהרע אויגען מיט איהר טאַשענטוך.

ניקאָלאי האט דערווייל בעמערקט, אז עס איז שוין טאָג.

„לעבט וואָהל, פריינדין,״ האט ער געזאגט.

„צום ווידערזעהען, מיין הערר,״ האט זיא געענטפערט. „געהט אונד גאָט זאָל אייך בעלוינען פאר אייערע עדעלע ווערטער.״

ער האט נאָך אמאל געוואָלט זעהען איהר געזיכט, נאָר זיא איז געוועזען פון איהם אָבגעווענדעט. ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר אונד פּראָבירט עפענען. זיא

איז געווען פערשלאָסען. אָבער יעמאנד האט פון דרויסען באלד אויפגעשלאָסען אונד ער איז ארויס.

„מיין גאָט! מיין גאָט!" האט מאריא געמורמעלט והעהמיטיג, שפירענדיג שאנדע, ערגער אונד שמערץ. זיא איז צוריק געפאלען אויף דער סאָפא אונד איז געבליעבען זיטצען פערזונקען אין פינסטערע געדאנקען.

4.

מאריא איז אזוי געזעסען אין דיעזער פּאָזיציאָן עטליכע מינוטען, דענקענדיג איבער אַלעס וואס עס איז מיט איהר אין דער לעטצטער האלבע שטונדע פאָר־געגאנגען, אָבער זיא האט נאך אלץ ניט געקענט פאסען קיין קלאָרע מיינונג דאריעבער.

זיא האט בלויז געוואוסט, אז דיעזעס לעבען וואס זיא האט געפיהרט וועהרענד דיא לעטצטע זעקס מאָנאט, מוז אויפהערען אונד עס האט שוין אויפגעהערט.

ווארום? וויא אזוי? האט זיא נאך ניט אין גאנצען גענוי בעגריפען. עפּעס האט אלעס אויסגעזעהען וויא א שרעקליכער חלום אונד זיא האט פּלוצלינג ערוואכט זיך רייבענדיג דיא אויגען אום צו זעהען דיא ווירקליכקייט.

זיא האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון דער סאָפא, צוגעגאנגען צום טיש, אונד דאן האט זיא אָנגעפאנגען צו שפּאצירען האסטיג הין־אונד־צוריק איבער דעם צימער.

זיא איז געבליעבען שטעהען נעבען פענסטער אונד ארויס געקוקט אין דעם גרויען מאָרגען, וואו אייניגע מענשען האבען זיך שוין געצייגט אויף דער גאס.

דאן איז ערשיענען אין איהר פאנטאזיע ניקאָלאַי'ס בילד; זיין שעהנעס אונד ערנסטעס געזיכט; זיין איבערצייגענדע אונד עהרליכע שטימע.

„וואס איז דאס פאר א מענש?" האט זיא זיך געפרעגט. זיא האט נאך אזא מאַן אין איהר לעבען ניט געזעהען.

„פיעללייכט איז ער א מלאך?" האט זיא זיך ווייטער געפרעגט, „אָדער פיעללייכט איז דאס נאר דער גייסט פון מיין טויטען פאטער?"

זיא האט זיך עראינערט אן איהר פאטער; ער איז אפילו געשטאָרבען ווען זיא איז אלט געווען בלויז זיעבען יאָהר, אָבער זיין פיגור איז איהר נאך געשטאנען פאר דיא אויגען.

זיא האט זיך עראינערט אן זיין צערטליכער ליעבע צו איהר; וויא ער פלעגט זיא האלטען אויף זיין שויס, קושען אונד האלזען; אונד דאן, וויא דיעזער פאטער

איז אין א טאָג אהיים געבראכט געוואָרען טעדטליך פערוואונדעט פון א באַוע, וועלכע איז איהם אריבער געפאָהרען.

מאריא'ס פאטער איז פעראונגליקט געוואָרען אויף זיין פאָסטען, וואו ער האט געדיענט אלס סטאַציאָנס־מייסטער.

מאריא האט אויך געדענקט, וויא אין א פריה־מאָרגען — עס איז געוועזען ווינטער — האט איהר פאטער, ליעגענדיג אויף'ן בעט, זיא אומארמט, אונד ווייענענדיג האט ער געזאגט:

„מיין קינד, זייא גוט אונד פרום, אונד גאָט וועט דיר העלפען."

דאַן איז ער געשטאָרבען, אונד וויא זיא האט געוויינט אונד גאר ניט געקענט פערגעסען אן איהר פאטער!

ביי דיעזער עראינערונג האט זיא זיך דערמאָהנט אן איהר שענדליכעס לעבען וואס זיא האט לעטצטענס געפיהרט, אונד זיא האט געשוידערט.

ניקאָלאַי'ס בילד איז ווידער ערשיינען: זיא האט זיך נאך אמאל דערמאָהנט אן אלע זיינע ווערטער — אונד וויא גוט, עדעל אונד ליעבענסווירדיג ער איז!

זיא האט געדענקט וואס זיא האט איהם פערשפראָכען, אונד, וויא מורא האבענדיג, טאָמער וועט זיא ניט האַלטען איהר וואָרט, האט זיא אויפגעהויבען ביידע הענד וויא אין געבעט, אונד געזאגט:

„זעעלע פון מיין פאטער! בייא דיר שווער איך יעטצט צו האַלטען דאס פערשפרעכען וואס איך האב געגעבען צו דיעזען עדעלען אונד יונגען מענשען! זאָלסטו מיך פערפאָלגען שלאָפענדיג אונד וואכענדיג, ווען איך וועל ברעכען דיעזען שוואור!"

דיעזער געפאסטער ענטשלוס האט זיא אביסעל בערוהיגט. זיא איז שוין זיכער געוועזען, אז זיא וועט איהר וואָרט מעהר ניט ברעכען.

מאריא האט אויך געשפירט וויא איהר הערץ הערט אויף לאנגזאם אזוי שטארק צו קלאפען, אונד דיא געדאנקען זיינען געקומען קלאָר אונד דייטליך אין איהר קאָפּ.

„העלף מיר גאָט!" האט זיא געמורמעלט, „צו זיין גוט אונד עדעל, — צו זיין וויא יענער עדעלער מענש, דיין ענגעל, האט מיך געראטהען."

מאריא האט יעטצט אָנגעפאנגען צו דענקען איבער דיא קליידער וואס זיא האט בעשלאָסען צו פערזעטצען. זיא האט זיך דערמאָהנט וואו דיא זיינען, אונד זיא האט שוין געמאכט א פלאן וויא אלע צוזאמען צו נעהמען אונד דיא פערזעטצען אין געלד.

זיא האט געוואוסט, אז דיא קליידער וועלען ניט פיעל איינברענגען, טראָטץ דעם וואס זיא האט פאר זייא בעצאָהלט איבער 300 רובעל. זיא האט זיך ניט געריכט מעהר וויא אויף א 25־גער.

„אָבער דאס וועט אויך מוזען זיין גענוג,“ האט זיא געטראכט. „גאָט זאָל מיר העלפען, אז איך זאָל רעטען מיין מוטער דערמיט.“

זיא האט זיך אומגעווענדעט אונד איז אויסגעקומען מיט איהר געזיכט צו א קליינעם פיער־עקינען שפיעגעל. זיא האט בעמערקט וויא איהרע באקען זיינען בלאס אונד איהרע אויגען פערוויינט. זיא האט ארויס געצויגען דאס טאשענטיכעל בעד נעטצט מיט איהר צונג אין עק, אונד זיך אָנגעפאנגען אויסצרווישען דיא פערוויינטע אויגען.

ניקאָלאי'ס שטימע האט אויסגעזעהען נאך אימער צו קלינגען אין איהרע אויערן מיט א שרעקליכער ווארנונג. וואס מעהר זיא האט זיך דערמאָהנט אן זיינע ווערטער, אַלץ מעהר פערטיעפט איז זיא געוואָרען אין געדאנקען.

איהר הערץ האט שווער געקלאפט אונד איהר בוזים האט זיך שטירמיש גע־הויבען. זיא האט דאן ארויס געאטהעמט א שווערען זיפץ אונד געשפירט אין ער־לייכטערונג.

דיא טהיר האט זיך אונטערדעסען געעפענט, אונד יעמאנד איז אריין געקומען. זיא האט דאס געהערט, אָבער זיא האט זיך ניט בעקימערט ווער דאס איז.

„א שעהנע בחור'טע, בלעבען,“ האט זיך געהערט א שטימע. „ער איז שוין אוועק געגאנגען, אונד דיין גאנצע קונסט האט זיך אויסגעלאָזען מיט גאר ניט. האסטו געזעהען דיא קינסטלערין? זיא קען בעזיעגען דיא גאנצע וועלט, נאר ווען עס קומט צו עפעס, איז קיינער ניטאָ אין דער חיים. אירגענד איינע וואָלט עס דורכ־געפיהרט מיט איינס צוויא.“

מאריא האט זיך לאנגזאם אומגעווענדעט אונד ערבליקט דעם אָנקעל. עס האט אויסגעזעהען, אז זיא וויים גאר ניט וואס ער רעדט, אונד זיא האט איהם אָנ־געקוקט מיט פערגלאָצטע אויגען.

„צונעבראכט א נאכט מיט גאר ניט,“ האט ער ווייטער געזאגט. „צו וואס דען טויגסטו ווען ניט צו דעם? זעה, עפעס וויא זיא קוקט מיך אָן? אך, מיין טייבעלע, מיין ניט, אז דו וועסט אָבנארען דעם אָנקעל; ניין, ניין, מיך נארט מען ניט. דורך דעם שליסעל־לאָך האב איך אַלעס אויפגעפאסט אונד געזעהען גאנץ גוט. מיך נארט מען ניט. דוא האסט פערלוירען הונדערט רובעל פון דער קעשענע. קריעגסט ניט א קאָפּיקע!“

מאריא איז געשטאַנען ווי א סטאַטוע אונד כמעט ניט פערשטאַנען אפילו איין וואָרט וואס ער האט געשפּראָכען.

„איך וויים, דוא וואגסט אפילו ניט צו רעדען א וואָרט,“ האט דער אָנקעל געברומט מונטער, צוקומענדיג נעהנטער. „דוא ביזט זעהר מיאוס דורכגעפאלען.“

ער האט אונטערדעסען בעמערקט איין אונגעוועהנליכע מיִנע אויף איהר געזיכט אונד ניט געקענט בעגרייפען וואס דאס בעדייטעט.

„אָבער וואס ביסטו אזוי טרויעריג?“ האט ער געפרעגט צערטליך אונד טרייסטענד. „עס מאכט ניט אויס, דוא בלייבסט נאָך אימער דיא ליעבליכע מאריא.“

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד אונד געליינט אויף איהר נאַקעטען שולטער זיא גלעטענדיג.

„זאָל ער געהען צום טייפעל,“ האט ער פאָרטגעזעטצט, ארום נעהמענדיג מיט דער אנדערער האנד איהר טאליע. „יעטצט קום מיט מיר; איך וויל מיך אביסעל דורכפאָהרען אויף דער פרישער לופט; מיר וועלען נעהמען א דראָשקע. נאָך אזא נאכט פון אזוי פיעל טרינקען, איז גוט אביסעל אויסצופאָהרען. דאן קעהרסטו מיט מיר צוריק אונד מיר נעהמען צוזאמען א צימער אין האָטעל. אונד, דוא זאָלסט דאן איינזעהען, אז דער אָנקעל ווייסט וויא דיך צו שעטצען. ווען דיר איז ליידער ניט געלונגען צו פערדיענען דעם הונדערטער, גיב איך דיר, פון מיין אייגענער טאשע א 25־נער.“

מאריא האט נאָך אימער געשוויגען אונד זיך ניט געריהרט פון פלאַטץ.

„וואס איז מיט דיר?“ האט דער אָנקעל געפרעגט ערשטוינט. „ווארום ענטפערסט דוא ניט?“

דיא לעטצטע ווערטער האבען אויסגעזעהען זיא צו ערוואכען. א פערשטעהענדליכער בליק איז ווידער אריין אין איהרע אויגען, אונד, זיך איינקוקענדיג אביסעל אין אָנקעל׳ס געזיכט, האט זיא זיך פלוצלינג אויסגעריסען פון איהם.

„געהט צום טייפעל!“ האט זיא געשריען מיט א הייזעריגער שטימע. „געהט אוועק פון מיר, שטן! אוועק פון מיינע אויגען, אבשייליכער מענש...“

דיא ווערטער האבען אויסגעזעהען זיא צו ווערגען, ווייל זיא האט מעהר ניט געקענט רעדען.

זיא האט שווער געאָטהעמט אונד איהר געזיכט איז געוואָרען אזוי בלאַס וויא דיא וואנד. אבער איהרע אויגען האבען געברענט וויא צוויא קוילען פייער, אונד

דער אָנקעל, וועלכער האט דאס בעמערקט, איז אויך בלאס געוואָרען אונד זיך דערשראָקען.

„וואס איז מיט דיר?“ האט ער געפרעגט צוריק טרעטענדיג אביסעל „ביסטו משוגע געוואָרען?“

„משוגע געוואָרען? ניין, טייפעל, איך בין נעקומען צו מיין ריינעם פער־שטאַנד; איהר האט מיך געשיקט צו פערפיהרען איין ענגעל אונד דיעזער האט מיך דערמאָהנט, אז איך בין א מענש אונד איהר אלע זייט געמיינע, ניעדריגע אונד אבשייליכע טייפלען...“

זיא האט געציטערט אין יעדען גליעד פאר אויפרעגונג. איהר געזיכט האט אָנגענומען איין אונגעוועהנליכע מיענע.

„אָבער מאריא, אום גאָטעס ווילען, וואס איז מיט דיר געשעהען?“ האט דער אָנקעל געפרעגט פראָבירענדיג זיא צו בערוהיגען; ער האט דאן געמאכט א שריט פאָרווערטס, אונד אויסשטרעקענדיג זיינע הענד, האט ער זיא ווידער געוואָלט אומארמען.

„דוא שפיעלסט דאָך אויסגעצייכענט קאָמעדיע; דוא קענסט דאָך איינעם מאכען לאַכען ביז טויט“ — אונד בייא דיעזע ווערטער האט ער געלייגט דיא האנד אויף איהר שולטער.

מאריא איז פון איהם צוריק געשפרונגען, גלייך וויא א שלאַנג וואָלט זיא גע־ביסען. אין יענעם אויגענבליק האט א רויטע פארב צוריק געקעהרט אין איהר געזיכט; עס איז געווען דאס בלוט פון שאנדע אונד צאָרן וואס האט אָנגעפיללט איהרע באַקען. אָבער דאס האט זיא פערוואַנדעלט אין א וואונדערבארע שעהנהייט. איהר פיגור האט זיך אויך אויסגעצויגען אונד איז געוואָרען גרעסער וויא געוועהנליך.

אין איהרע אויגען האט אויפגעפלאַמט א בליק פון דעם טיעפסטען אבשייא אונד פעראַכטונג; איהרע פינגער האבען זיך קראַמפפהאַפט צוזאַמען געדריקט אין איהרע פויסטען.

„אָבער, מאריא...“ דער אנקעל האט מעהר נים געקענט רעדען, ער האט זיך פאר איהר דערשראָקען.

וויא א טיגערין, בייא וועלכער מען האט גערויבט איהר קינד, אזוי איז מאריא צוגעשפרונגען צום אָנקעל, אונד איהרע צארטע הענד האבען אָנגעכאַפט זיין האלז.

„דוא מערדער,“ האט זיא געמורמעלט הייזעריג אונד פערשטיקט. „גיב מיר צוריס מיין אונשולד, מיין לעבען, מיין רוהע...“

„אָבער, חער...‟ דער אָנקעל האט געשפירט ווי מאַריאַ דריקט אַלץ מעהר זיין האלז אונד ער קען ניט רעדען. פאר זיינע אויגען האבען אָנגעהויבען צו פליהען פונקען אונד דאן איז פינסטער געוואָרען.

ער האט ניעמאלס געדרעבענט, אז זיא האט אזא קראפט אין איהרע הענד. ער האט זיך דערמאָהנט, אז זיא טהוט עס פיעללייכט דערפאר, ווייל ער גיבט איהר ניט דיא הונדערט רובעל, אונד ער איז געוועזען ענטשלאָססען איהר צו געבען דאס געלד, אבי זיא זאָל אָבלאָזען דעם אייזערנעם גריף פון זיין האלז, אָבער ער האט ניט געקענט רעדען.

„שטארב, דוא שופט!‟ האט זיא ווייטער געמורמעלט.

דער אָנקעל האט ערוואַרטעט זיין טויט. ער איז זיכער געוועזען, אז מאַריאַ איז פלוצלינג משוגע געוואָרען אונד ער איז איהר ערשטעס אָפּפער.

מיט דער קראפט פון א טרינקענדען, האט ער אָנגעכאַפּט מיטביידע הענד איהר טאַליע אונד זיא געוואָלט אָברייסען פון זיך.

מאַריא איז געוועזען אין דער פירכטערליכסטער וואוטה אויף דיעזען מאַן, איבער וועלכען זיא האט געגלויבט, אז ער איז דיא גאנצע אורזאכע פון איהר אונגליק, אונד זיא איז געוועזען פאָזיטיוו ענטשלאָססען איהם צו דערווערגען.

זיין קאמפף אָבער, האט זיא געבראכט צו דער בעזינונג, אונד עס האט זיך איהר געדאכט, אז ניקאָלאי'ס שטימע קלינגט ווידער אין איהרע אויערן.

„ניין, ניין,‟ האט זיא זיך פלוצלינג געטראכט, „קיין מערדערין וויל איך ניט ווערען, עס איז גענוג...‟

מיט איין איבערנאטירליכע קראפט האט זיא איהם פעסטער אָנגענומען אונד איהם געגעבען אזא שליידער, אז ער איז געפאלען אין א ווינקעל זיך אָנשלאָגענדיג מיט זיין קאָפּ אָן דעם פוס פון א ביינקעל

ער איז געבליעבען ליעגען אין טויט־שרעק, אונד בלויז קוקענדיג צו איהר וויא א פערוואונדעטע חיה, האט ער ניט געוואגט צו עפענען זיין מויל אום עפּעס צו רעדען.

זיא האט איהם צוגעוואָרפען א בליק, אין וועלכען עס איז געלעגען א גאנצע וועלט מיט פעראכטונג. דאן האט זיא זיך אָבגעווענדעט אונד ארויס געקוקט פון פענסטער, זיך ניט מעהר בעקימערענדיג אום איהם.

„מיין גאָט! מיין גאָט!‟ האט זיא געקלאגט, אונד זיך אומווענדענדיג, איז זיא צוגעגאנגען צו דער טהיר, געעפענט, אונד איז ארויס אויף דער גאס, לאָזענדיג דעם אָנקעל אימער ליעגענדיג אויף דער ערד.

זיא האט אנגעפאנגען צו לויפען שנעל איבער דעם טראטואר, אונד דאס קלאפען פון איהרע קנאפעל אויף דיא שטיינער, האט זיא ערשרעקט. אז זיא לויפט צו שטארק.

זיא האט איינגעהאלטען איהרע שנעלע טריט, אונד דיא פרישע מארגען־לופט האט געפאכט איהר דערהיטצטעס געזיכט.

מאריא איז געוועזען א גאנץ אנדערער מענש. זיא האט געשפירט א גרויסען שמערץ אין איהר ברוסט אונד איהר הארץ האט נים אויפגעהערט וועהמיטהיג צו קלאפען.

זיא האט בעטראכט דיא טהירען פון דיא געשעפטס־הייזער, וועלכע זיינען נאך געווען פערמאכט, אונד זיא האט זיך געטראכט, אז זיא איז דיא איינציגע אונגליק־ליכע אין דער וועלט, וועהרענד יעדער אנדערער, יעדער אנשטענדיגער אונד עהר־ליכער מענש, שלאפט זיך רוהיג אונד וועט באלד אויפשטעהען צו איין עהרליכעס אונד טהעטיגעס לעבען.

אין יענעם אויגענבליק איז איהר דאס לעבען גמאס געווארען אונד זיא האט געוואלט שטארבען.

„וואס בין איך אונד ווער בין איך?“ האט זיא זיך געפרעגט געהענדיג אהנע ציעל אונד אהנע ריכטונג.

„איך בין איין אבשייליכעס וועזען,“ האט זיא זיך געענטפערט, „דער שמוטץ, דיא פעראכטונג זעלבסט.“

זיא האט געשפירט א קעלט לויפען איבער איהר לייב אונד א גיפטיגען האס צו אלע מענשען.

דאן האט זיא זיך דערמאהנט אן ניקאלאיין; אן זיין גוטמיטהיגקייט, אן זיינע זיסע ווערטער, אונד זיא האט פלוצלינג פאר זיך דערזעהן א שיין פון איין אנדערעס לעבען. נייע עראינערונגען, פרישע געפיהלע, האבען זיך אין איהר ערוועקט, אונד זיא האט אנגעהויבען שטאלץ צו זיין אויף איהר זעלבסט. וואס זיא איז געוועזען שטארק גענוג צו פאסען אזא בעשלוס, אז זיא זאל פערשטייסען דיא פער־נאנגענהייט.

אונווילקענדיג האט זיא זיך געשפירט פרעהליך אונד א גליקליכעס געפיהל, וויא אמאל אין איהר אונשולדיגער קינדהייט, האט זיך איבער איהר בער־שעכטיגט.

איהרע ליפען האבען געציטערט אונד איהר קערפער האט געפיעבערט. װארעמע טרערען האבען אנגעפאנגען צו לויפען פון איהרע אויגען איבער דיא

באקען, אונד מאנכע פון דיעזע טרערען, זיינען אריין נערתען אין איהר מויל. זיא האט נעשפירט דיא נעזאלצענע טרערען אונד זיך נעטראכט, אז דיעזע טרערען קומען פון איהר ריינער זעעלע.

„מיין גאָט! מיין גאָט!" האט זיא געמורמעלט. „וויא האב איך געקענט אזוי זיין? וואו זיינען מיינע אויגען פריהער געוועזען?"

„גוט מאָרגען, מאריא!" האט פּלוצלינג אויסגעקלונגען א שטימע נעבען איהר. עס איז געוועזען א סטודענט פון דיעזע, מיט וועלכע זיא האט זיך פארטאָג בעגעגענט צוזאמען מיט ניקאָלאַיין.

זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען, איהם אָנגעקוקט אונד דערקענט. דאַן, וויא א דערשראָקענער האָז, האט זיא זיך אָבגעווענדעט אונד איז ענט־לאָפען.

זיא האט געהערט הינטער זיך דעם סטודענט נאכרופענדיג איהר נאמען אונד לאכען, אָבער זיא האט זיך ניט אומגעקוקט.

זיא איז שנעל געגאנגען א היבשע צייט, ביז זיא איז אָנגעקומען אין א הינטער־גאס אונד זיך אָן עפּעס דערמאָהנט.

עס איז געוועזען דיא עראינערונג אן איהר מוטער, אונד אויך אן דיא קליידער וואס זיא דארף פערזעטצען אום זיא צו רעטען.

„דיא קליידער?" האט זיא זיך געפרעגט.

דיא קליידער זיינען געוועזען אין צווייא פערשיעדענע האָטעלען וואו זיא האט געהאלטען א צימער. אום דיא קליידער צו קריענען, האט זיא בעדארפט צוריק געהען אונד זייא נעהמען. דאַן האט זיא זיך דערמאָהנט, אז מען וועט איהר דיא קליידער ניט ארויס געבען, ווייל אויף איין פּלאטץ איז זיא שולדיג 14 רובעל אונד אויף דעם צווייטען 9 רובעל.

„ניין, ניין," האט זיא געמורמעלט ענטשלאָסען, „איך קעהר אהין מער ניט צוריק! ניין, מיין גאָט, איך קען ניט! אפילו ווען איך זאָל דאָרט גאר ניט שולדיג זיין, קען איך עס אויך ניט טהון. אין יענע געגענדען, זאָל מיין פוס מעהר ניט טרעטען."

דיא עראינערונג אן איהר מוטער האט ארויס גערופען א גרויסען שמערץ אין איהר ברוסט.

„מיין גאָט!" האט זיא אויסגעשריען, „איך קען ניט, איך קען ניט! דוא, בארמהערציגער גאָט, האב יעטצט רחמנות מיט מיין ארמער מוטער — מיט קיין אנדרע נעלד, קען איך זיא ניט רעטען!"

א זעלטענע רוהע האט זיך אין איהר פלוצלינג ערוועקט, אונד זיך אומקוקענדיג וואו זיא איז, האט זיא זיך אומגעווענדעט אויף א צווייטער זייט, אונד מיט גע־מאָסטענע טריט, האט זיא אָנגעפאַנגען צו געהען אהיים וואו איהר ט יער איז געלעגען.

5.

ווען ניקאָלאי האט פערלאָזען דעם זאלאָן וואו ער האט געהאט דאס לעטצטע געשפרעך מיט מאריא׳ן, איז ער ארויס אויף דער גאס אונד קיינעם ניט גע־זעהען.

ער איז שוין געווען פאָלקאָמען ניכטער, בלויז דער קאָפּ האט איהם וועה גע־טהאָן אונד ער האט געשפירט א ברענענדען שמערץ אויף׳ן הארצען.

די פרישע לופט האט איהם ערקוויקט, אונד געהענדיג האט ער בעמערקט א ברונען, וואוהין ער איז צוגעגאנגען אונד געטרונקען אביסעל פרישעס וואסער. דאס האט געשטילט דאס ברענען אויף׳ן הארצען.

דאס גאנצע בילד פון דער פערגאנגענער נאכט, האט אָנגעפאנגען פאר איהם ווידער צו ערשיינען, מיט אלע שווערהאפטע אונד עקעלהאפטע איינצעל־הייטען.

אנפאנגס האט ער געשפירט א גרויסען האס צום אָנקעל, אָבער נאכהער, האט זיך דיעזער האס פערוואנדעלט בלויז אין א טיעפער פעראכטונג צום אָנקעל אונד צו אלע זיינע קאמעראדען.

„זייא שווימען אין א ים שמוטץ,“ איז געווען זיין אורטהייל, „אונד שווימען אזוי לאנג, ביז זייא ווערען דאָרט דערטרונקען. ווער עס קומט נאהענט צו זייא, ווערט אָנגעשטעקט מיט דעם שמוטץ, אונד — עס איז איין אבשייליכע וועלט!“

דאן איז פאר איהם ערשיענען דאס בילד פון מאריא׳ן, אונד, זיך דערמאָה־נענדיג וואס פאר א ווירקונג ער האט אויף איהר געמאכט, האט עס איהם געפרייט.

„זייא זיינען ניט שולדיג, ניין, ניט זייער שולד איז עס,“ האט ער זיך גע־טראכט, „עס איז דאס פערברעכען פון די קענינע דער שעפפונג — די מענער, וויא פערדיענען די תליה! ארמע אונגליקליכע! דוא ביסט געפאלען וויא טויזענדער אונד צעהנדלינגער טויזענדער אנדערע; דוא האסט געשוועבט אין פער־געסענהייט איבער דיר זעלבסט, אונד, ווען עס האט פאסירט, וואס יעמאנד האט זיך דערמאהנט וואו דוא ביסט אין דער וועלט, האט זיך אין דיר ערוועקט דאס

עדעלע וויבליכע געפיהל אונד ביסט געוועזן בערייט דיך צו בעגראָבען לעבעדיגערהייט פאר שאנדע. ארמע מאריא!"

איהר בלאַסעס געזיכט, איה ע ציטערענדע ליפען אונד איהרע דערשראָקענע אויגען, זיינען ערשיענען פאר זיין פאנטאַזיע אונד ער האט געשפירט אזא מיטלייד צו איהר, וויא ער האט נאָך אין זיין לעבען ניט געפיהלט.

ער האט ניט געקענט פערגעסען אן איהר ענטזאגונג זיך צו נעהמען זיין געלד, טראָטץ דעם וואס איהר מוטער ליעגט אויף'ן שטערבע־בעט.

„זיא איז געראַטעוועט!" האט ער געמורמעלט ערפרייט איבער דיעזער טהאַטזאַכע.

„אָבער וויפיעל אנדערע פאלען אונד זינקען ניט צום אויפשטעהען?" האט ער זיך געפרעגט מיט א זיפץ.

ער האט זיך דערמאָהנט אן דיא אנדערע וואס ער האט דאָרט געזעהען אונד זיין הערץ האט איהם וועה געטהאָן זיך מערקענדיג זייער שיקזאל.

„אונד דאס אלעס טהון דיא מענער, צו זייער שמוטציגעס פערגניגען!" האט ער אויסגעשריען. „זייא רייסען אויס דיא בליהענדע בלום, שטעקען זייא אריין אין זייער ראָק אונד טראָגען זייא אזוי לאנג וויא זיא איז שעהן אונד פארפומירט. דאן, וויא זיא פאנגט אן צו וועלקען, שמייסען זייא דיא ארמע בלום אויף דער ערד אונד צערשמעטערן זיא מיט זייערע פיס. אבשייליכע מענער!"

ער האט וויעדער געזעהען מאריא'ס גראַציעזען קערפער, וויא זיא איז געזעסען אויף דער סאָפא, וויא זיא האט זיך אויפגעהויבען; איהר שעהנעס געזיכט, איהרע ערוועקטע עדעלע געפיהלע אונד איהר זעעלען־שמערץ.

„אונד וואס קען פון איהר יעטצט ווערען?" האט ער זיך פלוצלינג געפרעגט.

דיעזע פראגע איז בייא איהם צום ערשטען מאל ערשיענען. ער האט זיך נאָך ביז דאמאלס ניט פאָרגעשטעלט וואס עס קען ווערען פון אזא אונגליקליכע, ווען זיא איז פערראכטעט פון דער גאנצער וועלט אונד האט קיין איינציגעס מיטעל וויא אזוי צו קעמפפען מיט איהר שיקזאל.

עס האט איהם שטארק פערדראָסען ווארום ער האט זיא ניט געצוואונגען זיא זאָל בייא איהם נעהמען דאס געלד וואס ער האט איהר געוואָלט געבען.

ניקאָלאי איז געוועזן פעסט איבערציינט, אז נאכדעם וואס ער האט בייגע־וואָהנט, וועט מאריא ניט מעהר צוריק קעהרען צו איהר לעבען פון שמוטץ, אָבער איין אנדערער געדאנק איז איהם איינגעפאלען.

„זיא וועט בעגעהען זעלבסטמאָרד,“ האט ער צו זיך געמורמעלט ער־שראָקען.

ער האט געוואָלט צוריק קעהרען אונד זאָל זיא נאָך אמאָל אויפזוכען, אָבער ער האט זיך פּלוצלינג געזעהען שוין ניט ווייט פון זיין וואָהנונג, אונד דאַן האט ער זיך דערמאָהנט, אַז זיא האט איהם געזאָגט, דאס זיא וועט באַלד געהען פער־זעטצען איהרע קליידער, אונד זיא איז שוין געווים פון דאָרט אוועק.

איין זאַך האט איהם געטרייסט, וואס זיא האט איהם געבעטען, ער זאָל איהר ערלויבען איהם צו קומען בעזוכען.

„ווען זיא וועט קומען,“ האט ער זיך געטראַכט שפּירענדיג א גליקליכעס געפיהל זיא ווידער אמאָל צו זעהען, „וועל איך זיא ניט מעהר אוועק לאָזען, ביז זיא וועט ניט אָקצעפּטירען מיין הילפע.“

אין פראָנט פון זיין וואָהנונג, איז שוין געשטאַנען זיין דיענער אונד איהם ערווארטעט. דער דיענער איז געוועזען שטארק בעזאָרגט אום איהם, ווייל ער האט געוואוסט, אַז זייט ער קען איהם, איז ער נאָך אַזוי לאַנג ניט אויסגעבליבען אין דער נאַכט.

ניקאָלאַי האט איהם פריינדליך בעגריסט, אונד דאַן האט ער געבעטען, ער זאָל איהם בעזאָרגען מיט א פּאאר גלעזער שטארקע טהעע אונד לימענע.

דער דיענער האט בעטראַכט ניקאָלאַי׳ס בלאַסע געזיכט, אונד ניט זעהענדיג ער זאָל זיין שיכור, האט ער געמיינט, אַז ער איז קראַנק.

„זאָל איך בעסער געהען רופען א דאָקטאָר?“ האט ער געפרעגט שטאַרר לענדיג.

„אָה ניין, ניין,“ האט ניקאָלאַי געענטפערט, „איך דארף ניט קיין דאָקטאָר; אָדער, וועניגסטענס וועט מיר דער דאָקטאָר גאר ניט העלפען. בעזאָרג מיך מיט טהעע אונד איך וועל באַלד ווידער ווערען איין אנדערער מענש.“

דער דיענער האט מעהר ניט געשפּראָכען, אונד איז אוועק צו ערפילען זיין הערר׳ס בעפעהל.

6.

נאכדעם וויא ניקאָלאַי האט אויסגעטרונקען א פּאאר גלאָז טהעע, האט ער זיך געלעגט אויף זיין בעט, ניט אויסגעצויגען, אונד גענומען א בוך אין זיינע הענד, מיט דער אבזיכט אָבצוווענדען זיינע שטירמישע געדאנקען אונד ער זאָל איינ־שלאָפען.

אָבער דיא אבזיכט צו שלאָפען, האט ער ניט געקענט אזוי לייכט דורכ־פיהרען; זיינע געדאנקען זיינען געווען צו פיעל אויפגעברויזט אונד עס איז איהם אונמעגליך געווען צו שליעסען דיא אויגען.

אונגעפעהר אום 10 אוהר, האט ער געהערט וואסיל׳ס שטימע אין קאָ־רידאָר, רעדענדיג מיט זיין דיענער. ער האט דערקענט אן דער שטימע, אז וואסילי איז געוועזען גוט שיכור, אונד איז נאך גאר ניט געשלאָפען.

ני׳קאָלאַי׳ס דיענער האט פערשטאנען, אז ער זאָל וואסיליי׳ן ניט אריין לאָזען צו זיין העררן, אונד ער האט איהם אָבגעפטר׳ט מיט עטליכע ווערטער.

ניקאָלאַי האט זיך גענומען ווייטער לעזען אין בוך, אָבער ער האט דאָרט קיין אינטערעסע געפונען; דאן האט ער אָבזיכטליך אָבגעווענדעט זיינע געדאנקען אויף אנדערע געגענשטענדע, ניט צו דעם וואס עס האט מיט איהם לעצטענס פאסירט. דיא נאטור האט ענדליך געזיעגט אונד ער האט געשלאָסען זיינע אויגען.

ווען ער האט ערוואכט איז געווען 8 אוהר אבענד. ער האט פראָבירט אויפ־צוהויבען זיין קאָפּ פון׳ם קישען, נאָר ער האט ניט געקענט; אַלעס האט אויס־געזעהען זיך מיט איהם צו בעוועגען, אונד אין זיינע שלייפען איז געלאָפען א העפטיגער שמערץ. אין זיין האלז האט ער געשפירט א טרוקענקייט אונד א ברענענדען דורשט. עס האט זיך איהם געדאכט, אז נאָר איין זאך קען לעשען זיין דורשט, אונד דאס איז, ווייַן.

ער האט זיך אונטערדעסען אָנגעלעהנט אויף איין האנד אונד זיך נאך שווערער מיה אויפגעהויבען אונד זיך אוועק געזעטצט אויף׳ן בעט מיט דיא פיס ארונטער.

דיא טהיר האט זיך געעפענט אונד זיין דיענער איז אריין, וועלכער האט פריהער אָנגעצונדען א ליכט.

„גיב מיר א קאלטען טרונק וואסער,“ האט ניקאָלאַי געמורמעלט זייענדיג שטארק הייזעריג.

ווען דער דיענער האט איהם אריין געבראכט דאס וואסער אונד ניקאָלאַי האט עס גענומען צום מויל, האט ער עס באלד אויסגעשפיגען.

„וואס האסטו מיר געבראכט?“ האט ער געפרעגט.

„וואסער.“

„דאס איז ניט קיין וואסער!“

„וואסער, בייא גאט, עס איז וואסער.“

„אָבער דאס איז ניט אזא וואסער וויא איך טרינק אימער. עס האט א שרעקליך שלעכטען טעם."

„עס איז דיזעלבע וואסער," האט דער דיענער גזאגט שמייכלענדיג, „נאַר..."

„וואס נאַר?" האט ניקאָלאי געפרעגט ווערענדיג אין כעס.

„איהר קענט יעטצט קיין וואסער ניט טרינקען," האט דער דיענער געזאגט ווידער געהיימניספאָל.

„וואס הייסט איך קען קיין וואסער ניט טרינקען? ווארום?"

„איהר מוזט טרינקען עפעס אנדערש."

„רעד דייטליך, איך פערשטעה דיך ניט," האט ניקאָלאי געזאגט איהם אָנ־קוקענדיג מיט ערשטוינען.

„איך בעט אייך איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען."

„דוא ביסט ענטשולדיגט; זאג וואס דוא ווילסט."

„האט איהר געטרונקען לעטצטע נאכט וואָדקא?"

„ניין!"

„שאַמפּאַניער?"

„ניין!"

„ביער אָדער ראָם?"

„ניין!"

„דאַן פּראָסטען וויין?"

ניקאָלאי האט ניט געענטפערט. דער דיענער האט זיך געמערקט, אז ער האט געטרונקען וויין.

„דאַן מוזט איהר אויך יעטצט..." האט דער דיענער געזאגט שטאַמ־ענדיג.

„רעד, אום גאָטעס ווילען, וואס ווילסטו זאגען?"

„איך מיין, אז איהר קענט נאַר לעשען אייער דורשט מיט וויין — מיט דעם וואס איהר האט לעטצטע נאכט געטרונקען."

ניקאָלאי האט זיך אויף איינינע אויגענבליקען פערטראַכט אונד דאַן גע־פרעגט:

„מיט וויין?"

„יא, מיין הערר, מיט וויין, זאָנסט וועט איהר שפּירען א ברענונג אויף'ן הארצען."

„איך פערשטעה, איך פערשטעה," האט ניקאָלאַי געזאגט וויא רעדענדיג צו זיך אליין. „אזוי ווערט מען עס א שיכור: פריהער טרינקט מען זיך אן א גאנצע נאכט, דאן שלאָפט מען בייא טאָג, בייא נאכט ווערט מען דאָרשטיג אונד מען געהט זיך לעשען מיט דערזעלבער משקה וואס מען האט זיך פריהער אָנגעטרונקען, אונד אזוי געהט עס כסדר..."

„זעהר ריכטיג!" האט דער דיענער געענטפערט וויא ערפרייט איבער דעם ריכטיגען חשבון וואס זיין הערר האט געמאכט.

„איז עס מיט דיר אויך געווען דערזעלבער פאל?" האט ניקאָלאַי געפרעגט דעם דיענער.

„אקוראט אזוי."

„דאן, פערזיכער איך דיך, אז פון היינט אן אונד ווייטער טרינק איך מעהר קיין איינציגע משקה אין דער וועלט, אויסער וואסער, טהעע אונד קאפפע!"

דער דיענער האט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט, וועהרענד ניקאָלאַי האט אויס־געשטרעקט זיינע הענד אונד אָנגעפאנגען אָנצוציהען זיינע שיך. דער דיענער האט איהם דאן געהאָלפען ער זאָל זיך אָנטהון, אונד אלס ניקאָלאַי האט זיך אָנגעקוקט אין שפיעגעל אונד געזעהען וואס פאר א פנים ער האט, האט ער ווייטער געפרעגט דעם דיענער:

„בין איך ווירקליך אזוי בלאס?"

„געוויס זייט איהר בלאס. עס איז אימער אזוי, נאָר עס געהט פאָר־איבער."

ניקאָלאַי האט שוין מעהר ניט געשפראָכען, אונד ארויס קומענדיג אויף דער קיהלער לופט פון דער גאס, האט ער זיך אָנגעפאנגען צו שפירען לייכטער, נאָ־ דער דאָרשט איז נאך גרעסער געוואָרען.

ער האט אָנגעהויבען צו קלערען וואוהין ער קען געהען, אונד ער האט גע־שלאָסען צו בעזוכען א קאפפעע־הויז וואו מען קען איהם ניט.

ער איז דורכגעגאנגען איינינע גאסען, אונד בעמערקט אין עפענטליכעס לאָקאל וואוהין ער איז אריין געגאנגען אונד זיך געזעטצט בייא א טישעל.

א קעלנער איז צוגעגאנגען אונד איהם געפרעגט וואס ער פערלאנגט:

„איך וויל א גלאָז שטארקען שווארצען קאפפע, ניט צו זיס."

„מיט ראם?"

„ניין."

„שארטרעז?"

„ניין!" האט שוין ניקאלאי נעענטפערט בעז. „בלויז שווארצען קאפּעע."

ווען דער קעלנער איז אוועק נעגאנגען בעזאָרגען דעם קאַפעע, האט ער זיך דערפרעגט אויב עס גיבט מענשען אין מאָסקווא, וועלכע קענען טרינקען בלויז קאפּעע אָהן אלקאָהאָל גיפט.

ווארטענדיג אויף זיין קאַפּעע, האט ער זיך דערמאָהנט אן מאריאַן. זיא האט איהם עראינערט אן איהר צושטאנד, וויא טרויעריג זיא איז געוועזען אונד וויא וועהמיטהיג זיא האט געשפּראָכען איבער איהר קראנקער מוטער.

„עס טהוט מיר לייד," האט ער זיך געטראַכט, „ווארום איך האב בייא איהר ניט גענומען דיא אדרעסע פון איהר מוטער. איך וואָלט זיא דאָרט בעזוכט."

דאן האט ער זיך עראינערט, אז זיא האט איהם פערשפּראָכען איהם צו קומען בעזוכען, נאָר ער האט געשפירט, אז ער קען אזוי לאנג ניט ווארטען.

דער קעלנער האט איהם דערווייל צוגעבראַכט דעם קאַפּעע אונד ער האט איהם אָנגעפאנגען צו זופּען. ער האט געשפירט א גאנץ גוטען געשמאַק אין איהם, אונד געפיהלט, אז דיא ברענונג אויף'ן הארצען לאָזט נאך. דאן האט ער געזעהען וויא דער קעלנער האט איהם צוגעבראַכט אויך א גלאָז וואסער. ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט דעם קאַפעע, האט ער גענומען דאס וואסער צום מויל, פריהער פערזיכענדיג, פיעללייכט האט דאס אויך אזאַ שלעכטען טעם וויא דאס וואסער וואס דער דיענער האט איהם געגעבען. אָבער נאָך'ן קאַפּעע, האט דאס וואסער גאנץ גוט געשמעקט.

ער האט צוגערופען דעם קעלנער אונד זיך בעשטעלט נאך א קאַפּעע.

„איך מוז זיא אויפזוכען," האט ער זיך געטראַכט ווערענדיג אונגעדולדיג. „אָבער וויא אזוי? וואו זאָל איך זיא זוכען?"

עס איז איהם איינגעפאלען ער זאָל זיא געהען זוכען אויף דעמזעלבען פּלאַטץ וואו ער האט זיך מיט איהר בעגעגענט. אָבער ער האט זיך באלד אליין געמאַכט פּאָרווירפע דאריבער, זיך טראַכטענדיג, אז ער בעליידיגט זיא דערמיט.

„ניין, זיא איז דאָרט ניטאָ!" האט ער געמורמעלט צו זיך אליין. „אָבער פיעללייכט קען איך פון דאָרט ערפאהרען וואו איהר מוטער וואָהנט?"

ווען ער האט אויסגעטרונקען דעם צווייטען קאַפּעע, בעצאָהלט אונד איז ארויס אויף דער גאַס, האט ער זיך געשפירט א פאָלשטענדיגער פרישער מענש, אָהן קאָפּוועהטאָג, אָהן שמערצען אונד אָהן איבעלקייט.

ער האט געשמייכעלט צו זיך אליין שפירענדיג אזוי גוט, אונד זיך געטראכט.

„אבער אנדערע געהען ניט טרינקען קיין שווארצען קאפּע מיט וואסער, זייא געהען זיך לעשען דעם דאָרשט מיט וויין אונד וואָדקא.“

ניקאָלאי האט געטראכט ער זאָל צו רופען א דראָשקע אום איהם צו ברענגען אהין וואו ער איז געווען לעטצטע נאכט, אָבער ער האט בעסער בעשלאָסען צו געהען צו פוס אום מעהר איינצוזאטהמען פון דער פרישער לופט.

דיא גאסען זיינען געווען געפּאקט מיט מענשען אונד מאָסקווא האט אויסגע־זעהען וויא צו ערוואכען צו א נייעס לעבען; צום נאכט־לעבען.

ניקאָלאי האט ניט פיעל געאכטעט אויף דיא פארביי־געהער, אונד אין זיינע געדאנקען איז נאָר געלעגען מאריא. ער האט געשפּירט א וועהמיטהיגעס מיטלייד געפיהל צו איהר, גלייך וויא זיא וואָלט געווען זיין שוועסטער, זיין...

ער האט זיך פּלוצלינג זעלבסט געפרעגט וואס פאר א געפיהל דאס קען זיין וואס ציהט איהם אזוי צו איהר וויא מיט א מאגנעט.

„זאָל דאס זיין ליעבע?“ האט ער געמורמעלט.

ער האט אביסעל א שוידער געטהאָן בייא דיעזער אידעע, אָבער ער האט דאן ווייטער געטראכט:

„אונד ווארום זאָל דאס ניט זיין קיין ליעבע? ווארום זאָל איך זיא ניט ליעבען? האט זיא דען ניט איין עדעלע זעעלע אין זיך? וואס איז זיא שולדיג ווען דיא פערדאָרבענע מענער האבען זיך בעדיענט מיט איהר אונגליק אונד זיא געמאכט אלס זייער שמוטציגעס ווערק־צייג? וואס וואָלט מיין שוועסטער געטהאָן אונטער זאָלכע אומשטענדען? וויא וואָלט איך איבער מיין שוועסטער געדענקט ווען דאס טרויעריגע שיקזאל זאָל זיא ברענגען צו אזא שטופע? אָה, יא, אויף מיין שוועסטער וואָלט איך רחמנות געהאט, אלעס מעגליכע פאר איהר געטהאָן אום זיא זאָל נאכהער פערגעסען...“

ער האט זיך ווייטער פערטראכט.

„אונד וואס קען דיא וועלט זאגען?“ האט ער זיך געפרעגט. „איך בין דער זוהן פון איין אדעלמאן; איך האב רייכטהום, גיטער, פערמעגען, א גרויסע משפחה. אונד — אָבער וואס קימערט מיך אום דער וועלט? יא, יא, דיא וועלט דארף מען ניכער פערדאמען אלס ... בטען אויף איהר אורטהייל. דיא וועלט האט אזא אונגליק־ליבע געשטירצט, אונד דיא וועלט איז עס, וועלכע פערוואונדעט פריהער אונד דא שים דיא אליין זאָ... אויף דיעזעלבע וואונדען. עס איז דיא וועלט וואס אי...

ניעדערטרעכטיג. עס איז די „געעהרטע“ געזעלשאפט וואס איז פערדארבען, ניט איהרע אָפּפער! דיעזע אָפּפער זיינען אונגליקליכע...“

ער האט זיך פלוצלינג דערזעהען אין פראָנט פון דעם פלאַטץ וואוהין ער איז געגאנגען.

„בייא נאַט, ניקאָלאַי!“ האט ער פלוצלינג געהערט א שטימע.

זיך אומווענדענדיג האט ער פאר זיך ערבליקט טאפּיטשעוו׳ן. ניקאָלאַי האט איהם ניט געענטפערט.

„ווייסטו וואו איך בין געוועזען?“ האט טאפּיטשעוו געפרעגט.

ניקאָלאַי האט איהם אָנגעקוקט מיט א פעראכטעטען בליק אונד ווידער גאר ניט געזאגט.

„איך קום פון דעם אָנקעל,“ האט טאפּיטשעוו אליין ווייטער ערקלערט. „האסטו געהערט וואס עס איז געשעהען? דיין מאריא האט דאך איהם שיער דערוואָרגען! זיא האט איהם אָנגענומען ביים גאָרגעל אונד איהם אזוי געשטיקט, אז ער האט ניט געקענט אפילו שרייען אום הילפע.“

„ווען איז דאס געוועזען?“ האט ניקאָלאַי געפרעגט זעהר אונגעדולדיג.

„גראדע נאכדעם וויא דוא ביסט אוועק. ער איז בלויז אריין געגאנגען אונד מיט איהר געוואָלט מאכען א געוועהנליכען שפאס, נאָר זיא איז וויא משוגע געוואָרען, אונד יעטצט ליעגט ער צו בעט, האלב טויט פון שרעק. ווילסטו איהם געהן בעזוכען?“

„ניין,“ האט ניקאָלאַי געענטפערט זיך בערוהיגענד, אונד ווינשענדיג טאפּיטשעוו׳ן „גוטע נאכט,“ האט ער זיך פון איהם אָבגעווענדעט.

ניקאָלאַי איז אריבער געגאנגען דעם וועג אונד געווארט ביז ער האט געזעהן טאפּיטשעוו׳ן אוועק געהען, דאמיט ער זאָל ניט זיין קיין עדות ווען ער וועט אריין אין דעם זאלאָן, פון וואנען עס האט זיך שוין ווידער געהערט דיא ציגיינער מוזיק.

דיא נאכריכט, אז מאריא האט אויסגעלאָזען איהר פערביטערטעס הערץ צום אָנקעל, האט איהם געפרייט. ער אליין האט געשפירט, אז ער וואָלט געקענט דער־ווערגען דעם אבשייליכען מענש. ער האט זיך ערשט דאמאלס פאָרגעשטעלט וואס פאר א פערדאָרבענע בריאה זיין אָנקעל איז.

„אונד דאס איז א מיטגליעד פון מיין משפחה!“ האט ער צו זיך געזאגט װעהמיטהיג. „פאר אזעלכע מה מען שפיעלען דיא ראָלע פון איין „ערהענהאפטען“

מאן אודער נים פערקעהרען עפענטליך מיט איין אונגליקליכער וויא מאריא אין;
פוי! אבשייליכע וועלט!״

ער האט שוין מעהר טאפיטשעווין נים געזעהען אונד איז צוריק אריבער גע־
גאנגען דעם וועג. ווען ער איז אריין אין זאלאן, זיינען איהם דיא קעלנערס ענטקעגען
געלאפען אונד געפרעגט זעהר העפליך וואס ער ווינשט.

ער האט אוועק גערופען איין קעלנער אויף א זייט אונד איהם געפרעגט וואו
ער קען טרעפען מאריא'ן.

„איך ווייס ווירקליך נים,״ האט דער קעלנער געזאגט. „אהער וועט זיא שוין
נים קומען.״

„וויא אזוי ווייסט איהר דאס?״ ניקאלאי האט געפרעגט דיזע פראגע
דענקענדיג, אז דער קעלנער ווייס עפעס פון מאריא'ס בעשלוס צו ווערען איין
אנדערער מענש. דער קעלנער האט אבער געענטפערט:

„האט איהר נים געהערט פון דער געשיכטע מיט איוואן אלעקסעאיטש?״
ער האט דאס געמיינט דעם אנקעל. „זיא האט איהם שיער דערהרג'עט. ווען זיא
זאל אהער קומען, וואלט זיא געהאט א מיאוס'ן סוף.״

„ווייסט איהר נים איהר אדרעסע?״ האט ניקאלאי ווייטער געפרעגט.

דער קעלנער האט איהם אנגעקוקט מיט א שמייכעל, דאן האט ער
:געזאגט

„דאס ווייס איך נים, נאר איך קען אייך זאגען וואו איהר קענט זיא טרעפען
היינטיגע נאכט.״

ער האט איהם מיטגעטהיילט דיא נעמען פון איינינע האטעלען אונד זאלאנען,
וואוהין מאריא פלעגט אפט געהען.

ניקאלאי האט זיך אבגעווענדעט, אונד אהנע צו רעדען מעהר א ווארט, האט
ער פערלאזען דעם פלאטץ.

אלס ער איז ווידער ארויס געקומען אויף דער גאס, האט ער זיך קיין עצה
נים געקענט געבען וויא אזוי ער קען זיין ציעל ערדייכען וואו צו טרעפען
מאריא'ן.

ער האט ארום געוואנדערט א היבשע צייט, אונד דאן איז איהם איינגעפאלען
איין אונאנגענעהמער געדאנק.

„ווער ווייס?״ האט ער זיך געטראכט. „פיעללייכט איז זיא שוין אויף אזוי
פיעל פערדארבען, אז עס קען איהר גאר נים העלפען? פיעללייכט האבען אידהרע

אומשטענדען זיא געבראכט צו פערגעסען אן דעם וואס איך האב איהר געזאגט, אונד זיא וועט ווידער היינט אבענד ערשיינען אין איהרע געוועהנליכע פלעטצער?"

דיעזער געדאנק האט איהם געטריעבען צו בעזוכען דיא פלעטצער וואס דער קעלנער האט איהם בעצייכענט. ער איז אריין אין ערשטען האטעל אונד געפרעגט דעם קעלנער אויב ער קען דארט טרעפען מאריא'ן.

„מאריא דיא בלאנדע מיינט איהר?" האט דער קעלנער געפרעגט. „זיא איז דא יעדען אבענד; זיא האלט דא א צימער מיט איהרע קליידער, נאר זיא איז זייט לעטצטע נאכט דא ניט געוועזן."

ניקאלאי איז אוועק געגאנגען.

„ניט געוועזן?" האט ער זיך געפרעגט. „אונד זיא האלט דא איהרע קליידער! וואו אלזא האט זיא גענומען געלד פיר איהר קראנקע מוטער ווען זיא האט דיא קליידער ניט פערזעטצט?"

פערשיעדענע געדאנקען האבען זיך איהם געמישט אין קאפ; פיעללייכט האט זיא ערגעץ אנדערש געקריעגען געלד אויף דער שענדליכער ארט? ער האט זיך אפילו אביסעל בערוהיגט דאריעבער, זיך דערמאהנענדיג, אז גראדע נאך זיין אוועק געהען, האט זיא אזוי מכבד געוועזן דעם אנקעל, אבער ער האט אונטערדעסען פארטגעזעטצט זיא ווייטער צו זוכען.

ער האט דאס געטהאן אויס צוויא אורזאכען: ערשטענס, פיעללייכט וועט זיא טאקי צוריק קעהרען צו איהר לעבען פון שאנדע, אונד צווייטענס, טאמער וועט ער פון יעמאנדען קענען ערפאהרען איהר אדרעסע.

ער איז געגאנגען פון פלאטץ צו פלאטץ, נאכפרעגענדיג, אבער איבעראל האט ער געקריעגען דעמזעלבען ענטפער, אז זיא איז נאך זייט דעם לעטצטען אבענד דארט ניט געוועזן אונד זיא וועט וואהרשיינליך קומען.

ניקאלאי האט אזוי צוגעבראכט דיא גאנצע נאכט, זוכענדיג מאריא'ן אין דיא פערשיעדענע פלעטצער עטליכע מאל. אבער זיא איז ניט ערשיענען. ער האט אויך ניט געקענט ערפאהרען איהר אדרעסע.

7.

פ'יעד אתד געווערט האט ניקאלאי צוריק געקעהרט אהיים ווען עס איז שוין געוועזן טאג. ער איז באלד געגאנגען צו בעט, אבער ער האט אנגעזאגט זיין דיענער, דאס ער זאל אוועק געהען אין דער אוניווערזיטעט אונד אנזאגען דעם פראפעסאר, אז ער איז קראנק אונד וועט אויסבלייבען איינינע טעג צו הויז.

ניקאָלאַי האָט געשלאָפען ביי טאָג אונד דיא נעכט האָט ער זיך אָבגעגעבען ספּעציעל אום צו זוכען מאַריאַ'ן.

א וואָך איז פאַראיבער אויף דיעזער אַרט, אונד ער האָט ניט געקענט ער־פאַהרען איהר אַדרעסע. אויף דיא געוועהנליכע פּלעטצער איז זיא שוין מעהר ניט ערשיענען.

ער האָט אויך ערפאַהרען, אַז אין דיא צווייא האָטעלען וואו זיא האָט גע־האַלטען איהרע קליידער, האָט מען דיעזע פערקויפט פאַר דירה־געלד. ער האָט אום קיינעם פּרייז ניט געקענט בעגרייפען וואָס דאָס זאָל בעדייטען, ווארום זיא האָט דיא קליידער ניט פערזעטצט.

ניקאָלאַי איז געווען זיכער אונד זעהר ערפרייט דאַריבער, אַז מאַריא האָט אויפגעגעבען איהר פריהעריגעס לעבען, אָבער ער האָט ניט געקענט פערשטעהען ווארום זיא איז איהם ניט געקומען בעזוכען.

יעדען פאַרנאַכט, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געפרעגט זיין דיענער, אויב א דאַמע איז איהם ניט געווען זוכען, אָבער ער האָט אימער ערהאַלטען דעם ענטפּער, ניין.

אין א פאַרנאַכט, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געפונען א בריעף פון א בעקאַנטער אַדוואָקאַטען־פירמאַ, וואו עס איז איהם אָנגעצייגט געוואָרען, אַז לויט געזעטץ, איז ער געוואָרען בעל־הבית איבער דעם גרויסען חלק ירושה וואס זיין פאַטער האָט איהם צוריק געלאָזען.

דיעזע נאַכריכט, האָט איהם ניט איבריג גליקליך געמאַכט.

„א העלפט פון דיעזען פערמעגען וואָלט איך אוועק געגעבען,“ האָט ער זיך געטראַכט, „ווען איך זאָל קענען געפינען דיא אונגליקליכע מאַריא.“

אַלס ער האָט געעפענט דיא טהיר אונד געוואָלט אַרויס געהען, האָט ער פאַר זיך ערבליקט דעם אָנקעל, וועלכער איז איהם געקומען בעזוכען.

„זעהסטו,“ האָט דער אָנקעל געזאָגט, „ווען דוא ביסט מיך ניט געקומען בע־זוכען, דאַן קום איך צו דיר. טאַפּיטשעוו האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט דיר מיטגעטהיילט, אַז איך בין קראַנק, נאָר דוא ביסט דאָך ניט געקומען.“

ניקאָלאַי האָט עפּעס געמורמעלט וויא איין ענטשולדיגונג, אונד אונווילענדיג, האָט ער דעם אָנקעל אַריין גערופען אין צימער.

„איך האָב געהערט,“ האָט דער אָנקעל געזאָגט שמייכלענדיג, „אַז דוא זוכסט מאַריאַ'ן, וועלכע האָט מיך שיער דערוואָרגען.“

ניקאָלאַי האָט געשוויעגען.

„מען האט עס מיר דערצעהלט אין האטעל. וואָרום האסטו מיך ניט גע־פרעגט?“

„איהר ווייסט?“ האט ניקאָלאי געפרעגט איבערראשט פאר פרייד.

„געוויס ווייס איך,“ האט דער אָנקעל געענטפערט אימער שמייכלענדיג.

„אָבער, איך ראטה דיך, היט זיך פאר איהר, זיא איז א שלאַנג. זעהסטו דאָ?“

ער האט איהם דערבייא געוויזען א בלויען צייכען אויף'ן האלז פון מאריא'ס פינגער, אונד א צווייטען צייכען אויף'ן שטערען פון דעם וואָרף וואס זיא האט איהם געגעבען.

„זאגט מיר, איך בעט אייך, זאגט מיר וואו זיא וואָהנט?“

„פערליעבט, הא?“ האט דער אָנקעל געפרעגט מיט א בעדייטענדען שמייכעלע. „נאך אַלעמען, איז זיא א שעהנעס פרויענצימער?“

„אָבער וואו וואָהנט זיא?“ האט ניקאָלאי אויסגעשריען ארויס געהענדיג פון געדולד.

„זיא וואָהנט נומער 185 נאָרד. ק. שטראַסע,“ האט דער אָנקעל געענט־פערט. „זיא וואָהנט דאָרט מיט איהר מוטער. אָבער איך ווייס ניט גענוי אויב זיא וואָהנט דאָרט, אָבער איהר מוטער האט דאָרט געוואָהנט. איך האב זיא אמאל דאָרט בעזוכט.“

ניקאָלאי איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל אום ער זאָל שוין געהען אהין.

„וואוהין לויפסטו?“ האט דער אָנקעל געפרעגט.

ניקאָלאי האט ניט געענטפערט, אונד ארויס נעהמענדיג א שטיקעל פאפיר, האט ער זיך אויפגעשריעבען דיא אדרעסע אום ניט צו פערגעסען.

„ווערסט נאך טרעפען דיא מציאה,“ האט דער אָנקעל ווייטער געזאגט. „קום יעטצט מיט מיר. איך וועל דיר געבען פון דיעזער חברה וויפיעל דוא ווילסט. עס ויינען דאָ גענוג שמאטעס אין מאָסקווא.“

ער האט זיך אויך אויפגעהויבען אונד זיך וויא געשטעלט פאר ניקאָלאי'ן אום איהם צוריק צו האלטען.

ניקאָלאי, אָהנע א וואָרט צו רעדען, האט ער דעם אָנקעל אָבגעשטויסען פון וועג.

„ביסטו פעררי‌קט גלייך מיט איהר?“ האט דער אָנקעל געפרעגט ערשטוינט. „האסט געהערט וויא ער איז איבערראַשט געוואָרען ווען איך האב איהם געזאגט וואו ער קען טרעפען דאס שטיק שמוטץ!“

„שטיל, שופט!" האט ניקאָלאַי אויסגעשריען צוריק תאַלמענדיג זיין גאַנץ גוּם אַלע זיינע קרעפטען.

„ניקאָלאַי!" האט דער אָנקעל אויסגעשריען.

„קיין וואָרט מעהר! פערלאָז דיעזעם צימער זאָפאָרט!"

דעם אָנקעל׳ס אויגען האבען בעמערקט ניקאָלאַי׳ס מעכטיגען פויסט דך אויפ־הויבענדיג נעגען איהם.

וויא איין אָבגעבריהטער הונד, האט ער זיך שנעל אָבגעווענדעט ריקווערטס, אונד, אָהנע א וואָרט צו רעדען, האט ער פערלאָזען דאס צימער מיט א געהיימניס־פאָלער מינע אויף זיין ערשראָקענעם געזיכט.

8.

דאס צימער וואו מאַריא׳ס מוטער האט געוואָהנט, איז געלעגען אויף דעם צווייטען שטאָק פון איין אלטער געביידע אין מאָסקוואַ׳ר איין אָבגעלעגענע שטראַסע.

דיא וואָהנונג איז בעשטאַנען בלויז פון איין צימער מיט א פּאַאר אַלטע שטיקלעך מעבעל; צוויא בעטען, איין אלטער טיש מיט א פּאַאר ביינקלעך.

אין דיעזען צימער האט מאַריא׳ס מוטער אויסגעהויכט איהר לעטצטען אטהעם, מיט 6 טעג צוריק. דיא אלטע פרוי איז בוכשטעבליך געשטאָרבען אויס מאַנגעל אין פּלענע אונד ערצטליכע בעהאַנדלונג.

מאַריא האט דאס געוואוסט; איהר הארץ האט געבלוטעט, אָבער זיא האט נים געקענט העלפען. זיא האט בלויז געזעהען איין אויסוועג, צו געהען אויפזוכען ניקאָלאַי׳ן אונד פון איהם פערלאַנגען הילף. זיא האט געוואוסט, אז ער וועט איהר נים ענטזאגען; אז ער וועט איהר געבען געלד, אָבער זיא האט נים געקענט פאסען דעם בעשלוס צו מאַכען אזא שריט.

„ניין, ניין," האט זיא זיך געטראַכט, „בלויז א פערדאַכט אין איהם צו ער־וועקען, אז טאָמער מיין איך נים עהרליך מיט דעם נעהמען בייא איהם געלד, האט שוין ווערטה צו ליידען נאָך מעהר וויא איך לייד יעטצט. מיין מוטער? יא, זיא איז מיין איינציגע פריינדין אויף דיעזער וועלט, אָבער, זאָגאַר אום איהר קען איך דאס נים טהון. איך ווייס גאַנץ גוט, אז זיא שטאַרבט. אָבער, איז עס נים פיעל־לייכט בעסער צו שטאַרבען איידער צו לעבען אויף דיעזער שלעכטער וועלט? אונד וואס וועט זיין נאָך דעם וויא זיא וועט געענדעט ווערען? זיא איז שוואַך אונד

אלס. איך בין הילפלאָז — מיין גאָט! שטאַרבען! יא שטאַרבען, איז דיא בעסטע רפואה פיר אַזעלכע אונגליקליכע וויא מיר זיינען!"

מאַריא האָט בעדעקט איהר געזיכט מיט איהרע הענד אונד געווינט שטיל. איהר שטערבענדע מוטער זאָל ניט הערען.

„דער טויט בעפרייעט פון אָרעמען," האָט זיא זיך ווייטער געטראַכט. „אין קבר זיינען שוין מעהר נימאָ קיין שלעכטע מענשען. וועלכע זאָלען אָבקויפען דיא עהרע, גליק אונד רוהע פון יונגע מיידלעך. פאַר א שטיקעל ברויט. דיא ווערים פער־זאָרגען דעם קערפּער אונד..."

„מאַריא!" האָט איהר דיא מוטער גערופען.

„איך בין דאָ, מאַמינקאַ!" האָט מאַריא געזאָגט אומאַרמענדיג איהר מוטער'ס קאָפּ אונד אָבפּרעסענדיג א קוש אויף איהר שטערען.

„קינד מיינעס," האָט דיא קראַנקע פאַרטגעזעטצט, „איך געה אַהין וואו מען ליידעט ניט; דאָרט וואו דיין פאָטער געפינט זיך, אונד דוא בלייבסט צוריק אליין אויף דיעזער גרויסער וועלט. גאָט זאָל דיך בעשיטצען..."

דיא טהיר האָט זיך געעפענט אונד דיא אַלטע טאַנטע אַניוטקאַ, איז אריין געקומען.

אַניוטקאַ איז געווען מאַריא'ס מוטער'ס א שוועסטער, אונד איז אויך געווען איין עלענדע אלמנה. זיא פלעגט קומען יעדען אָבענד בעזוכען איהר קראַנקע שוועסטער, נאָכדעם וויא זיא האָט פערטיג געמאַכט דעם טאָג אַרבייט, וואַשענדיג דיא וועש אונד רייניגענדיג דיא הייזער פון דיא רייכערע שכנים.

„וואָס מהוסטו, שוועסטער?" האָט אַניוטקאַ געפרעגט צוקומענדיג צום בעט.

„איך — איך מהו זעהר גוט," האָט דיא שטערבענדע געענטפערט.

ביים שיין פון דעם שוואַכען ליכט אין הויז, איז געווען צו בעמערקען, דאָס דער קראַנקער'ס בלאַסע געזיכט איז פלוצלינג געוואָרען שוואַרץ. א קראַמפּף האָט צוזאַמענגעדריקט איהרע געזיכטס־ציגע, א שוידער האָט אויפגעציטערט איהר גאַנצען קערפּער, אונד זיא האָט געעפענט איהר מויל אום צו כאַפּען לופט.

„מוטער!" האָט מאַריא אויסגעשריען אין א הערצרייסענדער שטימע.

„מוטער, ליעבע מוטער!"

עס האָט זיך געהערט א כאָרכלען אין דער אונגליקליכער'ס ברוסט; איהר קערפּער האָט זיך וויא צוזאַמענגעצויגען, דאַן האָט ער זיך אויסגעשטרעקט, אונד זיא איז געבליעבען ליעגען טויט.

די אונגליקליכע מאריא איז געזעסען דיא גאנצע נאכט נעבען איהר טויטער מוטער אונד געוויינט. דיא אלטע אניוטקא האט אויסגעזעהען מערקווירדיג רוהיג, אָבער איהר מיעדקייט האט בעזיעגט איהר קערפּער, אונד זיא איז אום האלבע נאכט איינגעשלאָפען זיטצענדיג אויף א ביינקעל נעבען איהר טויטע שוועסטער.

גאנץ פריה האט מאריא אויפגעוועקט דיא אלטע, אונד זיא אליין איז אוועק אין דער פּאָליציי־סטאציאָן, וואו זיא האט אָנגעזיינט, אז איהר מוטער איז גע־שטארבען אונד זיא האט איהר ניט מיט וואס צו בעערדיגען.

דיא פּאאר טעג וואס דיא טויטע איז געלעגען ביז מען האט זיא אוועק גע־נומען, איז מאריא ארום געגאנגען וויא משוגע. זיא האט גאר ניט געוואוסט וואו זיא איז אין דער וועלט, אונד זיא האט גאר ניט געגעסען.

וואס עס אנבעלאנגט עסען, איז ערשטענס ניט געווען וואס, אונד צווייטענס, דאס וואס דיא אלטע אניוטקא האט אָבגעשפּארט פון איהר מויל אונד געבראכט, האט מאריא ניט געוואָלט בעריהרען.

נאכדעם וויא איהר מוטער איז בעערדיגט געוואָרען, האט זיך מאריא גע־שפּירט געגצליך ענטקרעפטעט אונד זיא האט געמוזט בלייבען אין בעט.

זיא איז ניט געווען הונגריג, נאָר זיא האט געשפּירט א פראָסט אין איהר גאנצעם לייב אונד א העפטיגען שמערץ אין בויך. דאן איז דיא קעלט פערשוואונדען אונד היטץ, א ברענענדע אונד פערצעהרענדע היטץ, איז געקומען איבער איהר אונד זיא האט געשפּירט א שרעקליכעס ברעכעניש אין אלע איהרע גליעדער.

מיט צוויא טעג שפּעטער נאך איהר מוטער'ס בעערדיגונג, האט דיא אלטע אניוטקא אָבגעקאָכט אביסעל זופּ אין דער היים אונד דאס געבראכט מאריא'ן.

מאריא איז געזעסען אויף'ן בעט, מיט איהרע באקען פערפלאמט אינד איהרע געדאנקען פערווירט. זיא האט דאמאלס געהאט גרויסע היטץ אונד האט א היבשע צייט ניט פערשטאנען וואס דיא אלטע וויל.

ענדליך האט זיא בעגריפען עפּעס, אונד, ניט וויסענדיג וואס זיא טהוט, האט ויא גענומען זופּען דיא פליסינקייט. פּלוטצלינג איז זיא געבליעבען שטעהען.

„עסס, עסס, מיין טייבעלע,“ האט דיא אלטע פרוי געבעטען.

„ניין, איך וויל ניט עסען!“

„ווארום, מיין קינד?“

„איך וויל עפּעס!“ האט מאריא אויסגעשריען וויא א קינד וואס שפּארט זיך איין.

„וואס ווילסטו? דיין מאמע וועט דיר געבען וועז, זיא וועט נאר קענען קריעגען."

„קענסטו ניקאָלאַיין?"

„וואס פאר א ניקאָלאַי?"

„יענעם שעהנעם, ליעבען, גוטען אונד זיסען ניקאָלאַי."

„יא, יא, איך קען איהם." האט דיא אלטע געזאגט אום דיא קראנקע ניט אויפצורעגען, אָבוואָהל זיא האט ניט געוואוסט וועמען זיא מיינט.

„דאן וויל איך דוא זאָלסט געהען צו איהם," האט מאריא ווייטער געזאגט.

„איך וועל געהען, מיין קינד."

„ווייסטו וואס צו זאגען?"

„דאס ווייס איך ניט."

„דוא זאָלסט איהם בלויז זאגען, אז מאריא איז קראנק, זעהר קראנק, אונד זיא וויל איהם זעהען. דאס אלעס, ניט מעהר; ער וועט געוויס קומען, ווייל ער איז דאך אזוי גוט..."

„יא, יא, מיין קינד, איך וועל עס טהון. יעטצט עסס נאך אביסעל זופּ."

מאריא האט גענומען דעם לעפעל אין האנד, איהרע אויגען האבען געקוקט אין דער לופט, אונד איהר גאנצער קערפּער האט א ציטער געטהאָן. דיא רויטע פארב פון דיא באקען האט אָנגעהויבען צו פערשווינדען אונד דיא קעלט, וועלכע פלעגט וויא געוועהנליך אנפאנגען פון דיא פיס, האט אָנגעפאנגען צו ערשיינען.

דיא פערווירונג איז פערשוואונדען אונד ארויס לאָזענדיג דעם לעפעל פון דער האנד, האט זיא צונעלייגט ביידע הענד צו איהר געזיכט אונד אָנגעפאנגען העפטיג צו וויינען.

„גרויסער גאָט!" האט זיא געקלאגט, „ווארום שטראפסטו מיך אזוי? איך בין דאך ניט מעהר וויא איין אונגליקליכע!"

דיא אלטע האט מאריא'ן ניט פערשטאנען. זיא האט קיין אהנונג געהאט וואס מיט דער אונגליקליכער האט פאסירט וועהרענד דיא לעטצטע מאָנאטען. מאריא איז אויך געווען גליקליך מיט דער אידעע, וואס איהר מוטער איז געשטאָרבען אויך ניט וויסענדיג פון איהר פאלל.

„בערוהיג זיך, מיין קינד," האט אניוטקא געזאגט טרייסטענדיג. „גאָט איז דער פאטער פון יתומים; ער וועט דיך געוויס ניט פערלאָזען אונד דיר אויך העלפען. דוא ביסט א גוטעס אונד עהרליכעס מעדכען..."

„שטיל, מוהמע !" האט מאריא אויסגעשריען לענענדיג דיא האנד אויף דער אלטער'ס מויל זיא ניט לאָזענדיג ווייטער רעדען. „דוא ווייסט ניט וואס דוא זאגסט! גאָט האט ניט קיין רחמנות אויף אזעלכע וויא איך בין — וועה איז מיר! וועה איז מיר!"

„דוא ביסט א נארעלע," האט דיא אלטע פאָרטגעזעטצט, „דוא ועסט נאך געזונד ווערען, חתונה האבען אונד זיין א מוטער אונד..."

מאריא האט ווייטער אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין, זאָ דאס דיא אלטע האט מעהר ניט געקענט רעדען.

אזוי זיינען פאָראיבער נאך צוויא טעג מיט צוויא נעכט, אונד מאריא איז געלעגען אין א שרעקליכעס פיעבער. ווען זיא האט געהאט היטץ, האט זיא גע־קלאגט, געוויינט אונד דערצעהלט אלעס איבער איהר לעבען. אניוטקא איז אָבער דעם גאנצען טאָג ניט געווען דערבייא אום צו הערען, אונד אבענד, ווען זיא איז ערשיענען, האט זיא געבראכט דער קראנקער אביסעל זופ, אונד זייענדיג מיעד, איז זיא באלד איינגעשלאָפען נעבען איהר.

9.

א ליכט האט דונקעל געברענט אויף׳ן טיש, ועהרענד מאריא האט זיך אומ־געקוקט צו דער אלטער אונד געזעהען, אז זיא שלאָפט. זיא האט א פאאר מאל פראָבירט זיך אויפצוזעטצען, אָבער זיא האט ניט געקענט. זיא האט געשפירט, אז דאס ברענענדע פיעבער בערויבט איהרע קרעפטען פון שטונדע צו שטונדע.

דאן איז איהר געלונגען ארויף צו רוקען דעם קאָפּ אביסעל העכער אויף דעם שמוטציגען קישען, אונד ארויס נעהמענדיג דיא הענד פון אונטער דער דעק, האט זיא זייא בעטראכט.

דיא הענד זיינען געווען זעהר אָבגעמאָגערט אונד שטארק בלאס. מאריא האט דאמאלס קיין היטץ געהאט אונד זיא האט געקענט זאמלען איהרע אידעען.

„איך וועל שטארבען," האט זיא געזאגט, „איך ווייס, אז איך וועל מיך פון דיעזער קראנקהייט שוין מעהר ניט אויפהויבען. אָבער וויא טרויעריג דאס איז צו שטארבען אליין אונד אזוי עלענד..."

זיא האט געזיפצט.

„עלענד אונד אליין," האט זיא ווייטער געמורמעלט. „מיין גאָט! וויא טרויעריג דאס איז! וויא גוט עס איז מיין מוטער! זיא איז שוין טויט אונד רוהיג. ועמען האב איך נאך דאָ אויף דער וועלט? קיינעם, בלויז שאנדע אונד שפּאָט

קען איך ערוואַרטען פון דער גאַנצער וועלט. מיין גאָט! לאָז מיך שטאַרבען, שנעל, גיך, אום איך זאָל לויז ווערען פון דיעזע מאַרטערניסע.״

זיא האט זיך דערמאָהנט אן ניקאָלאַי'ן.

„וויא עדעל, וויא גוט, אונד וויא צערטליך,״ האט זיא זיך געטראַכט. „גרויסער גאָט! ווארום האסטו מיר ניט געגעבען אַזאַ מאַן וויא ער איז? וויא גוט איך וואָלט דאַן געוועזען... העלף מיר, גאָט, איך זאָל איהם נאָך זעהען ווענינגסטענס איינמאַל פאַר מיין טויט. איך שפּיר, אַז איך וועל דאַן רוהיג שטאַרבען. ·״

איהרע געדאַנקען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען, ווען זיא האט געהערט יעמאַנדען אָנקלאַפּען אן דער טהיר. זיא האט מיט א שוואַכער שטימע געענטפערט מען זאָל אריין קומען. דער פון דרויסען, האט אָבער ניט געהערט איהר שוואַכע שטימע אינד ער האט נאָך אמאל געקלאַפּט. דאַן, וואַהרשיינליך דענקענדיג, אַז מען ענטפערט איהם ניט, האט ער פּראָבירט דיא טהיר, וועלכע האט זיך געעפענט בייא זיין ערשטען דריק.

מאַריא'ס אויגען זיינען געווען געריכטעט צו דער טהיר, אונד ווען דיעזע האט זיך געעפענט, האט זיא ערבליקט, צו איהר ערשטוינען אונד פרייד, ניקאָלאַי'ן ערשיינען.

ניקאָלאַי האט אנפאַנגס גאַר ניט געזעהען דורך דער דונקעלהייט. מאַריא האט איינגעהאַלטען דעם אָטהעם אונד ניט געוואַגט ארויס צו רעדען א וואָרט. דאַן האט ניקאָלאַי בעמערקט איהר בלאַסעס געזיכט. ער האט זיא זאָפאָרט דערקענט.

„מאַריא!״ האט ער אויסגעשריען צוקומענדיג שנעל צום בעט.

זיא האט ארויס געשטעקט איהר האַנד אונד אויף איהרע ליפּען האט זיך בעוויעזען א שוואַכער שמייכעל.

„איהר זייט געקומען, מיין פריינד,״ האט זיא געמורמעלט, וועהרענד ער האט גענומען איהר האַנד.

„וויא קאַלט אייער האַנד איז,״ האט ער געזאָגט מיטליידיג.

„וויא גליקליך איך בין!״ האט זיא געשריען מיט איהר שוואַכער שטימע אונד איהרע אויגען האבען זיך אָנגעפיללט מיט טרערען.

„וואס האט מיט אייך פּאַסירט, פריינדין?״ האט ער געפרעגט זיך אויס־קוקענדיג אין צימער אונד בעמערקענדיג דיא אַלטע שלאַפען אויף א ביינקעל.

„איז דאס אייער מוטער, וועלכע שלאָפט דאָרט?״ האט ער ווייטער געפרעגט.

„ניין, דאס איז ניט מיין מוטער, עס איז מיין טאנטע,“ האט זיא געענטפערט.

„מיין מוטער שלאפט שוין זייט איינינע טעג דעם אייבינען שלאף.“

„געשטארבען?“

„יא.“

„דאס איז טרויעריג!“

„אה ניין; זיא איז זעהר גליקליך וואס זיא איז שוין ניט אונטער אונז.“

ניקאלאי האט נאך אימער געהאלטען איהר קאלטע האנד אין זיינער, אונד ער האט זיך לאנגזאם געזעטצט אויף דעם ביינקעל וואס איז געשטאנען נעבען בעט.

„איהר זייט קראנק, פריינדין?“ האט ער געפרעגט זעהר בעזארגט. „דאס איז ניט גוט.“

„אה יא, עס איז יא גוט,“ האט זיא געענטפערט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל. „איך וועל פטור ווערען פון דיעזער שלעכטער וועלט.“

„זאגט עס ניט, מאריא, איהר דארפט לעבען אונד גליקליך זיין.“

איהר בלאסעס געזיכט האט אביסעל אויפגעפלאמט אונד זיא האט אויסגעזעהען וואונדער שעהן.

„לעבען אונד גליקליך זיין?“ האט זיא געפרעגט מיט א שפאטישען שמייכעל. „לעבען אונד גליק זיינען ניט פאר מיר — דאס איז פאר אנדערע, ריינע אונד אונבעפלעקטע זעעלען, ניט...“

„ניין, מאריא, מיין פריינדין!“ האט ער אויסגעשריען געריהרט אונד דיא טרערען האבען אנגעפאנגען צו לויפען פון זיינע אויגען. „איהר זאלט אויך לעבען אונד גליקליך זיין!“

ביידע האבען געשוויגען היבשע עטליכע סעקונדען. דאן, זיך בעסער איינ־קוקענדיג, גלייך וויא זיא האט איהרע אייגענע אויגען ניט געגלויבט, האט מאריא געפרעגט:

„איהר וויינט?“

„יא, פריינדין, איך וויין, זעהענדיג אין וואס פאר א צושטאנד איך האב אייך געטראפען.“

„איהר דארפט ניט וויינען,“ האט זיא געענטפערט קוים איינהאלטענדיג איהרע אייגענע טרערען. „עס דארף אייך פרייען מיך צו זעהען אזוי, ווייל איך וועל זיכער שטארבען חרטה האבענדיג אויף מיינע זינד.“

מיט זיין ציטערענדער האנד האט ער לאנגזאם צוגעבראכט איהר האנד צו זיינע ליפען אונד אבגעפרעסט א קוש.

„מיין נאט! איז דאס וואהר?" האט זיא אויסגעשריעך, אונד, אנשטרענ־גענדיג אלע איהרע קרעפטען, האט זיא אויפגעהויבען איהר קאפ אונד צושלעפענדיג זיין האנד, האט זיא צוגעלייגט איהרע ליפען אונד געקושט.

„עס איז וואהר, מאריא," האט ניקאלאי געמורמעלט, „דאס איך זוך אייך פון דער צייט וואס איך האב אייך פערלאזען. איך האב אייך ביז יעטצט ניט גע־קענט געפינען. איך וויל איהר זאלט זיין מיין שוועסטער, מיין... אלעס, מיין גאט! וויא גליקליך איך וואלט געוועזען..."

איהרע אויגען האבען געזוכט זיינע, גלייך וויא זיא האט זיך געוואלט איבער־צייגען, אז דאס וואס ער זאגט, איז וואהר.

איהר געזיכט האט פלוצלינג אנגענומען א בערוהיגענדע אונד גליקליכע מיענע, אונד דאן, מיט א צערטליכע שטימע, האט זיא געזאגט:

„מיין פריינד! מיין עדעלער פריינד! אזוי פיעל האב איך מיר ניט פער־דיענט. איהר זייט צו איבעראיילט מיט אייערע ווערטער; איהר דארפט עס ניט זאגען. איך בין... מיין גאט, איהר ווייסט ווער איך בין. אייער ריינהייט זאל מיט אזעלבער וויא איך ניט בעשמוטצט ווערען. ניין, ניין, עס קען ניט אונד דארף ניט זיין! איהר זאלט זיך פעראייניגען מיט דער אונשולד אליין, זיא פאסט פאר אייך, אבער ניט איך... גרויסער גאט! וואס פאר איין איינפאלל! וואס פאר איין אידעע!"

זיא איז געוועזען צו אויפגערעגט פון דיעזע ווערטער, אונד איהר קאפ איז צוריק געפאלען. דאן האט זיא געמורמעלט קוים וואס ער האט געהערט:

„עס וועט ניט זיין, ניין, ניין, עס איז אונמעגליך! עס איז גוט וואס דער טויט שטעהט מיר צוקאפענס, אונד ער וועט מיך אויסהיטען פון אזא אונאיבער־לעגטען שריט... יא, יא, מאריא וועט שטארבען, אונד אלעס וואס זיא פערלאנגט פון אייך, איז, איהר זאלט זיא געדענקען צו גוטען, אונד איך וועל שטארבען גליקליך..."

זיא האט מעהר ניט געקענט רעדען אונד דיא טרערען האבען דערשטיקט איהר שטימע. דערוויל האט ער דערשפירט וויא איהר האנד הויבט אן צו ברענען וויא א פייער, אונד זיך אומקוקענדיג צו איהר, האט ער דערזעהען איהרע פלאמענדע באקען.

ער האט דיא האנד צערטליך צוריק געלייגט אין בעט אונד אויפשטעהענדיג, האט ער זיא אָנגעפאנגען צו בעטראכטען.

„מאריא,“ האט ער גערופען, „וואס טהוט אייך וועה?“

„מיר איז גוט, מיר איז וואויל, אך, וויא גליקליך איך בין!“ האט זיא אויס־געשריען מיט א ווילדער שטימע.

„זיא איז זעהר קראנק,“ האט ער געמורמעלט צו זיך אליין, „מען מוז זיא רעטען. מיין גאָט! וואס זיא האט געמוזט ליידען!“

ער איז צוגעגאנגען צו דער אַלטער אונד פּראָבירט זיא אויפצרוועקען, דאמיט זיא זאָל וואכען איבער דער קראנקער, ביז ער וועט צוריק קעהרען מיט א דאָקטאָר. אָבער ער האט זיא ניט געקענט אויפוועקען פון איהר שלאָף.

זיך אומקוקענדיג צו מאריאן, האט ער געזעהען, אז זיא האלט איהרע אויגען פערגלאָצט אונד זיא ליעגט פערטראַגען אין היטץ. ער האט איהר צוגעוואָרפען א מיטליידס־בליק, אונד ניט וועלענדיג פערלירען קיין צייט, האט ער זיך אָבגעווענדעט, געעפענט דיא טהיר אונד פערלאָזען דאס צימער.

ער האט געוואָלט שנעל צו פאָהרען אונד ברענגען א דאָקטאָר, אָבער ער האט קיין דראָשקע געזעהען אין יענער געגענד. ער איז דאן געצוואונגען געווען צו געהען איבער 15 שטראסען ביז ער זאָל טרעפען א דאָקטאָר.

געהענדיג האט ער אָנגעפאנגען איבערצוקלערען וואס ער קען טהון מיט דער ארמער. עס האט אָבער ניט פיעל גענומען אונד ער האט געפאסט א בעשלוס:

„איך וועל זיא נאך היינט נעהמען אין מיין וואָהנונג; בייא מיר איז ריין, דיא לופט פרישער, אונד איך וועל זיא אליין פּפלעגען. דיא וועלט? דער אורטהייל פון דער געזעלשאפט? דאס קימערט מיך ניט! איך טהו וויא איך וויל אונד וויא איך פערשטעה.“

אַלס ער איז אריין געקומען צום דאָקטאָר, האט ער איהם מיטגעטהיילט, פאר אַלעמען, אז ער שטעהט ניט אום קיין געלד, אונד ער בעט איהם זאָפאָרט מיטצוגעהען בעזוכען איין ארמע פּאציענטין, וועלכע איז געפעהרליך קראנק. נאָר אום קיין צייט צו פערלירען, בעט ער איהם מיטצונעהמען זיין דראָשקע אונד צו פאָהרען שנעל אהין.

דער דאָקטאָר איז געווען איין אַלטער מאַן, אונד זעהענדיג דעם יונגען אונד אנשטענדיגען סטודענט, האט ער זיך געטראכט, אז דאָ האנדעלט זיך געוויס אום א מעטרעסע, פאר וועלכער דער סטודענט, מיט דעם ערשראָקענעם געזיכט, וועט קיין געלד ניט שפּארען.

דער דאָקטאָר האָט שנעל געגעבען א בעפעהל זיין קוטשער, איינצושפּאַנען. ניקאָלאַי האָט איהם דערווייל, אין קורצע ווערטער ערקלערט, אַז ער איז אויך א סטודענט דער מעדיצין, אונד דיא פּאַציענטין איז בלויז זיינע א בעקאַנטע, אין וועלכער ער אינטערעסירט זיך זעהר פיהל. דאַן האָט ער מיטגעטהיילט דעם דאָקטאָר זיין נאָמען.

דאָס האָט געווירקט וויא א צויבער. דער דאָקטאָר האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט ערשט מיט א פּאָאַר טעג צוריק געלעזען אין דיא צייטונגען איבער דעם גרויסען פערמעגען וואָס איז ניקאָלאַי'ן צוגעקומען אַלס ירושה, אונד ער האָט איינגעזעהען, אַז ער קען דאָ פערדיענען א שעהנע מטבע.

וויא דער קוטשער האָט אָנגעצייגט, אַז דיא דראָשקע שטעהט שוין גע־שפּאַנט, האָט דער דאָקטאָר זעהר העפליך איינגעלאַדען ניקאָלאַי'ן זיך אריין צו זעטצען אין דער דראָשקע מיט איהם. אונד אַזוי זיינען זייא צוגעפאָהרען צו דער וואָהנונג פון דער קראַנקער מאַריא.

אניוטקא איז געוועזען וואַך ווען דער דאָקטאָר מיט ניקאָלאַי'ן זיינען אריין אין צימער. זיא איז אַרונטער געפאַלען פון דעם שטוהל אויף וועלכען זיא האָט גע־שלאָפען, אונד דאָס האָט זיא אויפגעוועקט. זיא איז געשטאַנען נעבען מאַריא'ן, וועלכע איז געלעגען אין א ברענענדעס פיעבער.

ניקאָלאַי האָט געזעהען, אַז דיא אַלטע וואונדערט זיך זעהר איבער איהם מיט דעם דאָקטאָר, אונד ער האָט איהר ערקלערט, אַז ער איז מאַריא'ס א פריינד, אונד ער איז פריהער דאָרט געוועזען בשעת זיא איז געשלאָפען אונד ער האָט צוריק גע־קעהרט מיט א דאָקטאָר.

דיא אַלטע האָט נאָר געזיפצט, אָבער זיא האָט גאר נים געענטפערט.

דער דאָקטאָר האָט אונטערדעסען גוט בעטראַכט מאַריא'ן, אונד נאָכדעם האָט,ער ערקלערט ניקאָלאַי'ן, מיט אַלע שווערע מעדיצינישע ווערטער, אַז זיא ליידעט פון א שרעקליכעס פיעבער, נערווען־שוואַכע, אונד נאָך עפּעס, פון וועלכען זיא איז געפעהרליך קראַנק אונד מען מוז אָבוואַרטען דיא קריזיס. ער האָט דערווייל פער־שריעבען א מעדיצין.

„איך וועל אייך בעטען, דאָקטאָר,‟ האָט ניקאָלאַי געזאָגט, „איהר זאָלט מיר ערלויבען אייער דראָשקע אָבצופיהרען דיא קראַנקע צו מיר אהיים.‟

„אָה יא, מיט פערגניגען,‟ האָט דער ארצט געענטפערט זעהר העפליך. „איך געה סאַר־וויא־סאַי אוועק פון דאַנען מאַכען מיינעם א פּאַציענט א בעזוך, אונד

איך וועל בעאויפטראגען מיין קוטשער ער זאָל אייך העלפען ארונטער טראָגען דיא קראנקע.״

ניקאָלאַי האט ארויס גענומען צוויא צעהן־רובעלדיגע אונד איבערגייכט דעם דאָקטאָר, וועלכער האט איהם אונטערדעסען פערשפּראָכען צו קומען בעזוכען דיא קראנקע אין זיין וואָהנונג, נאך דיזועלבע נאכט.

ווען ניקאָלאַי האט זיך אָבגעווענדעט צו זעהען וואס דיא אַלטע מאכט, האט ער בעמערקט, אז זיא זיצט שוין ווידער אויף דעם שטוהל אונד שלאָפט. ער האט ניט געוואָלט זיא וועקען, אונד מיט דער הילפע פון דעם קוטשער, האט ער צערטליך אויפגעהויבען דיא האלב־אָהנמעכטיגע מאריא פון דעם בעט, אונד זיא ארונטער געטראגען אונד דאן לאנגזאם אוועק געזעטצט אויף דיא ווייכע קישען פון דער דראָשקע. ער האט זיך געזעטצט נעבען איהר אונד זיא צוגעהאלטען.

ער האט געהייסען דעם קוטשער פאָהרען לאנגזאם.

דיא פרישע לופט האט געמאכט א גוטע ווירקונג איבער דער אונגליקליכער, אונד דיא וועקסלונג פון היטץ צו קעלט, האט ווידער אָנגעפאנגען צוריק צו קעהרען. אלס דיא דראָשקע איז אָנגעקומען ניט ווייט פון זיין וואָהנונג, האט זיא ערוואכט פון איהר צוטראגענעם צושטאנד אונד געפרעגט:

„וואו בין איך?״

„דאָ, מיט מיר, מיין פריינדין,״ האט ניקאָלאַי געענטפערט.

זיא האט אומגעווענדעט איהר געזיכט צו איהם אונד ביים שיין פון דיא עלעקטרישע לאָמפען, האט זיא איהם דערקענט. זיא האט געשמייכעלט מיט פערגניגען אונד וויטער גאר ניט געפרעגט.

ער האט זיך פאר איהר אונטערדעסען ענטשולדיגט, ווארום ער האט זיא ארויס גענומען פון איהר וואָהנונג, אָהנע זיך אן איהר אָנצופרעגען, אָבער זיא האט איהם אונטערבראָכען:

„קיין ענטשולדיגונג, מיין טהייערער פריינד; וואס איהר טהוט איז גוט.״

ניקאָלאַי'ס דיענער איז געוועזען ערשטוינט איבער דיזען אונערווארטעטען גאסט, אָבער ער האט קיינע פראגען געשטעלט. ער האט בלויז געטהאן וואס זיין הערר האט איהם געהייסען, געלאָפען ברענגען דיא מעדיצין, אונד נאך אנדערע קלייניגקייטען.

מאריא איז געלעגען מיט איהר קאָפּ אָנגעשפּארט אן א ווייכעס קישען אונד ניט געקענט ארונטער נעהמען איהרע אויגען פון ניקאָלאַי'ן, וועלכער איז געזעסען נעבען בעט אונד געהאלטען איהר האנד אין זיינע.

„מיין עדעלער פריינד," האט זיא געמורמעלט. „וויא גליקליך איהר האט מיך געמאכט! זעהט, איך בין שוין פאַלקאָמען געזונד — פאַלקאָמען! ווען איך וועל ווערען גאר געזונד, וועט איהר מיר ערלויבען דאָ צו פערבלייבען, אויסקעהרען אייער צימער, קאָכען פאר אייך טהעע, וואשען אייערע העמדער אונד... מיין גאָט, וויא גליקליך איך בין!"

זיא האט ציטערענד צוגעצויגען זיין האנד צו איהר מויל אונד זיא בעדעקט מיט קושען, וועהרענד ניקאָלאי האט אויך געפיהלט איהרע הייסע טרערען.

„בערוהיגט זיך, מיין גוטע מאריא," האט ער געמורמעלט. „ניט מיין דיענערין, ניין, איהר וועט זיין מיין..."

„ששש," האט זיא איהם אונטערבראָכען פון צווישען איהרע טרערען. „דאס דארף קיינמאל ניט זיין. איך בלייב בלויז נעבען אייך, צו זעהען וויא איהר זייט גליקליך, מיט א גוטער אונד ריינער זעעלע וויא איהר זייט — ניין, ניין, איהר וועט מיך דאמאלס נאָר האלטען נעבען אייך, צו זעהען וויא איהר זייט גליקליך, אונד איך וועל זיין דיא גליקליכע מיט אייך, וואשען דיא פיס אונד טרינקען דאס וואסער — אַך, גרויסער גאָט! דוא ביסט בארמהערציג..."

„מאריא, מיין געליעבטע מאריא!" האט ער געשריען. „זאג דאס ניט, ניין ניין, דוא צערברעכסט מיין הערץ; דוא וועסט זיין מיינע, מיין פרוי, מיין געליעבטע פרוי, ווייל איך ליעב דיך..."

זיא האט געוואָלט ווייטער פראָטעסטירען, נאָר זיא האט ניט געקענט. איהר אטהעם האט פלוצלינג אָנגעפאַנגען שווער צו ארבייטען אונד זיא האט אויסגעזעהען צו ערשטיקען.

„וואס איז, מאריא?" האט ער געפרענט ערשראָקען.

זיא האט לאַנגזאם ווידער געכאַפט דעם אטהעם, אונד, צולעגענדיג דיא האנד צו איהר ברוסט, האט זיא געעפענט איהרע אויגען אונד איהם אָנגעקוקט, וועהרענד א גליקליכער שמייכעלע האט זיך בעוויעזען אויף איהרע ליפען.

„מיר איז גוט, מיין פריינד," האט זיא געמורמעלט קוים וואס ער האט גע־הערט איהר שטימע. „מיר איז זעהר גוט, מיין פריינד... איך פיהל עס, דאָ, אין מיין הערצען, ווייל..."

זיא האט ווידער ניט געקענט רעדען.

ער האט זיך צו איהר צוגעבויגען אונד צוגעלייגט זיין אויער צו איהר ברוסט.

„רוא ליידסט פון הערץ־קראנקהייט, מאריא?״ האט ער געפרעגט.

„סיין קראנקהייט, עס איז דאס אייביגע לעבען,״ האט זיא אויסגעשריען שמייכלענדיג.

ניקאָלאי האט פערשטאנען.

„מאריא, מיין ליעבע, זייא מוטהיג,״ האט ער געזאגט וויינענדיג.

„מוטהיג, יא, — קוש מיך, מיין פריינד,״ האט זיא ווייטער געמורמעלט.

ער האט זיך צו איהר צוגעבויגען אונד זיא האט אויסגעשטרעקט איהרע ביידע הענד אונד איהם צוגעדריקט צו זיך.

„עס איז דער גליקליכסטער מאָמענט פון מיין לעבען,״ האט זיא געמורמעלט. „איך דאנק דיר, מיין ערעלער פריינד, איך דאנק דיר...״

זיא האט געקושט זיינע ליפען.

„וויא גליקליך איך בין!״ האט זיא ווייטער געזאגט. „גאָט זאָל עס דיר בעצאָהלען, מיין ענגעל. אך, בארמהערציגער גאָט, וויא גוט דוא ביסט דאך צו איין אונגליקליכער! מיינע לעצטע מאָמענטען זיינען אזוי זיס, אזוי היילינג — לעב וואָהל מיין פריינד, לעב...״

דער אטהעם איז פלוצלינג געבליעבען שטעהען, אָבער זיא האט איהם נאך אלץ געהאלטען פעסט אומארמט. דאן האט ער געשפירט וויא איהר קערפער האט א לייכטען שוידער געטהאָן, איהרע הענד האבען נאכגעלאָזען, אונד ווען ער האט זיך אויפגעהויבען, איז זיא געלעגען שטיל מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפען.

ווען דער אלטער דאָקטאָר איז ערשיענען ווידער אמאל, האט ער ערקלערט, אז מאריא איז געשטארבען פון הערץ־שלאַג.

10.

ניקאָלאי האט געלאָזען בעערדיגען דיא ארמע מאריא אויף א שעהנעם פלאַטץ פון דעם שטעדטישען פריעדהאָף נעבען מאָסקווא. מאנכע לייטע, דיא פאָרשטעהער, האבען אפילו פראָטעסטירט דאגעגען, אז מאריא, אזא פרויענצימער, זאָל רוהען צווישען זייערע „געאכטעטע״ שוועסטערס אונד מוטערס, אָבער מיט געלד קויפט מען אלעס אויף דיעזער וועלט, אפילו כבוד אויף נאָך'ן טויט.

דער קבר איז געלעגען הינטער דעם שאָטען פון צוויא אלטע לינדען־בוימער, אונד ניקאָלאי, ווען ער איז געקומען נאך אמאל בעזוכען דעם גראבען, האט ער זיך געטראכט:

„וועננסטענס יעטצט, מיין ארמע פריינדין, געניעסט דוא א זיסע רוהע, וועלכע איז שעהן פאר דיא מענשען וואס ליעבען דיא שעהנהייט.“

ווען ער האט איהר געשטעלט א שטיין, האט ער געלאָזען אויפשרייבען דיעזע ווערטער:

„דאָ רוהט מאריא, א שעהנע
„אונד ריינע בלום, צערטרעטען
„אין איהר יונגענד דורך
„שלעכטע מענשען. שלאָף
„רוהיג, אונגליקליכע.“

ער האט דאן מיט זיינע איינענע הענד געפלאנצט בלומען ארום דיעזען שטיין, אונד איידער דיא בלומען האבען אָנגעהויבען צו בליהען, האט ער יעדען טאָג געבראכט פרישע בלומען פון דער שטאָדט אונד זייא אוועק געלעגט אויף איהר קבר.

אין א טאָג, ארוים געהענדיג פון פריעדהאָף, האט ער זיך דערמאָהנט אן דיא שווירינקייטען וואס זיינען איהם אָנגעקומען, צו לעגען דיא ארמע מאריא אויף דעם פלאטץ פון גרויסע אונד רייכע דאמען אונד הערען.

„זייא זיינען געאכטעטע,“ האט ער זיך געטראכט. „געאכטעט אונד ווארום? בלויז דערפאר, ווייל זייא זיינען ניט געצוואונגען זיך צו פערקויפען אויס נויטה! בלויז דערפאר, ווייל דיא אומשטענדען ערלויבען זייא אנדערש צו לעבען וויא זייא וואָלטען געצוואונגען געוועזן! אונד דערפאר זיינען זייא געאכטעט אונד מיין אונגליקליכע מאריא פעראכטעט? ווער האט מאריא'ן געטריעבען צו דיעזער שטופע, ווען ניט זייערע מענער אונד ברידער? ווער איז שולדיג אין איהר אונגליק, ווען ניט דיא אונגלייכהייט אונטער דיא מענשען? ווען זייערע פאטערס — דיא פאטערס פון דיא „געאכטעטע“ דאמען—וואָלטען ניט צופיעל געלד אָנגעזאמעלט, מעהר וויא זייא בעדאַרפען, וואָלט מאריא'ס פאטער, פאר זיין טויט, געקענט בעזאָרגען זיין אלמנה מיט זיין קינד; ווען מיין אָנקעל, דער „געאכטעטער“ מאַן, דער וואוילער יונג פון אונזער געזעלשאפט, וואלט אין זיך בעזעסען עהרען-געפיהל, וואָלט ער ניט געצוואונגען אזא אונגליקליכע זיך צו פערקויפען אין איהר נויטה... עס איז א פערפלוכטע, פערדאָרבענע אונד אבשייליכע וועלט! דיא מענשען אונטער זיך, לעבען נאך ערגער וויא דיא טהיערע!“

ניקאָלאי פלעגט פערברייננען דעם פריה-מאָרגען אויף מאריא'ס קבר, דעם

נאכמיטאג בייא זיך אין צימער אין מיפעס דענקען, אתר א היבשען מהייל פון דער נאכט אין מראכטען.

ער האט מעהר ד'א אוניווערזיטעט נים בעזוכט אונד אויפגעגעבען זיין שטודיום. זיינע קאמעראדען האט ער בוכשטעבליך ארויס געטריעבען פון זיין וואהנונג, ווען זייא זיינען איהם געקומען בעזוכען.

„הערט אויס, קינדער," האט דער אָנקעל געזאגט צו וואסילי'ן אונד מאר־פיטשעוו'ן, אלס זייא האבען געשפראָכען איבער ניקאָלאי'ן. „איך דענק, אז ער איז נאר משוגע געוואָרען, אונד עס איז מיין פפליכט איך זאָל דאריעבער מיטטהיילען זיין מוטער."

„ער איז פעררי‌קט, געוויס," האט וואסילי איינגעשטימט.

„געהערט איין איינפאל," האט טאפיטשעוו בעמערקט. „זיך צו פערליעבען אין אזא בחור'טע אונד נים אויפהערען צו טרויערן נאך איהר, אפילו ווען זיא איז שוין טויט."

„מיין מיינונג איז," האט דער אָנקעל פאָרטגעזעצט, „דאס ווען זיין מוטער וועט אהער קומען, זאָל ער אונטערזוכט ווערען פון ערצטע איבער זיין גייסטעס־צושטאַנד. פערגעסט נים, ער איז יעטצט דער איינענטהימער פון איין אונגעהייערעס פערמעגען, אונד ווער ווייס וואס ער קען נאך טהון דערמיט אין איין אנפאלל פון משוגעת."

ניקאָלאי'ס מוטער איז געקומען אונד איהר זוהן האט זיא עמפפאנגען בייא דער באהן־סטאציאָן. דיא אלטע פרוי האט זיך דערשראָקען זעהענדיג איהר זוהן בלאס אונד פערטראכט.

זיא האט מיט איהם נאכהער געהאט א לאַנגע אונטעררעדונג, אונד אויף ד.ם ראטה פון איהרע קרובים, האט זיא איינגעשטימט, אז איהר זוהן דארף וווירקליך אונטערזוכט ווערען פון ערצטע.

דיא אונטערזוכונג האט שטאטגעפונדען אויף אזא ארט, אז עס זאָל נים הייסען, דאס מען קוקט גראדע זעהען אויב ניקאָלאי איז משוגע אָדער נים. מען איז זיך צוזאמען געקומען אויף א בעשטימטען פלאטץ וואו צווייא פראָפעסאָרען דער מעדיצין זיינען געוועזען אנוועזענד, אונד זייא האבען געפענט א געשפרעך מיט ניקאָלאי'ן.

ווייטער אורטהייל איז געווען פאלגענדער:

„משוגע איז ער נים אין אזא זינן וואס ער זאָל בעגעהען אין אירדענ־בּישפאלט, אָבער ער האט איינענע אידעען, וואס זיינען נים איינשטימיג מיט דיעזע

פון אונזער קלארער געזעלשאפט. דאס געזעטץ קען איהם דאפיר ניט אבשפארען, זאלאנג ער שאדעט ניט קיינעם. יעדענפאלס אבער, וואלט [illegible] אונזער עצה׳ מען זאל אויף איהם אכטונג געבען.״

ניקאלאי האט אונטערדעסען בעמערקט, אז עס איז עפעס ניט גלאט וויא מען בעהאנדעלט איהם, אונד ער האט זיך אנגעשטויסען, אז דער בעזוך פון דיא צוויא פראפעסארען האט געהאט עפעס א בעדייטונג.

„דאס איז א געפעהרליכע זאך,״ האט ער זיך געטראכט. „מען קען נאך ער־קלערט ווערען פאר משוגע. אונד וואס איז אונזער געזעלשאפט ניט אימשטאנדע צו טהון? ניין, ניין, דאס זאל ניט געשעהען; מיין אויפגאבע אין לעבען איז נאך זעהר גרויס, אונד קיינער דארף מיך ניט הינדערן.״

ער האט, זייט יענעם טאג, אנגעפאנגען צו שפיעלען איין אנדערע ראלע. ער האט זיך געצוואונגען צו זיין מונטער, בעענטפערן פראגען אין דעם זינן וויא זייא זיינען געשטעלט געווארען, אונד ווען ער האט געוואלט געהען בעזוכען מאריא׳ס קבר, האט ער געזעהן, אז זיינע בעקאנטע זאלען דערפון ניט וויסען.

זיין מוטער איז געווען אויסערארענטליך ערפרייט. זיא האט בעשלאסען איהם ניט צו צווינגען ער זאל פארטזעטצען זיין שטודיום. אבער, אנשטאט דעם, האט זיא איהם דערצעהלט, אז דיא צייט איז געקומען ער זאל קלערען פון א תכלית, אונד זיך אויפזוכען א פרוי.

ניקאלאי איז ניט געווען ענטשלאסען צו הייראטהען; זיינע אבזיכטען זיינען געווען גאנץ אנדערע. נאר אום קיין פערדאכט ארויף צו ציהען, האט ער בעזוכט מיט זיין מוטער בעללער אונד באנקעטען, וואו ער האט געשלאסען דיא בעקאנט־שאפט מיט פיעלע רייכע אונד שעהנע מיידלעך.

אבער, מערקווירדיג, קיין איינציגע האט אויף איהם געקענט מאכען איין איינדרוק. אלע זיינען איהם ערשיענען וויא אבגעריכטעטע חיות, וועלכע טאנצען אונד שפרינגען, מאכען קאמעדיע, שפיעלען טראגעדיע — אלץ נאר וויל אזוי האט מען זייא געלערענט.

אויפריכטיגקייט, וואהרהייט, געפיהל אונד ריינע מענשהייט, האט ער אין זייא ניט געטראפען. ער האט זייא געהאסט.

מאריא, אין זיינע אויגען, איז געשטאנען מיט אונצעהליגע פראצענטען העכער אלס זייא.

זיין מוטער איז אונטערדעסען געווען זעהר צופריעדען מיט דער ווענדונג פון

איהר זוהן׳ס פערשטאנד, וועלכער, נאך איהר מיינונג, האט ער שוין אוועק געווארפען זיינע איינבילדונגען, וויא זיא האט דאס גערופען.

זיא האט איהם אפילו געמאכט פארווירפע ווארום ער קלייבט אזוי פיעל, נאכדעם וויא דיא שענסטע מיידלעך פון העכסטען שטאנד זיינען בערייט איהם צו רייכען זייער האנד. אָבער דאך האט זיא איהם ניט גערדרונגען.

„כל־זמן עס איז שוין אזוי וויט געקומען,“ האט זיא זיך געטראכט, „וועט עס שוין אויך ווייטער געהען.“

זיא האט געהערט אלעס וואס עס האט פאסירט צווישען ניקאלאי׳ן אונד מאריא׳ן. דיא אידעע, אז מען האט ניקאלאי׳ן געפיהרט צו א פרויענצימער, איז איהר ניט פארגעקומען אלס ניט שעהן, ניט גוט אָדער אונמאראליש. טהון עס דען ניט אלע אנדערע יונגע לייט? בייא איהר איז עס ערשיענען גאנץ נאטירליך. זיך צו פערליעבען אָבער אין אזעלכער, איז איהר געווען אונבעגרייפליך.

אָבער זיא האט איהר זוהן נאך אין אנדערע הינזיכטען ניט פערשטאנען, אונד ניקאלאי האט געזעהען, אז זיין מוטער וועט איהם גראדע אזוי ניט פערשטעהען וויא זיינע קאמעראדען, אונד ער האט עס דערפאר גערעכענט פאר געשייטער מיט איהר גאר ניט איינצוטענה׳ען.

אין א טאג, אָהנע יעמאנד זאָל וויסען, איז ער אוועק צו איין אדוואקאט אונד זיך פאר איהם פארגעשטעלט ווער ער איז. דאן האט ער צו איהם אזוי געזאגט:

„מיין הערר, איך בעזיטץ, אויף מיין חלק ירושה א גרויסעס פערמעגען אין גיטער אונד אנדערעס גרונד־איינענטהום. איך בין דער פאָלשטענדיגער הערר דא־ריעבער, אָבער, וויל מיינע אידעען זיינען וויט פון דיא אידעען פון מיין פאמיליע אונד מיינע בעקאנטע, גלויב איך דאס זייא וועלען מיך געוויס שטערען דאס אלעס צו פערקויפען אונד דערפון געלד מאכען צו מיין צוועק. מען האט מיך שוין זאגאר געלאָזען אונטערזוכען איבער מיין גייסטעס־צושטאנד, אונד איך האב מורא, מען זאָל מיך ניט ערקלערען פאר משוגע. אזעלכע זאכען, וויא איהר ווייסט, האבען שוין פאסירט.“

ער האט דאן נאך מיטגעטהיילט אנדערע איינצעלהייטען דעם אדוואקאט, וועלכער, זייענדיג גראדע א שטיקעל עהרליכער מאן, האט ער איהם פערשטאנען אונד פערשפראָכען איהם צו העלפען דורכפיהרען זיין פלאן.

ניקאלאי האט אויף דיעזער ארט פערקויפט זיין גאנצעס איינענטהום אונד דעפאנירט זיין געלד אין איין אויסלענדישער באנק, אָהנע זיינע קרובים זאָלען וויסען וואו. דאן ערשט האט זיין מוטער דערפון ערפאהרען.

עס איז געוועזן אין א פֿאַרנאַכט ווען ניקאָלאַי האט בעזוכט מאַריא'ס קבר. עס איז געוועזן אַרום־אונד־אַרום בעוואַקסען מיט די בלומען וואס ער האט אליין געפלאַנצט. ער האט אָבגעריסען איינינע פון דיעזע בלומען אונד זייא בענעטצט מיט זיינע טרערען. דאַן האט ער זייא אריין געלייגט אין זיין טאַשע.

„אדיע, פריינדין" האט ער געמורמעלט אונד איז פון דאָרט אוועק געגאַנגען.

ערשט מיט א פאאר יאָהר שפעטער האט מען ערפאהרען, אז ניקאָלאַי האט זיך איינגעשלאָסען צו א געזעלשאַפט, וועלכע קעמפפט פיר דער בעפרייאונג דער מענשהייט. ער האט זיין גאַנצעס פערמעגען אָבגעגעבען צו דיעזען צוועק.

זיין ליעבלינגס־בעשעפטיגונג איז געוועזן, אויפצוזוכען אונגליקליכע פרויען, זייא פערקלערען זייער טרויעריגעס לעבען אונד זייא העלפען זיך בעפרייען דערפון.

ע נ ד ע.

די פערפיהרונג

דיא פערפיהרונג.

גלויבט מיר, אז א שלעכטע ערצעהלונג האט מעהר ווערטה, וויא איין אויסגעצייכענטע בעטראַכטונג.

טורגעניעוו :

(אנדרעי קאָלאָססאָוו.)

1.

דער 12־טער יאַנואר, אָדער טאַטיאַנאַס טאָג, האט זעהר א וויכטיגע בעדייטונג אין לעבען פון דעם מאָסקווער סטודענט. מיר זאגען א „וויכטיגע בעדייטונג,“ אָבער מיר וואָלטען בעדאַרפט צו לעגען דיא ווערטער : „עס זאָל האבען א וויכטיגע בעדייטונג.“ אויב דאס איז אָבער דער פאַל, איז גאר א נעבענפראַגע.

דיעזער טאָג בעצייכענט דיא צייט וואס דיא מאָסקווער אוניווערזיטעט איז געגרינדעט געוואָרען, אונד, אונטער דיא אומשטענדען, האט דיעזע אוניווערזיטעט געליעפערט גענוג בילדונג אונד אויפקלערונג פיר דער רוסישער יוגענד.

א יונגער מאַן, מיט ריכטיגער איבערלעגונג, זאָל פייערן דיעזען טאָג מיט דער גרעסטער עהרע אונד אכטונג. יא, ער זאָל איהם פייערן מיט דער גרעסטער עהרע אונד אכטונג ; אָבער, אויב ער טהוט עס, איז ווידער א פראַגע, וועלכע וועט פיעללייכט בעאַנטפערט ווערען גאַנץ גענוי אין אונזער ערצעהלונג.

וויא געוועהנליך אָבער, ווייסען מיר, אז אין טאַטיאַנאַס טאָג, פערשטעהען דיא סטודענטען אין מאָסקווא, דארף מען טרינקען אַלעס וואס מאַכט מונטער אונד פרעהליך, אונד, ווען מען בעזוכט ניט א היבשען טהייל פון דיא אויסגע־לאַסענע הייזער, האט מען גאר ניט יוצא געוועזען געגען דעם פראָגראַם פון דעם פייערטאַג.

זעהן איהר וועט אָנכאַפּען א סטודענט אונד איהם פרעגען, אויב דאס איז א יושר, אויב דאס איז שעהן, אויב דאס איז מענשליך, אונד, אויב דאס פאַסט פאַר אזעלכען וואס ווידמעט זיך פיר וויסענשאַפט, וועט ער אויפמאַכען א פּאאר אויגען

אונד אייך אָנקוקען ערשטוינט. א שמייכעלע פון פעראכטונג, וויא פאר איין אונ־וויסענדע, וועט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען.

„וואס דען," וועט ער פרעגען. „וויא זאָלען זיך סטודענטען אנדערש אונטער־האלטען? איז עס דען ווייניג וואס מען פערברענגט דיא גאנצע צייט איבער ביאָלאָגיע, אסטראָנאָמיע, פיזיק, כעמיע, מאטהעמאטיק אונד אַנדערע טרוקענע וויסענשאפטען? א מענשען קען דאך נמאס ווערען אפילו בראטען צו עסען יעדען טאָג. מיר זיינען יונג, לעבהאפט אונד מונטער, אונד מיר מוזען האבען איין אב־וועקסלונג."

אלע אייערע ארגומענטען וועלען אייך ניט העלפען איבער דיעזער אבוועקסלונג. דער מאָסקווער סטודענט בלייבט בייא זיינעם — דיא אבוועקסלונג בעשטעהט אין טרינקען אונד שעהנע מיידלעך, אונד דערמיט ענדיגט זיך אַלעס.

אונזער ערצעהלונג שילדערט דאָ דאס לעבען פון אזא טאָג אונטער דיא סטודענטען אין מאָסקווא. אָבער, מיר ווילען גראדע זיך ניט אויסברייטען איבער אַלע, זאָנדערן, מיר וועלען גרייפען פון דעם אלגעמיינעם, ארויס ברינגען עטליכע כאראקטערע, אונד דער לעזער וועט קענען זעהען אין דיעזען שפּיעגעל דאס גע־ווינשטע ביילד.

עס איז געוועזען אין דעם מאָרגען פון דעם 12־טען יאנואר, ...189, ווען דער סטודענט וולאססאָוו, האט ערוואכט אין א בעזונדערער מונטערער שטימונג.

זיינע בלויע אונד רונדע אויגען האבען געבליקט צו דער ווייסער דעק פון דעם בעט אויף וועלכען ער איז געלעגען אונד בעטראכט דאס גאנצע צימער'ל, וועלכעס ער האט ליעב בעקומען וויא א צווייטע היימאטה.

דיא פענסטער זיינען געוועזען דיק אָנגעפרוירען, נאָר דאס רויטע זונען־ליכט האט דאך דורכגעשיינט אונד אָבגעשלאָגען וויא מיט גאָלדענע שטראהלען אויף דיא ווייסע שויבען.

ער האט געבליקט צום פענסטער, וועלכעס האט ניט געהאט קיין פּאָרהאנג, אונד ער האט בעוואונדערט דיא שעהנע נאטור ערשיינונג. ער האט געשפּירט, אז ער קען מעהר ניט שלאָפען, טראָטץ דעם וואס עס איז נאך געוועזען זעהר פריה.

„וויא שעהן דאס אַלעס איז," האט ער זיך געטראכט, „אונד וויא אנגענעהם, זיס אונד הערליך דאס לעבען ערשיינט מיר!"

וולאססאָוו איז געוועזען אין יענע יאָהרען, אין יענער צופריעדענער שטימונג, ווען זיין לעבענס־הימעל איז נאך ניט פערדונקעלט געוואָרען אונד זיין גאנצער קערפּער,

יעדעם גליעד אונד אָדער, איז געווען אָנגעפּיללט מיט בליהענדער יוגענד אונד לעבענס-לוסטיגקייט.

אין צימער איז געווען אזוי קאַלט, אז דער יונגער סטודענט האט געקענט זעהען דעם הויך פון זיין מויל. אָבער דאָך האט ער געפּיהלט גאַנץ ווארעם אונטער דער דיקער וואָלענער דעק, וואס זיין מוטער האט פאַר איהם אויסגעארבייט מיט איהרע אייגענע הענד. דיא פרישע לופט וואס האט בּעריהרט זיין געזיכט, האט איהם זעהר גוט געשמעקט.

וולאַססאָוו'ס פריינד אָדער שול-קאָלעגע, איוואַנסקי, איז נאָך געשלאָפען אויף זיין אייזערנעם בעט אין דער אנדערער זייט צימער. ער איז געווען צוזאַמען געוויקעלט וויא א קנויל אין זיין דעק, אונד געשנאָרכט אזוי הויך, אז וולאַססאָוו, אין זיין גוט-מיטהיגער שטימונג, האט דאס פערגליכען צו דעם דאַמפּפען פון א לאָקאָמאָטיוו. ער האט נאָר געשמייכעלט, אָבער דאס האט איהם ניט געמאַכט נערוועז.

איוואַנסקי איז געלעגען מיט זיין געזיכט צום אויווען, אונד בלויז זיין נאַקעטער האלז-נאַקען מיט זיינע קורץ-געשוירענע שווארצע האאר, האבען זיך ארויס געזעהען.

וולאַססאָוו האט זיך אביסעל אויפגעהויבען, ארויס גענומען זיין ניקעל-אוהר פון אונטער דעם קישען, נאכגעזעהען וויפיעל עס איז דער זייגער, דאַן האט ער נאָך אמאל געבליקט צו זיין קאָלעגע אונד געשמייכעלט.

„זאָל ער שלאָפען,“ האט ער געזאגט. „עס איז נאָך פריה אונד ער איז געווים מיעד. נעכטען אבענד האט ער געלעזען זעהר שפּעט. איך בין נייגיעריג צו וויסען וויא ער וועט זיך היינט אויפפיהרען. היינט, יא, אויף היינט שטעהט דיא וועלט. וועט ער זיך קענען צוריק האלטען? איך האב מורא פאַר איהם.“

וולאַססאָוו'ס יוגענדליכע געזיכט איז געוואָרען ערנסט.

ער האט זיך דאַן ווידער אויסגעשטרעקט, ארויף גערוקט דיא דעק ביז צו דער באָרד אונד איז געבליעבען ליעגען שטיל.

ער האט אָנגעפאַנגען צו הויכען אונד בעטראַכטען דיא ווארעמע לופט פון זיין מויל, וועלכע איז ארויס וויא ציגאַרעטען רויך. דאַן האט ער צוזאמענגעדריקט זיינע ליפּען אונד א לייכטער, זאָרגענלאָזער אונד צופריעדענער שמייכעל, האט איבער זייא דורכגעשוועבט.

זיין גאַנצעס געזיכט, האט פאַרגעשטעלט פרישקייט אונד פאָלקאָמענע געזונדהייט. אזא געזיכט קען מען נאָר זעהען בייא אונפערדארבענע יונגע לייטע,

אונד עס איז אנציהענדער, מאנכע מאל, וויא דאס געזיכט פון א שעהנעס פרויענ־צימער.

ווען מען האט וולאססאָוו'ן צום ערשטען מאל געזעהען, האט מען זיך ניט גע־קענט גלויבען, אז ער איז שוין א סטודענט פון דער אוניווערזיטעט, וועלכער בע־שעפטיגט זיך מיט דיא הויכע וויסענשאפטען. עפּעס האט ער אויסגעזעהען בלויז וויא איין אויסגעוואקסענעס קינד.

וולאססאָוו האט אריין געשטעקט זיינע ביידע הענד אין זיין נעדיכט־בעדעקטען קאָפּ מיט האאר, אונד אָנגעפאנגען צו דענקען.

„היינט איז דער טאָג פון דער הייליגער טאטיאנא, דער טאָג וואס ערא‌ינערט אן דער גרינדונג פון דער מאָסקווער איניווערזיטעט, אונד אויך דער ערשטער טאטיאנא טאָג פאר מיר, אלס אוניווערזיטעטס סטודענט. געוויס, אָהנע צווייפעל, מוז איך מיטפייערן, ווייל איך בין שוין א מענש — א פאָלקאָמענער מענש. איך וועל געהען עסען אין א רעסטאָראנט, דאָן וועל איך הערען דיא פּראכטפאָלע רעדען איבער וועלכע מען האט מיר שוין אזוי פיעל דערצעהלט. איך וועל הערען וויא מען שילדערט אין א בלומען־שפּראכע דיא ערהאבענע בעגריפע פון פרייהייט, גלייכהייט אונד ברידערליכקייט, אונד איך וועל אויך בייוואָהנען מיט מיינע אייגענע אויגען וויא גרויסע אונד הויך־געלעהרטע פּראָפעסאָרען פערקעהרען מיט דיא סטודענטען וויא מיט זייער גלייכען. דאס איז ווירקליך זעהר שעהן, אונד עס פרייט מיך וואס דער טאָג איז שוין געקומען!״

דיא אידעע האט וולאססאָוו'ן פערשאפט אונגעוויינליכעס פערגניגען, אונד וויא א קינד, וואס ערווארטעט א שפּיעל־צייג, אזוי האט ער זיך געפרייט מיט דער אידעע פון דעם וואס דער טאָג וועט ברענגען.

„אך,״ האט ער ווייטער געטראכט, „עס איז ווירקליך ערהאבען, גרויסארטיג אונד הערליך צו זיין א סטודענט פון דער אוניווערזיטעט. עפּעס שפּירט מען זיך א פאָלקאָמענער מענש מיט לייטען גלייך. מיר, ווענינסטענס, שיינט עס, גלייך וויא איך וואָלט בעקומען פליעגלען אונד איך קען פליהען וואוהין איך וויל! יא, דיא אוניווערזיטעט איז ניט אזוי וויא דאס גימנאזיום, וואו דיא פּראָפעסאָרען בע־טראכטען זיך אלס העכערע מענשען, וויא דיא שילער; וואו מען רעכענט זיך אליין אלס דום, נאריש, אונפעהיג אונד ניעדריג. דאָ איז מען א מענש, א פאָלקאָמענער מענש!

„איוואנסקי האט מיר דערצעהלט, וויא אין דעם היינטיגען טאָג פערזאמלען זיך דיא פּראָפעסאָרען, אונד צוזאמען מיט דיא פערשיעדענע סטודענטען, עלטערע

אונד אינגערע, שליעסט זיך א ברידערשאפט. דיא גאנצע צערעמאָניע הערט אויף, מען דארף ניט קיין קאָמפּלימענטען, קיין זאָגענאַנטען רעספּעקט — מען איז זיך נכאַט גוטע פריינד. דאס מוז זיין וואונדערבאר שעהן!"

וולאססאָוו'ס פאנטאזיע איז נאך ווייטער געגאנגען. ער האט זיך פאָרגעשטעלט אלע מעגליכע בילדער וואס ער וועט אין דיעזען טאָג זעהען. אונד, איבערהויפט, אז ער אליין, וועט ענדליך שוין ווערען א מאן, א מענש — א פאָלקאָמענע בריאה.

„דיא הויפּטזאכע איז," האט ער צו זיך פּלוצלינג געזאגט, „איך זאָל ביים עסען ניט פיעל טרינקען. אביסעל, וויפיעל א מענש בענעטהיגט, שאדעט ניט, אָבער ניט אַריעבער כאָפּען דיא מאָס."

דיעזען בעשלוס האט ער געפאסט זיך דערמאָהנענדיג, דאס דיא אנדערע סטודענטען שיכור'ן זיך אָן וויא געוועהנליך אין דיעזען טאָג.

„איך קען נאטירליך ניט ערשיינען אלס קיין ווילדער," האט ער ווייטער געטראכט. „מען דארף ניט לאַכען פון מיר; ווען יענער טרינקט מוז מען אויך עפּעס טרינקען. אָבענד וועל איך געהען אין טהעאטער. אויף אזא ארט, וועל איך געניעסען אנגענעהמעס מיט ניטצליכעס צוזאמען: איך וועל מיך אונטערהאלטען אונד אויך עפּעס לערנען פון אַסטראָווסקי'ס א פּיעסע. נאך דעם, וועל איך באלד אהיים געהען אונד מיך לייגען שלאָפען. אזוי וועל איך צו ברענגען דעם טאָג, אונד מאָרגען ווען איך אויפשטעהען וויעדער פריש, מונטער אונד שטארק, אונד דאן זיך וויעדער נעהמען צו דער געוועהנליכער ארבייט, אונד צו דעם רעגעלמעסיגען לעבען.

„אַך, דאס לערנען אונד שטודירען!" עס גיבט קיין גרעסערעס פערגניגען אויף דער וועלט: מען לערענט אונד מען ערפאהרט אזוי פיעלע ניטצליכע זאכען וואס עפענען דיא אויגען אונד שטעלען צופריעדען דעם גייסט. וויא גליקליך איך בין! איך האב בלויז דורכגעמאכט א האלב יאָהר אין שטודיום אונד וויא וויט איך בין שוין פאָרטגעשריטען! נאך פיער־אונד־א־האלב יאָהר, אונד איך בין פערטיג; דאן וועל איך ווערען ארצט, אונד יעדער וועט מיך רופען דאָקטאָר.

„עס וועט זיין ערהאבען — דאָקטאָר וולאססאָוו, אזוי וועל איך הייסען. איך וועל באלד אהיים פאָהרען נאך ס., מיך עטאבלירען, קריעגען א גרויסע פּראַקסיס אונד יעדער אין שטאָדט וועט מיך קענען, עהרען אונד אַכטען, גראדע וויא דער פאלל איז יעצט מיט איוואנסקי'ס פאטער.

„איוואנסקי, מיין פריינד, האט ניט געוואָלט שטודירען קיין מעדיצין. ער איז א נאר. אָבער ער האט זיך עס איינמאל איינגעבילדעט, אז ער קען ניט ארום געהען

בייא קראנקע אונד טויטע. ער שטודירט דערפאר אדוואָקאטור. איך ווייס ניט, נאך מיין מיינונג, איז ניטאָ קיין שענערע אונד בעסערע וויסענשאפט אין דער וועלט, וויא ארצט. זייענדיג איין ארצט, קען מען אלעס יוצא זיין: מען איז אי א געבילדעטער מאן, אי מען העלפט דער מענשהייט אונד מען מאכט זיך ניטצליך אויף דער וועלט.

„דאן, דאס הייסט, דיא הויפטזאך, מאכט מען טאקי געלד, מען קען נאך ווערען א רייכער מאן, אונד אלעס אויף'ן עהרליכען אופן: מען הארעוועט אונד מען פערדיענט. אָה ניין, איך וועל עס ניט צו געבען; קיין בעסערע וויסענשאפט וויא מעדיצין, איז ניטאָ אין דער גאנצער וועלט!"

דאן האט זיך וולאססאָוו אָנגעפאנגען פאָרצושטעלען, וואס פאר א לעבען ער וועט פיהרען, נאכדעם וויא ער וועט האבען בעענדיגט זיין שטודיום.

דיא ארמע, האט ער בעשלאָסען, צו בעהאנדלען אונד קורירען אומזיסט, אונד ער וועט זאָגאר זייא געהען אויפזוכען אין זייערע שמוטציגע וואָהנונגען אונד זייא טרייסטען; פון דיא רייכע ווידער, וועט ער זיך לאָזען גוט בעצאָהלען.

„דיא רייכע," האט ער געזאגט מיט א שמייכעל, „זיינען זעלטען קראנק אונד דאָך בענעטהיגען זייא מעהר דעם דאָקטאָר וויא דיא ארמע. דאס איז דערפאר, אז דעם אָרימען טהוט עפּעס וועה, מאכט ער זיך ניט דערפון, אָדער זיינע צרות מאכען איהם פערגעסען אן דעם, וועהרענד דער רייכער האט צייט גענוג זיך זאָגאר איינצור־בילדען קראנקהייטען, ווען ער האט זייא גאר ניט. אָט טאקי, דאָרפאר אליין, איז א יושר בייא זייא צו נעהמען געלד, וויל זייא וויסען שוין ניט אויס וואָלטאג וואס צו טהון."

אז ער וועט אָנהויבען צו פערדיענען געלד, האט זיך וולאססאָוו פאָרגעשטעלט, וועט ער דאן קענען אויך בעזאָרגען זיין פאטער, בעסער צו לעבען.

„מיין גוטער פאפא," האט ער געמורמעלט מיט א זיפץ, „וועלכער איז שוין אזוי פיעלע יאָהרען גלח, האט ניט אויסגעמאכט אזוי גוט וויא אנדערע. מען בעד־הויפטעט, אז האנדלען מיט גאָט איז דער בעסטער מסחר, מיין פאפא אָבער האט דערצו ניט געטויגט; ער איז צו עהרליך אַ־ם מענש דאפיר. שוין צייט ער זאָל רוהען, ער האט גענוג געהאָרעוועט. ווירקליך, דאס דאָרף זיין דיא שווערסטע ארבייט אין דער וועלט צו זאגען יעדען טאָג דיעזעלבע ווערטער אונד זינגען יעדען זונטאג דיעזעלבע טרוקענע פערזע זייט עט:יכע אונד דרייסיג יאָהר! עס איז דיא ערגסטע ארבייט אין דער וועלט; איך וואָלט בעסער געקלאפּט שטיינער וויא דאס צו טהון. מיין ארמער פאפא האט זיך שוין עהרליך פערדיענט צו רוהען."

דאן האט ער זיך דערמאָהנט אן זיין מוטער. ווען וולאססאָוו האט זיך אן איהר ערא‌ינערט, האט ער זיא אימער געזעהען פאר זיינע אויגען; א מאָגערע אונד הויך געוואקסענע פרוי, מיט א גוטמיטהיגען שמייכעלע אויף איהרע ליפּען, א שרעקעדיגער בליק אין איהרע מילדע אויגען אונד ווייסע הענד, וועלכע ער האט זעהר געליעבט.

„וויא איך וועל נאָר פערטיג ווערען מיט דער אוניווערזיטעט," האט וולאססאָוו געזאגט מיט א געפיהלפאָלער עראינערונג אן זיין היימאטה, „דאן זאָלען מיר אלע לעבען צוזאמען אונד גליקליך. געלד וועל איך פערדיענען, דערפאר האב איך קיין מורא ניט; איך וועל מיך ניט שרעקען פאר קיין שווערע ארבייט. אויסער פריוואט פּראַקטיקע, וועל איך אויך אָננעהמען א פּאָסטען. איך האָף, אז מיר וועלען דאן פערטרייבען דעם ד‏ות פון הויז אונד ניט ליידען מאנגעל וויא יעטצט. מיין גאָט! וויא זייא ערגערן זיך דאָרט; הייגטיגעס יאָהר איז אפילו ניט געווען צו בעצאהלען דאס שול־געלד פיר מיין שוועסטער."

דיא לעטצטע עטוואס טרויעריגע געדאנקען, זיינען אָבער באלד פערשוואונדען אונד זיין גליקליכע שטימונג האָט ווידער צוריק געקעהרט. עפּעס האט ער זיך איבערהויפּט געפיהלט אין דיעזע מאָרגען אזוי גליקליך, וויא ער האט זיך נאָך קיינמאל ניט געשפּירט.

„בייא גאָט! מיר האבען ווירקליך א שעהנע וועלט!" האט ער אויסגערופען וויא איינער וואס קען זיך ניט אָברייסען פון א פערליעבטען געגענשטאנד.

וולאססאָווס ליעבענדע נאטור, האט איבערהויפּט יעדען געליעבט. ער האט געליעבט זיינע עלטערן, זיין משפּחה, איוואנסקי'ן, דיא פּראָפעססאָרען, דיא אוניווערזיטעט אונד דיא וויסענשאפט.

דאס אינגעלשע יוגענדליכע געפיהל האט וולאססאָוו'ן אזוי בעגייסטערט, אז ער האט געוואָלט זיך שטעלען אויף'ן קאָפּ אונד קלאפּען מיט דיא פיס אן דער וואנט, אָדער בעגעהען אירגענד איין אנדערע דומהייט. ער האט פערקרימט מיט זיין מויל, געמאכט מיט דיא אויגען, אָבער ער איז דאָך געבליעבען ליעגען רוהיג אונד געלאכט פון זיך אליין.

לאבען האט ער זיך אָבער שוין פערגונען, אונד דאס האט אויפגעוועקט איוואנסקי'ן, וועלכער האט זיך אומגעווענדעט אויף דער צווייטער זייט.

וולאססאָוו האט געטראכט, אז זיין פריינד וועט שוין איבערהויפּט אויפשטעהען, אָבער זעהענדיג זיין שווארצען קאָפּ פערשווינדען אונטער דער דעק, האט ער זיך ווידער געווענדעט צו זיינע טרוימערישע אונד גליקליכע געדאנקען.

זיינע אויגען זיינען געפאַלען אויף דיא ביינער פון דעם מענשען־קאָפּ, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף'ן טיש נעבען פענסטער אונד דאַן אויף זיינע נייע ביכער וואס ער האט זיך ערשט געקויפט. דאס אַלעס האט שטאַרק דערפרייט זיין הערץ.

עס האט איהם בעוויעזען אין דער ווירקליכקייט, אז ער פאַנטאַזירט ניט איבער קיין פוסטע זאַכען אין דער צוקונפט, אונד דאס ער איז ווירקליך א סטודענט דער מעדיצין אונד ער וועט פאָזיטיוו זיין א דאָקטאָר.

ער האט געקוקט מיט פערגניעגען אויף סערנאָוו'ס „אַנאַטאָמיע“, אויף הערא'ס „פיזיק“, אויף קאָלבע'ס „כעמיע“, אונד אונטער'ן טיש זיינען געלעגען דיא ביינער פון א מענשליכען קערפער, נאָך פריש מיט איין אונאַנגענעהמען גערוך, פון וועלכע ער וועט אויסאַרבייטען אונד צוזאַמענשטעלען א גאַנצען סקעלעט. אויף א נאָגעל איז געהאַנגען דער רוקען פון דעם סקעלעט אום זיך בעסער צו טריקענען, אונד ער האט זיך פאָרגעשטעלט, וויא אַזוי ער וועט אַלע ביינער צוזאַמען פאַסען אונד צונויף שטעלען.

עס איז ניט געווען קיין פאַנטאַזיע, זאָנדערן א פאָזיטיווע ווירקליכקייט, אונד דאס אַלעס האט געביקרעט דעם גרונד־שטיין פיר א שפּעטערדיגער בער־ריהמטהייט.

וולאַססאָוו האט אָנגעהויבען צו דענקען איבער דיא פערשיעדענע לאַטיינישע נעמען פון דיא ביינער וואס בילדען דעם מענשען־קאָפּ. ער האט זייא אַלע געקענט אויסווענינ אונד דאס האט איהם נאָך מעהר געפרייט.

זיין מונטערקייט האט אַזוי ווייט געשטיעגען, דאס ער האט געשפירט איין אונגעהייערע נייגונג, דאָך צו קלאַפּען מיט דיא פיס אן דער וואַנט — ער האט זיך ניט געקענט צוריק האַלטען.

ער האט איינגעבויגען דיא קניען אונטער דער דעק אונד דאַן האט ער דיא דעק אויפגעהויבען הויך איבער דעם קאָפּ.

פּלוצלינג האט ער זיך דערמאָהנט אן א ליעד וואס זיינע שוועסטער פלעגען זינגען צו הויז, אונד ער האט אויך אָנגעפאַנגען צו זינגען. ער האט צוריק געוואָרפען דיא פיס מיט א קראַך אונד געזונגען אַלץ העכער אונד העכער.

דערוויל איז עס אַלץ העלער אונד ליכטיגער געוואָרען אין צימער. דיא זון האט אויפגעשטיעגען העכער אונד דיא שטראַהלען האבען בעלייכטעט דיא נייע לעדערנע ריקענס פון זיינע ביכער אונד אויך געפאַלען איבער דיא מענשען־קאָפּ ביינער. אַלעס האט געגלענצט וויא אָבגעלאַקירט.

„מען מוז אויפשטעהען“, האט ער זיך געטראַכט.

„איך קען מעהר נים ליענען אין בעט“, האט ער געמורמעלט, אונד ער האט איך בעשלאָסען אויפצו־וועקען זיין פריינד.

פלוצלינג האט ער ערבליקט זיין מוטער׳ס בריעף, וועלכער איז געלעגען אויף זיינע ביכער. דעם בריעף האט ער מיט א טאָג פריהער ערהאַלטען אונד ער האט איהם דרייא מאָל געלעזען, אָבער ער האט איהם אויך געוואָלט לעזען א פיערטעס מאָל.

ער האט אויסגעשטרעקט דיא האנד אונד גענומען דעם קאָנווערט. פריהער האט ער איבערגעלעזען דיא אדרעסע, דאן האט ער ארויס גענומען צערטליך דעם בריעף, וועלכער איז געווען געשריעבען אויף א דינעס פאָסט־פאַפיר, אונד איהם בעטראַכטענדיג פון אַלע זייטען, האט ער איהם געעפענט.

ער איז געווען געדיכט בעשריעבען פון זיין מוטער׳ס האנד; ער האט דיא האנד־שריפט גאַנץ גוט געקענט. דאן האט ער אָנגעפאַנגען לאנגזאם צו לעזען.

אין בריעף איז געווען אַלעס גענוי בעשריעבען וואס עס געהט פאָר צו הויז, דאן זיינען געקומען פערשיעדענע אויסדריקע פון מוטערליכער צערטליכקייט אונד זאָרגען. וולאססאָוו האט שוין דאס אַלעס געקענט כמעט אייסוועניג, אָבער דאָך האט עס איהם פערשאפט פערגניגען צו לעזען וואס זיין ליעבע מוטער שרייבט.

„יא,“ האט ער זיך געטראַכט, „אין מיין ליעבער הייםאטה, איז עס נאָך אימער וויא געווען: יעדער ליעבט מיך גראָדע וויא אמאָל, ווען איך בין נאָך געווען א קליינער אינגעל, אונד אַלע בײנקען נאָך מיר. מיין טהייערע מוטער גלויבט פאָל־קאָמען אין מיר, אז איך בין א פעהיגער מענש, אונד זיא האָפט נאָך אמאָל צו זעהען אין מיר א בעריהמטען מאַן. זיא בעט צו גאָט יעדען טאָג פאָר מיר — איך וויים דאס אַלעס גאַנץ גוט, — אונד מיין גוטער פאָטער גלויבט אויך אין מיינע פעהיג־קייטען.

„אונד ווארום זאָל עס נים זיין אזוי?“ האט ער זיך אליין געפרעגט. „בין איך דען נים פלייסיג גענוג? אונד אַלעס וואס איך לערן, קריכט אריין טיעף אין מיין קאָפּ; איך שטודיר מיט לייב אונד זעעלע. יא, יא, מיינע ליעבע עלטערן, איך וועל אייך איבערציינגען, אז איהר האט אין מיר קיין טעות נים געהאט!“

ער האט אונטערדעסען וויעדער צוזאמען געלייגט דעם בריעף, אריין געשטעקט אין קאָנווערט אונד אוועק געלעגט צוריק אויף דיא ביכער.

„איך וועל ארבייטען בייא טאָג אונד בייא נאַכט,“ האט ער געמורמעלט ענטשלאָסען. „אונד איך וועל אונד מוז ווערען א גוטער ארצט, א גוטער מענש,

אונד — פיעללייכט אויך אמאל בעריהמט... ווארום נים? האב איך דען נים קיין געהירן גראדע אזוי גוט וויא אנדערע בעריהמטע מענער?"

וולאססאוו האט אויסגעשטרעקטביידע הענד איבער דעם קאפ, זיך אויסגעצויגען איבער דעם גאנצען בעט. דאן האט ער געריבען איין האנד אן דער צווייטער אונד זיך געפרייט וואס ער שפירט זיך אזוי שטארק אונד געזונד.

אויפהויבענדיג זיין רעכטע אונד נאקעטע האנד, האט ער געקוקט מיט בעוואונדערונג אויף זיינע פעסטע מוסקעלן.

ער האט מיט דער לינקער האנד בעריהרט דיא מוסקעלן אונד געשמייכעלט צופריעדען צו זיך אליין.

„איך בין געזונד וויא א ריעז!" האט ער געזאגט.

„וואס טהוט ער דארט?" האט ער זיך געפרעגט זיך אומקוקענדיג צו איוואנסקין.

„וואסילי וואסיליעוויטש, וואסיליעוו!" האט ער געשריען פון זיין גאנצער ברוסט אונד ארונטער געשליידערט מיט זיינע פיס דיא דעק פון זיך. „שטעה שוין אויף, עס איז שפעט, גענוג געשלאפען!"

דער לאנגער אונד גרויסער איוואנסקי, האט זיך ווידער אמאל אומגעדרעהט, אונד דאס בעט האט געקרעכצט אונטער דער לאסט פון זיין שווערען קערפער. ער האט לאנגזאם ארויס גענומען זיינע הענד, בעוואקסען מיט האאר, פון אונטער דער דעק, אונד זייא אויסגעשטרעקט.

נאכדעם וויא ער האט זיך צוגעווענדעט צו וולאססאווו, האט ער לאנגזאם געעפענט דיא אויגען אונד איהם אנגעקוקט.

זיין גרויסעס געזיכט מיט דעם ציגען־בערדעל, האבען זעהר קאמיש אויסגעזעהען. זיין לאנגע נאז, וועלכע האט וויא אריבער געהאנגען איבער זיינע דינע ליפען, האט זיך נאך מעהר אויסגעצויגען.

„וואס איז מיט דיר דארט?" האט ער געפרעגט מיט א הייזעריגער אונד אונצופריעדענער שטימע. „וואס מאכסטו פאר אזעלכע געוואלדען? גאנץ פריה אונד שוין משוגע!"

„שטעה שוין אויף,ווירקליך שטעה אויף," האט וולאססאוו געענטפערט לאכענדיג. „האסט שוין גענוג געשלאפען. האסטו פערגעסען, אז היינט איז טאטיאנא'ס טאג?"

„וואס געהט דאס מיך אן?" האט איוואנסקי געברומט. „צום טייפעל! וויא קאלט דא איז: מען קען דערפרוירען ווערען."

ער האט פערמאכט דיא אויגען, זיך בעסער איינגעוויקעלט אין דער דעק אונד געוואָלט נאך אמאל איינשלאָפען. ער האט אָבער באַלד געשפּירט, אז ער איז שוין אויסגעשלאָפען. מיט א פּאאר אויגענבליקען שפּעטער, האט ער אָנגעפאנגען זיך אויסצוהוסטען אונד זיך אָנגעהויבען אויפצוזעטצען, נאכשלעפּענדיג דאס קישען אויף וועלכען ער זאָל זיך אָנשפּארען.

„זייא אזוי גוט,“ האט ער געזאגט לאבענדיג פריינדליך צו וולאססאָוו'ן, „אונד גיב מיר מיינע ציגארעטען. אָט ליעגען זייא דאָרט אויפ'ן טיש נעבען דיר.“

וולאססאָוו האט איהם צוגעוואָרפען דאס פּעקעל ציגארעטען אונד איוואנסקי האט זיך פעררויכערט א דיקע ציגארעטע, פון וועלכער ער האט איינינע מאָל פעסט געצויגען דעם רויך. דאַן, זיך אומקוקענדיג, האט ער געזאגט:

„אזוי, היינט איז טאטיאנא'ס טאג — ענדליך האסטו דאס דערלעבט. וויא געפעלט עס דיר? ביסטו צופריעדען?“

„יא,“ האט וולאססאָוו געענטפערט.

„יא, יא, מיין פריינד, עס איז זעהר אינטערעסאנט היינט, זעהר אינטערעסאנט.“

איוואנסקי האט זיך דערוויל אָנגעהויבען אויפצודרעהען זיין פערדרעהטע אונד פערפלאָנטערטע באָרד.

„אז מען לעבט,“ האט איוואנסקי ווייטער געזאגט, „דערלעבט מען אלסדינג.“

„מיך פרייט עס זעהר,“ האט וולאססאָוו בעמערקט ארונטער לאָזענדיג דעם קאָפּ וויא פערשעהמט.

„איך האב דאך דיר, דאכט מיר, שוין אלעס דערצעהלט?“ האט איוואנסקי געפרעגט.

„יא, יא, זעהר פיעל האסטו מיר דערצעהלט.“

„דאס שענסטע נאטירליך, איז דיא גלייכהייט — היינט איז יעדער גלייך.“

„דאס איז זעהר שעהן!“ האט וולאססאָוו אויסגערופען.

איוואנסקי האט געשוויעגע אונד האט אויסגעזעהען נאכצודענקען, דאַן האט ער פלוצלינג געזאגט:

„אמאל פלעגט עס זיין אבענד זעהר פרעהליך אויסער דער שטאָדט. עס איז נאך היינט אויך אזוי. אלע פּראָפעסאָרען אונד סטודענטען ערשיינען דאָרט. יעדער טרעטעט אויף וויא ער איז, איינפאך אונד אָהן צערעמאָניע, אונד ווער עס

וויל, קען רעדען וואס זיין הארץ נעלוסט, אהנע זיך צו שעהמען — אלעס איז פרייא, אפען אונד אויפריכטינ. איז דאס ניט ערהאבען?״

„אה יא,״ האט וולאססאוו איינגעשטימט.

„עס איז געווען א שעהנע געשיכטע פאריאהרען,״ האט איוואנסקי פארט־געזעטצט הנאה האבענדיג פון זיין אייגענער שילדערונג. „יא, פאריאהרען איז דאס געווען סעווקא — דוא קענסט דאך איהם, — אלזא, דיעזער סעווקא האט איבער־געבאפט דיא מאס, אונד איז דאן ארויף געקראכען אויף א פאנטאן אונד אנגע־פאנגען אבצוהאלטען א רעדע פאר דיא סטודענטען. דוא האסט נאר געזאלט זעהען וויא ער האט זיך צוהיטצט אונד געשאטען מיט פילאזאפיע, וויא אונזער שכנה מאריושקא מיט פאלאווע פאר דיא חזרים. אבער אין זיין דערהיטצונג, האט זיך אויך דער בראנפען אבגערופען אין זיין קאפ, אונד — פליוסק! סעווקא איז אריין געפאלען אין וואסער! חא! חא! חא! איז דאס געווען א שעהנע סצענע! מיר האבען איהם דאן געמוזט פון דארט ארויס ציהען אונד ער האט גע־ציטערט וויא א פיש...״

אבער איוואנסקי'ס מונטערקייט איז באלד פערשוואונדען. עס האט אויסגע־זעהען, אז אמבעסטען ווען ער האט זיך פערגונען צו לאכען, האט ער זיך אן עפעס דערמאהנט וואס האט פון איהם פערטריעבען דיא פרייד.

אויף זיין געזיכט איז געלעגען איין אויסדרוק פון וועהמוטה.

וולאססאוו האט צוגעהערט אויפמערקזאם אונד מיט פערגניגען. ער האט אפילו געוואוסט, אז זיין פריינד איוואנסקי האט אימער ליעב צו איבערטרייבען אונד דערצעהלען מעהר וויא דיא וואהרהייט איז, אבער ער האט איהם ניט געוואלט ווידערשפרעכען.

„דאן,״ האט איוואנסקי פארטגעזעטצט אין א רוהיגע שטימע. „איז סעווקא געווען דורך־אונד־דורך געווייקט וויא איין אבגעצוואגענע מויז. מיר האבען איהם שנעל אריין געטראגען אין א זאלאן, איהם ארויף געזעטצט אויף א טיש אונד צור־געטראגען שאמפאניער פון אלע זייטען, ער זאל זיך דערווארעמען. יעדער האט איהם געוואלט העלפען זיך בעפרייען פון דער אונאנגענעהמער נאסער קליידונג, אונד אלע סטודענטען האבען איהם אנגעבאטען זייערע קליידער. ער איז אבער געזעסען שטיל אונד אויסגעזעהען ניט צו בעמערקען וואס דא געהט פאר. דאן האט ער פלוצלינג געווארפען א ווילדען בליק ארום זיך אונד ער האט שרעקליך אויס־געשריען...״

„וואס איז מיט איהם געשעהען? אה יא. איך ערמאנער מיך שוין.״

איוואַנסקי איז געוואָרען ערנסטער.

„ער איז משוגע געוואָרען. איך וויים פון דער געשיכטע,“ האט וולאַססאָוו ווייטער בעמערקט.

„יא, יא, ברודערל,“ האט איוואַנסקי פאַרטגעזעטצט. „ער האט פערלוירען זיין פערשטאַנד, דער אונגליקליכער, איך האב עס ליידער אליין בייגעוואָהנט. דאס האט אויף מיר צוריק געלאָזען איין אונאַנגענעהמען איינדרוק.“

„איך קען עס מיר פאָרשטעלען,“ האט וולאַססאָוו געזאגט.

„אָבער עס איז ניט אימער טרויעריג, עס אויך דאָ גוטעס אונד פרעהליכעס. איבערהויפט — דיא פרייהייט... יא, וועגען דער פרייהייט האב איך מיט דיר געוואָלט רעדען. אבענד געהט מען ארויס אין דער פאָרשטאָדט, אום וועניגסטענס צו צוזעהען וואס עס געהט פאָר — אָבער וואס האסטו בעשלאָסען צו טהון?“

„מיר וועלען זעהען,“ האט וולאַססאָוו געענטפערט.

„אָבער דאָך, וואו דענקסטו צו צוברענגען דעם טאָג מיט דעם אבענד?“

„איך וועל דיר זאגען,“ האט וולאַססאָוו געענטפערט וויא מוטה פאַסטנדיג. „איך האב בעשלאָסען צו עסען מיטאג אין דער מאָסקאָווסקאיא, עפּעס טרינקען פון יוצא וועגען, אונד אבענד געהען אין טהעאַטער. איך האב מיך שוין בעזאָרגט מיט א בילעט נאך פון נעכטען אבענד. ווען דאס אלעס וועט זיין פאָראיבער, דאן געה איך שלאָפען.“

„אזוי,“ האט איוואַנסקי בעמערקט, „דאס איז גוט.“

דאן האט ער געגעבען א שטאַרקען ציה זיין ציגאַרעטע אונד איז געבליעבען שטיל.

2.

איוואַנסקי איז געוועזען עלטער מיט עטליכע יאָהר פון וולאַססאָוון, אונד האט שוין אַלזאָ לענגער בעזוכט דיא אוניווערזיטעט וויא זיין יונגער פריינד.

זייא האבען געוואָהנט צוזאַמען, ווייל זייא זיינען געוועזען פון איין שטאָדט אונד זיך געקענט פון קינדהייט אָן. זייא האבען אויך בעזוכט דאס זעלבע גימנאַזיום, וואו איוואַנסקי האט נאַטירליך פריהער געענדיגט.

נאך איין אורזאַכע איז געוועזען ווארום זייא האבען געוואָהנט צוזאַמען: עס האט געקאָסט ביליגער אונד דאן איז עס גלאַט פרעהליכער צווישען צווייא סטודענטען וויא צו זיין איינער אליין.

וולאססאָוו׳ס עלטערן האבען זיך געפרייט וואס זייער זוהן האט געוואָהנט צו־זאמען מיט איוואנסקי׳ן; ער איז דאָך געווען א בעקאנטער אונד האט וועניגסטענס אויסגעזעהען וויא איין אנשטענדיגער מענש. זייא האבען אפילו געהערט, אז איוואנסקי האט א מיאוס׳ע טבע זיך צו לאָזען אַנדערען פון לייכטזינן אונד בעגעהען מאנכע דומהייטען, אָבער זייא האבען אויך געוואוסט, אז איוואנסקי, וואס ער וועט טהון אליין, וועט ער ניט זוכען צו פערפיהרען זייער קינד.

איבריגענס, קיין בעסערן קאַמעראד פאר זייער זוהן, האבען זייא ניט געקענט געפינען, אונד ער איז שוין געווען דער בעסטער פון דיא ערנסטע.

איידער איוואנסקי איז אוועק געפאָהרען נאך מאָסקווא, האט ער פערשפּראָכען וולאססאָווס עלטערן, איהם צו זיין א ברודער. זייא האבען איהם אויך געבעטען ער זאָל אויף איהם זאָנסט אכטונג געבען, אונד ווען ער וועט זיין אין נויטה, זאָל ער איהם העלפען.

טראָטץ דעם וואס איוואנסקי איז שוין געווען איין עלטערער אוניווערזיטעטס־סטודענט — וואס דאס איז ניט קיין זעהר גוטע רעקאָמענדאציאָן — האט ער זיך געצייגט צו וולאססאָוו׳ן ווירקליך וויא א ברודער.

ער פלעגט מעהרערע מאל זיין בעזאָרגט אום איהם, זיך נאכפרעגען וואס איהם פעהלט, אויב ער לייד ניט קיין מאנגעל, אונד ווען וולאססאָוו איז געווען טרויעריג, האט ער איהם געמוטיגט דערצעהלען דיא אורזאכע ווארום ער האט פער־לוירען זיין מונטערקייט.

דאס יוגענדליכע אונד אונשולדיגע ערשיינען פון וולאססאָוו׳ן, האט געמאכט איבער איוואנסקי׳ן א מערקווירדיגען איינדרוק ער האט זיך געשפירט אין זיין גע־ווענווארט וויא אונטער דעם איינפלוס פון ריינהייט, אונד ער האט קיינמאל ניט פּראָבירט זאָגאר איהם מיטצונעהמען אונטער זיינע טרינק־געזעלשאפטען. נאך מעהר, מיט דער צייט האט ער זיך אליין זאָגאר, אָנגעפאנגען אָבצוגעוועהנען פון זיינע אלטע אויפפיהרונגען אונד ער האט געמאכט א גאנצע ווענדונג אין זיין לעבען.

דעם הערבסט, דיא צייט פון אונטערהאלט אונד אויסגעלאסענעם פערגניגען אונטער דיא סטודענטען, האט איוואנסקי צוגעבראכט מייסטענטהיילס צו הויז אונד פערבראכט א היבשען טהייל פון זיין צייט אין לעזען דיא פראנצויזישע קלאססיקער.

אָבער אזוי וויא עס איז ניט אזוי לייכט צו בעזיעגען אין גאנצען אונד מיט איינמאל איין אלטע פערדאָרבענע געוואָהנהייט, האט איוואנסקי זיך אבגעריסען אי

איין אבענד פון זיין וואָהנונג, אונד צוגעבראכט דיא גאַנצע נאכט אונטער זיין אלטער געזעלשאפט.

ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער געטראגען א פינסטערע מיענע אויף זיין געזיכט, אונד איז געוועזן בעז וויא א ווילדע חיה.

וולאססאָוו האט זיך פאר איהם דערשראָקען אונד אויפגעציטערט הערענדיג זיין ווילדעס ברומען אונד זעהענדיג זיינע מעכטיגע פויסטען זיך צוזאמען דריקען. ער האט איהם אויסגעמיעדען.

וויא געוועהנליך, דארף מען נאך אזא אונטערהאלט, שלאָפען; אָבער ווען איוואנסקי האט ערוואכט, איז ער שוין געוועזן איין אנדערער מענש. ער האט ביטער חרטה געהאט אויף זיין לייכטזינן, אונד אויסגעזעהען זיך צו שעהמען פאָר וולאססאָורן וויא פאר זיינער א שוועסטער.

„דוא ביסט געוועזן אזוי בעז,“ האט וולאססאָוו געזאגט.

„דער טייפעל איז געלעגען אין מיר,“ האט איוואנסקי געענטפערט.

„דאס איז ניט גוט, מיין פריינד.“

„עס איז אבשייליך.“

„ווארום טהוסטו עס אלזא?“ האט וולאססאָוו געפרעגט ערשטוינט. „ווען א מענש וויס, אז א געוויסע טהאט איז שלעכט, מיין איך, אז ער דארף זיא אויסמיידען.“

„האסט פאָלקאָמען רעכט,“ האט איוואנסקי געענטפערט.

„אָבער ווארום...“

„וויל איך בין א לייכטזיניגער לומפ!“ האט איהם איוואנסקי אונטער־בראָכען.

„זאג עס ניט, מיין פריינד,“ האט זיך וולאססאָוו געבעטען.

איוואנסקי האט דאן אָנגענומען וולאססאָוו'ס האנד אונד איהם געשוואָרען, אז ער וועט עס שוין מעהר ניט טהון.

„פערצייהע מיר, מיין פריינד,“ האט ער ווייטער געזאגט, „פאר דיא גראָבע אונד געמיינע אויסדריקע מיט וואס איך האב מיך בעדיענט געגען דיר. איך האב ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט מיר. ווען איך בין בעזויפען, דאן פערלאָזט מיך דער מענש אונד דער טייפעל פערטרעטעט זיין פלאטץ.“

פון יענעם טאָג אָן, איז איוואנסקי געוואָרען זעהר א רוהיגער מענש, געלעזען ...פּעט אין דער נאכט, זיך אויפגעפיהרט רעגעלמעסיג אונד אויף זיינע ליפען איז ..ניט געקומען קיין געמיינער אויסדרוק.

וולאססאָוו האט ניט געקענט בעגרייפען וואָרום זיין פריינד האט זיך אזוי גע־ענדערט. עס איז איהם אויך ניט איינגעפאלען, אז דאס האט עפּעס צו טהון מיט זיין איינגעם איינפלוס.

ער האט געוואוסט, אז איוואנסקי האט געשפּיעלט דיא ראָלע אונטער דיא אַנדערע סטודענטען, אלס איין אויסגעלאַססענער אונד פערדאָרבענער מענש, אונד ער האט מיט ערשטוינען צוגעזעהען זיין פּלעטצליכע ווערקסלונג. דאס האט איהם זעהר געפרייט אונד ער האט זיך געשפּירט צוגעצויגענער צו זיין פריינד.

זייא האבען צוזאמען פערבראַכט דיא צייט אויף דער אָרענטליכסטער ארט: איוואנסקי האט געארבייט פלייסיג אין זיין שטודיום אונד דערבייא פיעל געלעזען. וולאססאָוו האט בעזוכט אַלע מעדיצינישע פּאָרלעזונגען אונד פערבראַכט שטונדען־לאַנג אין אַנאַטאָמישען מוזעאום אונד אין דער ביבליאָטהעק.

צו הויז האבען זייא אָפט געשפּראָכען איבער זייער קינדהייט, איבער דעם לעבען אין זייער געבורטס־שטאָדט אונד זיך אונטערהאלטען בייא א פולען קאָכעדיגען סאמאָוואר, פון וואנען מען האט געטרונקען טהעע אונד גערעדט איבער אַלע מענ־ליכע געגענשטענדען אונד וועלטליכע פראגען.

אָבער טראָטץ דיעזער אנציהונג אונד פריינדליכקייט, איז דאָך געלעגען א גרויסער אונטערשיעד צווישען דיעזע צווייא סטודענטען, אונד דיא הויפּט אורזאכע דערפון, איז געווען זייערע יאָהרען. זייערע כאראקטערע זיינען אין גרונד גענומען, געווען פערשיעדען דורך דיא אונגלייכע ערפאהרונגען וואס יעדער האט מיטגעמאכט, וועלכע האבען ארויס גערופען פערשיעדענע געפיהלע אונד אידעען.

וולאססאָוו איז אימער געווען אויפריכטיג, פרייא אונד אָפען מיט אַלע זיינע מיינונגען, אונד מיט וועמען ער האט זיך בעקאנט, האט ער געהאט דאס גרעסטע פערגניגען צו דערצעהלען דעם נייעם פריינד אַלעס וואס עס איז געלעגען אויף זיין הארצען.

איוואנסקי איז אַלט געווען 25 יאָהר, אונד וולאססאָוו בלויז 18. איוואנסקי איז אַלזאָ שוין געווען א פאָלקאָמענער מאַן, וועלכער האט אין דעם אונטערשיעד פון דיא 7 יאָהר געגען זיין יונגען פריינד, דורכגעלעבט אונד דורכגעמאכט זעהר פיעלעס. ער האט פערזוכט דאס לעבען פון אַלע זייטען — דאס זיסע אונד דאס ביטערע צוזאַמען. דאס האט פעראורזאכט, וואס ער האט אויסגעזעהען עלטער וויא ער איז אין דער ווירקליכקייט געווען, וועהרענד וולאססאָוו האט אויסגעזעהען נאָך איינגער אלס 18 יאָהר. בעססער געזאגט, איוואנסקי האט פאָרגעשטעלט א וועלטס־מענש אונד וולאססאָוו בלויז א איינגעל.

איוואנסקי האט שוין געקענט דיא פרויען זייט זעהר לאנג; ער האט זיך שוין אליין ניט געקענט עראינערן אן דיעזער צייט. ער איז שוין געווען, וויא דיא סטודענטען רופען עס, „זאט פון זייא.“ וולאססאוו וויעדער איז נאך געשטאנען בייא יענער פעריאָדע, ווען ער האט זאגאר מורא געהאט איבער זייא צו דענקען און איז נאך געווען אזוי אונשולדיג, וויא א ריינעס מעדכען אין זיינע יאהרען.

אין וולאססאוו'ן איז געלעגען דאס געפיהל פון פרומקייט אונד ריינהייט אזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, דאס גראדע וויא א מעדכען, האט ער געציטערט ער זאָל ניט פערפיהרט ווערען, אונד, וויא ווייט מעגליך, אויסגעמיעדען אירגענד א געלעגענ־הייט וואס זאָל פון איהם בערויבען זיין אונשולד.

ער האט דערפאר ניט געוואָלט בעזוכען אזעלכע קאמעראדען, פאר וועלכע ער האט מורא געהאט, אז זייא קענען איהם ארונטער פיהרען פון גלייכען וועג אונד, איבערהויפט, האט ער אלעס מעגליכע אנגעווענדעט ניט צו טרינקען.

„טרינקען איז דער שליסעל פון אלע געמיינהייטען“ פלעגט ער זיך טראכטען.

וולאססאוו איז געווען אויף אזוי פיעל פער טענדיג, אז ער האט בעגריפען, אז דאס לעבען איז פאר איהם פול מיט מונטערקייט, גליק אונד צופריעדענהייט, אונד ער האט געוואוסט, אז דאס אלעס מוז פערדאָרבען ווערען, ווען ער וועט זיך אָבווענדען פון אזא לעבענס־פראגראם וויא ער פיהרט.

אָבער צו לעבען אונטער סטודענטען אונשולדיג, איז גראדע אזוי שווער וויא אומצוגעהען מיט שארפע מעסערס אונד זיך ניט צושניידען. וולאססאוו האט פיעלע מאל זיך אנגעהערט דערצעהלען דיא אבשייליכסטע געשיכטען פון זיינע קאָלעגען.

אונטער זאָלכע אומשטענדען, פלעגט אין איהם ערוועקט ווערען א שטירמישער אונד וויטהענדער רייץ מיט פערשיעדענע פאנטאסטישע בילדער, וועלכע האבען געצויגען צו א ווירקליכקייט. ער האט פאר זיך געזעהען פיגורען פון פרויענצימער, ערשיינענדיג אין פערשיעדענע פאָרמען, וועלכע האבען געוועקט זיין תאוה דורך אונ־צעהליגע מיטלען.

ווען אזעלכע מאָמענטען זיינען ערשיענען, האט זיך וולאססאוו דערמאָהנט אן א פאקט וואס מען האט דערצעהלט איבער דעם גרויסען פילאָזאָף קאנט. דיעזער גרויסער דייטשער דענקער פלעגט ליידען פון רהעאומאטישע אונד אנדערע שמערצ־האפטע אנפעלע אויף זיין קערפער. ווען ער האט געשפירט, אז אזא שמערץ קומט, האט ער באלד זיך פערטיעפט אין א שווערער פילאָזאָפישער פראגע. ער האט געקענט אזוי אזוי דענקען א שטונדע אונד נאך מעהר, וועהרענד וועלכער

צייט, ער האט דעם שמערץ גאר ניט געשפירט. אז דער שמערץ האט איהם ווירקליך בעזוכט, האט ער זיך איבערצייגט דערפון, וואס ער האט נאכהער געפונען רויטע פלעקען אויף דיא קראנקע גליעדער, וועלכע זיינען געוועזען א צייכען, אז דער שמערץ האט זיין ארבייט שוין אבגעטהאן.

דאס האט געדיענט וולאססאוו'ן אלס א גוטעס ביישפיעל: ווען א תאוה־אידעע האט איהם ערגריפען, האט ער זיך באלד פערטיעפט אין א מאטהע־מאטישער אויפגאבע, אונד עס איז איהם אימער געלונגען צו פערטרייבען דיא תאוה פון זיך.

מיר קעהרען אלזא צוריק צו אונזער פריהערער שילדערונג, נאכדעם וויא מיר האבען געשלאסען א בעסערע בעקאנטשאפט מיט דיעזע צוויא סטודענטען.

איוואנסקי, ליעגענדיג נאך אימער אין בעט, האט פארטגעזעטצט צו רויכען זיינע „קאנאנען" (וויא ער פלעגט רופען זיינע דיקע ציגארעטען) איינע נאך דיא אנדערע. ער איז געלעגען שטיל אונד פערטראכט. ער האט געדענקט איבער וולאססאוו'ן אונד איבער זיך זעלבסט. איוואנסקי האט זיך דערמאהנט, אז זייענדיג 18 יאהר אלט, איז ער נאך געוועזען אין גימנאזיום. דאמאלס, קויט וויא ער האט זיך נעקענט ערהאינערן, איז ער נאך אויך געוועזען ריין אונד אונשולדיג, אונד איז נאך אויך געוועזען אזו גליקליך וויא זיין יונגער פריינד. דיעזע געדאנקען האבען בייא איהם ארויס גערופען א שמערץ אונד א וועהמוטה.

„וואס איז פון מיר לעטצטענס געווארען?" האט ער זיך געפרעגט.

דיא לעטצטע דרייא יאהר האבען אממייסטען זיין לעבען פערדונקעלט; עס איז געוועזען צו דיעזער צייט, ווען ער האט געשוואומען אין וויין אונד לוסט. מונטער־קייט אונד גליק זיינען געוועזען פערשוואונדען, וועהרענד שווערמוטה אונד מרה־שחורה זיינען ערשיענען אויף זייער פלאטץ.

זיין שטודיום אלס אדוואקאט, האט איהם אנגעעקעלט; ער האט דאס גע־האסט אונד פעראכטעט; בליקענדיג אין זיין צוקונפט, האט ער געזעהן פינסטערניש אונד אונצופריעדענהייט

איוואנסקי'ס טרויער האט געוואקסען, זיינע ליפען האבען זיך צוזאמענגעדריקט. אונד ער האט געזיפצט.

„איך ווייס ניט," האט ער געטראכט, „צו וועלכע שווארצע יאהר איך לעז נאך דעם גאנצען טאג דיא אלע פוסטע זאכען פון געזעטץ אונד אדוואקאטור?"

ער האט צוגעווארפען א פעראכטענדען בליק אויף זיינע ביכער.

„מען לערענט, מען שטודירט, מען פערלירט דיא געדולד, אונד צו וואס? וואס איז דאס אלעס? זעהר טרויעריג!"

איוואנסקי האט אויסגעזעהען אויפגערעגט צו ווערען פון זיינע איינענע געדאנקען.

„איך דענק נאר," האט ער פלוצלינג געטראכט, „אז איך וועל מיך געהען ווידער אנשיכור'ען. פיעללייכט וועט מיר דאס עפּעס העלפען? אבער, צום טייפעל, דאס העלפט נאר צו בערוישען אבער ניט בערוהיגען!"

זיין גאנצער גרויסער קערפּער האט זיך אונרוהיג בעוואוינגען.

„נו, וואס שטעהסטו ניט אויף?" האט וולאססאוו געפרעגט. „דוא ווילסט דאך אויך עפּעס היינט מיטמאכען?"

וולאססאוו איז שוין באלד געווען אנגעצויגען.

„איך וויים ניט, מיין פריינד," האט איוואנסקי געענטפערט מיט איין אונגעוועהנליכער אונרוהיגע שטימע. „דיך, וועניגסטענס, ראטה איך ניט דוא זאלסט דארט נאר זיין. איך מוז דיר זאגען דעם אמת, אז זייט דיא לעטצטע פאאר טעג, בין איך געווארען זעהר אונגעדולדיג אונד אלעס איז מיר לאנגווייליג. איך רעכען, אז איך וועל דאך ארויס געהען, פיעללייכט וועט אויף מיר ווירקען דיא צערשטריי־אונג. פון דעם שטודירען בין איך שוין אזוי דום געווארען וויא איין אקס. אונד, ווירקליך, צו וואס דארף מען האבען דיא גאנצע נאררישקייט? בייא מיין ווארט, פריינד, דיא גאנצע אדוואקאטור אונד געזעטץ, איז א נאררישער קינדער־שפּיעל. מיך אינטערעסירט עס וויא דער פאריאהריגער שנעע."

„דוא ביסט היינט אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט," האט וולאססאוו געזאגט לאכענדיג.

„דוא מיינסט איך בין שלעכט געשטימט," האט איוואנסקי בעמערקט, „ניין, ניט דאס איז גראדע דער פאל. איך בין שוין אזוי שלעכט געשטימט זייט א היבשער צייט פריינד! איך וועל דיר זאגען דיא וואהרהייט, מיר לעבען אין א פאלשער וועלט!"

„דאס איז שוין ריכטיג גענוג," האט וולאססאוו געזאגט אימער שמייכלענדיג גוטמיטהיג איבער איוואנסקי'ס אויפרעגונג. „אבער וואס האט דאס צו טהון מיט דער אדוואקאטור, געזעטץ אונד דיין פּראפעסיאן וואס דוא שטודירסט?"

„עס האט זעהר פיעל צו טהון."

„צום ביישפּיעל?"

„אדוואָקאַטור אונד געזעטץ איז ניט מעהר וויא א מיאוס'ער שווינדעל צו פערבלענדען דער וועלט דיא אויגען. האסטו שוין אמאל געזעהען צוויא מענשען וואָלען זיך פּראָצעססירען אונד איינער פון זייא ביידע זאָל געווינען?"

„ווער דען געווינט ווען דער אנגעקלאגטער פערשפּיעלט?" האט וולאססאָוו געפרעגט ערשטוינט.

„דער אדוואָקאט! יא, מיין פריינד, דער אדוואָקאט געווינט אימער. דיא גרויסע אונד פּרעכטיגע געריכטס־הייזער, דער קאָסטבארער לוקסוס פון דיא ריכטער מיט זייערע פאמיליען אונד דאס פערשווענדערישע לעבען פון אונצעהליגע אדוואָקאטען, דאפיר בעצאָהלען דיא קלעגער אונד דיא אנגעקלאגטע. עס איז א פאלשע וועלט!"

„חא! חא! חא!" האט זיך וולאססאָוו צולאכט. „וואס איז מיט דיר געוואָרען? וויא קומט עס צו דיר דוא זאָלסט אזוי פּלוצלינג קריטיקירען דיא וועלט?"

„א מענש, וויא פערדאָרבען ער זאָל זיין, האט ער דאָך מאָמענטען ווען ער איז מענש אליין, אונד ער פאנגט אן איבערצודענקען דיא פערפלוכטע וועלט אונד ער מוז איינזעהען, אז ער לעבט אונטער דעם איינפלוס פון פאלשקייט, שווינדעל אונד בעטרוג!"

איוואנסקי האט זיך נאָך בעסער אויפגעזעטצט אונד וויטער געזאגט:

„שווינדעל אונד בעטרוג, יא, יא, דאס איז דער פונדאמענט פון אונזער געזעלשאפט."

„אָבער דוא קענסט עס ניט זאגען איבער מיין פּראָפעסיאָן? ארצט איז איין עהרליכע פּראָפעסיאָן אונד דער דאָקטאָר פערדיענט אימער זיין געלד וואס מען גיבט איהם."

„ניין? איך קען עס ניט זאגען?" האט איוואנסקי געזאגט שפּאָטיש. „ווארום זאָל איך עס ניט זאגען? ווארט נאָר אביסעל, לערן וויטער, שטודיר נאָך דיין עהרענהאפטע אונד עהרליכע פּראָפעסיאָן אונד דוא וועסט דיך איבערצייגען, אז ארצנייא איז גראדע אזא שווינדעל וויא אלע אנדערע פּראָפעססיאָנעלע שווינדלען. 99 פּראָצענט פון דיא ערצטע זיינען בעטריגער. זייא ווייסען גאנץ גוט, אז אויסער איין אָפּעראציאָן ווען זיא איז אונבעדינגט נעטהיג, — איך מיין דיא כירורגיע - בעשטעהט זאָגסט דיא גאנצע מעדיצין אויף איין אָבפיהר־מיטעל. אָבער מען לערענט אייך וויא אומצוגעהען מיט אלערלייא גיפטען, ניט גראדע אום צו פער־גיפטען דירעקט דיא מענשהייט. זאנדערן אינדירעקט בעטרייבען דעם געזעטצליכען

מארד. ווען יעמאנדען טהוט וועה דער קאפ, דיא גליעדער אדער אירגענד איין אנדער שמערץ, דאן נעהמט איהר דאקטוירים אונד פערשרייבט גיפט. דער גיפט האט טאקי אויף'ן פלאטץ זיין ווירקונג צו לינדערן דעם שמערץ, אבער דער פאציענט געוואהנט זיך כאנגזאם צום גיפט אונד ער שטארבט נאכהער פון געהירן־שלאג, הערץ־שלאג אדער איין אנדערן שלאג וואס איהר, געלערענטע ערצטע, האט איהם פעראורזאכט דורך אייער עהרליכע פראפעססיאן.“

וולאססאוו האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט אונד דאן געפרעגט:

„איך פערשטעה ניט, וואס דען וואלסטו וועלען, מען זאל לאזען א מענשען אהן ערצטליכע בעהאנדלונג?“

„ווארום דען ניט?“

„ער וועט דאך געוויס שטארבען?“

„ניט נעוויסער וויא צור צייט וואס א דאקטאר בעהאנדעלט איהם,“ האט איוואנסקי געענטפערט. „דער בעסטער דאקטאר איז דיא נאטור; זיא פערשטעהט בעסער וואס פאר א רפואה צו שיקען... אבער מיר זיינען צו וויים פערקראכען; מען האט דאריעבער זעהר פיעל צו רעדען.“

וולאססאוו איז שוין געווען אנגעטהאן, אונד זיך אבווישענדיג זיין הוט, האט ער זיך נעזעטצט אויף א שטוהל אום צו הערען וואס איוואנסקי האט וייטער צו זאגען. אבער דער לעטצטער איז געווען פערטראכט אונד גאר ניט געקוקט צו איהם.

„קענסטו דען אבלייקענען, אז דיא מעדיצין האט קיין נוטצען געבראכט דער מענשהייט?“ וולאססאוו האט געשטעלט דיזע פראגע אום צו בעוועגען איוואנסקי'ן ער זאל וייטער רעדען.

„אבלייקענען?“ האט איוואנסקי געמורמעלט, „געוויס קען איך דאס ניט אבלייקענען, ווייל יעדע שלעכטע זאך האט אין זיך אויך גוטעס, אבער דיא מעדיצין האט אויף אונז געבראכט אויך אונגליק אהן א שיער. איך וועל דיר דערצעהלען א פאקט. עס קען אפילו הייסען, אז דיא פראפעססיאן איז אין דעם ניט שולדיג, אבער א טהאטזאכע איז עס, אז דיזע וואס בעשעפטיגען זיך מיט דער פראפעססיאן, זיינען געוויס פערברעכער. דאן איז דיא פראפעססיאן אויך שולדיג.“

„רעד דייטליכער, איך פערשטעה דיך ניט,“ האט וולאססאוו געזאגט ווארטענדיג אונגעדולדיג.

„מיט צוויא יאהר צוריק,“ האט איוואנסקי אנגעפאנגען, „האבען מאסקוער

דרייא אָרגאַנטליכע אונד איינפלוסרייכע מענער, ארויס גערופען א בעוועגונג, אום עס זאָל אויסגעווירקט ווערען מען זאָל פערביעטען צו טרינקען אונד שיכור'ן. איך דאַרף דיר ניט פיעל זאָגען, דוא ווייסט שוין וואַהרשיינליך וויפיעל אונגליק דער אלקאָהאָל פעראורזאַכט בייא אונז אין רוסלאַנד. עס זיינען צוגעשטאַנען מעהרערע אנדערע עהרליכע מענשען, אונד, עס האט שוין אַזוי ווייט געהאַלטען, אַז דיא רעגיערונג זעלבסט זאָל אונטערשטיטצען דעם פּלאַן.

„דערוויל האט דיא רעגיערונג פעראַנשטאַלטעט איין אונטערזוכונג אום זיך צו איבערצייגען, גענוי וויא גרויס דער שאַדען איז פון דעם זויפען. דיא אונטערזוכער, זעלבסטפערשטענדליך, זיינען געוועזען ערצטע, אונד, הער אונד שטוינע: זייא האבען ערקלערט, אַז שיכרות ברענגט מעהר נוטצען וויא ניכטערנהייט! זייא האבען דאס ערקלערט מיט אונצעהליגע לאַנגע פּראַזען, קאַנאַקעדיגע ווערטער אונד פּוסטע דיבורים, ביז דער גאַנצער עדעלער פּלאַן איז געשטערט געוואָרען.

„עס איז נאַטירליך איבריג איך זאָל דיר בעווייזען וויא גרויס דיא צערשטערונג איז אונטער דיא מענשהייט פון שיכרות. 40 פּראָצענט פון אונזערע מענער אונד פרויען ליידען דאַדורך אונד שטאַרבען איין אונצייטליכען טויט דערפון. דאַן, דאס לעבען זעלבסט, אונטער דעם איינפלוס פון אַלקאָהאָל, איז ניט מעהר וויא א שמוטציגע שווייגעריא. איך האב דאַמאַלס מיך ניט געקענט צוריק האַלטען אונד אויפגעזוכט דאָקטאָר ל., דער פּראָפעססאָר פון טאָקסיקאָלאָגיע אין דער מעדיצינישער פאַקולטעט, אונד איך האב איהם געפרעגט וויא דיא הערען ערצטע האבען געקענט אָבגעבען אַזאַ בעריכט. ער האט מיר איינפאַך געענטפערט, אַז דיא גאַנצע אַרצנייא וואָלט געטויגט אויף כפּרות, ווען מיר זאָלען ניט האבען קיין שיכורים. 25 פּראָצענט פון דיא ניכטערנע מענשען לעבען אָב זייער וועלט אונד בעניטצען זיך גאָר ניט מיט קיין ערצטע. דוא קענסט שוין נאַטירליך איינזעהען, וויא געמיין אונד פערדאָרבען דיא פּראָפעססיאָנעלע הערען זיינען.

„אָבער דאס איז נאָך ניט אַלעס: מאָסקוואַ בעזיטצט געגויע 3,000 אונאַנשטענדיגע הייזער אונד איבער 15,000 פּראָוענצימער זיינען געשטעלט געוואָרען צום אוננאַטירליכען אומגאַנג פון דיא מענער. פרעג א דאָקטאָר, וועט ער דיר זאָגען, אַז דאס מוז אונבעדינגט זיין, דיא יוגענד בענעטהיגט עס. דאס איז ליגען! עס איז גראַדע דער געגענטהייל. אנשטאַט נוטצען, ברענגט עס אונגעהייערן שאַדען. דיא יוגענד פערלירט איהר קראַפט, איהר פערשטאַנד אונד יעדער פונק מענשליכקייט ווערט דאַדורך אויסגעלאָשען. דיא שווידערהאַפטע אנשטעקענדע קראַנקהייט פון דעם אוננאַטירליכען פערקעהר פערברייטעט זיך אַלץ מעהר אונד מעהר,

ביז ניט נאָר איין לומפּ הייראַטהעט מיט איין אונשולדינעס מעדכען אונד פּעראוס־גליקט זיא מיט דיא קינדער וואס ווערען געבוירען פון אזא עקעלהאַפטען פאַטער.

„דאַן, דיא פּראָוויענציעמער זעלבסט: טויזענדער פאַלען אין דיעזער שטאָדט אליין יעדעס יאָהר, וויא דיא פליעגען פאַלען ביים ערשטען פראָסט. זייא הויכען אויס זייער לעטצטען פערמאַרטערטען אטהעם אין דיא האָספּיטעלער אונד קראַנקען־הייזער, אונד זייער בלוט מוז פאַלען אויף דיא קעפּ פון דיא לומפּינע ערצטע וואס ראַטהען, אז אזא אבשייליכקייט איז נויטהווענדיג."

„אָבער ווער צווינגט דיא מענשען זיך צו לאָזען פערפיהרען?" האט וולאַססאָוו א פרעג געטהאָן וויא פערווירט.

„ווער עס צווינגט זייא? דאס איז א גוטע פראַגע: דיא אומשטענדען, דיא געזעלשאַפט אונד דיא געוואָהנהייט פון אנדערע. יאָ, מיין פריינד, דיא אומשטענדען ברענגען דערצו. מען טרינקט צום ביישפּיעל פריהער אביסעל אונד מען זויפט זיך דאַן אָן וויא א בעסטיע..."

„דאַן פאַנגט מען גאָר ניט אָן צו טרינקען," האט איהם וולאַססאָוו אונ־טערבראָכען.

„דוא האסט רעכט, אָבער דאס זויפען אונטער אונז איז ניט קיין אנפאַנג, זאָנדערן א פאָרטזעטצונג. אָנגעפאַנגען האבען אונזערע עלטערן אָדער אור־אור־עלטערן אונד זייא האבען אונז צוריק געלאָזען א ירושה פון זייער פערדאָרבענהייט, וועלכע מיר זעטצען פאָרט כל־זמן מיר האבען ארום אונז בראַנפען, וויין, ביער אָדער ראָם. מיר שיכור'ן זיך אכזאָ אָן אויף אזוי וויים, אז מיר וויסען ניט וואו מיר זיינען אין דער וועלט, אונד דאַן ווייס שוין דיא בעסטיע ניט וואס זיא טהוט; מען קריכט אין בלאָטע, אין זומפּף, אין שמוטץ, סאַי וואו עס איז אונד מען מיינט נאָך, אז מען האט פערגניעגען דערפון."

„דאַן, ווען מען זעהט, אז מען איז אין שמוטץ," האט וולאַססאָוו בעמערקט, „זאָל מען ארויס קריכען אונד אהין מעהר ניט געהען."

„פערפאַלען, מיין פריינד, פערפאַלען," האט איוואַנסקי געענטפערט. „דער שיכור, ווען ער איז ניכטער, געדענקט ער גאַנץ גוט, דאס זייענדיג בעזויפען, איז ער געלעגען אין שמוטץ, געליטען אונד אויסגעשטאַנען דיא שרעקליכסטע מאַרטערניסע. דער רייץ צום טרינקען ערשיינט; ער ווייס, אז ער דאַרף ניט טרינקען, אָבער ער טרינקט דאָך, ווייל ער איז צו שוואַך זיך צוריק צו האלטען; ער בעזיטצט ניט גענוג קרעפטען זיך זעלבסט צו בעזיעגען. דער יונגערמאַן, וועלכער איז איינמאל

קראנק געוואָרען פון זיין פערדאַרבענהייט אונד אוננאַטירליכען פערקעהר מיט פּרוויענצימער, וויים גאַנץ גוט פון וואַנען דאס אַלעס איז געקומען אונד ער בע־גרייפט, אז...״

וולאַססאָוו׳ס געזיכט איז רויט געוואָרען וויא ביי איין אונשולדיגעס מעדכען ווען זיא הערט אַזעלכע ווערטער רעדען, אונד ער האט אַרונטער געלאָזען זיין קאָפּ.

איוואַנסקי האט דאס בעמערקט אונד זיך זעלבסט אונטערבראָכען. ער האט ווייטער ניט געוואָלט רעדען אין דער געגענוואַרט פון זיין יונגען פריינד אַזעלכע ווערטער, וועלכע מען זאָל בעסער פערשווייגען.

וולאַססאָוו האט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל, צוגעגאַנגען צום אָנגעפּרוירענעם פענסטער אונד אָנגעפאַנגען צו הויכען, דאַן האט ער זיך אומגעווענדעט אונד געזאַגט:

„שטעה בעסער אויף, וועלען מיר טרינקען טהעע.״

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, געעפענט אונד בעשטעלט פריהשטיק.

מיט אייניגע אויגענבליקען שפּעטער, איז אריין געקומען דער דינער. דיעזער איז געווען א ניעדריג מענשעלע אונד ער איז געווען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „האָזעל.״ ער האט געהאַט א גלאַט געראַזירטעס געזיכט אונד געטראָגען איין אַלטען ראָק, אין וועלכען ער האט געהאַלטען אָנגעשפּאַרט דעם קאָכענדיגען סאַ־מאָוואַר. אויף׳ן סאַמאָוואַר זיינען געלעגען צוויא קליינע ווייסע ברויט מיט דער מאָרגען־אויסגאַבע פון דיא „רוססישע נאַכריכטען.״

„גוט מאָרגען, מיינע הערען,״ האט ער געזאַגט זעהר פריינדליך. „איך גראַטוליר אייך צום היינטיגען פייערטאַג.״

„איך דאַנקע, האָזעל,״ האט איוואַנסקי געענטפערט.

„פון דעם צימער נומער 15,״ האט האָזעל ווייטער געזאַגט, „איז מען שוין אוועק צום פייערטאַג אין דער אוניווערזיטעט. עס זעהט אויס, אז איהר האט זיך אביסעל פערשלאָפען. עס איז שוין 10 אוהר.״

האָזעל האט קיין ענטפער געקריעגען אונד איז אַרויס פון דעם צימער.

וועהרענד וולאַססאָוו האט אָנגעפאַנגען אָנצוגיסען טהעע אין דיא גלעזער, איז איוואַנסקי אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעצויגען, געוואַשען זיין געזיכט אונד זיך געזעטצט צום טיש.

וולאַססאָוו האט דאַן שנעל איבערגעקוקט דיא צייטונג אונד זיא אוועק

געליינט. איוואנסקי האט גענומען דיא צייטונג אונד זיא אויך איבערגעקוקט, דער ווייל זופענדיג פון דעם גלאָז טהעע וואס זיין פריינד האט אָנגעגאָסען.

ווען זייא האבען אויסגעטרונקען דיא גאנצע טהעע אונד אויפגעגעסען דאס ברויט, האבען זייא זיך אָנגעצויגען דיא שווערע אויבער־מאנטלען אונד זיינען צוזאמען ארויס אויף דער גאס, אָהנע צו רעדען א וואָרט.

3.

וולאססאָוו האט ענדליך ביינעוואָהנט אלעם איבער וואס ער האט אזוי פיעל געטרוימט. ער האט בעזוכט דיא אוניווערזיטעט, אונד זיך אנגעהערט מיט א גרויסער מאסע רעדען, קורצע אונד לאנגע, מיט שעהנע אויסדריקע, געקינסטעלטע ווערטער אונד הויך־קלינגענדע פראזען איבער פילאָזאָפיע, מענשהייט, מאָראל אונד פאָרטשריט.

מען האט זיך זעהר שעהן אונטערהאלטען, פריינדליך, ברידערליך, אונד ער איז געוועזען שטאָלץ דארויף וואס ער איז שוין אויך א מענש מיט לייטען גלייך.

ניט מען האט געטרונקען, זאָנדער, לויט נאך וולאססאָווס אנזיכט, האט מען אריין געגאָסען גאנצע פעסער וויין אונד וואָדקא אין דיא מיילער, אָבער, נאטירליך, דאס טרינקען איז ניט געוועזען בלויז אום צו טרינקען, זאָנדערן מען האט זיך דערוויל געוואונשען, אז דיא וויסענשאפט זאָל בליהען, דיא סטודענטען זאָלען ערלייכען זייער העכסטען וואונש אונד דיא פראָפעסאָרען זאָלען לאנג לעבען.

וולאססאָוו האט וועהרענד דיעזער סצענע שוין כמעט אין גאנצען פערגעסען אן דעם געשפרעך וואס ער האט געהאט גאנץ פריה מיט איוואנסקין. מאנכע פראָפעסאָרען, האבען איהם איינפאך בעצויבערט מיט זייער פריינדליכער בענעהמונג צו דיא סטודענטען. איינינע, צום ביישפיעל, האבען יעדען גערייכט דיא הענד, אונד צוגעוואונשען אלעם מעגליכע.

ווירקליך, אזעלכע גרויסע געלערנטע העררען זאָלען זיך אזוי ערניעדריגען, איז ניט קיין קלייניגקייט!

איין פראָפעסאָר האט זיך אזוי איינפאך בענומען, דאס מען האט באלד גער קענט גלויבען, אז ער איז גאר קיין פראָפעסאָר ניט, אונד דאָך איז ער עס געוועזען דעריעניגער, וועלכער אונטערריכטעט הויכע וויסענשאפט אונד פאר וועלכען דיא סטודענטען ערשיינען מיט דעם גרעסטען רעספעקט.

נאך א פראָפעסאָר האט אָבגעהאלטען א קורצע אנשפראכע איבער דער בע־רייטונג פון וויסענשאפט אין אלגעמיין, אונד ער האט דערבייא ערקלערט, אז דיא סטודענטען זיינען דיא בלומען דער מענשהייט.

„יא, יא, עס איז וואהר,“ האט זיך וולאססאָוו געטראכט. „דאָ האט ווירקליך געהערשט פרייהייט, גלייכהייט אונד מענשליכקייט צוזאמען. מיך פרייט עס וואס איך האב דאס דערלעבט. אלעס איז געווען וואונדער שעהן!“

עס איז שוין געווען אום 6 אוהר אבענדס ווען ער איז אריין אין רעסטאָראנט אונד געשמייכעלט צופריעדען צו זיך אליין.

ער האט געשפירט א פרייד אין זיין ברוסט וואס האט איהם גליקליך גע־מאכט.

„אזעלכע געבילדעטע מענשען אונד דאָך אזוי איינפאך אונד עדעל!“ דיעזע אידעע האט איהם גאר ניט געקענט ארויס פון קאָפּ.

וולאססאָוו האט זיך אונטערדעסען דערמאָהנט, זיטצענדיג ביים טיש, איבער דעם מערקווירדיגען געשפרעך וואס ער האט געהאט מיט איוואנסקין.

„האב קיין מורא ניט,“ האט ער געזאגט צו זיך אליין, „מיט מיר וועט דאס ניט פאסירען, איך וויים וואס איך האב צו טהון.“

געגעסען האט ער זעהר גוט אָבער געטרונקען האט ער גאנץ ווייניג. ער האט זיך געשפירט זעהר מונטער, אָבער ניט פון טרינקען. ער איז געווען פאָלקאָמען ניכטער.

וולאססאָוו האט נאך דעם עסען געשמייכעלט צו זיך אליין מיט צופריע־דענהייט.

„דאס עסען איז פאָראיבער,“ האט ער זיך געטראכט, „אונד ווען איך האב דערבייא ניט איבערגעכאפּט דיא מאָס, דאן בין איך פיר הייגט גערעטעט. דאס עסען איז געווען דיא הויפּטזאכע, אונד ווען דער יצר־הרע האט איבער מיר יעטצט ניט געקענט ווירקען, דאן בין איך זיין בעל־הבית אונד ניט ער מיינער.“

ער האט זיך אויפגעהויבען, בעצאָהלט אונד איז ארויס.

„איך האב געטרונקען איין גלאז שאמפּאניער,“ האט ער געמורמעלט געה־ענדיג אויף דער גאס, „איין האלבעס גלאז ביער אונד אביסעלע שנאפּס — א פּיערטעל גלעזעל, דאס איז אלעס. ווירקליך, א מענש מוז דאָך עפּעס וויסען אמאל דעם אונטערשיעד פון איין טאָג צום צווייטען. הייגט איז יום־טוב אונד קיינער וועט מיר ניט זאגען, אז איך האב אזא קלייניגקייט ניט בעדארפט טרינקען. אָה ניין, דאס הייסט ניט קיין שיכור, אונד עס איז, נאך אלעמען, גאנץ אנשטענדיג.“

וולאססאוו האט געשפירט א מונטערקייט אונד גליק איבער אלע זיינע גליעדער, גראדע וויא ער האט געפיהלט גאנץ פריה ווען ער איז אויפגעשטאנען.

נאך דעם גערויש אונד געשרייא בייא דיא טישען אין רעסטאראנט, האט איהם אויסגעזעהען אלעס זעהר שטיל אונד רוהיג אויף דער גאס.

פלוצלינג האט ער זיך דערמאהנט אן זיין פריינד איוואנסקי.

„וואו קען ער זיין?" האט ער זיך געפרעגט. „גאט וויים וואס פון איהם איז היינט געווארען. דאכט זיך זעהר א פערנינפטיגער מענש, מיט אלע מעלות, א קריטישער איבערבליק איבער דער וועלט, א געזונדען פערשטאנד וועגען בילדונג, אונד דאך קען ער זיך ניט אליין בעהעררשען. דאנקען גאט, מיט מיר איז דאס ניט דער פאל; איבער מיר בין איך אליין בעל־הבית אונד קיינער זאל מיך ניט ארונטער פיהרען פון וועג."

דיא קאלטע לופט האט אנגעפאנגען אונטערדעסען איינצודרינגען אין זיין קערפער.

„איך וועל אויף איין אויגענבליק אריין געהען אין מיין צימער," האט ער זיך געטראכט, „מיך אביסעל אנווארעמען אונד זעהען אויב עס איז ניטא עפעס א בריעף. דאן געה איך אין טהעאטער, אונד מארגען זעטץ איך מיך ווידער צו מיין ארבייט פון לערנען אונד שטודירען. איוואנסקי האט היינט איבערטריעבען מיט זיינע בעהויפטונגען וועגען דער מעדיצין. עס קען זיין, אז עס זיינען דא פערדארבענע ערצטע, נאר איך וועל זיין איין אנדרער מענש. אונד ווער וויים עס ניט וויפיעלע וואונדער דיא מעדיצין האט שוין ביז יעטצט אויפגעטהאן פיר דער מענשהייט? יא, יא, איך בלייב בייא מיינעם: דער שטודיום פון מעדיצין, איז נאך דער בעסטער אונד אנשטענדיגסטער בייא איין עהרליכען מענשען."

„איוואנסקי איז נאך אלעמען, א געבילדעטער מענש, אונד איך מוז זעהען אויך צו ווערען געבילדעט. מען דארף אלעס קענען אונד וויסען; מען דארף ניט זיין בלויז איינזייטיג. איך וועל מיך נעהמען שטודירען טיר אייזעק ניוטאן'ס נאטור־וויסענשאפט — דאן וועט מיר דאס לעבען זיין דאפעלט אנגענעהם. לערנען אונד לערנען ביז מען ווערט א מענש אין פולען זינן פון ווארט!"

דיא אידעע איבער איוואנסקי'ן האט אויסגעזעהען איהם ניט צו פערלאזען.

„אזא מענש! אזא מענש!" האט ער געזאגט מיט בעדויערן. „מיט זיין פערשטאנד האט ער דאך געקענט גליקליך מאכען דיא מענשהייט, אונד דאך, איז

ער א שקלאף פון זיינע ליידענשאפטען. גאָט ווייס וואס ער טהוט היינט אונד וואו ער געפינט זיך ערגעץ. איך האָף אָבער, אז ער וועט זיך בעהערשען; ער איז דאָך שוין אזוי לאנג אנשטענדיג געוועז, אונד ער וועט געוויס זיך היינט אויך אזוי האלטען.״

וולאססאָוו האט זיך געוואָלט טרייסטען מיט דיא לעטצטע ווערטער, נאָר אין הארצען האט ער געשפירט, אז איוואנסקי מוז געוויס ערגעץ ליעגען בעזויפען, אונד, פיעללייכט נאך אין דער געזעלשאפט פון אויסגעלאסענע פרויען.

אין דערזעלבער צייט האבען איהם בעגעגענט איינינע סטודענטען, וועלכע האבען צוזאמען איבער עטוואס געשפראָכען אונד זייא זיינען געוועזען זעהר אויפגע־רעגט. וולאססאָוו האט זייא אָנגעקוקט.

איינעם פון דיא סטודענטען, האט וולאססאָו אויסגעזעהען צו קענען. דיעזער האט איינינע מאל העפטיג ווידערהאָלט: „עס איז אונבעדינגט נעטהיג, אונבע־דינגט!״ אין אלגעמיינעם, האבען אלע סטודענטען אויסגעזעהען צו זיין פרעהליכער וויא געוועהנליך.

„זייא האבען וואהרשיינליך מעהר געטרונקען אלס איך,״ האט ער צו זיך אליין בעמערקט.

בליקענדיג ווייטער צום שפרעכענדען סטודענט, האט וולאססאָוו בעמערקט, אז זיינע אויגען האבען געגלאנצט, אונד אין זיין געזיכט איז געלעגען עטוואס טהיערישעס, בעסטיאלישעס, אונגעפעהר אזא אויסדריק, וויא ער האט בעמערקט אין איוואנסקי׳ן ווען ער איז געוועזען שיכור. דאס בילד האט וולאססאָוו׳ס גליקליכע שטימונג אוועק גערויבט.

„זייא טרינקען זיך אָן איבער דער מאָס,״ האט ער זיך געטראכט, „אונד דאָן, וויא איוואנסקי זאגט, פערשווינדעט דער מענש פון זייא. וויא אבשייליך דאס איז.״

עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער זעהט אויף איוואנסקי׳ס געזיכט פאר זיינע אויגען, מיט דעמזעלבען בעסטיאלישען אויסדריק.

„פיעללייכט,״ האט וולאססאָוו געטראכט, „ווען דער היינטיגער יום־טוב זאָל ניט זיין, וואָלט מיין ליעבער פריינד איוואנסקי געבליעבען רוהיג אונד אנשטענדיג. עס איז אונמעגליך ער זאָל זיך אין אזא טאָג קענען אָברייסען פון דעם טרינק־טייפעל. ער וועט געוויס ווידער אהיים קומען אזוי בעזויפען אונד אויפגערעגט...

אַך, איך שוידער! מיין גאָט, איך קען נאך אלעמען ניט בעגרייפען דיעזע מענשען: איז עס ווירקליך אונמעגליך אויסצוקומען אָהן זויפען? אונד זייא ווייסען אלע,

אז וואָדקא ענטהאַלטעט אין זיך אזוי פיעל אלקאָהאָל אונד אלקאָהאָל איז ניפט..."

ווֹלאַססאָוו האט פּלוצלינג געשפּירט א נייעס געפיהל אויפשטייגען אין זיך.

„נאך אלעמען," האט ער זיך געטראַכט, „האב איך ניט ערוואַרטעט צו זעהען אזעלכע סצענען היינט, ווען עס ווערט געפייערט דיא גרינדונג פון דער מאָסקווער אוניווערזיטעט! בייא מיין וואָרט, דאס דארף ניט זיין. וואס הייסט עפּעס טרינקען אונד זיך אַנשיכור'ן? איז דאס דיא איינציגע בעצייכנונג פון פרייד? פייערט מען דערמיט דעם טריאומף דער בילדונג? אונד וואס איז דאס גראדע עסען היינט מעהר וויא אנאנדער מאָל? בילדונג! צו דיר געהט מען אלזא אָפּפערן קרבנות פיר דעם מאָגען אונד וואָדקא צו פערטומלען דעם מוח? פע! דאס דארף ניט זיין. איך בין טאקי ניט מעהר וויא א אינגעל אונד זייא זיינען עלטערע אונד געלערענטערע מענשען וויא איך, אָבער דאס איז דאך אונרעכט, מיאוס, עקעלהאפט!"

ער האט זיך דערווייל דערמאָהנט אן איין אָרימען סטודענט, וועלכען ער האט בעגעגענט אויף דיא טרעפּען ארונטער געהענדיג פון דעם רעסטאָראַנט. דער סטודענט איז געשטאַנען אָנגעלעהנט נעבען דעם טרעפּען־סטאָלב, זיין געזיכט שטארק בלאס אונד זיינע אויגען פייכט, וויא פערוויינט. ער האט אויך עפּעס גע־מורמעלט צו זיך אליין, וואס ווֹלאַססאָוו האט זיך גראדע דאמאלס ניט שטארק אינטערעסירט צו וויסען. אָבער נעבען דיעזען ארמען סטודענט אויף דער ערד, איז עפּעס געלעגען וואס האט דערצעהלט דיא געשיכטע פון זיין צושטאנד. עס איז געווען דאס עסען מיט דעם רויטען וויין וואס ער האט אויסגעבראָכען.

„ער האט געוויס עטליכע טעג ניט געגעסען," האט זיך ווֹלאַססאָוו געטראַכט, „מיט דער אבזיכט ער זאָל אָבשפּארען גענוג אום זיך היינט אָנצושיכור'ן, אונד דאס איז דער רעזולטאט; דער מאָגען, וועלכער איז איבערנאטירליך געפּאקט געוואָרען, האט פּראָטעסטירט געגען דער אוננאטירליכער אויפפיהרונג פון זיין הערען. וויא שמוציג, וויא אבשייליך דאס אלעס איז!"

דאן האט זיך ווֹלאַססאָוו וויעדער דערמאָהנט אן א צווייטען סטודענט, וועלכער האט געמיינט, אז ער זעטצט זיך אויף א שטוהל, ווערענד עס איז נאר געווען א לעערער פּלאַטץ, אונד זיין שווערער קערפּער איז אומגעפאלען מיט א קראך צו דער ערד, טרעפענדיג דאן מיט דעם שטערן אן דער וואנד, וואו ער האט זיך שטארק צושלאָגען. „אבשייליך, עקעלהאפט, בייא מיין וואָרט אבשייליך!" האט ווֹלאַססאָוו עטליכע מאָל ווידערהאָלט.

דיזע בילדער אונד דיא עראינערונג אן זיין פריינד איוואנסקי, וועלכען ער האט אויפריכטיג געליעבט, האבען בעטריעבט זיין גאנצען יום־טוב.

„אין טרינקען אלזאָ,“ האט ער וויטער געטראכט, „בעשטעהט דער גאנצער פייערטאג! וואס פאר א בעגריף קען אלזאָ האבען דער שיכור פון דער ריכטינער בעדייטונג פון אזא טאָג? דאן, אז מען איז בעטרונקען, רעדט מען אונד מען פלוידערט וואס ניט געשטויגען אונד ניט געפלויגען; מען בעליידיגט זיך, מען צער־ברעכט גלעזער אונד געשיר, גראדע וויא אירגענד איין אויסגעוואנדערטער שיכור־ער בויער. ניין! לויט נאך מיין שכל, זעה איך ניט איין וואס בעזויפענהייט אונד לומפערייא, האט צו טהון מיט דעם פייערן דעם טריומף דער וויסענשאפט!“

אונטערדעסען האט וולאססאָוו׳ן שטארק באנג געטהאָן, וואס דאס בילד, וועלכעס זיין פאנטאזיע האט געשאפען פיר דיזען טאָג, איז פלוצלינג אזוי צער־שטערט געוואָרען. אפילו דיא פראָפעסאָרען, דיא גרעסטע געלערענטע מענער, האט ער אויך בעדויערט. אויך אין זייא האט ער געפונען פעהלער.

„איך זאג אָבער,“ האט ער זיך וויטער געטראכט, „אז דאס אלעס האט מיט דער וויסענשאפט ניט צו טהון; איין אנשטענדיגער מענש דארף דארויף ניט קוקען. ווער עס וויל טרינקען, דער טרינקט, מען צווינגט קיינעם ניט דערצו. אונד ווען א מענש איז קיין מענש ניט, ווער קען איהם העלפען?“

ער האט אויסגעזעהן צו זיין שטאָלץ אויף זיך אליין.

„וואס קימערן מיך אנדערע?“ האט ער זיך געפרעגט. „יעדער איז פעראנט־וואָרטליך פאר זיך...“

אונבעמערקט, האט ער זיך ערבליקט נעבען זיין וואָהנונג. ער איז שנעל ארויף דיא שמאָלע טרעפען אונד געטראָפען דעם דיענער האָזעל אין קאָרידאָר.

„זיינען עפעס אָנגעקומען בריעף?“ האט ער געפרעגט.

„ניין, ניין.“

„איז שוין דער בריעף־טרעגער דאָ געוועזען?“

„יא, אָבער פאר אייך האט ער היינט קיין בריעף ניט געהאט.“

„שאדע,“ האט וולאססאָוו געזאגט בעטריעבט.

„אונד וויא געהט עס אייך היינט?“ האט האָזעל געפרעגט.

„גאנץ גוט, איך דאנקע.“

„איז שוין דער פייערטאג פאָראיבער?“

„פאר מיר איז ער שוין באלד געענדיגט. אלעס וואס איך האב נאך צו טהון איז, צו געהען אין טהעאטער אונד זעהען דעם „וואלד“ פון אָסטראָווסקי.“

וולאססאָוו האט דערווייל נעעפענט דיא טהיר פון זיין צימער אונד איז אריין. האָזעל איז איהם נאכגעגאנגען. אין צימער איז געווען ווארעם, אונד וולאססאָוו, זעהענדיג, אַז ער האט נאך עטליכע מינוטען צייט, האט ער זיך געזעטצט.

„דער וואלד?“ האט האָזעל בעמערקט אונד זיין געזיכט איז געוואָרען מונטער.

„יא, איך האב דאס געזעהען שפּיעלען. איך מיט אונזער קעכער זיינען געווען צוזאמען אין טהעאטער. מיר האבען זיך זעהר פיעל אונטערהאלטען.“

האָזעל האט דערווייל אָנגעפאנגען נאכצומאכען וויא מען האט געשפּיעלט אונד וולאססאָוו האט הערצליך געלאכט פון זיינע קאָמישע גרימאסען. דאן, זעהענדיג, אַז עס ווערט שפּעט, איז ער אוועק אין טהעאטער.

4.

וולאססאָוו האט געהאט א וואהרעס פערגניגען פון דער פאָרשטעללונג פון אָסטראָווסקי׳ס פּיעסע. ווען מען איז פערטיג געוואָרען דערמיט, האט ער בעמערקט אויף׳ן פּראָגראם, אַז עס ווערט אויך, אויסער דעם, געשפּיעלט א וואָדעוויל.

נאטירליך האט ער בעשלאָסען צו בלייבען אונד אויך זעהען דעם וואָדעוויל, איבערהויפּט ווען דאס איז פאַר דעמזעלבען פּרייז.

מייסטענטהיילס פון דיא בעזוכער, האבען זיך אונטערדעסען אויפגעהויבען אונד ארויס געגאנגען אין בופעט אום עפּעס צו געניעסען, וועהרענד דער פּויזע ביז צום וואָדעוויל.

וולאססאָוו איז געזעסען דיא גאנצע צייט אויף זיין פּלאטץ, אונד יעטצט, האט ער געשפּירט א גרויסען דורשט פון דעם אונגעוועהנליכען פעטען עסען אונד וויין, ביער מיט וואָדקא וואס ער האט געגאָסען.

ער האט זיך אויפגעהויבען מיט דעם בעשלוס צו געהען אויסטרינקען א גאנצעס פלעשעל בירנען־קוואס, וועלכעס ער האט זעהר געליעבט. זיין פערמעגען איז נאך בעשטאנען פון 25 קאָפּיקעס, אונד ער האט אויך געוואָלט דיעזע ספּענדען אום פערטיג צו ווערען מיט דער גאנצער סומע געלד וואס ער האט בעשטימט פיר דעם פייערטאג. דאן, נאטירליך, וועט ער נעהמען א שפּאציר אהיים אויף דער פרישער לופט, געהען צו בעט אונד שלאָפען געשמאק.

אָרונטער געהענדיג דיא טרעפּען צם בופעט, האט ער געזעהען צוויא דאמען, זעהר עלעגאנט געקליידעט מיט נאקעטע שולטערן, וועלכע האבען ארויס געצויגען ציגארעטען אונד זייא פערראויכערט.

פארביינעהענדיג נעבען זייא, האט איהם איינע ערבליסט אונד צו איהם גע־שמייכעלט.

וולאססאָוו האט זיא ניט נעסענט אונד ער איז רויט געוואָרען.

„קומט אהער, מיין שעהנער יונגע,“ האט איינע געמורמעלט שטיל מען זאָל זיא ניט הערען צו ווייט.

וולאססאָוו איז ענטלאָפען אונד ער האט געהערט וויא דיא דאמען האבען געלאכט.

אריין קומענדיג אין בופעט, האט ער געשפירט איין אונאנגענעהמען אונד שטיקענדען טאבאק־רויך. ער איז צוגעגאנגען צו א קעלנער, אונד מיט א גאנץ העפליכער שטימע, האט ער געזאגט:

„גיבט מיר א פלעשעל בירנען־קוואס.“

דער קעלנער האט פריהער דערלאנגט אנדערע געטרענקע צו דיא בעזוכער, אונד דאן האט ער נעעפענט א פלעשעל בירנען־קוואס אונד איהם אָנגעגאָסען אין א גלאָז פיר וולאססאָוון.

וולאססאָוו האט גענומען דאס גלאָז מיט דעם פלעשעל, זיך צוריק געצויגען אין א זייט אונד געוואלט טרינקען אום צו לעשען זיין ברענענדען דורשט.

גראָדע דאמאלס זיינען אריין מעהרערע סטודענטען מיט א ווילדען גערויש אין בופעט.

עס האט אויסגעזעהען, אז יעדער האט גערעדט צוזאמען. אָבער אונטער אלע שטימען האט ער דערהערט א טיעפע באס־שטימע שרייענדיג:

„ער איז פערלוירען געגאנגען, פאָזיטיוו, דיא קאנאַליע איז פערלוירען גע־גאנגען! אונד דאָך קען ער אויף קיין פלאטץ זיין אויסער דא!“

דאס איז געוועזען איוואנסקי, וולאססאָוו האט איהם דערקענט. וויא וולאססאָוו האט איהם דערזעהען, האט ער זיך פאר איהם דערשראָקען. זיין ערשטער געדאנק איז געוועזען צו ענטלויפען, זיך פאר איהם מעהר ניט צו ווייזען.

„מיין גאָט!“ האט וולאססאָוו געמורמעלט צו זיך אליין ציטערענד. „וויא שרעקליך ער זעהט אויס! איך קען מיך שוין פאר איהם ניט בעהאלטען...“

ער איז צופריעדען געווען דיא ערד זאָל זיך עפענען, אונד ער זאָל איינזינקען.

„דאָ איז ער, דער תכשיט! דאָרט שטעהט ער!“ האט איוואנסקי געשריען דערקענענדיג זיין קאָלעגע „וואס האב איך אייך געזאגט — ער האט זיך בעהאלטען אין בופעט. אָה, דוא קאנאליע! מיין טהייערער אונד ליעבער פריינד וולאססאָוו!“

וולאססאָוו האט ניט געוואוסט אויף וואס פאַר א וועלט ער איז; ער האט זיך געשעהמט אונד זיך געשראָקען צוזאמען. אין זיינע שלייפען האט עס געקלאפּט וויא מיט האַמערס, אונד בלאס ווערענדיג, האט ער געקוקט וויא פּאַראַליזירט צו דיא סטודענטען.

איוואנסקי איז געוועזן בעזויפען וויא א בעסטיע אונד איז קוים געשטאנען אויף דיא פיס. אין אזא צושטאנד, האט איהם וולאססאָוו נאך ניט געזעהען. זיין ראָק איז געוועזן אויפגעקנעפּעלט אונד זיינע אויגען האבען אויסגעזעהען צו זיין טיעף פער־זונקען אין קאָפּ.

זיינע ליפּען האבען זיך קראַמפּפהאפט צוזאמען געצויגען, אונד זיין געזיכט איז נאך געוועזן לענגער וויא געוועהנליך. זיין נאָז האט אויסגעזעהען נאכצוהייגען וויא איין איבריגעס שטיק פלייש אין מיטען געזיכט. זיין גאנצע מיענע האט פאַר־געשטעלט נאררישקייט אונד דומהייט. דיא בעטרונקענהייט האט ארויס געטריעבען יעדען צייכען פון פערנונפט אויס זיין געזיכט.

„מיינסטו איך בין שיכור?" האט ער געזאגט צוגעהענדיג צו וולאססאָוו'ן אונד איהם העפטיג אָנקלאַפּען אין דיא שולטער.

„אך!" האט וולאססאָוו אויסגעשריען פון שמערץ צוריק טרעטענדיג אביסעל.

„ניין, ניין, בייא מיין וואָרט, איך בין ניט שיכור," האט איוואנסקי פאָרט־געזעטצט. „איך האב דאָך דיר געזאגט, אז איך וועל מיך ניט אָנשיכורן. איך האב בלויז געטרונקען גוטע זאכען, אונד דערפון ווערט מען ניט שיכור. זעה!"

איוואַנסקי האט פּראָבירט זיך צו שטעלען גלייך, אום צו בעווייזען, אז ער איז ניט בעזויפען. אָבער ער האט זיך ניט געקענט האלטען אויף דיא פיס, אונד דאס האט ארויס גערופען א געלעכטער פון דיא צושויער.

„בייא גאָט, וולאססאָוו! דוא ביסט א בראַווער יונגע! איך האב דיך ליעב!"

בייא דיעזע ווערטער האט ער איהם אומארמט אונד איהם געוואָלט קושען. דער אבשייליכער גערוך פון איוואנסקי'ס מויל, האט ארויס גערופען איין עקעל בייא וולאססאָוו'ן, אונד ער האט זיך אונהעפליך בעפרייעט פון דער אומאַרמונג. אָבער איוואנסקי האט זיך ניט געפונען בעליידיגט אונד וויטער געזאגט:

„יעטצט, ברודערל, זיינען מיר געקומען דיך אָבצוהאָלען. אין דרויסען שטעהט אונד ווארט א טראַיקא אויף אונז. פאָהרסטו מיט? האב קיין מורא ניט, מיר

וועלען דיך חלילה ניט פערפיהרען, יעדער וויים, אז דוא ביסט נאך אזוי דיין אונד אונשולדיג וויא א מיידעל...״

א געלעכטער האט ווידער אויסגעבראָכען בייא דיעזע ווערטער אונד וולאססאָוס געזיכט איז אָבגעגאָסען געוואָרען וויא מיט בלוט.

„דאַן, מיין ברודערל,״ האט איוואַנסקי וויטער געזאגט, „וועל איך, דיין פריינד איוואַנסקי, דיך אָבפיהרען אהיים. בלויז א שפּאציער — בייא נאַט, בלויז א שפּאציער. ווילסטו פאָהרען? דענק ניט, אז איך...״

„איך דענק גאר ניט,״ האט ענדליך וולאססאָוו געענטפערט. „שרייא ניט אזוי, זעה וויא יעדער מאכט חוזק פון דיר.״

„יעדער מאכט חוזק פון מיר?״ האט איוואַנסקי געפרעגט ווערענדיג אויפ־געערגט. „צום טייפעל! ווער וואגט עס חוזק צו מאכען פון מיר? פון מיר! טויזענד טייפלען וועלען אין אייך אריין...״

ער האט זיך אומגעווענדעט אונד געוואָלט אנפאנגען צו שלאָגען וועמען ער וועט טרעפען.

וולאססאָוו האט איהם אָנגעכאפּט אונד זיך בייא איהם געבעטען:

„אום גאָטעס ווילען, בלייב רוהיג, איך בעט דיך, בלייב רוהיג.״

וולאססאָוס שטימע האט אויף איהם געווירקט, אונד זיך אומקוקענדיג צו איהם האט ער געזאגט:

„ווען בייא דיר איז רעכט, מען זאָל דיין פריינד, מיך, איוואַנסקי׳ן, בעליידיגען, אונד איך זאָל בלייבען רוהיג, דאַן בין איך אויך צופריעדען.״

„גוט, גוט, איך דאנק דיר,״ האט וולאססאָוו געמורמעלט ניט וויסענדיג וואס ער רעדט.

„וואס איז׳ דאס?״ האט איוואַנסקי פּלוצלינג געפרעגט ערבליקענדיג דעם בירנען־קוואס. „וואס טרינקסטו, קוואס? אָלמעכטיגער פאטער! גרויסער יופּיטער! מעכטיגער יעהאָווא! גוטער אללאה! — קוואס טרינקט דיעזע קאנאַליע! דוא האסט ווערטה שמיטץ, וולאססאָוו, דיא קנוטע האסטו פער־דיענט — ווער טרינקט דאס היינט קוואס?״

דיא סטודענטען האבען ווידער געלאכט.

וולאססאָוו האט קיין איינציגען וועג געזעהען וויא ער קען לויז ווערען פון אזא שענדליכער געזעלשאַפט.

פּלוצלינג אָבער האט עם אָנגעקלונגען, אז דאס שפּיעלען פון דעם וואָדעוויל פאנגט אָן. וולאססאָוו האט גערעכענט, אז דאס וועט דיענען פאר איין אויסרייד

אריין צו געהען צוריק אין טהעאטער. גראדע דאמאלס זיינען אָבער צוגעקומען נעהנטער דיא סטודענטען, אונד ער האט איינינע פון זייא דערקענט.

אן דער שפּיטצע פון דיזע סטודענטען, איז געווען דער יונגער פּרינץ ק., וועלכער איז געווען זעהר הויך געוואקסען מיט א דונקלעס אונד מאָגערעס געזיכט.

וולאססאָוו האט זיך מיט דעם פירסט בעקאנט געמאכט בלויז מיט א פּאאר וואָכען צוריק, אונד ער האט געשפּירט, אז עס איז פאר איהם א גרויסע עהרע צו האבען אזא פריינד.

„גוטען אבענד,“ האט דער פּרינץ געזאגט זייענדיג זעהר מונטער, וועהרענד ער האט גערייכט וולאססאָוו'ן דיא האנד.

„אייער פריינד איוואנסקי, איז היינט שטארק פרעהליך,“ האט דער פּרינץ פּאַרטנעזעמטצט זעהר העפליך. „אָבער דאס געהט פּאַראיבער. זאָרגט זיך ניט דערפאר.“

איוואנסקי האט דערוויילי אָנגעהויבען צו זינגען.

„זעטצט דיך אביסעל, דאָ אויפ'ן שטוהל,“ האט דער פּרינץ געזאגט צו איוואנסקי'ן. דאן ווייטער צו וולאססאָוו'ן: „מיר ווילען אייך בלויז מיטנעהמען אביסעל אויף אונזער טראיקא פיר א שפּאציער, ווייל ער וויל אָהן אייך ניט פאָהרען. ווילט איהר אָננעהמען אונזער איינלאדונג?“

„אָננעהמען? געווייס נעהמט ער אָן, דיא קאנאליע!“ האט איוואנסקי גע־שריען. „וואס איז דאס פאר א פראגע?“

„שווייג,“ האט איהם דער פּרינץ אונטערבראָכען, „איך האב דאָך דיר געזאגט דוא זאָלסט זיך זעטצען.“

איוואנסקי איז שטיל געבליעבען וויא א געהאַרזאמער הונד, דאן האט ער זיך אריין געוואָרפען אין א שטוהל נעבען א מארמאָר־טיש, אונד זיינע אויגען האבען זיך באלד אָנגעהויבען צו שליעסען.

„קומט, וועלען מיר זיך דורכפאָהרען אביסעל,“ האט דער פּרינץ ווייטער געזאגט אין א צערטליכען טאָן צו וולאססאָוו'ן נעהמענדיג זיין האנד. „איהר וועט דאָך מיר ניט ענטזאגען?“

„איך דאנק אייך זעהר,“ האט וולאססאָוו געשטאמעלט, „אָבער דער וואָ־דעוויל פאנגט דאָך שוין אָן, אונד דאן וויל איך פריהער אהיים געהען...“

דער יונגערמאן האט בעשלאָסען אַלעס מעגליכע אָנצו־ווענדען אונד לויז

ווערען פון דיזער איינלאַדונג, אָבער ער האט ניט געוואוסט וויא ער קען צוריק וויזען דיא עהרע ווען דער פרינץ זעלבסט לאַדעט איהם איין.

פרינץ ק., האט זיך געמאכט ניט הערענדיג וולאססאָו׳ס לעטצטע ווערטער אונד ער האט איהם אָנגעפאַנגען פאָרצושטעלען פאַר דיא איבריגע סטודענטען. אַלע צוזאמען האבען איהם אָנגעהויבען איבערצורעדען ער זאָל מיטפאָהרען.

„מיר דאכט," האט איהם איינער איינגעראַמט אין אויער, „אז עס איז מעהר עהרע אונד פערגניגען מיטצופאָהרען מיט דעם פרינץ, אַלץ צו הערען א נאַרישען וואָדעוויל. קומט, מאכט זיך ניט נאַריש — א שפּאַציער יעטצט מיט א טראָיקא, איז זעהר אנגענעהם אונד ערפרישענד. דאס וועטער איז הערליך."

„אה, איהר וועט נאָך צייט האבען אהיים צו געהען פריה," האט איהם א צווייטער איינגערעדט. „עס איז איבערהויפּט נאָך ניט שפּעט."

„וואס דאַרפט איהר אזוי פיעל רעדען?" האט זיך א דריטער אריין געמישט. „ער פאָהרט מיט אונד עס ענדיגט זיך אַלעס. איך זעה, ער איז א גאַנץ בראווער יונגערמאַן אונד ער וועט געוויס אונז ניט וועלען שטערען אונזער פערגניגען מיט זיין ענטזאגען."

דיא מונטערע אונד ליעבענסווירדיגע שטימען, דאס פערגניגען צו פאָהרען אויף א טראָיקא, אונד איבערהויפּט, אָנצונעהמען דיא איינלאַדונג פון דעם פרינץ, דאס אַלעס האט וולאססאָו׳ן וויא בעטויבט.

„וויא קען איך זייא ענטזאגען?" האט ער זיך געפרעגט. „עס איז אונמעגליך! דאַן זעה איך ניט איין וואס פאַר א פערברעכען איך וועל בעגעהען דערמיט ווען איך וועל מיטפאָהרען? עס איז ווירקליך גאַנץ אנגענעהם אזא געזעלשאַפט; נאָך אַלעמע, איז מען מונטער אונד פרעהליך. איך קען ניט ענטזאגען, מען וועט מיך האַלטען פאַר א ווילדען."

אויסער דעם, האט ער נאָך ניט געזעהען קיין אורזאכע ווארום ער זאָל ניט פאָהרען; אַלעס האט דאָך אויסגעזעהען גאַנץ אנשטענדיג. וואס קען דערבייא זיין ווען מען פאָהרט אביסעל שפּאַציערען?

„אַלזאָ?" האט דער פרינץ געפרעגט.

„איך דאַנקע אייך פאַר דער איינלאַדונג, איך פאָהר מיט," האט וולאססאָו געענטפערט ענטשלאָסען.

„דאס איז שעהן, בראוו אונד עלעגאַנט," האט דער פרינץ געזאגט ערפרייט. „אונד יעטצט, מיינע הערען, איידער מיר פאָהרען, ווען מיר נאָך נעהמען צו

גלעזלעך, אום זיך אביסעל צו שטערקען. אין דרויסען איז א ברענענדער פראָסט."

„יא, יא," האט א סטודענט אויסגערופען. „צו גלעזלעך, דאס איז ריכטיג. דאַן לאָמיר פאָהרען, ווייל עס איז שוין דיא העכסטע צייט."

יעדער האט זיך צונערוקט נעהנטער צום בופעט. בלויז איוואנסקי איז גע־בליעבען זיטצען ביים טיש אונד געדרעמעלט, ארונטער לאָזענדיג יעדעס מאל דעם קאָפּ איבער זיין ברוסט, גלייך וויא ער פערלירט איהם.

„צום וואָהלזיין!" האט דער פּרינץ אויסגעשריען צו וולאססאָוו, אויפ־הויבענדיג זיין אָנגעפּיללטע גלאָז. „לאָמיר טרינקען צו דער בליהונג פון אייער וויסענשאַפט, דיא מעדיצין."

וולאססאָוו האט געוואָלט זאגען, אז ער טרינקט נים, אָדער דאס ער האט שוין גענוג געטרונקען אונד זיך געוואָלט בעדאנקען, אָבער דיא ליעבענסווירדיגקייט פון דעם פּרינץ האט איהם בערוישט. ער האט אַזעלכע ווערטער נים געקענט ארויס ברענגען אויף זיינע ליפען. אנשטאט דעם האט ער געשמייכעלט נאַריש, אונד גענומען דאס גלאָז אין דער האנד וואס דער קעלנער האט אָנגעפּילט.

יעדער האט געטרונקען אונד וולאססאָוו איז געשטאנען איינינע אויגענבליקען גאנץ אונענטשלאָסען.

„טרינקט, טרינקט," האט דער פּרינץ געזאגט, „מיר דארפען קיין צייט פערלירען, עס ווערט שפּעט. אונד אביסעל שנאַפּס איז גאנץ גוט אין אזא פראָסט."

וולאססאָוו האט אויפגעהויבען דאס גלאָז אונד דאס מיט איין צוג אויסגע־טרונקען, גראדע וויא דער פּרינץ האט געטהאָן.

„וואס בין איך עס, א אינגעל?" האט זיך וולאססאָוו געפרעגט אום זיך זעלבסט מוטה צו געבען. „זאָל איך האבען אזא שוואכען קאָפּ, אז איך זאָל נים קענען ערטראגען א שנעפּסעל?"

וויא געוועהנליך, פּלעגט זיך וולאססאָוו פערהוסטען בייא בראנפען טרינקען, נאָר דיעזעס מאל איז אַלעס צוגעגאנגען גלאַט. ער האט אויסגעשטודירט וויא אזוי מען זאָל זיך נים פערהוסטען: נאָך דעם וויא מען טרינקט אויס, דארף מען זאָ־פאָרט צומאכען דאס מויל אונד נים באלד רעדען. ער האט דאס געטהאָן אונד האט איינגעזעהען, אז דאס מיטעל איז גאנץ גוט. ער האט דאָן אפילו נים צו געביסען.

„אייער פריינד איוואנסקי, מיין איך, מעג שוין דאָ בלייבען,“ האט דער פרינץ געזאגט עסענדיג א שטיקעל פוטער־ברויט. „ער האט היינט געטרונקען מעהר וויא מיר אַלע צוזאמען. מיט איינעם וואָרט, ער האט זיך ניט געוואָלט שולדיג בלייבען פאר דער גאנצער צייט ניכטער זיין. עס איז אונמעגליך זיך מיט איהם מעהר צו אונטערהאלטען, אונד איך רעכען, אז מיר וועלען איהם דאָ צוריק לאָזען.“

איוואנסקי האט וועהרענד דעם אָנגעהויבען שטארק צו שנאָרכען, אונד זיך אויסבייגענדיג מיט דעם קאָפּ, איז ער ארונטער געפאלען צו דער ערד אויף זיין געזיכט.

אלע סטודענטען האבען הערצליך געלאכט.

„דאס איז א מיאוס׳ער שיכור,“ האט איינער בעמערקט.

„שטעה אויף, פּיאָניצא!“ האט א צווייטער געזאגט איהם בעריהרענדיג מיט זיין פוס.

איוואנסקי האט ערוואכט אביסעל פון דעם שטארקען פאלל, אונד אויפהויבענדיג זיין געזיכט, האט יעדער געקענט זעהן, אז ער האט זיך שטארק צושלאגען פון דעם שווערען פאלל.

וולאססאָוו האט דאס אָנגענומען ביים הארצען אונד ער האט געוואָלט צו געהען איהם אויפהויבען. דער פרינץ האט דערוויילל אריין געשטעקט זיין האנד אין זיין אָרעם אונד געלאכט. וולאססאָוו האט אונווילענדיג מיטגעלאכט לאָזענדיג זיין פריינד אויף דער ערד.

איוואנסקי האט זיך דערוויילל נאך שווערער מיה אויפגעהויבען אונד מיט דער רעכטער האנד אָנגעפאנגען צו ווישען זיין געזיכט. דיא האנד האט זיך אויסגעשמירט מיט בלוט אונד ער האט דיעזע אָבגעווישט אן זיין ראָק.

דאן האט ער געשמייכעלט.

דאס איז געווען א שוידערהאפטעס בילד; וולאססאָוו האט נאך אזא העסליכקייט אין זיין לעבען ניט געזעהען.

„איך בין איינגעשלאָפען,“ האט איוואנסקי געזאגט זיך וועלענדיג מאַכען מוטה, אונד דאן האט ער אָנגעפאנגען אָבצוטרייסלען מיט זיינע הענד דעם שטויב פון זיינע קניען. ניט קענענדיג זיך אָבער האלטען אויף דיא פיס, איז ער צוגעפאלען צום טיש.

זיך ווידער אויפשטעלענדיג, האט ער געפרעגט:

„אלזאָ, פאָהרען מיר?“

„יא, מיר פאהרען,“ האט דער פרינץ נעענטפערט זעהר לעבהאפט. „אבער אין דרויסען איז קאלט אונד מען מוז נאך אריין גיסען א גלעזעל. מיינע הערר'ען, קומט אלע אהער: ווער עס זאגט נאך ניט וולאססאוו'ן „דוא“, זאל מיט איהם טרינקען צור ברידערשאפט; איך בין דער ערשטער.“

ער האט נעבליקט צו וולאססאוו'ן אונד נעפרעגט:

„זייט איהר דערמיט איינפערשטאנדען?“

„ווארום ניט?...“

איוואנסקי איז נעשטאנען פון וויטען אונד דום נעשמייכעלט.

דער פרינץ האט אליין אנגעגאסען וולאססאוו'ן א גלעזעל וואדקא, דאס איהם איבערריכט, אונד דאן, איהם געבענדיג זיין האנד, האט ער נעזאגט:

„דוא ביסט מיין פריינד אונד מיין ברודער, אונד מיר טרינקען צום וואהלזיין פון אונזער ברידערשאפט.“

וולאססאוו האט אויך געוואלט עפעס זאגען, נאר ער האט ניט געוואוסט וואס. ער האט דערפאר געמורמעלט א פאאר אונפערשטענדיגע ווערטער, אונד נאכדעם וויא דער פרינץ האט אריין נעגאסען דעם בראנפען אין זיין האלז אריין, האט ער אויך דאסזעלבע געטהאן.

איוואנסקי האט אויסגעזעהען צו בעגרייפען זיין צושטאנד, אונד ער האט אנגעפאנגען, מיט זיין טאשענטוך, זיך בעסער צו בעווישען דאס געזיכט אונד אבּ־רייניגען זיינע קליידער פון דעם שטויב. דאן האט ער זיך אנגעהויבען צו צוקנעפּלען דעם ראק ער האט געוואלט אויסזעהען אנשטענדיגער אונד זיך בעמיהט צו ער־שיינען ניכטער.

וויא מען איז פערטיג געווארען מיט דעם טרינקען צור ברידערשאפט, האבען דיא סטודענטען פערלאזען דאס בופעט. איוואנסקי איז אבער נאך אימער גע־שטאנען אויף איין פלאטץ אונד ניט געקענט צוקנעפּלען דעם אויבערשטען קנאפּ פון זיין ראק. עס האט אויסגעזעהען, אז דארט איז גאר קיין לאך ניטא. ניט קענענדיג ערגייכען זיין ציעל, האט ער זיך אומגעווענדעט אונד איז אריין געפאלען צוריק אין דעם שטוהל, פון וועלכען ער איז פריהער ארונטער געפאלען.

„וואס איז דאס מיט דיר?“ האט איהם דער פרינץ געפרעגט. „נו, שטעה שוין אויף!“

„אויפשטעהען?“ האט איוואנסקי געפרעגט זיך אומקוקענדיג מיט זיינע שלעפעריגע אויגען.

א פּאאר סטודענטען זיינען נאך געשטאנען בייא דער טהיר אונד האבען געלאכט.

„געה שוין געה," האט דער פּרינץ געזאגט, „מיר וועלען פאהרען אָהן דיר. מיר האט זיך געדאכט, אז דוא האסט זיך שוין אויסגעניכטערט אונד ביסט צו דיר געקומען..."

„צו מיר? צו דיר? וואס איז דער אונטערשיעד?" האט איוואנסקי גע־מורמעלט.

„דוא ביסט א מיאוס'ער שיכור!" האט דער פּרינץ געזאגט בעז־ווערענדיג.

איוואנסקי האט ווידער געלאכט דום אונד געצוואונגען. דאן האט ער אלעס מעגליכע אָנגעווענדעט זיך אויפצוהויבען אונד געקרעכצט.

איינינע מענשען פון דעם פּובליקום האבען איהם בעטראכט אונד גע־שמייכעלט.

„פערגעס ניט פריינד, פערגעס ניט!" האט איוואנסקי אָנגעפאנגען מאכענדיג מיט דעם צייגע פינגער אלס א ווארנונג. „פערגעס ניט, פערשטעהסטו, אז איך בין דיין גלייכער, דאָ, אין דיעזער געזעלשאפט. איך בין אזא מענש וויא דוא... אפילו ניט קיין פּרינץ, אָבער א מענש! בייא גאָט, א מענש..."

„אונד א שיכור!" האט איינער פון פּובליקום אונטערגעבראכט אונד יעדער האט זיך צולאכט.

„וואס איז דער חילוק?" האט איוואנסקי געפרעגט אויך מיטלאכענדיג, „אָבער א מענש מיט... מיט... געפיהל אונד מעהר פערשטאנד..."

„וואס פלוידערט ער דאָרט?" האבען דיא סטודענטען געפרעגט.

איוואנסקי האט זייא בעטראכט מיט פעראכטונג, אָבער ער איז געוועזען הילפ־לאָז. דאן האט ער געזאגט:

„מיר זיינען אלע דיעזעלבע יחסנים, מיר שטאמען אָב פון איין פאמיליע אפען."

„דאס איז דארוויניזמוס," האט וולאססאוו בעמערקט לאכענדיג אונד פער־ווירדט. „ער האט לעטצטענס שטודירט „דיא אבשטאמונג פון מענשען," אונד דיא לעהרע געהט איהם יעטצט אום אין קאָפּ."

„וויא קלוג ער איז, מיין פּעטרושקא," האט איוואנסקי געזאגט. „פּעטרושקא איז קלוג וויל ער איז אונשולדיג. אונד איהר אלע? וואס זייט איהר? וואס פערשטעהט איהר? אונוויסענדע חמורים, קעפּ מיט אלקאהאָל, ניעמאנדען!

שופטען! לומפען! דאס זיינען איהר אונד נעהמט זיך צום טייפעל! דערטיט איז אלעס געענדיגט!"

איוואנסקי'ס געזיכט האט זיך פלוצלינג פערפינסטערט. ער האט ארונטער געלאָזען דעם קאָפּ, צוזאמענגעדריקט זיינע פויסטען, אונד געמאכט א מיענע, גלייך וויא ער וויל יעמאנדען שלאָגען.

„שרעק אונז ניט איבער, איך בעט דיך," האט דער פרינץ געזאגט שפאָר־טענדיג. „דוא האלטסט אונז דאָ אויף בלויז אומזיסט."

איוואנסקי האט געוואָלט עפּעס זאגען, נאָר אנשטאט דעם האט ער געברומט וויא איין אָקס. דאן האט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ אונד זיין געזיכט האט ווידער אנגענומען דיא גוטמיטהיגע אונד נארישע מיענע.

„פאָהרען מיר, אָדער ניין?" האט ער געפרעגט אונד זיך געוואָלט אויפ־הויבען, נאָר ער האט ניט געקענט. „געהט זיך אלע צום טייפעל!"

דיא סטודענטען מיט דעם פרינץ אונד וולאססאָוו, האבען זיך דאן אָבגע־ווענדעט אונד פערלאָזען דאס בופעט.

אין דרויסען, נעבען דעם איינגאנג פון טהעאטער, זיינען געשטאנען צוויא טראָיקאס געשפּאנט. דיא געזעלשאפט האט זיך פערטהיילט אין צוויא גרופען אונד יעדער האט זיך אריין געזעצט אין שליטען.

דער פרינץ מיט זיינע צוויא בעסטע פריינד אונד וולאססאָוו, זיינען געזעסען צוזאמען.

„נעהמט מיך אויף!" האט זיך פלוצלינג געהערט א שטימע. „איהר פער־פלוכטע באנדיטען!"

דאס איז געוועזען איוואנסקי.

ער איז געשטאנען נעבען דער טהיר פון דעם בופעט אונד זיך אנגעהאלטען ער זאָל ניט פאלען.

„ער איז דאָ!" האט דער פרינץ געזאגט. „נעהמט איהם אריין."

וולאססאָוו אונד נאָך א סטודענט זיינען ארונטער אונד געהאָלפען איוואנסקי'ן איינשטייגען אין צווייטען שליטען.

„איהר לומפען געזינדעל!" האט ער געמורמעלט, „מיך, אייוואנסקי'ן, האט איהר געוואָלט לאָזען אליין!"

דיא סטודענטען האבען איהם בערוהיגט ער זאָל ניט מאכען קיין רעש, אונד אויף דעם בעפעהל פון דעם פרינץ, האבען דיא שליטענס אָנגעפאנגען צו געהען

דיא מונטערע טרייבערס, מיט הויבע אונד רונדע פעלץ־היטלען, בלויע מאנטלען אונד רויטע גארטלען, האבען אויסגעקנאקט מיט זייערע בייטשען; דיא גלאָקען האבען געקלונגען אונד דיא שליטענס האבען געשוועבט אויף דער ברייטער שטראַסע.

דיא לופט איז געווען שטיל אָבער שטארק קאלט. דער הימעל האט אויסגע־זעהען גרוי מיט וואָלקען אונד אונטער דיא פיס פון דיא פארבייגעהערס, האט דער שנעע געקרעכצט.

דער פּרינץ האט אָנגעפאנגען צו זינגען:

„דאס לעבען מיט וויב אונד וויין,
„איז אנגענעהם, ליעב אונד פיין;
„דאס לעבען מיט געזאנג איז זיס,
„אָהן מיידלעך איז אלעס מיאוס.“

עס איז געווען א פּאָפּולערעס ליעד אונד אלע סטודענטען האבען מיט־געזונגען.

וולאססאָוו, וועלכער איז אפילו ניט געווען גאנץ גוט בעקאנט מיט דעם ליעד, האט זיך געשפּירט אזוי ערמונטערט, דאס הערענדיג דיא ווערטער, האט ער זייא אויך מיטגעברומט.

„וויא שעהן דאס אלעס איז!“ האט זיך וולאססאָוו געטראַכט שפּירענדיג דיא ווירקונג פון דיא עטליכע גלעזלעך שנאַפּס וואס ער האט געטרונקען.

ער האט געוואָלט שרייען, זיך צייגען מונטער אונד טהעטיג, אונד זיך גע־וואונ..ען, אז דיא טראיקא זאָל אזוי פליהען אפילו ביז צו דער אונענד־ליכקייט.

„וויא אַנגענעהם!“ האט ער אויסגערופען פול מיט בעוואונדערונג. דאן האט ער זיך אויפגעהויבען אין שליטען, אונד געזונגען אָהנע ער זאָל וויסען וואס.

ער האט געבליקט וויא פערליעבט אויף דעם געזיכט פון דעם פּרינץ, דאן אויף דיא שעהנע פערד, וועלכע זיינען געלאָפען זעהר שנעל אונד מיט זייערע הינטערשטע פיס געוואָרפען שטיקלעך שנעע אין געזיכט פון דעם טרייבער.

איוואנסקי׳ס גראָבע שטימע האט זיך געהערט:

„דאס לעבען מיט געזאנג איז זיס
„אָהן מיידלעך איז אלס מיאוס.“

„האָ! האָ! האָ!“ האט זיך דער פּרינץ צולאכט. „איוואנסקי אונד

שעהנע מיידלעך! אלע האבען איהם פיינד וויא דעם טויט, ווייל ער איז א מיאוס'ער אונד עקעלהאפטער שיכור!"

וולאססאוו האט זיך פלוצלינג עפעס דערמאהנט.

„איך האב אפילו פאר דעם שנאפס ניט בעצאהלט," האט ער זיך נעד־טראכט. „דאן, יא, איך האב אויך ניט בעצאהלט פאר דעם בירנען־קוואס, איך האב נאך דיא 25 קאפיקעס אין קעשענע. דער פרינץ האט וואהרשיינליך אלעס בעצאהלט. איך מוז עס איהם צוריק געבען."

ער האט זיך געווענדעט צום מונטערן פרינץ אונד געפרעגט:

„וויפיעל בין איך אייך שולדיג? איהר האט דאך אלעס בעצאהלט ביים בופעט, פאר מיר אויך?"

עס האט איהם אבער באלד באנג געטהאן צו וואס ער האט יעטצט נע־שטעלט אזא פראגע ער האט פערשטאנען, אז עס איז ניט געווען פאסענד בייא אזא צייט פון מונטערקייט, אונד דאן, איבערהויפט, ווען ער האט נאר בייא זיך קיין געלד ניט.

„וואס?" האט דער פרינץ אויסגעשריען האלב בעז. „ערשטענס וואהין געהט דאס ווארט „איהר," אונד צווייטענס, רעבענט מען זיך ניט אונטער קאלעגען. האסטו פערשטאנען מיין ליעבער אונד אונערפאהרענער פריינד? מערק עס דיר גוט פיר דער צוקונפט. אויסער דעם, האב איך בעשלאסען היינט אלעס אליין צו צאהלען. ווער עס וועט מיך ווידערשפרעכען, דער בעליידיגט מיך!"

וולאססאוו האט זיך געשפירט עפעס אונצופריעדען.

„יא, אבער ווארום," האט ער אונענטשלאסען אנגעווענדעט, „דוא קענסט דאך ניט אלעס צאהלען?"

„ווער? פרינץ ק. קען ניט אלעס צאהלען? הא! הא! מיין פאפא האט געגוג אונד איך קען אויסקויפען א גאנצע שטייג מיט לעבעדינע חיות אין מאסקווא!"

לעבעדינע חיות? וואס איז דאס? וואס טויג איהם לעבעדינע חיות? וולאססאוו האט ניט געקענט פערשטעהען.

דער פרינץ האט איהם אונטערדעסען ארום גענומען אונד געזאגט:

„דוא ביסט א קאמישער קערל, וולאססאוו! קאמיש, בייא מיין ווארט, קאמיש! אבער איך האב דיך ליעב; דוא ביסט מיין ליעבער פריינד!"

וולאססאוו האט זיך געפיהלט אין זיעבעטען הימעל. ערשטענס, אזא עהרע, אונד צווייטענס, אזא ליעבענסווירדיגע פריינדליכקייט.

„דאס לעבען מיט ווייב אונד וויין,

„איז אנגענעהם, ליעב אונד פיין!"

דער פרינץ האט געזונגען אונד געמונטערט דיא אנדערע סטודענטען מיט צו זינגען.

וולאססאוו האט צו איהם געקוקט אונד אויף זיין געזיכט האט זיך אבגעשפיעגעלט א גליקליכע מיענע.

„איברינענס," האט ער זיך ווייטער געטראכט, „וואס דארף מען דא חשבונות? נעבסטעס מאל, וועל איך פאר איהם בעצאהלען. איך האב נאך אין מיין צימער דרייא זילבערנע רובעל."

דאן האט ער אויך אנגעפאנגען צו זינגען.

„זינג, דוא קאנאליע, פעטרושקא!"

דאס איז געוועזן איוואנסקי'ס שטימע.

פלוצלינג זיינען דיא טראיקאס געבליעבען שטעהען פאר א שעהנעם הויז אין א הינטער גאס, אונד דיא סטודענטען האבען אנגעפאנגען אויסצושטייגען.

„דא וועט היינט זיין איין איבערקעהרעניש!" האט איין טרייבער געזאגט צו צר נעהענגדיג צום צווייטען. „דיא סטודענטען זיינען א געפעהרליכע חברה..."

5.

עס איז שוין געוועזן אום דרייא אוהר פארטאג, ווען דיא בעל־הבית'טע פון דעם הויז אין דער ס. שטראסע, מאדאם מאריע, האט בעשלאסען צו טרינקען טהעע.

זיא האט פריהער, וויא א פארזיכטיגע פרוי, נאכגעזעהען אלעס אין הויז, געוועזן אין קארידאר, אין דיא פאאר זייטען־צימערן אונד אין דיא העלל־בעלייכטעטע זאלאנס געפיללט מיט מענשען.

„דיעזע נאכט," האט זיא געמורמעלט, „וועט מיר איינברענגען שעהנע עטליכע קערבלעך. שוין לאנג ניט געמאכט אזעלכע געשעפטען. ווירקליך, איך בעדארף אויך נעטהיג געלד. מיר דאכט, ווען ניט טאטיאנא'ס טאג, וואלט עס גאר אונמעגליך געוועזן צו פיהרען אזא הויז. דיעזע איינציגע נאכט, בעשטעהט געגען אנדערע צווייא מאנאט."

זיא האט צו זיך אליין געשמייכעלט מיט פערגניגען. דאן איז מאדאם מאריא אריין אין איהר קליין צימער'ל, וואס איז געוועזן נעבען דעם „עמפפאנגס־זאלאן."

דאס צימער'ל איז אויך געווען גוט בעלייכטעט אונד אויף'ן טיש איז געשטאנען א בלאנקער מעשענער סאמאוואר, וועלכער האט גוט געקאָכט.

אויף א טאץ איז געשטאנען א בלויער טעלער מיט פערשיעדענע זיסע קוכענס אונד א טאָפּ מיט איינגעמאכץ.

נעבען פענסטער זיינען געהאנגען צוויא שטייגלעך מיט קאנאריען פייגעלעך, אונד אונטע זיינען געשטאנען אייניגע בלומען־טעפּ מיט בליהענדע רויזען.

אין א ווינקעל, צווישעןביידע ווענד, איז געהאנגען א קאָסטבארעס בילד פון דער „הייליגער מוטער מאריא," אונד נעבען דעם האט געברענט א לעמפּעל.

ווען זיא האט זיך אומגעווענדעט אונד ערבליקט דאס „הייליגע בילד," איז זיא געוואָרען ערנסט.

זיא איז צוגעגאנגען נעהנטער אונד איז געבליעבען שטעהען קוקענדיג אייניגע אויגענבליקע אויף'ן בילד. דאן האט זיא ניעדער געקניעט, אונד נאך אימער האלטענדיג דיא אויגען געריכטעט צום בילד, האט זיא אויפגעהויבען ביידע הענד. מיט איינער האט זיא זיך איבערגעצלם'ט אונד געמורמעלט, וועהרענד דעם. „אין נאמען פון גאָט, זיין זוהן אונד דער הייליגער גייסט."

דאן, צוזאמען לעגענדיג ביידע הענד, האט זיא געזאגט:

„הייליגע מוטער פון גאָט! פאר דיר גיס איך אויס מיין הארץ אין געבעט; דוא, הייליגע מוטער, וועלכע האט געבוירען גאָט אין דער ריינהייט פון דיין מעדכענ־שאפט, וועלכע איז אויף אייביג אזוי פערבליעבען; דוא, אין וועלכער איך גלויב, אז דוא ווערסט פאר מיר אימער זיין א מליץ יושר — דיך בעט איך, דוא זאָלסט העלפען אזא אָרימע אלמנה וויא איך בין, אמן."

דאן האט זיא זיך אויפגעהויבען אונד אויף איהר געזיכט איז געלעגען א מיענע פון פאָלקאָמענער צופריעדענהייט.

זיא האט זיך געזעטצט ביים טיש אונד זיך אָנגעפּיללט א גלאָז טהעע. דאן האט זיא גענומען מיט א לעפעלע אונד אריין געלייגט א היבשע ביסעל איינגע־מאכץ אין דער טהעע.

צו דיעזער צייט האט זיך דיא טהיר געעפענט אונד א ניעדריגער אונד בלאסער מיטעליעהריגער מענש איז ערשיענען.

„נאך אימער דאָ?" האט זיא געפרעגט וויא זיא האט איהם דער זעהען.

„וויא איהר זעהט," האט דער אנדערער געענטפערט.

„עס טהוט מיר לייד."

„איז דאס אונמעגליך איהר זאָלט ארויס רופען איין מיידעל?“ האט ער געפרעגט.

„אונמעגליך, מיין פריינד, אונמעגליך.“ האט זיא געענטפערט זעהר גוט־מיטהיג. „איהר זעהט דאָך אליין, אז דאס הויז איז היינט געפּאקט מיט געסט. דיעזע זיינען יונגע אונד פרעהליכע סטודענטען. אלע צימערן זיינען פערנומען.“

„דאס איז פאר מיר א נאָט׳ס שטראף,“ האט דער מאן בעמערקט. „איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך בין אייער שטענדיגער בעזוכער, אונד ווען איך קום אהער, זוך איך נים בלויז מיך ארום צו שפּיעלען מיט דיא מיידלעך אומזיסט. וואס זאָל איך יעטצט טהון?“

„ליידער קען איך אייך גאר נים העלפען, מיין טייבעלע,“ האט מאדאם מאריע געזאגט נעהמענדיג דיא גלאז צום מויל. „איהר ווייסט דאָך, אז וואו עס איז גאר ניטאָ, האט אפילו דער טייפעל אליין פערלוירען זיין רעכט. אלע מיידלעך זיינען בעשעפטיגט. ווען איך זאָל אריין געהען אין זאלאָן אונד איינע ארויס רופען, וועלען מיך דיא פרעהליכע סטודענטען צעררייסען. איבערהויפט האב איך א טבע, מיך נים צו מישען. איהר קענט מיך שוין.“

„איך בין א שלים־מזל,“ האט ער געזאגט זיך אליין בעדויערענדיג. „אפילו צו דעם, דארף מען אויך האבען גליק. איך וועל אייך זאגען דיא וואהרהייט, אז איהר זייט שוין דיא פינפטע צו וועלכער איך בין היינטיגע נאכט געקומען, אונד איבעראל איז עס געפּאקט מיט סטודענטען. זייא זיינען יונג אונד מונטער אונד האבען געלד. איך האב אפילו צו אייך געוואָלט קומען אם ערשטען, אָבער איך האב מיך דערמאָהנט, אז דיא סטודענטען זיינען אימער אייערע בעזוכער, אונד אזוי איז עס אויך...“

דער רעדנער איז דאן געבליעבען זיטצען בעטריעבט אונד פערצווייפעלט, גלייך וויא ער וואָלט פערלוירען 10 יאָהרען פון זיין לעבען. זיינע הענד זיינען ארונטער געפאלען אויף דיא קניען וועהרענד ער האט זיך געזעטצט אונד זיין בלאסעס געזיכט האט פאַרגעשטעלט ליידען אונד שמערץ.

ער האט דאן אויפגעהויבען דיא בלאסע אונד מאָגערע האנד אונד זיך גע־גלעט זיין שפּיטציג רויט בערדעל אונד געזיפצט.

מאדאם מאריע, וועלכע איז געזעסען געגענאיבער, פעט, דיק אונד צופריעדען מיט זיך זעלבסט, האט פאַרגעשטעלט דעם קאָנטראסט פון דעם אויסגע־מאָגערטען מאן.

זיא האט צו איהם נעבליקט נוטמיטהיג אונד בעמיטלײדענד. דאן האט זיא געזאגט:

„אָבער, מײן טײבעלע, זײט ניט אזוי בעטריעבט; דיא גאנצע געשיכטע האט גאר ניט װערטה מען זאָל זיך אזוי ערגערן דאריעבער. װילט איהר טרינקען א גלאָז טהעע? אָט דאָ האט איהר מײן גלאז, איך װיל עפּעס עסען, אונד איהר טרינקט. איך בין ערשט פריהער געװען נאכזעהען אונד איך האב געמײנט, אז עפּעס אײנע איז שוין פרײא, אָבער זײא זײנען נאך אלע פערנומען. אײן געזעלשאפט איז שוין לאנג דאָ, אָבער זײא זײנען נאך אין דיא צימערן. פיעלײכט װעט איהר נאך קענען װארטען אביסעל, מײן טײבעלע, נאך א פּאאר מינוטען, אונד אלעס װעט װערען רעכט."

מאדאם מאריע האט געהאט אזא טבע, יעדען צו רופען „טײבעלע". זיא האט אויך פערשטאנען װיא אויסצושפּרעכען דיעזעס װאָרט מיט בעזונדערער צערט־ליכקײט.

דער בלאסער מאן, װיא עס שײנט, האט בעשלאָסען צו װארטען, אונד ער האט זיך זעלבסט אָנגעגאָסען א גלאז טהעע.

„יא," האט זיא דאן געזאגט קײענדיג דעם קוכען, „װיא געהט עס איך יעטצט אין דיא געשעפטען?"

„נים אמבעסטען."

„קומט איהר נאך אמאל צו אײער פאמיליע?"

„נײן."

„װארום?"

„מײן מוטער בעגעגען איך יא מאנכע מאל."

„זיא איז זעהר א גוטע פרוי," האט מאדאם מאריע בעמערקט.

„איך בעגעגען מיך בלויז מיט איהר אין גאס, נאָר אין הויז דארף איך נים קומען, װײל מײן פאטער װאָלט מיך דערהרג'עט."

„אונד װאס איז געװאָרען פון דעם שידוך?" האט מאדאם מאריע געפרעגט.

„גאר נים."

„װארום?"

„איך האב בעדארפט האבען געלד אונד איך האב געפעלשט א װעקסעל אויף מײן פאפּא'ס נאמען, אונד דאן האט ער געזאגט, אז ער װיל פון מיר מעהר נים װיסען."

„אונד דיא כלה?"

„איהר האט מען דערצעהלט אלעס איבער מיר."

„דאס איז זעהר טרויעריג."

„צום טייפעל דיא כלה!" האט ער געזאגט האלב אויפגערעגט, „אָבער איך האב געקענט קריגען א נדן פון 10,000 רובעל אונד וואס פאר א וועלט עס וואָלט דאמאלס געווען!"

„אונד יעטצט?"

„איז אלעס פערפאלען. מיין פאפא האט געזאגט, ניין, ער האט געשוואָרען, אז אין פאל איך וועל איהם נאך איינמאל פערמישען אין אירגענד א סקאנדאל, שיקט ער מיך אָב אין געפענגניס. אונד מען מעג איהם גלויבען וואס ער זאגט. דערפאר מוז איך מיך האלטען אביסעל מעהר אנשטענדיג."

„אָבער דיא מוטער?"

„אָה, זיא דערלאנגט מיר צייטענווייז עטליכע רובעל, נאר דאס קלעקט אויף גאר נים."

„איהר זייט א שלים־מזל!" האט מאדאם מאריע געזאגט לאכענדיג זיך אָבטרייסלענדיג דיא ברעקלעך פון איהר קלייד־פראָנט.

„יא, עס איז אמת," האט ער געענטפערט, „איך בין טאקי א שלים־מזל. האט איהר געהערט דיא געשיכטע פון נעכטען אבענד?"

— „יא, איך האב געהערט, אונד דערפאר זאג איך אייך טאקי, אז איהר זייט א שלים־מזל."

„ווער האט דאס אייך דערצעהלט?

„דימיטרי אלעקסעאיטש."

„אָה, דער שופט! אָבער ער האט געווים צוגעלייגט אכציג ליגען. עס איז אזוי געווען: איך, דימיטרי אלעקסעאיטש, פיאָדער דימיטריעוויטש אונד דער פרינץ, האבען מיר צוזאמען געשפיעלט. אלע זיינען געווען שיכור, נאָר איך בין געווען ניכטער. איך האב געוואונען אין צוויא שטונדען צייט 3000 רובעל. דאן האט זיך מיר פערגלוסט דיא בלאָנדע פאניע, אונד..."

„איהר האט געהאט דיא מפלה, מיין טייבעלע!" האט מאדאם מאריע געזאגט לאכענדיג.

„ווער האט געקענט וויסען? פאניע האט פערלאנגט 25 רובעל אונד איך האב עס איהר געגעבען מיט פערגניגען. וויא איהר וויסט, איז אלעקסעאיטש איהר

געליעבטער, אונד, אָהנע איך זאָל הערען, האט ער איהר דערצעהלט, אז איך האב געוואונען 3000 רובעל..."

"חא! חא! חא! דאס איז איז געווען קלוג!" האט מאדאם מאריע אויסגעשריען לאַבענדיג אונד הנאה האבענדיג פון דעם איינפאַל.

"ווען איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פריה," האט ער פאָרטגעזעטצט, "איז דיא בלאָנדע פאַניע מיט דיא 3000 רובעל געווען פערשוואונדען."

בייא דיעזע ווערטער האט זיך דיא טהיר געעפענט אונד א "פרייליין" איז אריין געקומען. איהר האלז, ברוסט אונד אַרמען זיינען געווען נאַקעט אונד פערפלאַמט. איהר געזיכט איז געווען דיק אַנגעשמירט מיט פודער. דאס גרינע זיידענע קלייד וואס זיא האט געטראגען, האט זעהר שלעכט געפּאסט אויף איהר דיקען קערפּער.

"א טהייל פון דיא סטודענטען זיינען שוין אוועק," האט זיא אַנגעזייגט, "אונד דיא איבריגע וועלען וואהרשיינליך אויך באלד אוועק פאָהרען מיט דער צווייטער טראָיקא."

"איך דאנק דיר, מיין טייבעלע," האט מאדאם מאריע געענטפערט זעהר ליעבענסווירדיג.

דאס "פרייליין" האט זיך אָבגעווענדעט אונד איז ווידער שנעל ארויס געלאָפען.

"זעהט איהר," האט מאדאם מאריע געזאגט זיך ווענדענדיג צו איהר גאסט, "איהר האט זיך דאָך דערוואַרט."

זיא האט זיך אויפגעהויבען, אָנגעצונדען א ציגארעטע אונד געוואַלט אריין אין זאַלאָן... אָבער גראדע דאמאלס האט עפּעס פּאסירט וואס צווינגט אונז צו גרייפען א פריהעריגע שילדערונג אום צו צופיהרען צו דיעזער סצענע.

וועהרענד מאדאם מאריע האט פריהער נאכגעזעהען וואס עס טהוט זיך מיט איהרע געסט, איז אין זאַלאָן פון דער רעכטער האנד ביים איינגאנג, געזעסען אויף א סאָפאַ אונזער בעקאַנטער יונגער סטודענט וולאססאוו.

זיינע הענד זיינען געווען אויסגעשטרעקט אויףביידע זייטען סאָפאַ, וואו ער האט זיך וויא צוגעהאַלטען. אויף דעם פוס־באָדען, נעבען איהם, איז געשטאַנען אויף דיא קניען א "פרייליין" פון אונבעשטימטע יאָהרען. זיא האט געקענט אַלט זיין 18 אונד אויך 25 יאָהר אָדער 30.

זיא איז געווען זעהר צאַרט אונד א בלויעס קלייד האט גוט איינגעפּאסט איהר שלאַנקען קערפּער דיא האאר אביסעל צושויבערט, זיינען געווען פערבונדען

אין מיטען קאָפּ, אונד איהר געזיכט האט פאַרגעשטעלט וויא אַבגעלעבטעס לעבען מיט שפּורען פון שעהנהייט, וועלכע זיינען יעטצט געווען אויסגעפּיללט מיט פּודער.

איהרע האלב־נאַקעטע אונד צאַרטע הענד האבען געהאלטען אומארמט וולאססאָוו'ס קערפּער אונד איהרע גרויסע אויגען האבען צו איהם געקוקט מאנכע מאָל מיט בעוואונדערונג אַבגעוועקסעלט מיט רייץ אונד צאָרן.

„אונד איהר זייט נאך א בחור?" האט זיא געפרעגט מיט א שפּאָטישען שמייכעלע אונד געלאכט.

ער האט געלאכט אונד ניט געענטפערט.

„פּע, שעהמט זיך; וויא לעבט עס ניט א יונגערמאן וויא דיא גאנצע וועלט טהוט? אונד איהר ווייסט נאך גאר ניט דעם טעם פון א פּרויענצימער..."

„איך בעט אייך, איך... איך..." האט וולאססאָוו געזאגט רויט ווערענדיג, אונד אויסשטרעקענדיג זיין האנד, האט ער פערשטעלט איהר מויל.

„בייא מיין וואָרט, ער איז נאך אונשולדיג וויא דיא סטאטוע פון דעם היילינגען סטעפאן!" האט דאס „פרייליין" אויסגעשריען לאכענדיג. „איהר זייט א ליעבער אונד נוטער יונגע!"

זיא האט זיך אויפגעהויבען אונד אומארמט זיין שעהנעם קאָפּ אונד איהם אנגעפאנגען צו קושען.

„לאָזט מיך, איך בעט אייך," האט ער זיך בייא איהר געבעטען הילפלאָז

זיא האט איהם אונטערדעסען ווייטער געקושט.

„מיר א קוש, אָט דאָ!" האט זיא געשריען צולעגענדיג איהר באק צו זיין מויל.

ער האט זיא ניט געקושט אונד זיך געוואָלט בעפרייען.

„אזוי נאר?" האט זיא ווייטער געזאגט לאכענדיג. „איהר ווילט גאר ענט־לויפען פון מיר? דאס געהט ניט! ליזא מוז היינטיגע נאכט האבען דעם בחור ווען עס זיא נאך דארפען קאסטען 5 פלאשען שאמפאניער! א קוש, נו, שנעל א קוש!"

„לאָזט מיך אָב, איך בעט אייך," האט ער געמורמעלט.

„אָה ניין, פון מיר געהט איהר שוין היינט ניט אוועק אָה גאר ניט!"

„איך... איך מוזווירקליך געהען אהיים, עס איז שוין אזוי שפּעט..."

„ניין, איהר שלאָפט מיט מיר! מיט מיר...“ אונד זיא האט איהם אָנגע־הויבען צו קיצלען.

ער איז אומגעפאלען אויף דער סאָפא אונד זיא האט זיך ארויף געזעטצט אויף זיינע פיס, וועהרענד זיא האט מיט איהרע הענד געזוכט זיין געזיכט וואס ער האט בעהאלטען.

„דאָ האב איך אייך געפּאקט!“ האט זיא געשריען טריומפירענד.

ער האט זיך אָבער באלד אויפגעזעטצט אונד זיא האט זיך פון איהם ארונטער געגליטשט.

פּלוצלינג האט ער אָבגעווענדעט זיין געזיכט צו איהרעס אונד עס האט אויס־געזעהען, גלייך וויא ער האט זיך אָן עפּעס דערמאָהנט.

ער האט זיך געוואָלט אויפהויבען, נאָר זיא האט איהם ניט געלאָזט.

„דאָ בלייבען!“ האט זיא געזאגט שטרענגער איהם ווידער ארום געהמענדיג מיטביידע הענד אונד האלטענדיג פעסט.

„לאָזט מיך אָב! זאג איך אייך!“ האט ער געזאגט בעז.

„ניין!“

„לאָזט מיך אָב, וויל...“

„וויל, וויל, נאר ניט, נארישער יונגעל,“ האט זיא געזאגט חחק מא־כענדיג.

„לאָזט מיך אָב, זאג איך אייך נאך אמאל!“ האט ער געשריען.

זיא האט איהם אימער פעסט געהאלטען, אונד אנשטאט צו ענטפערן מיט ווערטער, האט זיא איהם ארויס געשטעלט דיא צונג.

„וואס איז דאס?“ האט ער געפרעגט וויא פערווירדט.

„חא! חא! חא!“ האט זיא געלאכט.

„איך וויל ניט, אום גאָטעס ווילען...“

„בע!“ האט זיא געענטפערט.

„איהר קענט דאָך מיך ניט צווינגען...“

„[illegible] יא.“

„וויא אזוי?“

„איך וועל אייך דאָ פעסט האלטען.“

„ביז וויא לאנג?“

„ביז מארגען.“

„ווירקליך, איך בעט אייך, לאָזט מיך אָב,“ האט ער אָנגעפאַנגען מיט נוטען.
„איך מוז געהען אהיים; איך בין נאך דאָ קיינמאל ניט געווען...“
„טא, טא, טא,“ האט זיא איהם אונטערבראָכען אונד נאך אמאל אָנגע־פאַנגען צו קושען.
„גיבט מיר א קוש,“ האט זיא ווידער געזאגט.
„אונד וואס וועט זיין?“
„עס וועט זיין גוט.“
„וועט איהר מיך אָבלאָזען?“
„יא,“ האט זיא געענטפערט לאַבענדיג.
„געדענקט אַלזאָ, איך גיב אייך א קוש אונד איהר לאָזט מיך אָב.“
„לאָמיך שוין זעהען דעם קוש.“
„אונד איהר וועט מיך אָבלאָזען?“
„יא, יא, נארישער בחור.“
וולאַססאָוו האט צוגעליינט זיינע ליפען אונד איהר געגעבען א קוש, וועלכער האט זיך שוואך געפיהלט.
„יעטצט לאָזט מיך אָב,“ האט ער שנעל געזאגט.
„פאר אזא קוש?“
„וואס דען פאר א קוש פערלאנגט איהר?“
„א גוטען אונד א פעטען קוש!“
„מארטערט מיך ניט, איך וויים ניט וואס פאר א קוש איהר מיינט.“
זיא האט צוגעליינט איהרע ליפען צו זיין גלאטען האלז אונד איהם אבגע־פרעסט א קוש, וועלכער האט אָבגעקלונגען איבער דעם גאנצען זאלאָן.
„אָט דאס הייסט א קוש,“ האט זיא געזאגט.
„ווען איך וועל אייך געבען אזא קוש, לאָזט איהר מיך אָב?“
„געוויס“.
„אונד איהר וועט מיך שוין מעהר ניט צו האלטען?“
„ניין; וואו איז דער קוש.“
וולאַססאָוו האט ווידער צוגעבויגען זיינע ליפען, אָבער שוין נים צו איהר באק, זאָנדערן צום נאקעטען האלז אונד אָבגעפרעסט א שטארקען קוש.
„בראַוואָ!“ האט זיא געשריען.
„יעטצט לאָזט מיך געהען.“
„יעטצט ערשט בלייבט איהר דאָ?“

„וואָרום ?"

„ווייל נאָך אזא געשמאַקען קוש נעהמט מען ניט !"

„דאס איז ניט שעהן פון אייך."

„דאַן שעהם איך מיך," האט זיא געזאגט לאַבענדיג.

„איהר ערגערט מיך."

„ווירקליך ?"

„איך מוז זיין אין דער היים אונד איהר האַלט מיך דאָ אויף."

„שאדעט ניט."

„עס שאדעט יא !" האט ער געזאגט.

„איהר בלייבט מיט מיר."

„וואס ווילט איהר ?" האט ער ענדליך געפרעגט ווערענדיג ווייא אונגעדולדיג.

„קומט אריין מיט מיר אין מיין צימער."

„איך קען ניט, ווירקליך ניט," האט ער זיך געבעטען.

„דומהייטען !"

„קוקט, זעהט, איהר זייט דאָך אזא גוטע, טהוט מיר צוליעב אונד לאָזט מיך געהען אהיים."

„מיין ליעבער יונגע," האט זיא געזאגט, „איהר געהט ניט !"

ער האט שוין מעהר ניט געוואוסט וואס צו זאגען אונד איז געבליעבען זיטצען שטילשווייגענד.

ליזא האט זיך אונטערדעסען אויפגעהויבען, איהם אימער האלטענדיג ער זאָל ניט ענטלויפען, אונד זיך ווידער געזעטצט אויף זיין שויס.

בייא דיעזער סצענע האט זיך געעפענט דיא טהיר אונד דער פרינץ איז ערשיענען.

„וואס ? נאָך אימער דאָ ?" האט ער געפרעגט איבערראַשט.

„יא, נאָך אימער דאָ," האט ליזא געענטפערט, „ער וויל זיך ניט ריהרען פון פּלאַטץ אונד וויל ענטלויפען."

„וואס הייסט דאס ענטלויפען ?" האט דער פרינץ געפרעגט.

„יא, אזוי וויל ער, אָבער איך לאָז איהם ניט," האט ליזא געענטפערט.

דאס איז גוט," האט דער פרינץ בעמערקט צופריעדען מיט דעם צו שטאַנד.

„איך בעט אייך,‟ האט וולאססאָוו אָנגעפאַנגען.

„וואס הייסט דאס „אייך‟? שוין פערגעסען, אַז מיר זיינען ברידער?‟ האט איהם דער פּרינץ אונטערבראָכען.

„איך בעט דיך, פריינד, בעפרייע מיך פון איהר, איך מוז געהען אהיים.‟

„מיר אלע דאַרפען געהען אהיים,‟ האט דער פרינץ געזאגט.

„דאַן בין איך פערטיג.‟

„אָה ניין, ניט פריהער וויא ליזא וועט זאגען, אַז דוא מעגסט געהען. אין איהרע הענד שטעהט דיין פרייהייט.‟

„בראַוואָ! בראַוואָ!‟ האט ליזא אויסגעשריען.

„אבער זיא לאָזט דאָך מיך ניט אָב?‟

„גוט טהוט זיא.‟

„בין איך דאָ א געפאַנגענער?‟ האט וולאססאָוו געפרעגט.

„געה שוין געה, דוא גרויסער נאר!‟ האט דער פּרינץ בעמערקט לאַכענדיג „נעהמט איהם, ליזא!‟

„ער וויל זיך ניט ריהרען פון פּלאַטץ ווען איהר זאָלט איהם אפילו דער הרג'ענען,‟ האט ליזא געזאגט.

„שעהם זיך, וולאססאָוו, בייא מיין וואָרט, דוא מעגסט זיך שעהמען,‟ האט דער פּרינץ געזאגט איהם מוסר'ענדיג. „דוא מאַכסט זיך נאַריש וויא א קינד; געה שוין געה, שטעה אויף!‟

„אָבער...‟

„ניטאָ קיין אָבער!‟ האט דער פּרינץ געשריען. „שטעה אויף אונד געה!‟

„איך... איך...‟

„שוויינ, דוא נאר איינער! עס איז א שאַנדע פאר אונזערע קאַמעראַדען. יעדער וועט לאַכען פון דיר ווען מען וועט ערפאַהרען וואס דאָ איז געוועז. אָבער פערלאָז דיך אויף מיר, דיין פריינד, איך וועל דיך ניט פערראַטהען. דיא סטודענטען וואָלטען דיך ניט געלאָזען פאַרבייא געהען דיא נאַס...‟

וולאססאָוו האט אַרונטער געלאָזען דעם קאָפּ אונד געשוויגען.

„נעהמט איהם!‟ האט דער פּרינץ געזאגט צו ליזאַן.

ליזא האט זיך אויפגעהויבען אונד פּראָבירט מיטצושלעפּען וולאססאָוו'ן, אָבער ער האט זיך נאָך אימער ניט גערוהרט.

„הייב זיך אויף! זאג איך!‟ האט דער פּרינץ געשריען.

וולאססאָוו האט אויפגעהויבען זיין קאָפּ אונד איז איינע אויגען איז געלעגען וויא א געבעט.

„דוא שטעהסט אויף? זאָגסט רוף איך אריין אלע סטודענטען, אונד דוא וועסט היינט אבענד האבען אזא געשיכטע, וואס וועט דיר באנג טהון.“

„זעה, פריינד, איך...“

„הער שוין אויף צו ארגומענטירען אונד געה!“

ליזא האט איהם ווייטער געשלעפּט אונד זעהענדיג, אז זיא קען איהם ניט ריהרען פון פּלאַטץ, האט זיא געזאגט לאַבענדיג:

„א שעהנער פּגר.“

דער פּרינץ איז צוגעגאנגען, אונד, מיט זיינע צוויא מעכטיגע הענד, האט ער איהם אונטערגעהויבען. וולאססאָוו איז געבליעבען שטעהען אויף דיא פיס.

ווען ליזא האט דאס געזעהען, האט זיא אָנגעפאנגען צו געהען פאַראויס.

„איך וועל נעהמען בייא דיר אונטערפיהרענס,“ האט דער פּרינץ געזאגט לאַבענדיג, איהם אָננעהמענדיג ביים ארעם.

„דאָרט געהט דיא כלה,“ האט דער פּרינץ ווייטער געזאגט, „אונד דאָ איז דער חתן.“

ליזא איז אריין אין קאָרידאָר אונד דער פּרינץ, פיהרענדיג וולאססאָוו'ן איז נאכגעגאנגען. ליזא איז צוגעקומען צו א טהיר, אונד ארויס נעהמענדיג א שליסעל פון איהר בוזים, האט זיא דיא טהיר אויפגעשלאָסען.

דער פּרינץ האט צוגעבראכט וולאססאָוו'ן צו דער טהיר אונד איהם אריין געשטופּט אין אָפענעם צימער. ליזא איז דאן אויך אריין אונד פערמאַכט דיא טהיר הינטער זיך.

דיא אנדערע סטודענטען זיינען געוועזען דערוויל פערזאמעלט אין צווייטען זאלאָן. עס זיינען געוועזען אויך אנדערע סטודענטען, אויסער דיעזע וואס זיינען געקומען מיט'ן פּרינץ. איינער פון דיא לעטצטע האט זיך אוועק געזעטצט בייא דער פּיאַנאָ אונד אָנגעפאנגען צו שפּיעלען א וואלצער.

דער פּרינץ איז דאן אריין אין זאלאָן, אונד איינער פון זיינע בעקאַנטע איז איהם ענטקעגען געקומען.

„שוין קוים פּטור געוואָרען פון דעם שיכור,“ האט ער געזאגט צום פּרינץ.

„פון איוואנסקי'ן, מיינסטו?“

„ווּעמען דען? ער האט אונז אַלע ניט געלאָזען לעבען. מיר האבען איהם אריין געפּאַקט אין דער טראָיקא אונד מיט דיא אנדערע 4 קאַלעגען, איז ער אָבגעפיהרט געוואָרען אהיים.“

„דאס איז גוט,“ האט דער פּרינץ בעמערקט.

נאך א פּאאר סטודענטען זיינען צוגעקומען אונד איינער האט געפרעגט:

„וואו איז וואַלאססאָוו?“

„איך האב בייא איהם גענומען אונטערפיהרענס אונד איהם חתונה געמאכט,“ האט דער פּרינץ געענטפערט. דאן האט ער זייא איבערגעגעבען דיא לעטצטע סצענע וואס ער האט בייגעוואָהנט.

דיא סטודענטען האבען זיך געהאַלטען בייא דיא זייטען לאַכענדיג.

„דאן האבען מיר דאָך נאך צייט?“ האט איינער געפרעגט.

„א שטונדע, געוויס,“ האט דער פּרינץ געענטפערט. „מיר קענען איהם דאָך ניט לאָזען אליין, אזא אינגעל. איבערהויפּט באַלד נאך דער חתונה, ווענט איהם זיין אונהיימליך אויף'ן הארצען אונד מיר וועלען איהם דארפען אָבפיהרען אהיים.“

דיא סטודענטען האבען ווידער געלאַכט, אונד איינער האט געמאַכט א פאָרשלאַג מען זאָל טאנצען א קאדריל.

„דאס איז א גוטע אידעע,“ האט דער פּרינץ געזאגט, „עס וועט מיך נאך אלץ בילינגער קאָסטען וויא לעטצטע נאכט ווען איך האב געשפּיעלט אין קארטען.“

איין סטודענט איז צוגעגאנגען צו דעם פון דער. פּיאַנאָ אונד איהם געפרעגט אויב ער קען שפּיעלען א קאדריל.

„געוויס קען איך,“ האט יענער געענטפערט.

„ניקיטא!“ האט דאן דער פּרינץ געזאגט צו איינעם פון דיא סטודענטען, „געה אונד רוף אריין דיא „מיידלעך“ אונד מיר וועלען אביסעל טאנצען.“

ניקיטא איז געגאַנגען.

אין עטליכע מינוטען ארום, האט דער קאדריל אָנגעפאַנגען, אונד אויסגעזעהען אקוראַט אזוי, גראַדע וויא דיא הויכע דאמען וואָלטען מיטגעטאנצט.

דאס שפּיעלען אונד טאנצען איז עס געווען, וואס האט צוגעצויגען מאדאם מאריע'ס אויפמערקזאמקייט. זיא האט דאס שוין געהערט זייט א היבשע צייט, אונד זיא האט בעשלאָסען צו געהען זעהען וואס איהרע „פריילינס“ מאַכען.

נעהענדיג מיט דעם בלאַסען מאַן צוזאמען, האט זיא געזאגט:

„עס איז א טייטערע וועלט, ניט וואהר?“

„זעהר פרעהליך," האט ער גענענטפערט.

זייא זיינען אריין אין קאָרידאָר, אונד, אַלס מאדאם מאריע האט צוגעלייגט דעם ציגארעט צום מויל, האט זיך געעפענט א טהיר פון א צימער.

„ווארט נאך אויס אביסעל, איך געה אויך," האט זיך געהערט ליזא'ס שטימע פון דעם געעפענטען צימער.

אָבער גראדע אין יענעם אויגענבליק, איז וולאססאוו, וויא א ווינט, ארויס געשפרונגען פון צימער אונד האט אָנגעפאנגען אזוי צו לויפען, גראדע וויא א מערדער וואָלט איהם פערפאָלגט.

אין זיין פערווירונג, איז ער איינפאך אַרויף געשפרונגען אויף מאדאם מאריע אונד שטערען מיט שטערען האבען זיך צוזאמען געשטויסען.

מאדאם מאריע איז שיער געפאלען. איהר ציגארעט איז ארויס געפלויגען פון מויל אונד זיא האט זיך אָנגעכאפט מיטביידע הענד אן א הוט־געשטעל, וואס איז געווען אין קאָרידאָר.

„אך, מיין גאָט! מיין גאָט!" האט זיא געקלאגט צולעגענדיג דיא האנד צו איהר שטערן אונד בעמערקענדיג בלוט. „בלוט! בלוט! דער משוגענער האט מיך שיער דערהרג'עט... מיין גאָט..."

א פאאר „פריילינס" זיינען באלד ארויס פון זאלאָן אונד צוגעלאָפען צו זייער מאדאם.

„זאָל איך אייך ברענגען אביסעל וואסער?" האט דער בלאסער מאן געפרעגט.

„יא, מיין טייבעלע," האט זיא גענטפערט. „ברענגט, ברענגט. אך, מיין גאָט, וויא פערריקט זייא זיינען... וואס איז מיט איהם געשעהען, ליזא?"

ליזא איז צוגעגאנגען אונד גאר ניט גענטפערט. זיא האט בלויז גע־שמייכעלט.

מאדאם מאריע האט דאן אָנגעפאנגען צו שימפפען מיט אלערלייא אויסדריקע.

וולאססאוו האט זיך אויך צושלאגען דעם שטערן, אָבער ער האט זיך נאָר איינמאל אומגעקוקט אונד איז דאן ארויס געשפרונגען פון דעם קאָרידאָר.

„מיין טייבעלע," האט ער געהערט איינמאל, אונד דאן א שמוטציגעס שימפף־וואָרט, גוט בעקאנט אין רוסישען; ביידע זיינען געווען אויסגעשפראָכען פון א פרויענשטימע.

„טייבעלע ?“ האט וולאססאוו ווידערהאָלט דיעזעס וואָרט. „וויא פרעכד אונד פאַלש דיעזעס וואָרט קלינגט אין דיעזער אבשייליבער העללע !“

ווען וולאססאוו איז ארויס פון דעם קאָרידאָר, איז ער געבליעבען שטעהען אין א צימער ; עס איז געווען דאסזעלבע וואו מאדאם מאריע האט פריהער געטרונקען טהעע. עס האט איהם ניט פיעל גענומען זיך צו עראינערן, אז ער מוז מיטנעהמען זיין פּאַלטאָ. ער איז שנעל וויעדער אריין אין קאָרידאָר, אונד ארונטער געריסען דעם פּאַלטאָ פון דעם הייגער, איהם ארויף געוואָרפען אויף זיינע שולטער, אונד עפענענדיג דיא פראָנט טהיר, האט ער דערשפּירט דיא שארפע קעלט.

ער האט זיך געפרייט וואס ער איז אין דרויסען.

דערבייא איז צוגעקומען מאדאם מאריע'ס טהיר־וועכטער אונד איהם געוואָלט העלפען זיך אָנציהען דעם פּאַלטאָ.

„וואס ווילט איהר ?“ האט וולאססאוו געפרעגט ניט בעגרייפענדיג וואס יענער וויל טהון.

„איהר זייט איבערראשט ?“ האט דער וועכטער געפרעגט שמייכלענדיג אונד מאכענדיג מיט איין אויג א מיענע, וועלכע וולאססאוו האט אין יענעם אבענד שוין זעהר פיעלע מאָל געזעהען.

ער האט געהאסט דיעזע מיענע.

דער וועכטער האט דערוויל געשלעפּט דעם פּאַלטאָ אום איהם צו העלפען זיך אָנציהען.

וולאססאוו איז געווען וויטהענד, אונד, אויפהויבענדיג זיין שווערען פויסט, האט ער פערזעטצט דעם וועכטער א שווערען קלאַפּ אין הערצען, מיט דיא ווערטער :

„געה צום טייפעל !“

דער וועכטער האט ארויס געלאָזען א געשרייא, זיך אויסגעגליטש אונד אין ארונטער געפאלען פון דיא טרעפּען.

מאדאם מאריע'ס געשרייען, ליזא'ס געלעכטער, דיא רוישיגע נייגיעריגקייט פון דיא סטודענטען אינוועניג, אונד דער געשרייא אין דרויסען פון דעם וועכטער, האבען געבילדעט א וויטהענדע סצענע, וועלכע, ווען זיא וואָלט ערגעץ אנדערש פּאסירט, וואָלט מען שוין געמיינט, אז מען הרג'עט מענשען.

דיא טרייבערס אויף דיא שליטענס זיינען אויפמערקזאם געוואָרען אויף דעם גערויש אונד זיך אומגעקוקט, אָבער זייא זיינען געבליעבען זיטצען אויף וייערע

פלעטצער. דער פּאָליציסט אין דער עק פון דער שטראַסע האט געשמייכעלט אונד איז ווייטער געגאַנגען.

ווירקליך, ווער וועט זיך עס געהען מישען אין אזא הויז אין דעם אבענד פון דעם טאַטיאַנאַ יום־טוב? דיא סטודענטען זיינען בעטרונקען, מונטער אונד ווען מען שלאָגט זיך אביסעל, מאַכט עס ניט אויס. דיא פּאָליציייא איבערהויפּט, האט אויס־געמיעדען אַזעלבע הייזער בייא אונרוהען.

וולאַססאָוו האט עס אונטערדעסען באַנג געטהאָן וואָרום ער האט דעם וועכטער אַזוי בעהאַנדעלט, אונד ער איז שנעל אַרונטער געלאָפען דיא טרעפּען, מיט דער אַבזיכט איהם אויפצוהויבען; אָבער דער לעטצטער איז אַליין אויפגעשטאַנען אונד אויסגעשטויסען אַ ווילדען פלוך.

דאַן האט וולאַססאָוו זיך אַרום געקוקט אונד אָנגעפאַנגען צו לויפען. ער איז געלאָפען וויא אַ פייל אויס אַ בויגען ניט קוקענדיג וואו ער איז, ביז ער האט זיך ערבליקט גאַנץ דערווייטערט פון מאַדאַם מאַריע'ס הויז

דאָרט איז ער געבליעבען שטעהען, אונד, צום ערשטען מאָל, האט ער טיעף אויפגעאַטהעמט. דיא פרישע אונד ריינע לופט, האט אָנגעפּיללט זיין גאַנצען קער־פּער, אונד ער האט זיך דערמאָהנט, אַז ער טראָגט נאָך אימער דעם פּאַלטאָ אויף דיא אַקסלען אונד ער קען זיך פּערקיהלען. ער האט איהם אָנגעטהאָן אויף דיא אַרבעל, אונד אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל.

אַ הייליגעס שטילקייט האט געהערשט אַרום־אונד־אַרום, אונד מיליאָנען פינקלענדע שטערען האבען בעדעקט דאָס בלויע הימלישע געוועלב.

אַרונטער, אין מזרח זייט, האט געהאַלטען אין אויפשטייגען דיא האַלבע לבנה, שטיל, בלאַס אונד געהיימניספאָל.

וולאַססאָוו האט זיך צוגעקנעפּעלט דעם פּאַלטאָ, אַריין געלייגט זיינע הענד אין דיא קעשענעס, אָבער ער האט זיינע אויגען ניט געקענט אַרונטער נעהמען פון דעם הערליכען נאַטור־בילד.

„וואָס איז דאָס אַלעס?“ האט ער זיך געפרעגט, גלייך וויא ער וואָלט עס צום ערשטען מאָל ערבליקט. „זעהען דאָס דיא מענשען ווירקליך אויף דער ערד? ריעזע מענשען, וועלכע זיינען אַזוי שמוטציג, געמיין אונד שלעכט!“

ער האט זיך אומגעווענדעט צו דער אַנדערער זייט הימעל אונד דאָרט זיינען געווען נאָך מעהר שטערען, וועלכע האבען אויך געפינקעלט שטיל אונד גע־הייטניספאָל.

„מיין גאָט! מיין גאָט!“ האט ער אויסגעשריען, „וויא שעהן דאס אַלעס איז! וויא העררליך! ערהאבען! דער שטעמפּעל פון דיין ערהאבענהייט ליעגט אבגעפּרעסט אויף דער געטטליכער ארבייט אין דער נאַטור!“

פּלוצלינג האט ער זיך אן עפּעס דערמאָהנט, אונד ער האט געוואָלט פּער־שטעלען זיין געזיכט, זיך וויא שעהמענדיג פאר דעם הימעל מיט דיא שטערען אונד לבנה.

„אונד איך?“ האט ער זיך געפרעגט. „וואס האב איך געטהאָן?“

ער האט צוזאמען געדריקט זיי׳ אונטערשטע ליפּ מיט דיא אויבערשטע צייהן אונד זיך אזוי איינגעביסען, אז ער האט געשפּירט א העפטיגען שמערץ.

דאן האט ער זיך אָבגעווענדעט פון מיטען וועג אונד איז צוגענאנגען הינטער דעם דונקלען שאטען פון א הויז, וואו ער האט זיך אוועק געשטעלט אונד האט זיך פערטראַכט.

פון וויטען האט זיך פּלוצלינג געהערט דאס קלינגען פון גלאָקען בייא א שליטען. ער האט זיך נאך וויטער צוריק געצויגען, מען זאָל איהם ניט קענען זעהען.

דאן האט ער געהערט שטימען אונד דער קלאַנג איז געקומען אלץ נעהנטער אונד נעהנטער, ביז ער האט דערקענט דיא טראָיקא אויף וועלכער ער איז פריהער געפאָהרען.

„חא! חא! חא! דאס איז א נאַרישער יונג!“ האט ער געהערט א שטימע פון דער טראָיקא אונד ער האט דערקענט דעם פּרינץ.

דיא איבריגע סטודענטען האבען געלאַכט אונד געשריען, ביז דער שליטען האט פאַרבייא געשוועבט אונד ער האט יעדעס מאל געהערט דיא גלאָקען שוואכער קלינגען, ביז עס איז וויעדער שטיל געוואָרען.

א געפיהל פון פערצווייפלונג אונד שאנדע, האט זיין הערץ צוזאמען געדריקט. ער האט נאך אמאל געוואָלט לויפען — ענטלויפען פאר זיך אליין, אָבער ער האט ניט געוואוסט וואוהין.

„וואס האב איך געטהאָן?“ האט ער געמורמעלט ועהמיטהיג. „איז דאסווירקליך געשעהען?“

א קאַלטער שוידער איז געלאָפען איבער זיין גאנצעס לייב אונד ער האט וויטער געמורמעלט:

„יא, יא, עס איז געשעהען! איך...“

ער האט זיך זעלבסט ניט געוואָלט גלויבען

„אלעס איז פערלוירען!" האט ער זיך ווייטער נעטראכט, „דאס בעסטע, דאס טהייערסטע אונד דאס היילינגסטע בייא א יונגען מענשען, איז פון מיר אוועק גערויבט געווארען; ניעמאלס וועל איך דאס פערלוירענע מעהר צוריק קריענען!"

ער האט ווידער געשוידערט.

„אונד וויא שמוטציג אונד אונפערשעהמט זיא איז דאס געוועזען!" האט ער נאך אמאל געמורמעלט.

א געפיהל פון שמערץ אונד ערגערניס האט איהם ערגריפען, פון וועלכען ער האט ביז דאמאלס נאך ניט געוואוסט. עס איז געוועזען א געפיהל פון הילפלאזינקייט, גראדע וויא ער וואלט פערלוירען זיין פאטער, מוטער אדער שוועסטער.

דיא טרערען זיינען געקומען אין זיינע אויגען אונד ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טהון.

„איך בין א ניעדרינער, געמיינער אונד לומפיגער אויסוואורף!" האט ער אויסגעשריען פול מיט פערדרוס.

ער האט בעגריפען, אויבערפלעכליך, אז זיין זעעלע, וועלבע איז ביז דאמאלס געוועזען ריין, זויבער אונד הייליג, איז פלוטצלינג געווארען שמוטציג, בעפלעקט אונד פערוואונדעט. ער האט געשפירט, אז דיעזעס געפיהל וועט איהם פערפאלגען איבעראל, אונד מען קען דערפון ניט ענטלויפען.

ליזא'ס געזיכט, איהר קערפער, איהרע האנדלונגען, דיא גאנצע סצענע איז איהם ערשיענען פאר זיינע אויגען, אונד ער האט זיא געהאסט פון זיין טיעפסטען הערצען.

„מיין גאט! מיין גאט!" האט ער געקלאגט, „וויא קענען פרויענצימער זיין אזוי געמיין אונד פערדארבען?"!

פרויענצימער? בייא דיעזער עראינערונג האט ער געמיינט, אז ער וועט פאלען פון געהירן־שלאג.

פרויענצימער! אונד זיין מוטער, זיין שוועסטער, זיינע טאנטעס — אלע זיינען דאך פרויענצימער? איז דאס מעגליך?

„ניין! ניין!" האט ער זיך געטראכט אין זיינע פערווירדטע געדאנקען, „דיא זיינען אנדערע פרויענצימער, אנדערע..."

ער האט ווייטער ניט געקענט דענקען.

דאן איז פאר איהם ערשיענען דאס געזיכט פון זיין שוועסטער. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז זיא וועט הייראטהען אונד נעהמען א מאן...

דיעזער געדאנק האט איהם שיער משוגע געמאכט.

„בעסער זאָל זיא שטארבען,‟ האט ער זיך געטראכט, „איידער חתונה האבען! צוזי שמוטציג... אזא שמוטץ...‟

ער האט מורא געהאט ווייטער צו טראכטען איבער אזוי פיעל שמוטץ צו וועלכען זיין שוועסטער וועט מוזען איבערגעגעבען ווערען.

זיינע געפיהלע זיינען געוועזן אזוי וויטהענד, דאס ער האט זיך געשפירט אימשטאנד אריין צו שטעכען א מעסער אין דעם הארצען פון דעם מאן וואס וועט וואגען צו הייראטהען זיין שוועסטער.

„אונד דאס איז דאס לעבען?‟ האט ער זיך ווייטער געפרעגט. „איז דיעזער שמוטץ אויך לעבען? וויא קענען מענשען מיט שכל אונד עהרע זיך אזוי ער־ניעדריגען?

ער האט צוגעלייגט דיא האנד צו זיין שטערען, גראדע וויא ער האט איהם געוואָלט צו האלטען ער זאָל ניט פלאטצען פאר שמערץ.

מיט לאנגזאמע אונד רוהיגע שריט, האט ער אָנגעפאנגען ווייטער צו געהען. ער האט נאך אמאל אויפגעהויבען זיין קאָפּ צום הימעל אונד געקוקט צו דעם שעהנעם נאטור־בילד.

דאן האט ער ארונטער געלאָזען זיינע אויגען צום קלאר־ווייסען שנעע אונד אָנגעפאנגען איבערצוקלערען אלע איינצעלהייטען פון דעם אבענד.

דער פּרינץ האט בייא איהם פערלוירען יעדען רעספּעקט אונד אכטונג. ער האט זיך איהם פאָרגעשטעלט אלס א לומפּיגען רייכען שופּט.

איוואנסקי'ן האט ער אויך פעראכטעט, אָבער ער האט מיט איהם מיטלייד געהאט.

„פון מיר, לומפּ,‟ האט ער געזאגט, „וועט אויך געוויס ווערען אזא לייט! איך וועל אויך זיין א מיאוס'ער אונד עקעלהאפטער שיכור...‟

דאן האט ער זיך פאָרגעשטעלט וויא נאך שמוטציגער דאס פּרויענצימער האט געמוזט זיין וואס האט זיך מיט איהם אין יענעם אבענד בעגעגנעט.

דערווייל איז פאר איהם וויעדער ערשיענען ליזא'ס געזיכט. פון דער גאנצער ערניעדריגונג, האט ער זיך געקענט עראינערן אן א שמערצהאפטער אונד ליידענדער מיענע, וועלכע ער האט אויף איהר בעמערקט.

„איז דאס מעגליך,‟ האט ער זיך געפרעגט. „איז זיא צופריעדען מיט איהר שיקזאל? אונמעגליך! אונמעגליך! זיא איז דאָך אויך א מענש, אונד האט געוויס אויך געהאט ליעבע עלטערן אָדער ליעבע פריינד, וועלכע האבען זיא געעהרט אונד רעספּעקטירט — אונמעגליך זיא זאָל זיין צופריעדען מיט איהר שיקזאל! ווער

חיים וויפיעלע ליידען אונד צרות זיא האט געהאט, וועלכע האבען זיא געטריעבען צו ווערען דאס וואס זיא איז! פיעללייכט לייד זיא נאך יעטצט אויך?"

אנשטאט דער פריהערדיגער פעראכטונג, האט ער זיא בעדויערט אונד בעמיטליידעט.

ער האט ווייטער נעקלערט אונד געטראכט.

„ווען דאס זאל זיין א פערגניגען פאר אזעלכע פרויענצימער," האט ער געדענקט, „דאן וואלטען עס דאך גיכער געטהאן דיא רייכע? אונד דאך, לויט וויא איך האב געהערט, זוכען נאר דיא רייכע צו געניסען פערגניגען צייטענווייז, וועהרענד דיא ארמע פאלען אריין אלס דיא ווערקצייג פון אזעלכע אבשייליכע לומפען וויא איך בין!"

וולאססאוו איז געווארען שטארק אומעטיג.

„ווען מיין פאפא אונד מיין מאמא זאלען שטארבען," האט ער זיך געטראכט, „אונד איך זאל מיך נים ווען בעקימערן — וואס וואלט דאן געווארען פון מיין שוועסטער?"

דיעזע אידעע האט איהם אזוי דערשראקען, אז ער האט געזוכט צו קוקען אויף דיא הייזער אונד אויף'ן שנעע, אבי מעהר נים צו דענקען דאריעבער. אבער דיעזע אידעע האט איהם שיער משוגע געמאכט, אונד, צום ערשטען מאל אין זיין לעבען, האט ער זיך געשפירט נאהענט פון וואהנזינן.

„מיין טייבעלע, מיין טייבעלע," האט ער געמורמעלט וועהרענד זיינע געדאנקען האבען אונרעגעלמעסיג געוואנדערט צוריק אהין, אין מאדאם מאריע'ס הויז. „אזוי האט זיא געזאגט... אלע זאגען אזוי דארט... וויא טרויעריג אונד וויא אונגליקליך אלע זיינען דארט... אונד וויא שעהן אונד פרעכטיג דיא לבנה שיינט..."

וולאססאוו האט פלוצלינג ארונטער גענומען דעם הוט פון זיין קאפ, זיך אבגעווענדעט רעכטס אין א שטראסע, אונד אנגעפאנגען צו לויפען וויא א משוגענער. דער פראסט האט צוזאמען געפרוירען זיינע פערשוויטצטע האאר, אבער ער האט נים געשפירט.

לויפענדיג איז ער אריין מיט דיא פיס אין א טיעפען שנעע וואס דער ווינט האט צוזאמען געטראגען אונד ער איז געבליעבען שטעקען. ער האט זיך דאן אנגעבויגען אויף דיא קניען אונד אויפהויבענדיג זיין געזיכט אונד זיינע הענד צום הימעל, האט ער געמורמעלט שטיל אונד וויינענדיג.

„גאָט ! ווען דוא ביסט דאָ, ווען דוא ביסט ווירקליך דער הערשער פון דער וועלט, דער בעשטימער פון דעם מענשען׳ס שיקזאל; ווען דיין מדה איז ווירקליך רחמנות אונד גערעכטיגקייט — דאַן, גרויסער אונד מעכטיגער בעשעפער, בעט איך דיך, רעטע מיך, רעטע מיך פון דיזען זומפּף אין וועלכען איך בין געפאלען...“

א קאָמישע אידעע איז איהם דאַן אריין אין קאָפּ, אויפמערקזאם צו מאכען גאָט, אז ער מיינט ניט דעם זומפּף שנעע, זאָנדערן דעם שמוטציגען זומפּף פון מאדאם מאריע. אָבער ער האט זיך געטראכט, אז גאָט האט איהם געוויס פערשטאנען אונד ער, גאָט, וועט קיין טעות ניט מאכען.

ער האט זיך לאַנגזאם אויפגעהויבען פון דעם שנעע, אונד ארוים געהענדיג, האט ער געטראכט :

„אויב עס איז נאָר דאָ א גאָט, דאַן פערשטעהט ער שוין אַלעס. אָבער ווארום צווייפעל איך ? איז דען דאס אליין ניט קיין עבירה צו צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון גאָט ? יא, עס איז איין עבירה, איך האב עס מעהרערע מאל גע־הערט פון מיין פאטער. אָבער וואס בין איך שולדיג ווען איך צווייפעל דאָך ? קען מיך דען גאָט, אויב ער עקזיסטירט נאָר, בעשטראפען דערפאר ווייל ער האט מיך אזוי געשאפען אין איהם צו צווייפלען ? ווען ער וויל ניט איך זאָל אין איהם צווייפלען, דאַן זאָל ער זיך בעווייזען צו מיר אויף אזא ארט, אז איך זאָל איהם אנערקענען...“

עס זיינען ענטשטאנדען אונצעהליגע געדאנקען אין זיין קאָפּ, אונד ער האט זיך דערמאָהנט, אז זיין פאטער האט מעהרערע מאל געזאגט, דאס גאָט איז איבעראל, אין יעדען ווינקעלע, אונד גאָט איז דיא בארמהערציגקייט אונד ליעבע.

„עס איז ליעגען !“ האט ער פּלוצלינג אויסגע־ריען ווטהענד, „עס איז אונ־מעגליך עס זאָל זיין אזא גאָט ! ווען אזא גאָט זאָל עקזיסטירען, דאַן וואָלט ער ניט צוגעלאָזען אזוי פיעלע ליידען, שמערץ, אונגליק אונד שמוטץ...“

אין דער גאס וואוהין וולאססאָוו איז אריין, איז עס געווען שטיל, אָבער אונ־געוועהנליך העלל בעלייכטעט. אויסער דיא גאזפאנארען האבען אויך געברענט פערשיעדענע קאָלירטע לאַמפען אין דיא פענסטער פון דיא הייזער.

„וואס איז דאָ ?“ האט ער זיך געפרעגט. אָבער עס האט ניט פיעל גענומען אונד ער האט זיך דערמאָהנט וואו ער איז. עס איז געווען דיא ד. שטראסע, גוט בעקאנט אין מאסקווא, אז דאָרט געפינען זיך נאָר אויסגעלאַסענע הייזער.

פלוצלינג איז אנגעקומען א שליטען, וואו עס זיינען געזעסען צוויא סטודענטען אונד אין מיטען א ציוויל־געקליידעטער הערר. אלע דרייא האבען געזונגען א שטומציגעס ליעד. פון א הויז נעגענאיבער, איז ארויס איין אפיציער; א יונגער מאן, פיעללייכט 21 יאהר אלט. אין זיין גאנג האט זיך דערקענט, אז ער איז שיכור. ער האט עפּעס געברומט אונפערשטענדליכעס אונד זיינע פיס האבען אויס־געזעהען וויא צו פערזינקען אין שנעע בייא יעדען טריט.

פון וויימען האט זיך דערהערט א ווילדע אונד הערצרייסענדע שטימע, וועלכע האט וויא דורכגעשניטען דיא שטילע לופט.

וולאססאוו האט אויפגעהויבען זיינע אויגען אונד געקוקט. ער האט וויא בע־מערקט א געוויסע געהיימניסוואלע אונד פערברעכערישע שטימונג אין דעם נאכט־לעבען פון דיזער גאס. געהענדיג ווייטער, האט ער בעגעגענט נאך שיכורים.

„פעסט, טויט אונד אונגליק הערשט דא,“ האט ער צו זיך געטראכט.

„וויא שמוטציג דיא מענשען זיינען...“

וולאססאוו האט זיך זעלבסט דערשראקען פאר זיינע געדאנקען. וואס איז מיט איהם געשעהען?

ער האט שנעל אויפגעהויבען דעם קאלנער פון זיין פּאלטא, זיך פריהער ארונטער געדרוקט דעם הוט, דאן מיט דעם קאלנער צוגעדריקט דיא אויערן — ניט עס זאל איהם ניט פרירען, וויל ער האט גאר דיא קעלט ניט געשפירט, זאנדערן, ער זאל ניט הערען וואס דארט געהט פאר.

דאן האט ער אנגעהויבען צו לויפען אזוי שנעל, גראדע וויא אין אנפאנג, ווען ער איז ארויס פון מאדאם מאריע׳ס הויז.

בייא דעם עק פון א שטראסע, האט ער זיך צוזאמענגעשטויסען מיט א פאליציסט.

דער לעטצטער האט אויסגעשטויסען א פלוך, אונד ער איז שוין בערייט געוועזען איהם צו ארעטירען, אבער זעהענדיג זיין סטודענטען־אוניפארמע, האט ער בלויז נאך אמאל געפלוכט אונד איהם געלאזען געהען.

דאס האט וולאססאוו׳ס לויפען אונטערבראכען אונד ער האט אנגעפאנגען לאנגזאם צו געהען אונד אביסעל מעהר צו זיך צו קומען.

דאבייא האט ער דערשפירט א העפטיגע אונד בייסענדע קעלט אין זיינע פיס. ער האט זיך צוגעקוקט צו דיא שיך.

„איך האב פערגעסען מיינע גאלאשען, פערלוירען; דיא קאסטען דרייא רובעל,“ — האט ער געזאגט זעהענדיג, אז ער האט ניט דיא גאלאשען אויף דיא

פיס. „אָבער זאָלען זייא געהען, וואס טוינגען זייא מיר יעטצט? איך בעדאַרף מעהר גאר ניט, גאר ניט...“

ער האט זיך אומגעקוקט צום פּאָליציסט, וועלכער האט וויא געטאַנצט אויף'ן טראָטואר אום עס זאָל איהם זיין ווארעם אין די פיס. עס האט זיך איהם גע־דאכט, אז דער פּאָליציסט ווייס פון אלעם וואס עס האט מיט איהם פּאסירט, אונד ער האט זיך געשעהמט.

וולאססאָוו האט אָנגעהויבען ווייטער צו לויפען, מורמלענדיג:

„פערלוירען, פערלוירען! אונד איך, אזא אבשייליכער לומפּ, וועל אמאל חתונה האבען, נעהמען איין אונשולדיגעס אונד ריינעס מעדכען, אונד איך וועל מיך גאר ניט שעהמען פאר איהר? מיין גאָט, איך וועל מיך דארפען בעגראָבען אין דער ערד פאר שאנדע...“

ער איז ווייטער געגאנגען אונד זיך ווידער געפרעגט:

„וויא איז דאס געשעהען? וויא האב איך עס געקענט צולאָזען?“

אויף דיעזע אלע פראגען האט ער זיך בלויז געקענט ענטפערן: „פערלוירען, אלעס פערלוירען!“

וולאססאָוו האט בלויז געוואוסט פון איין זאך, אז ער דארף אוועק, אוועק פון דאָרט וואו פעסט אונד שמוטץ הערשט, אונד, ווען מעגליך, זיך בעהאלטען אין דער ערד פאר שאנדע.

זיין אטהעם איז שווער אונד אונרעגעלמעסיג געגאנגען, אָבער ער האט זיך ניט געוואָלט אָבשטעלען.

ער האט זיך געשפּירט ווייט פון יעדער הילפע אָדער רעטונג — „פערדאָרבען אויף אייביג!“ האט ער זיך געטראכט.

„אונד ווען איך זאָל אפילו פון היינט אָן אונד ווייטער זיין איין אנשטענדיגער מענש,“ האט ער געקלערט, „וואס וועט דאס העלפען? קען איך דען צוריק קריעגען מיין פערלוירענע אונשולד? קען איך דען ווידער בערוהיגען מיין גייסט? בין איך דען אימשטאנדע מיך אָבצו־וואשען פון אזא פערברעכען? ניין! ניין! פערפאלען, איך בין פערלוירען!“

אונבעמערקט האט ער זיך פּלוצלינג דערזעהען נעבען זיין וואָהנונג. ער האט זיך אויסגעקוקט, וויא א גנב, יעמאנד זאָל איהם ניט דערזעהען, אונד האט אָנגע־פאנגען לאנגזאם צו בעשטייגען די טרעפּען.

אריין קומענדיג אין קאָרידאָר, האט ער ארויס גענומען דעם שליסעל פון זיין

קע׳שענע. ער האט אויך דארט געטראָפען דיא 25 קאָפּיקעס, מיט וועלכע ער האט לעטצטען אבענד בעשלאָסען צו קויפען בירנען־קוואס.

ער האט זיך דערמאָהנט, אז פון דעם בירנען־קוואס האט זיך אלעס אָנגעפאנגען.

„ווארום בין איך ניט, צו גאָלל־דיא־שווארצע יאָהר, געזעסען אין טהעאטער אונד ניט געגאנגען טרינקען בירנען־קוואס?" האט ער זיך געטראַכט. „איך וואָלט דאן געבליעבען ריין אונד זויבער, אונד יעטצט וואָלט איך געלעגען אין מיין בעט אונד געשלאָפען וויא איין אנשטענדיגער מענש..."

ער האט דערוויל אויפגעשלאָסען דיא טהיר אונד איז אריין אין צימער. עס איז דאָרט געווען פינסטער, נאָר ער האט פון זיך פריהער אַרונטער געוואָרפען דעם פּאַלטאָ מיט דעם הוט, אונד דאן האט ער אָנגעצונדען א קליין לעמפּעל.

אין זיינע קליידער איז ער אומגעפאַלען אויף זיין בעט אונד בעגראָבען זיין געזיכט אין קישען. ער איז אזוי געלעגען א היבשע צייט, ווען ער האט וויעדער אויפגעהויבען זיין געזיכט אונד בעמערקט, בייא דער שיין פון דעם לעמפּעל, זיין מוטער׳ס בריעף ליעגענדיג אויף זיינע ביכער פון דעם טיש, האט ער אָבגעווענדעט זיינע אויגען מיט שאנדע. דאן האט ער גענומען א בוך אונד דאס שנעל ארויף געליינט אויף׳ן בריעף, גלייך וויא ער האט ניט געוואָלט אויסזעטצען זיין מוטער׳ס הייליגע האנדשריפט צום בליק פון זיינע אבשייליכע אונד אונפערשעהמטע אויגען.

וולאססאָוו האט זיך נאָך אמאל אריין געוואָרפען אין קישען אונד אָנגעהויבען נאָכצודענקען.

ער האט געוואָלט זאמלען זיינע געדאנקען אום איינמאל פאר אלעמאל, עפּעס צו ענטשיידען אָדער בעשליעסען איבער דער צוקונפט נאָך דיעזען וואס עס האט מיט איהם פּאסירט.

אָבער ער האט מעהר ניט וויא געקענט מורמלען:

„מיין גאָט! מיין גאָט! העלף מיר, רעטע מיך פון דיעזען אָבגרונד!"

ער האט אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין, וועלכעס האט אביסעל געלינדערט זיין שמערץ.

דאן האבען זיך אָנגעהויבען זיינע אויגען צו שליסען אונד ער איז פערזונקען געוואָרען אין א שווערען שלאָף.

6.

עס איז שוין געווען אום צוויא אוהר נאכמיטאג, ווען וולאססאוו האט ער־וואכט פון זיין שלאף. ער האט געעפענט דיא אויגען, זיך ארום געקוקט, אונד גע־אכט מיט זיין בליק גראדע וויא ער וואלט עפעס פערלוירען.

פלוצלינג האבען זיינע אויגען אנגעהויבען צו וואנדערן אויף זיין אייגענעם קערפער, אום זיך זעלבסט צו ערקענען. אנפאנגס האט איהם אויסגעזעהען אלעס פרעמד. ער האט געשפירט אז עפעס פעהלט איהם; עס איז געווען דיא גע־וועהנליכע פרעהליכקייט וואס ער פלעגט שפירען גאנץ פריה, וועלכע איז יעטצט מעהר ניט געווען.

איין אונמוטה האט איהם בעהערשט אונד אויף זיין הערץ איז געלעגען וויא א שווערע לאסט וואס האט אויסגעזעהען צוזאמען צו דריקען זיין לעבען.

„וואס איז געשעהען?" האט ער געמורמעלט.

דאן האט ער דערשפירט זעהר א שלעכטען טעם אין מויל, וועלכער איז געווען א פערמישונג פון ביטערקייט מיט זויערקייט. זיין קאפ איז געווען וויא איינגעדריקט אדער איינגעשלאסען אין אייזערנע רינגען.

באלד האבען ערוואכט אין זיינע געדאנקען אלע סצענען וואס ער האט מיט א טאג צוריק בייגעוואהנט. ער האט זיך אן אלעמען עראינערט אונד יעדע איינ־צעלהייט האט אנגעפאנגען וויא אויפצולעבען.

אבער, וואס פאר איין אונטערשיעד!

דיא געכטיגע שרעק, ציטערן, חרטה אונד פערצווייפלונג, דאס אלעס איז פערשוואונדען — יעטצט האט ער געשפירט א מערקווירדיגע גלייכגילטיגקייט צו אלעם אין דער וועלט.

דיעזע געפיהלע קען מען אמבעסטען פערגלייכען מיט דיעזע פון א מערדער, וועלכער, באלד נאך דעם מארד האט ער שטארק חרטה, אונד שפעטער, ווען ער געוועהנט זיך צו צו דער אידעע, בלייבט ער גלייכגילטיג.

ער האט זיך פאר אלעמען עראינערט אן דיא ווערטער, וועלבע ער האט אויסגערופען אין זיין פערצווייפלונג, אן דיא בעשליסע וואס ער האט געפאסט, אנצופאנגען א נייעם לעבענס־וואנדעל, אדער, בעסער געזאגט, פארזועמצען דעם אלטען. ער האט זאגאר פראבירט צו ווידערהאלען יענע ווערטער, אבער ער האט מיט געקענט. אלעס איז שוין בייא איהם געווען גלייכגילטיג.

ער האט אויך זיך מעהר קיין מיטלייד ניט געהאט, אונד ער האט אויך ניט געשפירט קיין שרעק אָדער וועהמוטה.

„וואס איז דער אונטערשיעד?“ האט ער זיך געטראכט. „זאָל עס זיין וויא עס איז, איך קען ניט אנדערש מאכען.“

יעדענפאלס זיינען אָבער דיא לעטצטע עראייגניסע געווען אינטערעסאנטע, אונד ער האט פראָבירט זייא וויא צו סאָרטירען אונד זייא איבערדענקען בעסער, אום נאך אמאל צו זעהען וואס זייא זיינען געווען אונד זייא אויך גענוי בע־טראכטען.

ערשטענס איז ערשיענען דאס טהעאטער אונד ער האט זיך דערמאָהנט אן דיא אקטיאָרען וואס האבען געשפיעלט אָסטראָווסקי'ס פיעסע „דער וואלד.“ דאן וויא מען איז פערטיג געוואָרען ביז צום וואָדעוויל אונד איז ארויס געגאנגען אין בופעט צו טרינקען בירנען־קוואס.

„דיא צווייא דאמען,“ האט ער געמורמעלט אונד געדענקט אן דיא צווייא שעהנע פרויענצימער אונד וויא ער האט זיך פאר זייא פערשעהמט.

ער האט אָנגעהויבען נאכצוקלערען אום אויסצוגעפינען צו וואס פאר א קלאסע זייא האבען בעלאנגט.

ער האט זיך שוין גערעכענט אלס איין ערפאהרענער אונד ער האט אלעס מעגליכע אָנגעווענדעט צו ערקענען זייער כאראקטער. אלס פרויענצימער פון דער־זעלבער קלאסע וויא ער האט געזעהען בייא מאדאם מאריע, האט ער זייא ניט געקענט רעכענען, וויל זייא זיינען געווען צו אנשטענדיג געקליידעט אונד האבען געהאט צו פריישע געזיכטער.

„דיא אנדערע,“ האט ער זיך געטראכט, „זיינען ניט אזוי פריש אונד מונטער וויא דיעזע צווייא דאמען זיינען מיר ערשיענען, אונד דערפאר, רעכען איך, אז זייא זיינען פון דיא זאָגענאנטע אנשטענדיגע.“

ער האט זיך פערטראכט אונד געשלאָסען:

„אנשטענדיג אונד דאך פערדאָרבען! זייא זיינען וואהרשיינליך אלע אזוי, נאָר דיא זאָגענאנטע אנשטענדיגע פערהאלטען זיך רוהיג אונד געלאסען כל־זמן זייא האבען מורא, אז מען פאסט זייא אויף, אָבער, וויא זייא געפינען נאָר א געלעגענ־הייט צו זיין אליין פיר זיך, דאן זיינען זייא אויך פערדאָרבען. וואס דען האט זאָגאר געקענט בעדייטען זייער פרעכער אויפטריט נעגען מיר?“

וולאססאָוו האט דאן גערעכענט אלע פרויען פאר פערדאָרבען.

„עס איז טרויעריג אָבער דאָך וואהר,“ האט ער געזאגט. „איבריגענס, בין איך נייגיעריג צו וויסען, ווארום דארפען עס דיא מענער אליין נאָר זיין פערדאָרבען אונד דיא פרויען ניט? זיינען זייא דען ניט אָבגעשניטען פון דעמזעלבען שטיק נער׳ ואנט? גראָדע וויא דיא טוגענד (צניעות) איז ניט געגעבען געוואָרען נאָר פאר דיא פרויען אליין, אזוי איז אויך פערדאָרבענהייט ניט נאָר פיר דיא מענער. אונד, ווען אזוי, דאן איז מען דאָך גאר ניט זיכער ווען מען הייראטעט, אז מען וועט האבען איין אנשטענדיגע פרוי? ווער וויים...“

דאָ האט ער אונטערבראָכען דעם שטראָם פון זיינע געדאנקען. ער האט גע־וואָלט פרעגען: „ווער וויים אויב מיין מוטער איז געווען אנשטענדיג, אונד אויב איך בין דער זוהן פון דעם וואס איך קען פאר א פאטער?“

אָבער ער האט מיט אלע מעגליכקייטען ארויס געטריעבען דיא געדאנקען איבער זיין מוטער אונד שוועסטער. זייא זיינען נאָך אין זיינע אויגען געווען וויא הייליגטהימער, אונד ער האט ניט געוואָלט זייא צו פערמישען מיט דער שמוטציגער וועלט, וואוהין ער האט אריין געשטעקט א פוס. דיא אידעע פון זיך זעלבסט, איבער הייראטהען אין דער צוקונפט, איז ווידער ערשיענען. אָבער אנשטאט וואס ער האט מיט איין אבענד צוריק זיך פערדאַמט, זיך דערמאָהנענדיג, אז ער קען שוין מעהר ניט ערשיינען ריין פאר זיין פרוי, האט ער אָנגעהויבען צו פרעגען איבער דער אויפפיהרונג פון זיין פרוי, איבער איהרע וואהרשיינליכע זייטיגע ליעבע אונד אונ־טרייהייט.

„אונטרייא?“ האט ער זיך א פרעג געגעבען. „איך זעה ניט איין ווארום פרויען זאָלען ניט מעגען זיין אונטרייא? דאכט זיך, זייא זיינען גראָדע אזעלבע מענשען וויא דיא מענער! א מאן מעג אונד א פרוי טאָר ניט — דאס איז איין עוולה, אונד דאָך וויל עס דער מאן, דער הערר, דאס זיין שקלאַפין, זיין פרוי, זאָל אזוי זיין! יא, א פרוי איז ניט מעהר וויא א שקלאַפין; זיא איז אבהענגיג פון דעם מאן, ווערענד דער מאן איז פון איהר ניט אבהענגיג. אָבער, לויט נאך מיין אנזיכט, זיינען זייאביידע גלייך פערדאָרבען, מיט דעם קליינעם אונטערשיעד וואס דער מאן איז האלב־עפענטליך פערדאָרבען אונד זיא בעהאלט זיך מיט איהר אויסגע־לאַסענהייט.“

ער האט זיך דערבייא דערמאָהנט אן פיעלע מענער, זיינע בעקאנטע, איבער וועלכע ער האט געוואוסט, לויט וויא אנדערע האבען דערצעהלט, אז זייא ליעגען איבער דורך דיא נעכט אין אזעלכע הייזער וויא בייא מאדאם מאריע. דאן האט ער זיך דערמאָהנט ווידער אן דיא צווייא דאמען אין בופעט פון טהעאטער.

„ווער ווייס וועמעס פרויען זייא זיינען?" האט ער זיך געטראכט, „אונד וויענדיג דערוויילעדט פון זייערע מענער, זוכען זייא צו בענעהען אלע ניעדער־טרעכטיגקייטען."

א מערקווירדיגעס געפיהל פון גלייכגילטיגער פעראכטונג צו יעדען אונד צו זיך זעלבסט האט איהם בעהעררשט.

„נאך אלעמען," האט ער געמורמעלט, „פיעללייכט בין איך נאר טאקע א דומקאפ, ווען איך וויל מיך מאכען פרימער פון דער גאנצער וועלט? בין איך שוין דאס דער קלוגער אונד דיא גאנצע וועלט איז נאר נאראנים?"

זיינע געדאנקען האבען אונטערדעסען געוואנדערט ווייטער צו דער בעגעגנונג מיט'ן פרינץ, וויא אזוי ער האט עטליכע מאל געטרונקען וואדקא, אונד דאן וויא ער איז געפאהרען אויף דער טראיקא אונד מען האט געזונגען.

„בייא מיין ווארט!" האט ער אויסגעשריען, „גאנץ פרעהליכע יונגען! זייא געניעסען דאס לעבען! וואס דען איז לעבען ווען ניט דאס?"

דאן האט זיך איהם אבגעשפיעגעלט דאס בילד אין מאדאם מאריע'ס הויז. ער האט זיך אן אלעמען ערינערט אונד געשמייכעלט מיט א נארישער מיענע צו זיך זעלבסט.

„איך רעכען, אז איך בין א דומער קערל," האט ער זיך געטראכט. „וויא נאריש איך האב געמוזט אויסזעהען אונד וויא זייא האבען אלע נאכהער געמוזט לאכען! דאן דער צוזאמענשטויס מיט מאדאם מאריע..."

ער האט זיך געשפירט ערניעדריגט פאר זיין דומער בענעהמונג.

„צום טייפעל! איך בין איין אקס!" האט ער אויסגעשריען. „איך צווייפעל אויב עס זיינען נאך דא אזעלכע נארישע סטודענטען וויא איך בין!"

מיט א פאאר מינוטען שפעטער, האט זיך וולאססאוו בערוהיגט אונד זיך אנגעפאנגען צו וואונדערן איבער זיין מערקווירדיגער וועקסלונג אין דענקען.

אבער נאכקלערענדיג וועלכעס איז בעסער, איז ער געקומען נאך אמאל צום בעשלוס, אז נעכטען האט ער זיך נאריש בענומען אונד היינט איז ער קליגער געווארען.

א מין געפיהל פון וואוילוגנשאפט האט איהם בעהעררשט אונד ער האט אנגעהויבען אויסצוארבייטען פלענער פיר דער צוקונפט, וויא אזוי ער זאל זיך אויפפיהרען; אום ער זאל אויסזעהען א חברה־מאן גלייך מיט אלע אנדערע.

ער האט דאן צוריק געלייגט זיין קאפ אונד זיך געטראכט, אז ער זאל נאך

אַמאָל איינשלאָפען. אָבער אנשטאט דעם, האט ער געשפירט, אז ער קען מעהר ניט שלאָפען דורך זיינע נייע בעשליסע וואס ער האט געפאסט.

ער האט זיך אויפגעהויבען פון דעם בעט אונד איז געבליעבען שטעהען פאר דעם קליינעם שפיגעל וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט.

זיין געזיכט איז געווען שטארק אָבגעפאלען, זעהר בלאס אונד אויף זיך געטראָגען דעם אויסדריק פון שמערץ. זיינע אויגען האבען אויסגעזעהען ווי פערזונקען אין קאָפּ. ער האט זיך אייניגע אויגענבליק בעטראכט אונד איז ניט געווען שטארק צופריעדען מיט זיין ערשיינען.

ער האט זיך באלד אומגעווענדעט אונד זיין בליק איז געפאלען אויף איוואנסקי'ן, וועלכער איז נאך ביז דאמאלס געלעגען טיעף איינגעהיעלט אין זיין דעק. ער האט זיך אָבער אומגעדרעהט אונד זיין געזיכט איז שוין געווען געריכטעט געגענאיבער וולאססאָוו'ן.

איוואנסקי'ס מויל איז געווען אָפען אונד ער האט שווער געאטהעמט.

„וואס פאר איין אבשייליכעס געזיכט!" האט זיך וולאססאָוו געטראכט. ער האט ניט געקענט פיעל קוקען אויף איוואנסקי'ן אונד ער האט אָבגעווענדעט זיינע אויגען צום פענסטער, דורך וועלכען עס האט אריין געשיינט די זון, וועלכע האט שוין געהאלטען באלד ביים אונטערגעהען.

אין צימער זיינען נאך געווען אלע זאכען ווי מיט א טאג פריהער: די ביינער, די ביכער אונד פאפירען.

„אָבער ווי לאנגווייליג אַלעס איז," האט וולאססאָוו זיך געטראכט. „עס אינטערעסירט מיך מעהר ניט, אונד מיר דאכט, אז קיינער בעדארף דאס ניט. וואס פאר א מיאוסען גערוך די ביינער גיעבען ארויס פון זיך!"

וולאססאָוו האט ארונטער געלאָזען דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט אונד נאכגעדענקט. ער איז צוגעגאנגען צום בעט אונד זיך וויעדער געזעטצט. מיט דער דעק האט ער זיך צוגעדעקט די פיס וואו ער האט געשפירט קאלט. ער האט היבשע עטליכע סעקונדען בעטראכט די דעק, וועלכע ער האט אמאל אזוי געליעבט אונד זיך דערמאָהנט אן זיין מוטער.

„יא, ווען זיא וואָלט דאס געוואוסט," האט ער געמורמעלט. „אונד, ווער וויים, פיעללייכט וועל איך נאך האבען א שווארצען סוף אונד איך וועל קראנק ווערען. איבריגענס, וואָלט דאס געווען א גוטע שטראפע פאר מיר. פאר אזעלכע נעכט מוז מען האבען פינסטערע טעג!"

ער האט געזיפצט.

„אלזאָ, דאס איז עס,“ האט ער פאָרמנעזעטצט. „אזוי בעטראכטעט מען זיך, מען פערגאכטעט זיך זעלבסט אויף אזוי ווייט, אז מען ווינשט זיך אלל־דאס־בעז אונד מען וויל קראנק זיין; דאס איז דיא פרוכט פון...“

דער טרויער פון דעם נעכטיגען אבענד האט צוריק געקעהרט אונד ער האט געטראכט:

„איך בין א לייכטזיניגער אונד ניכטסווירדיגער שופט! ניט גענוג וואס איך האב מיך נאך ביז יעטצט ניט געהאנגען פאר מיין לומפערייא, האב איך נאך גע־וואגט אזוי צו דענקען איבער מיין מוטער — מ י י ן מוטער! גאָט אין הימעל! ווא איז דאך דיא ריינליכקייט אונד פרומקייט אליין! איך בין איין אבשייליכער שופט! איהר נאמען אפילו האב איך ניט ווערטה צו דערמאָהנען. דאָ, זעה, איז דיא דעק וואס איהרע עדעלע הענד האבען אליין אויסגעשטריקט אום צו צודעקען דעם שמוטציגען קערפער פון אזא פערדאָרבענעם הונד וויא איך בין! אך, עדעלע מוטער! דוא האסט גאר קיין אהנונג...“

ער האט געשפירט א דריקונג אויף'ן הארצען אונד דער קאָפּ־שמערץ האט זיך נאך געפיהלט.

וולאססאָוו האט דורך א צופאל אויפגעהויבען זיין האנד אונד זיא בעטראכט. דאַן האט ער צו איהר געשמעקט. זיא האט פון זיך ארויס געגעבען דעם גערוך פון יענעם גאנצען הויז אונד פון יענע פראווענצימער וואס זיינען דאָרט געוועזן. ער האט זיך געוואָלט אויפהויבען אונד צו געהען זיך אָבוואשען דיא האנד, אָבער ער איז ניט געגאנגען. ער האט אריין געשטעקט דיא האנד צווישען זיינע האאר אונד זיך גע־קראטצט וויא פערצווייפעלט ניט וויסענדיג וואס ער זאָל אנפאנגען.

אין דערזעלבער צייט האט זיך געהערט א שליסעל אין דער טהיר, וועלכע האט זיך באַלד געעפענט אונד האָזעל איז אריין געקומען.

ער האט מיטגעבראכט דיא אָבגעפּוטצטע שטיוועל אונד דיא אָבגערייניגטע קליידער פון ביידע סטודענטען.

„גוטען אבענד,“ האט ער געזאגט מיט זיין געוועהנליכער גוטמיטהיגקייט. „מיר האבען געהאט היינט א שעהנעם טאָג, אָבער א פראָסט האבען מיר, וועלכער ברענט!“

וולאססאָוו האט איהם גלייכגילטיג אָנגעקוקט אונד גאר ניט געזאגט.

„מיין ליעבער הערר,“ האט האָזעל געזאגט נאך אימער שטעהענדיג בייא דער טהיר. „ווארום זייט איהר היינט אזוי טרויעריג? ערשט נעכטען זייט איהר געווען

מונטער, פרעהליך, אונד היינט. . דאס איז וועהר ניט גוט, ניין, וועהר ניט גוט..."

וולאססאָוו האט געשמייכעלט אָבער ער האט נאָך אַלץ ניט געענט־פערט.

האָזעל האט אויסגעזעהען מעהר ניט צו וואנען צו שטעלען פראגען, אונד עפענענדיג לאנגזאם דיא טהיר, איז ער ארויס.

„געכטען מונטער אונד היינט טרויעריג," האט וולאססאָוו ווידערהאָלט. „יא, אזוי איז עס..."

דאן האט ער זיך ווירקליך אָנגעהויבען פאָרצושטעלען דאס בילד דער פער־גאנגענהייט, וואו ער איז געוועזען אונד וואס עס איז פון איהם געוואָרען. ער האט זיך דערמאָהנט אן זיין שטימונג פון דעם געכטיגע פריה־מאָרגען אונד ער האט געוואָלט וויינען.

„פערלוירען, בערויבט," האט ער געמורמעלט אויפ־ריכטיג פון זיין טיעפער זעעלע, אונד דער שמערץ פון נעכטען בייא נאכט האט צוריק געקעהרט

„מיין גאָט!" האט ער געמורמעלט, „העלף מיר, רעטע מיך..."

וולאססאָוו איז נאָך אמאל אויפגעשטאנען פון דעם בעט אונד צוגעגאנגען צום פענסטער. ער האט צוגעלייגט דעם ברענענדען שטערן צו דער קאלטער שויב אונד ער האט געשפירט איין ערלייכטערונג. דאן האט ער אויסגעהויבט א לעבעל אין דער אָנגעפרוירענער שויב אונד ארויס געקוקט אויף דער גאס.

ער האט געזעהען א בעקער מיט א קאָרב ברויט, וועלכער האט זיך פער־דרייבערט א ציגארעטע. וולאססאָוו האט איהם אויפ־מערקזאם בעטראכט אונד ער האט געשפירט א לוסט אויף צו רויכען.

ער האט זיך דערמאָהנט, אז געסטערן אבענד, האט ער עטליכע ציגארעטע אויסגערויכט אונד ער האט זיך אביסעל צוגעוואָהנט דערצו.

ער איז צוגעגאנגען צום טיש אונד ארויס גענומען א ציגארעטע פון איוואנסקי׳ס פעקעל, זיא אנגעצונדען אונד אָנגעפאנגען העפטיג צו ציהען דעם רויך. עס האט זיך איהם געדאכט, אז דער ציגארעטען־רויך מאכט איהם לייכטער.

א ברום וויא פון א הונד האט פעראורזאכט וואס וולאססאָוו האט זיך אומ־געוועגדעט. עס איז געוועזען איוואנסקי, וועלכער האט פלוצלינג ערוואכט, אונד מיט דיא אויגען אָפען, האט ער געבליקט צו זיין יונגען פריינד.

„וואס טהוסטו דאָרט?" האט איוואנסקי פלוצלינג געפרעגט מיט ער־שמויגען.

„איך רויך, זעהסט ניט ?"

„יא, איך זעה ; הם... דוא רויכסט," האט איוואנסקי געברומט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

וולאססאָוו האט זיך געוואונדערט איבער איוואנסקי'ס טאָן אונד ער האט איהם ניט געקענט פערשטעהען. פּלוצלינג האט ער זיך אָבער דערמאָהנט אן דעם געשפּרעך וואס ער האט מיט איהם געהאט נעכטען פריה אונד ער האט עטוואס פערשטאַנען.

„ביסטו שוין לאנג אויפגעשטאַנען ?" האט איוואנסקי פּלוצלינג געפרעגט איהם בעטראַכטענדיג פון אויבען ביז ארונטער.

„ניין, ניט לאַנג."

וולאססאָוו איז ווידער צוגעגאנגען צום פענסטער אונד זיך דאָרט אוועק געשטעלט.

דער פוס־באָדען איז געוועזן זעהר קאַלט, אונד וולאססאָוו'ס נאַקעטע פיס האבען אָנגעפאַנגען צו פרירען. אָבער דיעזע קעלט איז איהם נראָדע געווען אי־ נגענעהם.

„אונד וויא געהט עס דיר ?" האט איוואנסקי ווידער געפרעגט.

וולאססאָוו האט זיך אומגעקוקט אונד געשוויגען.

„וואס ענטפערסטו ניט ?" האט איוואנסקי ווידער געפרעגט.

„וואס זאָל איך דיר ענטפערן ?"

„איך פרעג דיך וויא עס געהט דיר."

„גאַנץ גוט."

„גאַנץ גוט ? ווירקליך ?" האט איוואנסקי געפרעגט שפּאָטיש.

וולאססאָוו האט ווידער צוגעבויגען דאס געזיכט צום פענסטער.

„דוא ביסט אָבער מעלאַנכאָליש."

„איך בין נאר ניט, לאָז מיך צו רוה !" האט וולאססאָוו געענטפערט בעז.

„שעהמסט דיך מיר צו קוקען אין פּנים ?"

וולאססאָוו האט, אנשטאט איין ענטפער, געקלאַפּט מיט דיא פינגער אין פענסטער.

„קוק נאָר אהער."

„וואס ווילסטו האבען פון מיר ?"

איוואנסקי האט איינינע אויגענבליקען געשוויגען, דאן, דיך אויפהויבענד א ביסעל, האט ער געמורמעלט צו זיך אליין :

„חם, חם, אריין געפאלען, די שוסטען האבען איהם ניט אָבגער־לאָזען.“

וולאססאָוו האט אונגעדולדיג בעוואוינגען מיט זיינע נאַקעטע פיס אויפ׳ן באָדען.

„יא, יא,“ האט איוואנסקי פאָרטגעזעטצט מיט א זיפץ. „ווען איך וואָלט מיך ניט בעזויפען וויא א בעסטיע, וואָלט דאס ניט געשעהען, אָבער אזוי, איז אלעס פערפאלען. נאָר רוהיג, מיין יונגע, ניט אויפגערעגט. איך בעגרייף דיין לאגע יעטצט; מיר מאכען אלע דורך דיזעלבע שולע, נאָר עס פערגעהט — עס געהט פאָראיבער. מאך דיר שוין מעהר ניט קיין יסורים, ווייל אלעס איז אומזיסט; צוריק האלטען קענסטו דיך שוין מעהר ניט...“

וולאססאָוו האט נאך אימער געשוויגען, אָבער פלוצלינג האט זיין גאנצער קערפער אויפגעציטערט, זיינע שולטערן האבען זיך בעוואוינגען אונד ער האט אויסגע־בראָכען אין א געוויין וויא א קליינעס קינד. ער האט געוואָלט עפּעס רעדען, נאָר ער האט ניט געקענט.

איוואנסקי האט איהם ניט געוואָלט שטערען אין זיין געוויין, ער האט איהם בעטראכטעט מיט א מיטליידיגען בליק.

עס האט געדויערט עטליכע מינוטען, ביז וולאססאָוו האט ענדליך געקענט עפעס ארויס שטאמלען פון צווישען זיינע טרערען.

„יא,“ האט ער געזאגט, „דיר איז יעטצט לייכט צו זאגען, אז מען קען זיך שוין מעהר ניט צוריק האלטען; יא, יא, דוא האסט רעכט... אָבער, מיין גאָט! וואָרום...“

ער האט ניט געקענט ווייטער רעדען אונד ער האט אָבגעווענדעט זיין פער־ווינטעס געזיכט פון איוואנסקי׳ן.

„ניעמאלס וועל איך עס מיר פערצייהען,“ האט ער געברומט וויא צו זיך אליין. „ניעמאלס! מיין גאָט, וויא איך לייד! אונד ניעמאנד אויסער דוא ביסט שולדיג.. “

ער האט זיך ווייטער אונטערבראָכען, אונד, גראדע וויא ער וואָלט געפאסט א פעסטען בעשלוס, האט ער פלוצלינג געזאגט:

„ניין, ניין, איך בעשולדיג דיך ניט; איך אליין בין שולדיג, אונד... צום טייפעל זאָל עס געהען!“

ער האט זיך אומגעווענדעט, צוגעלאָפען צום בעט, אונד זיך אריין געווארפען

מיט אזא מאכט, אז אלעס אין צימער האט געציטערט. ער האט זיך געלייגט מיט דעם געזיכט ארונטער אונד ער האט ווייטער געוויינט אונד געציטערט.

„הער מיך אויס,“ האט איוואנסקי געזאגט שטאמלענדיג.

איינינע אויגענבליקען זיינען פאראיבער אונדביידע האבען געשוויעגען.

„הער מיך אויס, פעטרושקא,“ האט איוואנסקי ווידער אנגעפאנגען זיך אויפהויבענדיג פון דעם בעט אונד איז צוגעגאנגען צו וולאססאוו׳ן. „איך בעט דיך, פערצייהע מיר — אום גאטעס ווילען, פערצייהע מיר! איך בעט דיך, איך בין שולדיג — נאר איך אליין, אזא שופט אונד לומפ!“

ער האט געלייגט זיין גרויסע האנד אויף וולאססאוו׳ס שולטער אונד געווארט וויא אויף איין ענטפער.

וולאססאוו האט געשוויעגען.

„ווען איך וואלט מיך ניט אנגעשיכור׳ט,“ האט איוואנסקי ווייטער געזאגט, „דאן שווער איך דיר, אז דוא וואלסט אהיים געגאנגען, וויא דוא האסט דיר גע־מאכט דעם פלאן. בייא מיין ווארט, פריינד, איך וועל עס מיר קיינמאל ניט פער־צייהען, ווייל ניעמאנד, מעהר וויא איך, ווייס וויא שרעקליך דער אבגרונד איז..“

„ניין, ניין, ניין!“ האט וולאססאוו אויסגעשריען פון אונטער זיין דעק, „ניט דוא ביסט שולדיג, ניין! איך בין שולדיג. ווירקליך דוא ביסט ניט שולדיג, ווייל דוא ביסט שוין געווען בעטרונקען ווערענד איך בין נאך געווען ניכטער. אליין, אליין, אלעס האב איך אליין געטהאן... אונד דאן נאך... איך ווייס שוין אליין ניט וואס...“

אונד ער האט ווידער אנגעפאנגען צו וויינען.

איוואנסקי איז צוגעגאנגען צום טיש אונד זיך געזעצט אויף דעם שטוהל. זיין גרויסע האנד האט ער אויפגעהויבען צו זיינע אויגען אונד זיך אבגעווישט דיא טרערען, וועלכע זיינען געלאפען איבער זיינע באקען אונד איהם מערקווירדיג געקיצעלט.

„ארמער יונגע,“ האט ער געמורמעלט צו זיך זעלבסט. „אוט איך האב עס איהם פערפיהרט! איך, געמיינער אונד אבשייליכער לומפ האב דעם גאנצען פלאן געמאכט; אין מיין בעזויפענהייט האב איך געתאם „ענוג שכל דערצו.“

7.

איוואנסקי'ס איבערזיכט, איז ניט געווען קיין פאלשע; ווען ער האט בע־ חיפטעט, אז וולאססאוו'ס טרויער וועט פאראיבער, האט ער געוואוסט וואס ער זאגט. עס איז געווען איין אורטהייל פון זעלבסט־ערפאהרונג אונד פון דעם וואס ער האט געזעהען בייא אנדערע.

וולאססאוו האט פארטגעזעטצט צו בעזוכען דיא אוניווערזיטעט גראדע אזוי וויא פריהער, נאר אנשטאט דעם וואס ער פלעגט פריהער האבען זעהר ווייניג פריינדע, האט ער יעטצט געהאט פאר קאמעראדען אלע דיעזע וואס האבען מיט איהם בעזוכט מאדאם מאריע'ס הויז, אונד אויך דיא צאהלרייכע פריינדע פון דיעזע קאמעראדען, האבען מיט איהם געשלאסען בעקאנטשאפט.

דיא גלייכגילטיגקייט צו דעם וואס האט פאסירט אונד דיא לוסט צו פיהרען א נייעס לעבען, האבען יעדעס מאל מעהר געוואקסען.

פריהער איז ער געווארען א שטארקער רויכער, דאן האט ער זיך אויסגע־ לערענט טרינקען וואדקא גלייך מיט אלע אנדערע, אונד, צום שלוס, איז ער גע־ ווארען א בעשטענדיגער בעזוכער פון דיא פערווארפענסטע הייזער.

אנפאנגס האט מען זיך געקויפט א מצוה אן איהם דערמיט וואס מען האט איהם איבעראל טראקטירט, אבער וויא ער האט זיך שוין איינגעקויפט אין דער חברה, האט ער געמוזט אליין ספענדען.

אונד עס איז שוין אויך ניט נעטהיג געווען איהם מיטצונעהמען אדער ער־ מונטערן; ער איז געווען אימער פריהער פאר אלעמען, אונד זיינע קאמעראדען פלעגען איהם שוין טרעפען דארט וואוהין זייא זיינען געגאנגען.

וולאססאוו האט געספענדעט יעדען רובעל וואס ער האט געהאט אויף זייטיגע הוצאות. עס האט בייא איהם מעהר ניט אויסגעמאכט וויא ער געהט געקליידעט, וואס פאר א שיך ער טראגט אונד בייא ווענען ער בארגט געלד, אבי זיין תאוה צו ערפילען. ענדליך האט ער זאגאר פערנאכלעסיגט זיך צו קויפען דיא נעטהיגע ביכער אונד ער האט זיך אויסגעבארגט ביכער בייא אנדערע סטודענטען.

אמאל האט ער געזארגט אונד געדענקט איבער יינע ארמע עלטערן, וויא זייא פלאגען זיך אום ער זאל קענען שטודירען, נאר יענע צייט איז שוין געווען פאר איבער. זיין איינציגער ציעל איז געווען, צו קריעגען געלד אום ער זאל קענען ער־ פיללען זיין תאוה. אונד, צו דיעזען צוועק, האט ער געשריעבען אהיים בריעף מיט אונצעהליגע ליגען, אבי ער זאל ארויס קריעגען געלד.

אין א טאג האט ער ערהאלטען א בריעף פון זיין מוטער מיט 5 רובעל. דאס האט איהם פאלגענדעס געשריעבען:

„מיין פיעלגעליעבטער זוהן: —

„דיינע בעדירפניסע, וויא איך זעה, זיינען אין דער לעטצטער צייט זעהר גרויס געווארען, אבער, גאט וויים דעם אמת, אז דיינע ארעמע עלטערן קענען ניט נאכקומען אלע דיינע פארדערונגען. דיא 5 רובעל וואס איך שיק דיר יעטצט, זיינען פאר דיא צוויא דעקען בייא וועלכע איך האב געארבייט כמעט דעם גאנצען ווינטער. מיין קינד! איך זאג עס דיר ניט אום דיך צו ערגערן, אבער איך מאך דיך בלויז אויפמערקזאם איבער אונזער צושטאנד, דאמיט דוא זאלסט וויסען צו לעבען אביסעל עקאנאמישער.

„דיין פאפא איז אין דער לעטצטער צייט זעהר קראנק. דער רהעאומאטיזמוס האט איהם ווידער אמאל אנגעפאנגען צו פלאגען, אונד דיא פארשטעהער פון דער קירכע זיינען ניט צופריעדען מיט איהם אונד שרייען, אז זייא ווילען איין אנדערן גלח. זעה, מיין קינד אונד בעענדיג אזוי שנעל וויא מעגליך דיין שטודיום, כדי דוא זאלסט נאך קענען זיין א שטיטצע פיר דיינע ארעמע עלטערן.

„דיין שוועסטער אניוטקא, וויא דוא ווייסט, איז שוין זייט 3 מאנאט אין דער היים, ווייל מיר האבען ניט געקענט בעצאהלען פאר איהר אין דער שולע. זיא איז זעהר א גוטעס מעדכען אונד לאזט מיך ניט הארעווען. זיא פאסט אויף איבער אלעמען אין הויז.

„מיר גריסען דיר אלע נאר ליעבליך. פאפא שרייבט ניט אונטער דעם בריעף דערפאר, ווייל ער וויים ניט, אז איך שיק דיר דיעזעס געלד. דיין ליעבענדע מוטער..."

וולאססאוו האט געשפירט א העפטיגען שמערץ אין זיין ברוסט. ער האט זיך דערמאהנט אן זיין צארטע אונד ליעבענדע מוטער אונד זיך פארגעשטעלט וויא עקאנאמיש זייא מוזען לעבען צו הויז, אונד וויא זיא, דיא ליעבענדע מוטער, האט שווער געארבייט בייא דיא דעקען דעם גאנצען ווינטער, אונד יעטצט האט זיא דאס פערקויפט אום איהם צו בעזארגען מיט געלד.

„מיט געלד!" האט ער אויסגעשריען, „אונד צו וועלכען צוועק? ניין, ניין! איך וועל מיך בעסער הייננען, אלס פערברענגען דיעזעס געלד צו מיין בעסטער ליבעם! מיין גאט, וויא טיעף איך בין געזונקען!"

ער האט בעשלאָסען צו נעהמען דיא 5 רובעל, אוועק געהען צו דער פּאָסט אונד זייא אויפלעגען צוריק, שרייבענדיג זיין מוטער, אז דיא ביכער וואס ער האט בעדארפט קויפען האט ער געקריגען פאר א לעקציאָן, אונד עס געהט איהם רעכט גוט.

ער האט זיך אָנגעפאנגען אָנצוטהון זיינע שיך, וועלכע זיינען שוין געווען אויף א פּאאר פלעטצער צעררימען. קיין קראַנקעס האט ער שוין אויך ניט געהאט געננג אום צו וועקסלען רעגעלמעסיג, אונד אלע זיינע טאשענטיכער זיינען געווע שמוטציג.

ווען ער האט זיך אָנגעטהאָן אונד איז ארויס אויף דער גאס, איז שוין געווען אונגעפעהר 4 אוהר נאכמיטאג. ער האט דאס געזעהען אויף דער טהורם־אוהר, וויל זיין ניקעל־זייגער, האט ער שוין לאנג פערקויפט.

עס איז געווען אין מיטען מאָנאט מאי, אונד דיא לופט האט נאך ניט שטארק געווארעמט. ער האט נאך אמאל בעטראכט זיינע צעררימענע שיך, אונד אָנגע־פאנגען צו געהען צו דער פּאָסט.

נעהענדיג האט ער זיך אָנגעשטויסען מיט זיין פוס אן א שטיין אונד א האלבע פּאדעשווע פון זיין רעכטען שוך איז אָבגעריסען געוואָרען.

„עס איז אונמעגליך," האט ער געזאגט, „ווייטער אזוי צו געהען. איך מוז האבען א פּאאר שיך."

ניט קענענדיג ווייטער געהען, האט ער אָנגעפאנגען צו קוקען ארום זיך, טאָמער וועט ער בעמערקען א שיך־געשעפט. אנשטאט דעם האט ער דערזעהען א שוסטער זיטצענדיג בייא איין אָפענעם לאָדען מיט אלטע שיך. ער איז שנעל צו־געגאנגען אונד איהם געפרעגט וויפיעל עס דארף קאָסטען צו פערריכטען זיינע שיך.

דער שוסטער האט איהם געהייסען זיך אויסציהען דיא שיך, אונד נאכדעם וויא ער האט זייא גוט בעטראכט, האט ער געזאגט, אז פאר 75 קאָפּיקעס וועט ער זייא גוט פערריכטען.

„קענט איהר דאס שוין טהון?" האט וולאססאָוו געפרעגט.

„געוויס," איז געווען דער ענטפער.

וולאססאָוו האט זיך אוועק געזעטצט ווארטען. עס האט געדויערט אונגעפעהר צוויא שטונדען ביז דער שוסטער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין ארבייט.

אלס וולאססאָוו איז ווידער ארויס אויף דער גאס, האט ער ערשטענס

געזעהען, אז עס איז שוין שפעט צו געהען צו דער פאסט, אונד צווייטענס, האט איהם געפעהלט 75 קאפיקעס צו דיא 5 רובעל.

„וואס קען איך טהון?“ האט ער זיך געפרעגט.

וועהרענד דעם האט ער ערבליקט דעם פרינץ. ער האט בעשלאסען, אבוואהל צום ערשטען מאל, בייא איהם צו באָרגען א רובעל, דאמיט ער זאָל קענען מאָרגען גאנץ פריה אָבשיקען דאס געלד אהיים.

„איך מוז ווערען איין אנשטענדיגער מענש,“ האט ער זיך געטראכט ענט־שלאָסען. „ניט אזוי צוליעב מיר, וויא צוליעב מיינע גוטע עלטערן אונד מיין ארמע שוועסטער.“

„אך, וולאססאוו!“ האט דער פרינץ אויסגעשריען איהם ערבליקענדיג. „שוין א לאנגע צייט ניט געזעהען.“

וולאססאוו האט איהם געררייכט דיא האנד, אונד בעשלאָסען איהם צו בע־גלייטען אביסעל, אום ער זאָל האבען דיא געלעגענהייט בייא איהם צו באָרגען א רובעל.

„אונד וויא געהט עס איוואנסקי'ן?“ האט דער פרינץ געפרעגט געהענדיג.

„ער איז זעהר שוואך.“

„וואס האט געזאגט דער פראָפעסאָר?“

„אז ער איז שווינדזיכטיג.“

„דאס וויסען מיר דאך אלע,“ האט דער פרינץ בעמערקט גלייכגילטיג. „דיא פראגע איז נאָר, האט ער עפעס א מיטעל דאפיר?“

„יא, ער האט איהם געראטהען: אוועק צו פאָהרען נאך קאווקאז, פיעללייכט וועט דאס וועטער אויף איהם ווירקען. אָבער איוואנסקי'ס פאטער איז לעטצטע וואָך געשטאָרבען אונד אויסער דעם וואס עס איז גאר ניט איבערגעבליעבען, איז ער נאך שולדיג געבליעבען א פאאר טויזענד רובעל.“

„עס איז זעהר טרויעריג,“ האט דער פרינץ בעמערקט, אונד ער האט דערווייל פערוויקעלט איין אנדערעס געשפרעך.

איוואנסקי איז שוין געוועזען קראנק, וויא עס שיינט, נאך פון אנפאנג לעטצטען ווינטער, נאָר ער האט דאס פאר קיינעם ניט געוואָלט דערצעהלען. נאָר פון דעם טאטיאנא טאג אָן, זייט ער האט זיך שטארק אָנגעשיכורט, האט ער שוין מעהר ניט געקענט בעהאלטען דיא טהאטזאכע, אז זיינע לונגען זיינען רואינירט, אונד אלע סטודענטען, זיינע בעקאנטע, האבען דערפון געוואוסט.

עס איז אפילו ניט געווען קיין גרויסעס וואונדער, דען איוואנסקי איז ניט געווען דער ערשטער סטודענט צו פאלען אלס אָפּפער פון שווינדזוכט, נאָר דיא טהאטזאכע, אז ער איז געווען כמעט דער שטאַרקסטער אונטער דיא סטודענטען, האט ארויס גערופען איין אונגעוועהנליכע אינטערעסע אינטער זיינע קאַמעראדען.

פון דעם געשפּרעך וואס דער פּרינץ האט געפיהרט מיט וולאססאָוון, האט דער לעטצטער איינגעזעהען, אז ער קען ניט געפינען קיין פּאסענדען אויסרייד צו פערלאנגען א רובעל געבאָרגט.

„וויסטו וואס, וולאססאָוו,“ האט דער פּרינץ פּלוצלינג געזאגט. „מיר וועלען געהען צוזאמען עסען אבענד־ברויט בייא בעלט'שעוון אונד דאַן ועסטו מיך בעגלייטען אביסעל אהיים.“

בעלט'שעוו'ס רעסטאָראנט איז געווען א בעריהמטער פּלאַטץ פיר דער אריסטאָקראַטי'שער קלאַססע. וולאססאָוו'ס פינאנצען האבען איהם ביז דאמאלס ניט ערלויבט ער זאָל דאָרט עסען, אונד, הערענדיג דיא איינלאדונג, האט ער דיעזע באלד אקצעפּטירט דורך דער איינציגער אורזאכע, ווייל ער איז נייגיעריג געווען צו בעזוכען דעם פּלאַטץ.

ווען וולאססאָוו האט אָבגענעסען, האט עס איהם שטאַרק פערדראָסען ווארום ער איז אויך ניט געבוירען געוואָרען א פּרינץ, אָדער גלאט בייא רייכע עלטערן, אום ער זאָל אויך קענען אזוי לעבען.

בעלט'שעוו אליין, דער אייגענטהימער פון דעם אריסטאָקראטישען רעסטאָראנט, איז צוגעקומען אונד געוואונשען דעם פּרינץ א העפליכען „גוטען אבענד,“ אונד דער פּרינץ האט פאָרגע'שטעלט פאר איהם זיין בעגלייטער, אלס „מיין ווירדינער פריינד וולאססאָוו, סטודענט דער מעדיצין.“

בעלט'שעוו האט זיך פערנייגט אונד איהם זעהר העפליך גערייכט דיא האנד.

„ועט איהר מיטשפּיעלען הייטע אבענד?“ האט בעלט'שעוו געפרעגט דעם פּרינץ.

„איך ווייס ניט,“ האט דער פּרינץ געענטפערט אונענטשלאָסען, אונד זיך ווענדענדיג צו וולאססאָוון האט ער געפרעגט: „וויא ואנסטו, וולאססאָוו, זאָל איך שפּיעלען?“

וויא דוא ווילסט.“ האט וולאססאוו געענטפערט

„יא, איך וועל שפּיעלען,“ האָט דער פּרינץ געזאָגט צו בעלטשעווין. „וועו איז דאָרט דאָ?“

„אָה, דיא געוועהנליכע געזעלשאַפט.“

„קיינע פּראָפעסיאָנעלע שפּיעלער?“

„איהר בעליידיגט מיך, פּרינץ, ווען איהר בעהויפּטעט דאָס איבער מיין לאָקאַל,“ האָט בעלטשעוו געענטפערט מיט אַ גוטמיטהיגען שמייכעלע.

8.

אין אַ גרויסען צימער מיט טישען בעדעקט מיט גרינעם טוך, זיינען געווע אויסגעזעטצט פערשיעדענע גרופּען מענשען אונד זיך בעשעפטיגט מיט פערשיעדענע קאַרטען־שפּיעלען.

יעדער איז געוועזען שטאַרק פערטיעפט אין שפּיעל, אונד נאָר אַ פּאָאר האָבען בעמערקט דיא איינטרעטענדע. דער פּרינץ איז בעגריסט געוואָרען, נאָר אויף וואַססאָוין, האָט זיך קיינער ניט אומגעקוקט.

וואַססאָוו האָט נאָך ביז יענעם אָבענד ניט געשפּיעלט קיין איינציגען קאַרטען־שפּיעל, אונד ער האָט אויך דערפון גאָר ניט פערשטאַנען. דיא געזעלשאַפט האָט איהם אינטערעסירט, אונד ער האָט העפטיג געצויגען דעם רויך פון דעם גוטען ציגאַר, מיט וועלכען בעלטשעוו האָט איהם טראַקטירט. דער ציגאַר האָט אויך גוט געשמעקט נאָך דעם געשמאַקען עסען.

דער פּרינץ איז צוגעגאַנגען צו אַ טיש, וואו אַ קעלנער האָט צוגעשטעלט צוויא שטוהלען פיר איהם אונד וואַססאָוין. ביידע האָבען זיך געזעטצט.

דער פּרינץ האָט אריין געלייגט דיא האַנד אין זיין בוזים־קעשענע אונד ארויס געצויגען אַ פּעקעל באַנק־נאָטען.

„ווילט איהר מיטשפּיעלען, פּרינץ?“ האָט געפרעגט אַ דיקער העהר פון דעם טיש, וועלכער האָט אויסגעטהיילט קאַרטען.

„יא, מאָסייעוו, איך שפּיעל מיט,“ האָט דער פּרינץ געענטפערט.

„באַנק איז פרייא, איהר קענט שטעלען וויפיעל איהר ווילט,“ האָט דער דיקער העהר געענטפערט, וועלכען דער פּרינץ האָט גערופען מאָסייעוו.

„דאָס איז זעהר שעהן פון אייך,“ האָט דער פּרינץ בעמערקט, „וויל לעצטעס מאָל האָט איהר ניט געוואָלט אָננעהמען מעהר וויא 10 רובעל.“

„מאָסייעוו איז געוואָרען איין עושר,“ האָט בעמערקט אַ יונגער מאַן מיט ברילען, וועלכער איז אויך געזעסען ביים טיש.

„האט איהר געפונען איין אוצר?" האט דער פרינץ געפרעגט מאָ־סיעוון.

„נאך בעסער פון איין אוצר," האט מאָסייעוו געזאגט שמייכלענדיג.

„וואס קען נאך זיין בעסער ווי איין אוצר?"

„מיין ווייב איז געשטאָרבען."

„חא, חא, חא!" האט זיך דער פרינץ צולאכט, „אונד וואס האט דאס צו טהון מיט געלד?"

„ער האט גענומען 25 טויזענד רובעל לעבענס־פערזיכערונגס געלד," האט דער יונגערמאן מיט די ברילען בעמערקט.

„בראוואָ!" האט דער פרינץ אויסגערופען, אונד, אויסשטרעקענדיג זיין האנד, האט ער זיא געריבט מאָסייעוון מיט די ווערטער: „איך גראטוליר אייך."

„איך דאנקע," האט מאָסייעוו געענטפערט זעהר פריינדליך.

„אלזאָ, 10 רובעל אויף דעם קעניג קאראָ!" האט דער פרינץ אויס־גערופען.

דער יונגער מאן מיט די ברילען האט נאָר געשטעלט א רובעל אויף א דאמע, אונד איין אנדערער העררי, וועלכער האט אויסגעזעהען צו זיין א פאָ־מעסטשיק, האט בלויז געשטעלט 25 קאָפּיקעס.

מאָסייעוו האט אָנגעפאנגען אויסצוטהיילען די קאָרטען.

„דאס איז מיין קעניג!" האט דער פרינץ אויסגעשריען. „צעהן רובעל!"

„ריכטיג, פרינץ, איהר קריעגט דאס געלד, נאָר לאָמיך פריהער פערטיג ווערען מיט די איבריגע."

„גוט, גוט," האט דער פרינץ בעמערקט אונד זיך אומגעווענדעט צו וולאססאָוון.

„פערשטעהסטו דעם שפּיעל?" האט ער געפרעגט.

„איך האב ניט די מינדעסטע אהנונג."

„עס איז גאנץ איינפאך," האט דער פרינץ געענטפערט ערקלערענדיג. „האסטו געזעהען, איך האב פערלאנגט דעם קעניג קאראָ, אָבער ער מוז גראדע ניט זיין קאראָ, אירגענד א קעניג־קארט איז גוט. דער שפּיעלער עפענט די קארטען. די ערשטע קארט איז זיינע אונד די צווייטע מיינע; דאס הייסט, האט ער אויפגעדעקט די ערשטע קארט א קעניג, דאן האט ער געוואונען, ווען דער קעניג איז אָבער די צווייטע קארט, דאן האב איך געוואונען. ווען אין די

ערשטע צוויא קארטען געפינט זיך ניט דיא פערלאננטע קארט, דאן נעהט מען
וויטער, ביז מען געפינט זיא.״

מאַסייעוו האט דערוויל אויסגעצעהלט דעם פרינץ דיא 10 רובעל אונד אויף
דעם פּאַמעסטשיק 25 קאַפּיקעס. דער יונגער מאַן מיט דיא ברילען האט פער־
שפּיעלט.

„האסטו שוין פערשטאנען?״ האט דער פרינץ געפרעגט.

„יא,״ האט געענטפערט וולאססאָוו פעראינטערעסירט.

„צוואנציג רובעל אויף א וואלעט,״ האט דער פרינץ וויטער געזאגט.

דער שפּיעל האט אנגעפאנגען, אונד דער פרינץ, זיך ווענדענדיג צו
וולאססאָוון, האט ער איהם ערקלערט:

„איך שטעל צוואנציג רובעל מיט איין אויסרעכנונג. איך רעכען דיא ערשטע
10 רובעל אלס פערלוירען, ווען איך האב אָבער געוואונען, וויל איך ניט וויסען
דערפון אונד איך שטעל דיא גאנצע סומע. ווען איך געווין נאך אמאל, דאן פער־
דאָפּעל איך ווידער. אין פאל עס געלינגט מיר צו שלאָגען 5 קארטען, קען איך
איהם קאליע מאכען דעם גאנצען אוצר וואס ער האט פערדיענט אן זיין ווייב׳ס
טויט.״

וולאססאָוו האט געשמייכעלט מיט פערגניגען אונד בעוואונדערט דעם
ארגומענט פון דעם פרינץ.

„האלט!״ האט דער פרינץ אויסגעשריען, „דאס איז דער וואלעט! 20
רובעל! אָבער ווארט, איך שפּיעל א צווייטע קארט: אלע 40 רובעל אויף א
זיעבעטעל!״

„אַקצעפּטירט,״ האט מאַסייעוו געענטפערט האלטענדיג דיא קארטען.

ביז צום זיעבעטעל האבען דערוויל דיא אנדערע 2 שפּיעלערס, איינער א
רובעל אונד דער צווייטער 25 קאַפּיקעס,ביידע פערשפּיעלט.

„הלוואי וואָלטען זייא ביידע געוואונען,״ האט מאַסייעוו בעמערקט, „אונד
איך זאל שלאָגען דאס זיעבעטעל.״

אָבער דער פרינץ האט געהאט „גליק,״ וויא דיא שפּיעלערס רופען עס,
אונד דער פרינץ האט אויך געשלאָגען דאס זיעבעטעל.

וולאססאָוו האט געמאכט א קורצען חשבון אונד אויסגערעכענט, אז
דער פרינץ האט אין עטליכע מינוטען צייט געוואונען 70 רובעל מיט דיא
ערשטע 10.

אָך, ווען ער וואָלט געהאט דיזע 70 רובעל, וויא גליקליך ער וואָלט געווען! אָבער ער האט ניט געוואָלט פיעל פאנטאזירען דערפון אונד ער האט בעשלאָסען אויך צו שטעלען א קאָרט. ער וועט ניט איינשטעלען מעהר וויא 25 קאָפּיקעס.

„איך זוך ניט קיין גליקען,“ האט ער זיך געטראַכט. „איך וויל בלויז געווינען א רובעל, אום איך זאָל קענען מאָרגען פריה אָבשיקען דיא 5 רובעל אהיים צו מיין מוטער, אונד 25 קאָפּיקעס וועל איך האבען אויף דער הוצאה.“

דער פרינץ איז געווען זעהר מונטער אונד האט אונטערדעסען בעשלאָסען צו שפּיעלען מיט איבערלעגונג. אנשטאט צו שטעלען אלע 80 רובעל וויא ער האט פריהער געזאגט, האט ער בלויז געשטעלט 25. ער האט פערלוירען.

„איך האב געטהאָן וויא א חכם,“ האט ער געזאגט זיך אליין גראַטולירענדיג.

וולאססאָוו האט אריין געלייגט דיא האנד אין קעשענע אונד ארויס גענומען א 25־קאָפּיקעס־שטיק. ער האט דאס צוגעשטעלט צום פּאָמעסטשיק'ס קארט.

„שפּיעלסט אויך, וולאססאָוו?“ האט דער פרינץ געפרעגט שמייכלענדיג.

„איך וויל פּראָבירען מיין מזל,“ האט וולאססאָוו געענטפערט.

דער פרינץ האט ווידער געשטעלט 25 רובעל, אָבער ער האט נאָך אמאָל פערלוירען. דער פּאָמעסטשיק אונד וולאססאָוו האבען געוואונען.

דער שפּיעל האט אָנגעהויבען צו ווערען אינטערעסאנט. דער פרינץ האט 6 מאָל דורכאנאנד פערלוירען צו 25 רובעל, וועהרענד וולאססאָוו האט 4 מאָל געוואונען אונד 2 מאָל פערשפּיעלט. ער האט אַזוֹי שוין געהאט א געוואונענעם האלבען רובעל.

„פופציג רובעל אויף א זעקסטעל!“ האט דער פרינץ אויסגעשריען שטארק פעראינטערעסירט.

ער האט פערשפּיעלט אונד וולאססאָוו האט געוואונען.

וולאססאָוו האט דערווייל אָנגעהויבען צו טראַכטען, אז ווען ער זאָל דאָ קענען געווינען עטליכע רובעל, וואָלט געווען זעהר גוט. ער האט ווירקליך בענעטהיגט זעהר פיעל געלד. שוין ניט רעדענדיג וועגען דיא קראַנקע, שיך אונד אנדערע קלייניגקייטען, האט ער געמוזט האבען איין אנאטאָמיע, אָבער, איבערהויפּט האט ער בענעטהיגט 8 רובעל צו געבען אויף זיין טהייל פיר א גאנצען קערפּער צום אנאטאָמישען צוועק, זאָנסט וועט ער ניט קענען דורכמאַכען דעם עקזאמען.

„איך האב 75 קאָפּיקעס געוואונען,“ האט ער זיך געטראַכט. „איך וועל דיא שטעלען אויף איינמאל אונד זעהען וואס עס קען ווערען.“

עס איי געווען וויא איין אַבגעמאַכטע זאַך. וועהרענד וולאַססאָוו האט גע־וואונען, האט דער פּרינץ פערשפּיעלט, אונד ווען דער פּרינץ האט געוואונען, האט וולאַססאָוו פערשפּיעלט.

וולאַססאָוו האט געוואונען 2 מאל אונד איין מאל פערשפּיעלט 75 קאָפּיקעס, אונד דער פּרינץ האט פערשפּיעלט 2 מאל צו 50 רובעל אונד איין מאל געוואונען.

„זעטץ זיך אויף איין אנדערן שטוהל,“ האט דער פּרינץ געזאגט צו וולאַססאָווין מיט א פינסטערע מיענע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער שפּיעלער, וואס ווינען אַבערגלויביש. „דוא ביזט שלים־מזלדיג.“

וולאַססאָוו האט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט אונד זיך געפונען בע־ליידיגט.

„קוק מיך ניט אַזוי אָן,“ האט דער פּרינץ געזאגט צאָרניג. „זעטץ זיך אויף א צווייטען שטוהל. איך פערשפּיעל גאָלד דורך דיר.“

דער קעלנער, וועלכער האט געהערט דאס הויכע געשפּרעך, איז באַלד צוגע־קומען. ער האט פערשטאַנען וואס דאָרט געהט פאָר אונד ער האט באַלד געשטעלט א שטוהל פון דער אנדערער זייט נעבען דעם פּאַמעססטשיק אונד איינגעלאַדען וולאַססאָווין ער זאָל זיך דאָרט זעטצען.

וולאַססאָוו האט שטיללשווייגענד געפאָלגט דעם קעלנער.

דער שפּיעל, וועלכער איז אונטערבראָכען געוואָרען אויף א קורצער צייט, איז דאַן פאָרטגעזעטצט געוואָרען, אונד וולאַססאָוו איז געווען זעהר אויפגערעגט. ווען ער האט זיך ארום געקוקט, האט ער געזעהען, אז ער האט שוין געהאט פער־שפּיעלט 75 קאָפּיקעס פון זיין געלד. וואס מיט דעם פּרינץ טהוט זיך, האט ער זיך ניט בעקימערט.

וולאַססאָוו האט ווייטער געשטעלט צו 75 קאָפּיקעס. ער האט א פּאאר מאל געוואונען, אָבער מייסטענטהיילס פערשפּיעלט. עס האט ניט פיעל געדויערט אונד ער איז געבליעבען בייא דיא לעטצטע 50 קאָפּיקעס. ער האט דיעזע געשטעלט אונד אויך פערשפּיעלט.

ווען מאַסייעוו האט זיך אומגעקוקט, האט ער געזעהען, אז בייא דעם פּאַ־מעססטשיקס קאַרט ליעגט נאָר 25 קאָפּיקעס.

„איהר שפּיעלט ניט מעהר?“ האט ער געפרעגט וולאַססאָווין.

„ניין, עס איז גענוג,“ האט וולאַססאָוו געענטפערט זיך בעמיהענדיג אויס־צוזעהען רוהיג.

וולאססאָוס טרויס, צו געווינען געלד אונד זיך ארויס העלפען פון דיינע גריטען, איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען. אָבער דאס האט איהם ניט אַזוי שטאַרק געקימערט, וויא דיעזעס געלד וואס ער האט פערשפּיעלט.

„איך בין דער ניעדריגסטער שופט,“ האט ער זיך געטראכט. „איך האב פערשפּיעלט דיעזעס ארמע געלד אויף וועלכען מיין מוטער האט געאַרבייט א גאַנצען ווינטער...“

עס האט ניט געדויערט פיעל אונד זיינע געדאַנקען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט דיא שפּיעלערס. ער האט בעמערקט, אַז פון דעם פּעקעל באַנק־נאָטען פאר דעם פּרינץ, איז שוין זעהר וועניג געבליעבען. דער פּרינץ האט דאַן געשטעלט זיין לעצטעס געלד אונד דאס אויך פערשפּיעלט.

„דערמיט ענדיגט זיך 800 רובעל,“ האט ער בעמערקט מיט א הייזעריגער שטימע. „שיק מיר אהער בעלטשעוו׳ן,“ האט ער דאַן געזאגט צום קעלנער.

אין א פּאאר סעקונדען, איז בעלטשעוו צוגעקומען. ער האט זיך צוגעבויגען אויף א זייט, אונד וולאססאָוו האט בעמערקט, אַז דער פּרינץ האט ארונטער גע־נומען זיין גאָלדענע אוהר אונד קייט מיט דעם בריליאַנטענעם רינג פון דעם פינגער.

„גיבט מיר 500 רובעל,“ האט ער געזאגט.

„דאס איז צופיעל, פּרינץ,“ האט בעלטשעוו בעמערקט.

„וויפיעל דען?“ האט דער פּרינץ געפרעגט זעהר אויפגערעגט.

„איך קען אייך מעהר ניט געבען וויא 300, איבערהויפּט, פערזיכער איך אייך, אַז איך האב היינט מעהר קיין געלד ניט.“

„גיבט שוין אהער דאס געלד,“ האט ער געמורמעלט. „האלט!“ האט ער פּלוצלינג געזאגט צו מאָסייעוו׳ן. „50 רובעל אויף דעם קעניג! ציהט קאַרטען. בעלטשעוו גיבט מיר באַלד געלד.“

„איך בין גוט דאפיר,“ האט בעלטשעוו געזאגט, „באַלד וועל איך צוברענגען דאס געלד.“

נאך איידער בעלטשעוו איז צוגעקומען, האט דער פּרינץ געוואונען. ער האט דאַן פּאָרטגעזעטצט דעם שפּיעל אונד ער האט אָנגעפאנגען אָבגעווינען זיין געלד.

„ווען איך וועל האבען דיא 800 רובעל צוריק וואס איך האב פערשפּיעלט,“ האט דער פּרינץ בעמערקט שוין מונטערער, „דאַן הער איך אויף צו שפּיעלען.“

אַבער אזוי וויא אבזיכטליך, האבען פון יענעם אוינענבליק אָנגעפאַנגען דיא קארטען צו געהען צוריק אונד ער האט פערשפּיעלט יעדען רובעל.

„גיבט מיר 50 רובעל,“ האט דער פרינץ געזאגט צו מאַסייעוו. „איך שפּיעל נים ווייטער.“

„אַך, מיט פערגניגען, מיין פּרינץ,“ האט מאַסייעוו בעמערקט זעהר ליעבענס־ווירדיג. „דאַ האט איהר 50 רובעל אונד איך פערלאַנג זייא נים צוריק.“

ער האט איעם געגעבען 5 צעהנערס, וועלכע דער פּרינץ האט אריין געלייגט אין קעשענע אונד זיך אויפגעהויבען.

„האסטו געזעהען וויא אונגליקליך דיא קארטען זיינען מיר געגאנגען?“ האט ער דאן געפרעגט וולאַססאָוו'ן אין א גאנץ פריינדליכען טאָן.

בעלטשעוו איז צוגעקומען אונד איינגעלאַדען דעם פרינץ מיט וולאַססאָוו'ן מיט איהם צו טרינקען צו ביסלעך וואָדקא. זייא האבען דיא איינלאַדונג אָנגענומען, נאָר וולאַססאָוו האט זיך נים געקענט נאכהער ערינערן וויא ער איז אהיים געקומען; ער האט בלויז געוואוסט, דאס ער האט אום מיטאג צייט ערוואכט אין זיין צימער מיט א גרויסען קאָפּ־שמערץ.

9.

עס איז שוין געווען אם ענדע מאָנאט יוני, מיט א פּאאר טעג. פאר דעם לעטצטען עקזאַמען אין דעם צווייטען קורס פון דער מעדיצינישער פּאַקולטעט.

אין דעם אנאטאָמישען זאלאָן זיינען געווען פערזאמעלט 6 סטודענטען, וועלכע זיינען געזעסען אויף ניעדריגע שטוהלען אונד האבען געשפּראָכען.

דער זייגער איז געווען איינס נאכמיטאג, אונד דער אַלטער אנדרעאיטש, דער וועכטער פון דעם אנאטאָמישען צימער. האט נאך פריהער אָנגעצייגט דיא סטודענטען, דאס דעם קערפּער וואס זייא האבען געקויפט פאר 50 רובעל, האט ער אוועק געלייגט אויף'ן לעטצטען טיש אונד אַלעס איז פערטיג צום צערשניידען.

„מיר מוזען ווארטען,“ האט איין סטודענט בעמערקט. „וולאַססאָוו וועט געוויס באלד ערשיינען.“

„וואו איז ער יעטצט?“ האט א צווייטער געפרעגט.

„ער איז בייא דער ליוויה פון זיין פריינד איוואנסקי,“ האט דער ערשטער גע־ענטפערט.

„אַח, איוואנסקי?“ האט איין אַנדערער סטודענט געזאגט. „איך ווייס שוין; ער איז געווען א הויכער [illegible] שטארקער מאן אונד שטודירט אַדוואָקאטור.“

„ריכטיג. היינט איז זיין בעערדיגונג אונד וולאססאָוו, זייענדיג מיט איהם פון איין שטאָדט, איז ער נאכגעגאנגען צו זיין לויה.“

„ער דארף בעצאָהלען 7 רובעל מיט 20 קאָפּיקעס,“ האט איין אנדערער בעמערקט, „אונד ער האט נאך גאר ניט געגעבען. איך וויל דערפאר ניט אנפאנגען צו צערשניידען דעם קערפּער, ווייל ער וועט האבען טענות אונד פיעללייכט ניט וועלען בעצאָהלען.“

אנדרעאיטש איז צוגעקומען אונד מיטגעטהיילט דיא סטודענטען, אז ער געהט עסען מיטאג, נאָר זייא דארפען זיך דאדורך ניט שטערען אונד זייא קענען טהון אלעס וואס זייא בענעטהיגען, ווייל אלע אינסטרומענטען זיינען פּאָרבערייטעט אויף'ן יכטיגען פלאטץ.

„דוא האסט מיר געזאגט, אז עס איז א גוטער סוביעקט,“ האט איין סטודענט בעמערקט מיינענדיג דעם קערפּער.

„יא, עס איז א פּרויענצימער פון א יאָהר עטליכע אונד צוואנציג, אונד זיא איז געשטאָרבען פון אנשטעקענדע קראנקהייטען אין האָספּיטאל. זיא האט קיינע פריינדע.“

„דער הויפּט קראנקען-וועכטער,“ האט איין אנדערער סטודענט געזאגט, „מאכט געלד פון דיעזער חברה, אונד מאָסקווא ליעפערט א היבשע ביסעל פון דיעזער סחורה.“

„איך בין נייגיעריג צו זעהען דעם קערפּער,“ האט א דריטער סטודענט געזאגט.

דערבייא האט זיך דיא טהיר געעפענט אונד וולאססאָוו איז ערשיענען.

זייט דיא לעטצטע אנדערטהאלבען יאָהר וואס וולאססאָוו האט אָנגעהויבען צו פיהרען א פערשווענדערישעס לעבען, האט ער אויסגעזעהען געעלטערט מיט 15 יאָהר. זיין געזיכט איז דערצו געווען זעהר בלאס, אונד זיינע אויגען, אויסער דעם וואס זייא זיינען געווען רויט פון וויינען, האבען זייא אויך אויסגעדריקט זעהר א ווילדען אונד אונרוהיגען בליק.

„מיר האבען אויף אייך געווארט, וולאססאָוו,“ האט איין סטודענט בעמערקט. „אלעס איז פערטיג אונד מיר קענען געהען צו דער ארבייט.“

וולאססאָוו איז געשטאנען אייניגע אויגענבליקען אונד גאר ניט אויסגעזעהען צו בעגרייפען וואס מען זאגט איהם. דאן האט ער פּלוצלינג געפרעגט:

„איז שוין דער קערפּער דאָ?“

„יא, אלעס איז דאָ, אונד מיר קענען געהען צו דער ארבייט.“

„גוט, גוט, אלזא, לאָמיר אנפאנגען,“ האט ער בעמערקט אונגעדולדיג.

איין סטודענט האט אָבגערופען דעם אנדערן אויף א זייט אונד צו איהם געזאגט :

„פערלאנג בייא איהם דאס געלד. זאָל ער פריהער בעצאָהלען.“

וולאססאָוו האט דערווייל דערזעהען דעם קערפער אויף׳ן טיש, וועלכער איז געלעגען צוגעדעקט אונד ער איז צוגעגאנגען. דיא איבריגע סטודענטען זיינען איהם נאכגעגאנגען.

„הערר וולאססאָוו,“ האט איין סטודענט צו איהם געזאגט, „איהר וועט אזוי גוט זיין אונד אונז בעצאָהלען אייער טהייל וואס דער קערפער קאָסט, וויל מיר האבען שוין דאס געלד פאראוים בעצאָהלט.“

ער האט זיך אומגעווענדעט אונד איז געבליעבען שטעהן. זיין גאנצער קערפער האט געציטערט אונד אויף זיין געזיכט איז געלעגען א וועהמיטהיגער אויסדרוק. עס האט אויסגעזעהען, אז עס האט געמוזט דויערן עטליכע סעקונדען ביז ער זאָל פערשטעהען וואס מען רעדט צו איהם.

„געלד!“ האט ער פלוצלינג אויסגערופען. „ניין, מיינע הערען, איך האב נים קיין געלד! פון וואנען זאָל איך נעהמען געלד? מיין פריינד איוואנסקי איז טויט; איך קום נאָר וואס פון דאָרט אונד איך האב געזעהען וויא דיא ערד האט איהם צוגעדעקט. דאן בין איך געלאָפען אהיים וויא איך האב ערוואַרטעט צו געפינען געלד צוגעשיקט פון מיין היים. אָבער, אנשטאט דעם, האב איך געטראָפען א טעלעגראמע, אז מיין מוטער איז געשטאָרבען. מיין מוטער! אַך, מיינע פריינדע, זיא איז געוועזען זעהר א ליעבע מוטער. זעהט!“

דיא טרערען זיינען געלאָפען אין שטראָמען פון זיינע אויגען, אונד ארויס ציהענדיג א פאפיר פון זיין קעשענע, האט ער דאס געצייגט דיא סטודענטען, וועלכע האבען געלעזען פאָלגענדע ווערטער :

„פעטער. מאמא איז טויט. אניוטקא.“

„פון וואנען זאָל איך נעהמען געלד ווען זיא איז טויט?“ האט ער ווייטער געפרעגט.

דיא סטודענטען האבען אָבגעהאלטען א קורצע בעראטהונג אונד בעשלאָסען איהם צו לאָזען ער זאָל אנטהייל נעהמען בייא דער אנאטאָמיע פון דעם קערפער אָהן געלד.

איין סטודענט האט אפילו בעמערקט, אז וולאססאָוו זעהט איהם אוים זעהר פערווירט אונד ער רעכענט, אז ער האלט ביים פערלירען זיין פערשטאנד; אָבער

איין אנדערער האט געזאגט, אז דאס איז בלויז א שמערצהאפטע אויפרעגונג, וועלכע וועט פאראיבער.

„עס מאכט ניט אויס, הערר וולאססאוו,“ האט דער פארנעהמער סטודענט בעמערקט, „איהר וועט אונז בעצאהלען ווען איהר וועט האבען.“

וולאססאוו איז ווידער געשטאנען איינינע אויגענבליקען צו פערשטעהען דיא ווערטער, אונד ווען ער האט בעגריפען, איז ער צוגעגאנגען צום טיש וואו דיא אינסטרומענטען זיינען געלעגען. ער האט ארויס גענומען א שער, מיט וועלכע דיא אנאטאמיסטען בעדיענען זיך אויפצושניידען דיא פראנט־טהיילען פון א קערפער. דאן, ניט ווארטענדיג אויף דיא אנדערע סטודענטען, האט ער זיך אומגעווענדעט צום קערפער אונד ארונטער געצויגען דיא דעק.

עס איז געבליעבען ליעגען פאר דיא אויגען פון דיא סטודענטען דער נאקעטער קערפער פון א צארטער פרוי.

וולאססאוו'ס בליק איז געפאלען אויף איהר געזיכט, אונד עס האט איהם אזוי געשווידערט, דאס דיא איבריגע סטודענטען האבען בעמערקט וויא זיינע גליעדער האבען געציטערט.

ער האט זיך אויפמערקזאם איינגעקוקט אין געזיכט, אונד דאן, שטאמלענדיג, האט ער געזאגט:

„עס איז זיא... זיא... מיין נאט... זיא, ליזא איז עס!“

דיא שער איז ארויס געפאלען פון זיינע הענד, אונד פון זיין ברוסט האט זיך ארויס געריסען א שוידערהאפטער: „אך!!!“

ער איז דאן אומגעפאלען אהנמעכטיג.

ווען מען האט איהם דערמינטערט, איז ער געלעגען אין א ברענענדעס פיעבער אונד מען האט איהם אריין געטראגען אין האספיטאל.

מיט א טאג שפעטער, האבען דיא ערצטע ארויס געגעבען פאלגענדען בעריכט:

„פעטער וולאססאוו, סטודענט דער מעדיצין, אבגעשוואכט אין קערפער אונד גייסט פון אויסגעלאסענעס לעבען, האט ערהאלטען א גרויסען שטויס אין זיינע נערווען פון א גרויסען גייסטיגען שמערץ. זיין פערשטאנד איז פערווירט אונד ער מוז איבערגעפיהרט ווערען אין איין אירענאנשטאלט.“

דער אויבער־פראפעסאר האט געזאגט, אז נאר־א וואונדער קען רעטען דעם ארמען סטודענט פון אייביגען וואהנזין.

ע נ ד ע.

איוואן דער נאר.

איוואַן דער נאַר.

קאַפּיטעל 1.

אין א געוויסע מדינה האט געלעבט א בויער, וועלכער האט געהאט דרייא זיהן, סימעאָן (א סאָלדאט), טאראַס־בריוכאָן (א פעטער מענש), אונד איוואַן (א נאַר) — אונד איין טאָכטער, מילאַניא, געבוירען שטום. סימעאָן איז געגאַנגען אין דער מלחמה אום צו דיענען דעם צאַר; טאראַס איז אוועק געפאַהרען אין א שטאָדט אום צו ווערען א קויפמאַן; אונד איוואַן, מיט זיין שוועסטער, זיינען געבליעבען צו הויז אום צו בעאַרבייטען דיא ערד.

דערפאַר וואס סימעאָן האט זיך אויסגעצייכענט אין דער אַרמעע, האט מען איהם בעלוינט מיט א גוט, א הויכען ראַנג אונד ער האט געהייראַטעט מיט דער טאָכטער פון איין אדעלמאַן. אויסער דעם גרויסען געהאַלט וואס ער האט געקריעגען אַלס א הויכער אָפיציר, האט נאָך סימעאָן געהאט גרויסע איינקינפטע פון זיין גוט; אָבער נאָך אַלעמען איז איהם קיינמאַל ניט גענוג געווען וויפיעל ער האט געהאט. וואס ער האט ערשפּאַרט, האט זיין ווייב אויסגעבראַכט אויף לוקסוס. אין א טאָג, ווען סימעאָן איז געקומען אויף זיין גוט איינצוקאַסירען דיא איינקינפטע, איז איהם ענטגעגען געקומען דער אויפזעהער אונד איהם מודיע געווען, אז מען האט גאר ניט איינגענומען, אונד דאַן האט ער נאָך אַזוי געזאָגט:

„מיר האָבען ניט קיין פערד, קיה, נעטצען צו כאַפּען פיש אָדער אַנדערעס געטהיגעס געצייג; מען דאַרף פריהער דאס אַלעס איינקויפען אונד דאַן קענען מיר אויף עפּעס האָפען.“

סימעאָן איז דאַן אוועק געגאַנגען צו זיין פאַטער אונד געזאָגט:

„דוא ביסט רייך, באַטיושקא (פאַטער'ל), אָבער מיר האסטו גאר ניט געגעבען. גיב מיר א דריטעל פון דעם וואס דוא האסט אַלס מיין חלק ירושה, אונד איך וועל דערמיט קענען בעאַרבייטען מיין גוט.“

דער אַלטער האט געענטפערט:

„דוא האסט מיר נאר ניט געהאָלפען אום רייך צו ווערען. מיט וואס פאַר א רעכט אלזאָ פאָרדערסטו א דריטען טהייל פון אלעס וואס איך בעזיטץ? עס וואָלט געוועזען דאס גרעסטע אונרעכט געגען איוואַן מיט זיין שוועסטער.״

„יא,״ האט סימעאָן געענטפערט, „דוא וואָלסט רעכט געהאט מיט דיין בעהויפטונג, ווען איוואַן זאָל ניט זיין קיין נאר, אונד זיא, מיין שוועסטער, איז דאָך געבוירען געוואָרען שטום, וויא א פּראָסטע בהמה. צו וואס בענעטהיגען זייא פערמעגען?״

„אדרבא, איך וועל עס זאגען איוואַנען אונד מיר וועלען הערען וואס ער וועט ענטפערן.״

ווען מען האט עס מיטגעטהיילט איוואַנען, האט ער באַלד געזאגט: „גיב איהם זיין טהייל.״

סימעאָן האט גענומען זיין חלק ירושה אונד איז אונטערדעסען ווייטער אוועק דיענען אין דער ארמעע.

טאראַס האט אויך בעגליקט. ער איז געוואָרען רייך אונד געהייראַטעט דיא טאָכטער פון א קויפמאַן; אָבער דערמיט אליין איז ער נאָך ניט צופריעדען געוועזען. הערענדיג אז זיין ברודער סימעאָן האט געקריעגען א חלק ירושה, איז ער אויך געקומען צום פאטער אונד פערלאַנגט זיין טהייל.

דער פאטער האט ניט געוואָלט איינשטימען דערצו אונד האט בעמערקט:

„דוא האסט קיין אנטהייל גענומען אין דער ארבייט פון אנזאמלען אונזער פערמעגען, אונד אלעס וואס מיר בעזיטצען, קומט פון איוואַן׳ס שווערע הארעוואניע. עס וואָלט געוועזען דאס גרעסטע אונרעכט אזוי צו האנדלען געגען איוואַנען מיט זיין שוועסטער.״

טאראַס האט געענטפערט:

„אָבער ער בענעטהיגט דאָך גאר ניט. ער איז א נאר, א דומער מענש אונד קען אפילו ניט חתונה האבען, ווייל ווער וועט וועלען מיט איהם פערברענגען א וועלט? זיין שוועסטער בעדאַרף אויך גאר ניט, ווייל זיא איז שטום.״

דאַן האט זיך טאראַס געווענדעט צו זיין ברודער אונד געזאגט:

„גיב מיר א העלפט פון דעם ווייץ וואס דוא האסט, אונד איך וועל דיינע ווערק-צייג אונד פיש נעטצען ניט בעריהרען; פון דיא בהמות וועל איך נאָר נעהמען דיא שווארצע שקאפע, ווייל זיא טויג גאר ניט צום אקער־

איוואן האט געלאכט אונד געענטפערט:

„יא, יא, איך וועל עס נעווים אזוי מאכען, אז טאראס זאל קריגען זיין טהייל."

טאראס האט דאן גענומען דיא שווארצע שקאפע מיט דעם ווייץ אונד איז אוועק אין שטאדט אריין. איוואן איז געבליעבען מיט איין אלטעם פערד צו ארבייטען וויא פריהער, אום צו ערנעהרען זיין פאטער, מוטער, שוועסטער אונד זיך.

קאפיטעל 2.

דער אלטער טייפעל האט זיך געשפירט שטארק פערצווייפעלט.

סטייטש, וויא איז דאס מעגליך, אז דרייא ברידער זאלען זיך איינטהיילען מיט זייער פערמעגען אונד זיך נים קריעגען? נאך מעהר, אלעס זאל צוגעהן אזוי שטיל אונד רוהיג, אז קיינער זאל גאר אפילו דערפון נים וויסען? ער האט געגעבען א שרעקליכען געשרייא אונד זיינע דרייא קליינע טייפלען זיינען ערשיענען.

„קוקט אהער," האט דער אלטער טייפעל צו זייא געזאגט. „עס זיינען פערהאנדען דרייא ברידער: סימעאן דער סאלדאט, טאראס־בריוכאן דער קויפמאן אונד איוואן דער נאר. זייא מוזען זיך אונבעדינגט קריעגען. יעטצט לעבען זייא בשלום אונד איינער האט גאר נים צום צווייטען. דער נאר, דער דומער איוואן, האט געשטערט אלע מיינע פלענער. יעטצט, הערט מיך אויס. איך וויל איהר אלע זאלט אוועק געהן צו זייא אונד אזוי לאנג ארבייטען, אז איינער זאל אויסרייסען דעם צווייטען'ס אויגען. קענט איהר דאס טהון?"

„א פראגע אויב מיר קענען — געווים קענען מיר!" האבען אלע דרייא קליינע טייפלען געענטפערט.

„וויא אזוי וועט איהר דאס דורכפיהרען?"

„גאנץ איינפאך: מיר וועלען זייא אזוי פערארעמען, אז זייא זאלען גאר נים האבען וואס צו עסען, דאן וועלען מיר זייא צוזאמען ברענגען אויף איין פלאטץ אונד זייא וועלען זיך אויסרייסען דיא אויגען. ארימע לייט נעפינען אימער איין אורזאכע צו זיין אונצופריעדען איינער מיט אנאנדער."

„דאס איז גוט," האט דער גרויסער טייפעל געענטפערט מיט א שמייכעל, „איך זעה, אז איהר פערשטעהט א געשעפט. געהט אונד מאכט אייער ארבייט

פאַלקאַמען, אָבער זעהט אונד טהוט אַלעס וויא עס געהערט צו זיין, זאָנסט וועל איך אייך אָבשינדען לעבעדיגערהייט."

דיא דרייא קליינע טייפלען זיינען אוועק אין א זומפּ אום זיך צו בעראטהען וויא אזוי דורכצופיהרען זייער פּלאַן. זייא האבען א היבשע צייט דעבאַטירט, יעדער האט אַליין געוואָלט האבען דעם לייכטען טהייל ארבייט, ביז זייא האבען בעשלאָסען צו ווארפען א גורל. אויף אזא אופן האבען זייא זיך יעדער אויסגעקליבען איינעם פון דיא ברידער, אָבער זייא האבען זיך אויך פערשפּראָכען, אז אין פאל איינער וועט פריהער פערטיג ווערען, זאָל ער קומען העלפען דעם צווייטען. דאַן האבען דיא קליינע טייפלען אָבגעמאַכט צווישען זיך, אז זייא זאָלען זיך בעגעגענען אין דעמ־זעלבען זומפּ אום צו זעהן ווער עס איז שוין פערטיג מיט דער ארבייט. ווער עס וועט פעהלען, וועט מען וויסען, אז איהם מוז מען געהן צו הילף.

דיא צייט איז ענדליך געקומען, ווען דיא דרייא קליינע טייפלען זיינען זיך צוזאמען געקומען אין זומפּ וויא זייא האבען בעשלאָסען, אונד יעדער האט דער־צעהלט פון זיין ערפאהרונג.

דער ערשטער, וועלכער איז אוועק צו סימעאָנען, האט אזוי געזאגט:

„מיר איז פאלקאָמען געלונגען מיין ארבייט; אונד מאָרגען קעהרט סימעאָן צוריק צו זיין פאטער."

זיינע קאמעראדען, וועלכע זיינען געוועזען נייגיעריג צו הערען וויא ער האט דאס געמאכט, האבען איהם געבעטען ער זאָל דערצעהלען דיא איינצעל־הייטען.

„דיא געשיכטע איז אזוי געווען," האט ער אָנגעפאנגען. „צום ערשטען האב איך געזעהן איהם אריין געבען איין איבערנאַטירליכען מוטה, אונד דאַן איז סימעאָן אוועק צום צאר אונד איהם געזאגט, אז ער קען פאר איהם בעזיעגען דיא גאַנצע וועלט. דער צאר האט איהם געמאכט פאר אויבער־קאָמאנדאנט פון זיין גאַנצער ארמעע. דאַן האט ער איהם אויסגעשטאַטעט מיט א גרויסער מאסע סאָלדאטען אונד איהם אוועק געשיקט ער זאָל בעזיעגען דעם וויצע־קעניג פון אינדיען. אזוי וויא זייא זיינען ארויס אויף דער רייזע, האבען זייא ניט געוואוסט, אז איך בין אויף זייער שפּור אונד איך האב נאס געמאכט זייער גאַנצען פּולווער. איך בין אויך אוועק צום הערשער פון אינדיען אונד איהם געציינט וויא אזוי ער קען מאכען צאָהלרייכע סאָלדאטען פון שטרוי. סימעאָן'ס ארמעע, זיך זעהענדיג ארום גע־רינגעלט פון אלע זייטען מיט אינדישע קריעגער וואס איך האב אויסגעטראכט, האבען זייא זיך שטארק דערשראָקען. ווען סימעאָן האט זייא געהייסען שיסען מיט

דיא קאנאָנען אונד ביקסען, האבען זייא ניט געקענט, ווייל דער פולווער איז געוועזן נאַס. דיא סאָלדאטען האבען פערלוירען זייער מוטה אונד אָנגעפאנגען צו ענטלויפען אין גרויסער אונאָרדנונג. סימעאָן'ס ארמעע איז געשלאגען געוואָרען אונד ער אליין האט צוריק געקעהרט געשענדעט. אלע זיינע גיטער האט מען צוגענומען אונד איהם אליין דארף מען מאָרגען דערשיסען. אלעס וואס איך האב יעטצט צו טהון איז, איהם צו ראטעווען מאָרגען פריה. יעטצט, בין איך שוין כמעט אין גאנצען פערטיג אונד איך בין בערייט אירגענד איינעם פון אייך צו העלפען."

דער אנדערער קליינער טייפעל, וועלכער האט געהאט צו טהון מיט טארראס'ן, האט דאן אָנגעפאנגען צו דערצעהלען.

„איך דארף גאר ניט קיין הילף," האט ער געזאגט, „מיין ארבייט איז שוין אויך אין בעסטער אָרדנונג. איך וועל פערטיג ווערען מיט טארראס'ן אין איין וואָך. פאר אלעמען האב איך געזעהן ער זאָל מאָגער ווערען. דאן האב איך איהם גע־מאכט אזא לוסט אין זיין הארצען, אז ער האט געוואָלט האבען אלסדינג וואס זיינע אויגען האבען געזעהן. ער האט געשפענדעט מאסען מיט געלד אונד איינגעקויפט זעהר פיעל סחורה. ווען זיין קאפיטאל איז אוועק, האט ער ווייטער געקויפט מיט געבאָרגטעס געלד, אונד אזוי האב איך איהם פערדרעהט, פון וועלכען ער קען זיך שוין ניט בעפרייען. צום ענדע פון דיעזער וואָך וועט ער דארפען צאָהלען זעהר גרויסע סומען געלד. איך האב שוין נאטירליך געזאָרגט, ער זאָל ניט האבען צ בעצאָהלען. מען וועט דאן בייא איהם אלעס אוועק נעהמען אונד ער וועט מוזען באנקראָטירען; דאן וועט ער צוריק קעהרען צו זיין פאטער."

צום שלוס פון דיעזער ערצעהלונג, האבען זייא געפרעגט דעם דריטען טייפעל וואס ער האט געטהאן מיט איוואנען.

„אך, מיינע פריינדע," האט דער דריטער געענטפערט, „מיין בעריכט איז ניט אזוי פרעהליך וויא אייערער. דיא ערשטע זאך וואס איך האב געטהאן איז געוועזן, וואס איך האב אריין געשפיגען אין זיין קוואס. ער האט געטרונקען אונד געקריעגען א קאליע מאָגען. דאן איז ער אוועק אקערן, נאָר איך האב געמאכט דיא ערד אזוי הארט, אז דאס אקער־אייזען האט גאר ניט געקענט גראָבען. איך האב געמיינט, אז דער נאר וועט דערפאר ניט ארבייטען. אָבער שטעלט זיך פאָר: א קראנקער מאָגען אונד הארטע ערד, האבען איהם גאר ניט געשטערט. ער האט געקרעכצט, נאָר ער האט געארבייט. איך האב באלד צובראָכען זיין אקער־אייזען, נאָר ער האט גלייך גענומען איין אנדערעס. איך האב דאן געמוזט ארונטער קריכען אונטער דער ערד אונד צוהאלטען דאס אקער־אייזען. אָבער אזוי וויא איין ארבעס אן וואנט,

דאס האט אויך ניט געהאָלפען; איוואן האט אויסגעזעהן שטארקער פון מיר. ער האט אזוי העפטיג געדריקט מיט דעם שארפען אייזען, אז מיינע הענד זיינען צו שניטען געוואָרען. איך האב געמוזט אבלאָזען דאס אייזען אונד ער האט ווייטער געארבייט. ער האט דאן בעארבייט כמעט דאס גאנצע פעלד; בלויז א קלייניגקייט איז צוריק געבליעבען."

דער דריטער טייפעל האט אויסגעזעהן פערצווייפעלט אונד געזאגט:

„קומט, מיינע ברידער, אונד העלפט מיר, ווייל ווען איך וועל דעם נאר ניט קענען בעזיעגען, טויג אונזער גאנצע ארבייט אויף כפרות. ווען דער נאר וועט נאָר קענען אונגעשטערט בעארבייטען זיין פעלד, זיינען אויך די איבריגע פערזאָרגט אונד עס וועט נאר גיט ווערען אפילו פון אייער ארבייט."

קאפיטעל 3.

נאכדעם וויא איוואנען איז געלונגען צו בעארבייטען דעם גרעסטען טהייל פון זיין פעלד, איז ער צוריק געקומען אויף'ן צווייטען טאָג דאס צו ענדיגען. דער שמערץ אין זיין מאָגען האט אפילו נאך ניט אויפגעהערט, אָבער ער האט געוואוסט, אז ער מוז ארבייטען אונד קיין אנדערער וועט עס פאר איהם ניט טהון.

ער האט געוואָלט אנפאנגען צו ארבייטען, נאָר דאס אקער־אייזען האט זיך ניט געריהרט פון פלאטץ; עס האט אויסגעזעהן, גלייך וויא דאס וואָלט זיך פערהאלטען אן א בוים-וואָרצעל. עס איז אָבער געוועזן דער קלײנער טייפעל וואס האט ארום גענומען דאס אקער־אייזען מיט זיינע פיס אונד ניט געלאָזען ארבייטען.

„דאס איז מערקווירדיג," האט איוואן געזאגט. „איך קען דיעזע ערד, אז זיא האט קיינמאל ניט געהאט קיין וואָרצלען."

„איוואן האט זיך אָנגעבויגען, אריין געשטעקט זיין האנד אין דער ערד, אום אויסצוגעפינען וואס עס האלט צוריק זיין אקער־אייזען. ער האט אָנגעטאפט עפעס וויא א וואָרצעל, אָבער ער האט געשפירט, אז דאס איז א לעבעדיגע זאך. ער האט עס פעסט אָנגענומען אונד ארויס געשלעפט. ער האט דאן געהאלטען אין זיין האנד איינעם פון די קליינע טייפלען.

„אזוי! דוא ביסט עס?" האט איוואן אויסגעשריען ווערענדיג שטארק אין כעס. „ווארט, איך וועל מיט דיר לערנען דרך־ארץ."

ער האט דאן געוואָלט הרג'ענען דעם קליינעם טייפעל.

„האלט, הרג׳ע מיך נים!“ האט דער טייפעל אויסגעשריען, „איך וועל דייר ערפילען אירגענד א וואונש.“

„וואס קענסטו טהון פאר מיר?“ האט איוואן געפרעגט ווערענדיג נייניעריג.

„זאג מיר וואס דוא פערלאנגסט.“

איוואן, מיט דער בענעהמונג פון א בויער, האט ער אנגעפאנגען צו קראצען זיין קאפ מיט דער אנדערער האנד אונד נאכגעדענקט. דאן האט ער געזאגט:

„מיר טהוט זעהר וועה אין בויך. קענסטו מיך קורירען?“

„יא, איך קען,“ האט דער טייפעל געענטפערט.

„דאן וויל איך זעהן וואס דוא קענסט.“

דער קליינער טייפעל האט זיך אנגעבויגען צו דער ערד, זיך אויסגעשטרעקט פון איוואן׳ס האנד, נאכגעזוכט פערשיעדענע קרייטער, אונד ווען ער האט זייא געפונען, האט ער זייא געגעבען איוואנען מיט דיעזע ווערטער: „ווען דוא וועסט ארונטער שלינגען א פאאר פון דיעזע, דאן ווערסטו געהיילט פון סאי וואס פאר א קראנקהייט.“

איוואן האט אזוי געטהאן אונד עס איז איהם באלד לייכטער געווארען.

„יעטצט, זייא אזוי גוט,“ האט דער טייפעל זיך געבעטען. „לאז מיך געהען. איך וועל אריין אין דער ערד אונד שוין מעהר קיינמאל נים צוריק קומען דיך צו שטערען.“

„גוט, דוא קענסט געהען,“ האט איוואן געענטפערט, „אונד גאט זאל דיך בענשען“ — וויא ער האט נאר דערמאהנט דעם נאמען גאט, האט ער אבגעלאזען דעם קליינעם טייפעל, דיא ערד האט זיך געעפענט, א קליינער פלאם איז ארויס געפלויגען אונד דער טייפעל איז פערשוואונדען געווארען אין דער עפענונג.

איוואן האט אריין געלעגט אין זיין הוט דיא איבריגע קרייטער אונד אנגעפאנגען ווייטער צו ארבייטען. ווען ער איז פערטיג געווארען, איז ער אהיים געגאנגען.

ווען ער איז אריין אין הויז, האט ער געפונען זיין ברודער סימעאן מיט זיין פרוי זיטצענדיג ביים טיש. איוואן האט ערפאהרען, אז מען האט סימעאן׳ס גיטער אוועק גענומען אונד איהם אליין איז עס געלונגען וויא דורך א וואונדער, צו ענטלויפען פון געפענגניס אונד רעטען זיין לעבען. נים האבענדיג פון וואס צו לעבען, איז ער געקומען צו זיין פאטער.

זיך אומוועגדענדיג צו איוואנען, האט ער געזאגט: „איך בין צו דיר גע־קומען דוא זאָלסט פאר אונז זאָרגען, ביז איך וועל געפונען עפּעס וואס צו טהון.“

„גוט, גוט,“ האט איוואן געענטפערט, „איהר קענט בלייבען מיט אונז.“

ווי איוואן האט זיך אָבער געזעטצט צום טיש אויף עסען, האט סימעאָן'ס ווייב, דיא אדעלדאמע, געמאכט א קרום פּנים, ערקלערענדיג, אז זיא קען ניט ליידען דעם גערוך פון איוואן'ס פּעלץ. דאן האט זיא געזאגט צו איהר מאן: „איך קען ניט זיטצען ביים טיש מיט אזא שמוטציגען מוזשיק.“

סימעאָן האט זיך דאן געווענדעט צו זיין ברודער אונד געזאגט:

„מיין פרוי וועלכע איז אזוי פיין ערצויגען, קען ניט עסען מיט דיר ביים איין טיש. דוא מעגסט עסען אין דרויסען.“

„גוט, גוט,“ האט איוואן געענטפערט, „עס איז ביי מיר אלץ דאסזעלבע. איבריגענס דארף איך שוין באלד געהן געבען עסען מיין פערד.“

איוואן האט גענומען א שטיק ברויט אין איין האנד, מיט דער אנדערער א שטיקעל קעז, אונד איז ארויס פון דעם הויז.

קאפּיטעל 4.

דער קליינער טייפעל, וועלכער האט געהאט צו טהון מיט סימעאָנען, איז פערטיג געוואָרען מיט זיין ארבייט אונד איז געלאָפען העלפען זיין קאמעראד, וועלכער האט געהאט צו טהון מיט איוואנען. ער איז אוועק אין פעלד אונד געזוכט איבעראל, אָבער ער האט גאר ניט געקענט געפינען אויסער דעם לאָך אין דער ערד, דורך וועלכען דער קליינער טייפעל איז פערשוואונדען געוואָרען.

„דאס איז מערקווירדיג,“ האט ער זיך געטראכט „עפּעס איז געשעהען מיט מיין קאמפּאניאָן אונד איך וועל מוזען פערטרעטען זיין שטעלע אום פאַרטצוזעטצען דיא ארבייט וואס ער האט אָנגעפאנגען. דער נאר איז שוין פערטיג מיט זיין אַקערן, יעטצט מוז איך זעהן אויפזוכען עפּעס אנדערש אום איהם צו רואינירען. איך וועל פערטרינקען דיא לאָנקע אונד איהם ניט לאָזען אָבשניידען דאס גראָז פיר הייא.“

דער קליינער טייפעל האט דאן גלייך פערפלייצט דיא לאָנקע מיט שמוטציגעס וואסער, אונד ווען איוואן איז ארויס דעם נעכסטען מאָרגען מיט זיין שניידט־מעסער אום אָבצושניידען דאס גראָז, איז איהם אונמעגליך געווען דאס צו טהון, ווייל דאס מעסער האט אין דער נאסקייט ניט געקענט שניידען.

„איך מוז אהיים געהן: אויסשארפען דאס מעסער.“ האט איוואן בעמערקט, „אונד דאן וועל איך צוריק קעהרען צו דער ארבייט אונד ניט אוועק געהן, ווען דאס זאל אפילו דויערן א גאנצע וואך.“

ווען דער קליינער טייפעל האט דאס געהערט, האט ער געזאגט נאכדענקענד, „דיעזער איוואן איז א געפעהרליכער חברה־מאן אונד איך מוז עפּעס אנדערש אויסטראכטען וויא איהם צו בעזיעגען.“

איוואן איז אונטערדעסען צוריק געקומען מיט זיין מעסער גוט אויסגעשארפט אונד מיט א היבשען בינטעל ברויט.

דער קליינער טייפעל האט זיך בעהאלטען אין גראז, אונד אזוי וויא דער שפּיטץ פון דעם שניידט־מעסער האט געגרייכט אהין, האט ער דאס אנגעכאפּט אונד איינגעגראבען טיעף אין דער ערד, זא דאס איוואן האט מעהר ניט געקענט ריהרען דערמיט. איוואן האט מיט שווערער מיה ארויס געשלעפּט דאס מעסער אונד דאן קוים אבגעשניטען א קליין ביסעל גראז. דער קליינער טייפעל האט אלעס מעגליכע אנגעווענדעט איוואנען צו שטערען, נאר דער נאר איז געווען זעהר קרעפטיג אונד געארבייט פאָרווערטס.

פּרוצלינג איז איוואן שטארק בעז געוואָרען אונד אויפהויבענדיג זיין שניידט־מעסער האט ער געגעבען א העפטיגען האַק אין גראז אונד אבגעהאקט א שטיק פון דעם טייפעל׳ס עק. דאן איז איהם געלונגען אבצושניידען דאס גאנצע גראז. ער איז אהיים געגאנגען, געוויעזען זיין שוועסטער אויף׳ן וואונק זיא זאל צוזאמען נעהמען דאס גראז, אונד ער איז אוועק אבשניידען דעם קאָרן פון א שטיק פעלד.

דער קליינער טייפעל, מיט׳ן אבגעאקטען עק, איז געווען אויסער זיך פאר פערצווייפלונג, אונד איילענדיג פאָראויס, האט ער עפּעס געטהאן אויף׳ן קאָרן פעלד, וואס איז געווען אונמעגליך פאר איוואנען דאָרט צו ארבייטען. אבער איוואן, וועלכער האט ניט געוואלט וויסען וואס דאס הייסט זיך שטערען פון דער ארבייט, האט אנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטען אונד אבגעשניטען דעם קאָרן, אויף להכעיס דעם טייפעל, זאגענדיג:

„יעצט וועל איך געהן אבשניידען דעם האָבער.“

ווען דער טייפעל האט דאס געהערט, האט ער געזאגט שטארק ער־ביטערט׃

„ווארט, דאס מאל וועט דיר שוין ניט געלינגען אבצושניידען דעם האָבער.“

אויף'ן נעבסטען מאָרגען אָבער, ווען דער טייפעל איז געקומען מאכען זיין שטערונגס-ארבייט, האט ער געפונען דעם האָבער שוין אָבגעשניטען. איוואן האט דאס געטהאָן בייא נאכט, כדי ער זאָל אָניאָגען דיא צייט וואס ער האט פערלוירען בייא דער אנדערער ארבייט. ווען דער קליינער טייפעל האט דאס געזעהען, האט ער געמורמעלט:

„ער האט מיך שוין צושניטען איבעראַל אונד דער פועל־יוצא איז געווען, וואס ער האט מיך בעזיעגט. ער איז א געפעהרליכער נאר! דאס איז א מערקווירדיגע זאך; אויף'ן שלאכטפעלד, וואו עס איז דאכט זיך שווערער, האב איך אלעס דורכגעפיהרט, אונד דאָ בין איך א שלים־מזל. אָבער נאך איז ניט אלעס פערלוירען; איך וועל אוועק אונד פויל מאכען זיין גאנצע תבואה.“

דער קליינער טייפעל האט נאס געמאכט איוואן'ס תבואה, אונד דאן, זייענדיג מיעד פון דער ארבייט, האט ער געמאכט א פייער אונד זיך געלעגט שלאָפען. איוואן האט דערווייל איינגעשפאנט זיין פערד אונד מיטגענומען זיין שוועסטער אום אהיים צו ברענגען דיא תבואה פון פעלד. נאכדעם אָבער וויא ער האט אויפגעהויבען עטליכע בינטלעך מיט זיין גראבלע, האט ער אריין געשטאָכען דעם שפיטץ אין טייפעל'ס רוקען, וועלכער איז אויפגעשפרונגען אונד אָנגעפאנגען צו שרייען.

הא! וואס איז דאס?“ האט איוואן אויסגעשריען, „דוא ביסט ווידער דאָ?“

„איך בין איין אנדערער,“ האט דער קליינער טייפעל געענטפערט. „יענער איז געווען מיין ברודער, איך בין דער, וועלכען מען האט געשיקט צו דיין ברודער סימעאָן.“

„עס שאדעט ניט ווער דוא ביסט,“ האט איוואן בעמערקט. „איך וועל זיך מיט דיר אָברעכענען.“

איוואן האט אויפגעהויבען דיא גראבלע אונד זיא געוואָלט ארונטער לאָזען אויף דעם פערוואונדעטען טייפעל'ס קאָפּ.

„הרג'ע מיך ניט, איך בעט דיך,“ האט זיך דער טייפעל געבעטען, „איך וועל דיר שוין קיין שלעכטס ניט טהון. איך וועל ערפילען אירגענד דיינעם א וואונש.“

„אזוי, דוא קענסט אויך קונסטשטיק. אדרבא, בעווייז עפּעס.“

„איך קען מאכען סאָלדאטען פון אירגענד א זאך.“

„אונד צו וואס טויגען סאלדאטען?"

„זייא קענען אלעס טהון."

„קענען זייא זינגען?"

„יא, זייא קענען דאס אויך."

„גוט, מאך זייא."

„נעהם א בינטעל שטרוי, שפריים דאס אויס אויף דער ערד, דאן וועט פון יעדער שטרוי ווערען א סאלדאט."

איוואן האט אזוי געטהאן, אונד פון יעדער שטרוי איז געווארען א סאלדאט. דאן האבען זייא אנגעפאנגען צו מארשירען.

„זעה, זעה!" האט איוואן געזאגט מונטער. „דאס איז א שעהנע זאך! אלע מיידלעך פון דארף וועלען זיך פרייען."

דער קליינער טייפעל האט זיך דאן געבעטען: „לאז מיך געהען; דוא דארפסט מיך ניט מעהר."

אבער איוואן האט געענטפערט: „ניין, איך וועל דיך נאך ניט לאזען געהן. דוא האסט געמאכט פון שטרוי סאלדאטען, אונד יעטצט וויל איך דוא זאלסט מאכען פון דיא סאלדאטען שטרוי, ווייל איך האב ניט וואס צו געבען עסען דיעזע אומזיסטע פרעסער."

דער טייפעל האט געענטפערט: „זאג נאר דיעזע ווערטער: וויפיעל סאל-דאטען אזוי פיעל שטרוי!"

איוואן האט אזוי געזאגט אונד אלע זיינען ווידער געווארען שטרוי. דער קליינער טייפעל האט זיך נאך אמאל געבעטען ער זאל איהם לאזען געהען, אונד איוואן האט געזאגט: „געה אין גאט'ס נאמען!" גראדע וויא עס האט פאסירט מיט דעם ערשטען, איז אויך דיעזער פערשוואונדען געווארען.

ווען איוואן איז נאך דעם אהיים געקומען, האט ער געטראפען דארט זיין ברודער טאראס מיט זיין פרוי. טאראס־בריובאן האט ניט געקענט בעצאהלען זיינע חובות, אונד ער איז געצוואונגען געוועזן צו ענטלויפען צו זיין פאטער. זעהענדיג איוואנען, האט ער געזאגט: „מעגען מיר דא בלייבען ביז איך וועל מיך נעהמען צו אנדערע געשעפטען?"

איוואן האט געענטפערט: „דוא ביסט מיר ווילקאמען, אונד דוא קענסט דא פערבלייבען אזוי לאנג וויא דוא ווילסט."

רערבייא האט ער אויסגעצויגען זיין מאנטעל אונד זיך געזעטצט צו טיש גלייך מיט דיא אנדערע. אָבער טאררַאס־בריוכאַן׳ס ווייב האט ניט געקענט ליידען דעם געררוך פון איוואַן׳ס קליידער אונד געזאגט: „איך קען ניט זיטצען בייא איין טיש מיט א נאר אונד איך קען ניט אויסהאלטען פון דעם געררוך פון זיינע קליידער.“

דאַן האט טאררַאס־בריוכאַן בעמערקט: „איוואַן, פון דיינע קליידער קומט א שלעכטער געררוך; געה ארויס פון דאנען אונד עסס אין דרויסען.“

„גוט, גוט,“ האט איוואַן געענטפערט, אונד געהמענדיג א שטיק ברויט, איז ער ארויס קייענדיג: „עס איז אלץ דאסזעלבע; איך קען עססען אין דרויסען.“

קאפיטעל 5.

דער קליינער טייפעל וואס האט געהאט צו טהון מיט טאררַאס־בריוכאַן, איז פערטיג געוואָרען מיט זיין ארבייט, אונד לויט וויא דיא רעדע איז געווען, איז ער אוועק העלפען דיא אנדערע צווייא, וועו זייא האבען נאך ניט בעזיעגט איוואַנען. אָנקומענדיג אין פעלד, האט ער געזוכט זיינע קאמעראַדען אונד געפונען פריהער איין לאָך אונד דאַן דאס צווייטע דורך וועלבע זייא זיינען אוועק.

„אָה יא,“ האט ער געמורמעלט ערשטוינט. „עס איז זיכער, אז מיינע קאַ־מעראַדען האבען דאַ געהאט א מיאוס׳ן סוף, אָבער איך מוז אָנגעהמען זייער שטעלע אונד פערטיג ווערען מיט דעם נאר.“

ער איז דאַן אוועק אויפזוכען איוואַנען. אָבער נאכדעם וויא איוואַן האט שוין ניט צו טהון געהאט אין פעלד, האט ער איהם דאַרט ניט געקענט געפינען. איוואַן איז גאר געווען אין וואלד וואו ער האט בעשלאָססען אויסצוהאקען האָלץ אום דערמיט אויפצובויען הייזער פאר זיינע ברידער, וועלכע האבען ערקלערט, אז ניט זייא אונד ניט זייערע ווייבער, קענען מיט איהם וואָהנען אונטער איין דאך.

דער קליינער טייפעל האט ענדליך געפונען זיין מאן. ער איז ארויף געקראָכען אויף דיא בוימער אונד אָנגעפאנגען צו שטערען איוואַנען אין זיין ארבייט. איוואַן האט אָבגעשניטען א בוים, אָבער ער איז ניט געפאלען גלייך צו דער ערדע, זאָנדערן זיך פערטשעפעט אן אנדערע צווייגען, אונד עס האט איהם געמוזט נעהמען א היבשע צייט ביז ער האט איהם בעפרייעט. מיט׳ן צווייטען אונד דריטען בוים, האט ער געהאט דיעזעלבע צרות. איוואַן האט גערעכענט, אז ער קען אָבשניידען

זופציג בוימער אין א טאָג, אָבער ער האט מעהר ניט אָבגעשניטען וויא צעהן, אונד דאן האט איהם דיא פינסטערניש ווייטער געשטערט צו ארבייטען. ער איז געוועזען שטארק מיעד, אונד שוויטצענדיג אויף'ן גאנצען לייב, האט ער זיך אוועק געזעטצט זיך אויסרוהען. דאן האט ער זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט אונד אָבגעשניטען קוים נאָך איין בוים. דיעזע אנשטרענגונג האט איהם פעראורזאכט גרויסע שמערצען אין רוקען, אונד ער האט זיך געמוזט אוועק זעטצען רוהען. וויא דער קליינער טייפעל האט דאס געזעהן, האט ער זיך זעהר דערפרייט.

„דאס איז גוט,“ האט זיך דער קליינער טייפעל געטראַכט. „יעטצט איז ער מיעד אונד ער וועט מעהר ניט קענען ארבייטען. איך וועל מיך אויך אויסרוהען אביסעל.“ ער האט זיך אוועק געזעטצט אויף א צווייג אונד זיך שטארק געפרייט.

אָבער איוואַן האט ניט געקענט זיטצען לעדיג. ער האט זיך אויפגעהויבען אונד גענעבען דעם בוים פון דער אנדערער זייט אזא העפטיגען האק, אז ער איז באלד אומגעפאלען צו דער ערד צוזאמען מיט דעם קליינעם טייפעל. וויא איוואַן האט געוואָלט אָבהאקען דיא צווייגען, האט ער דערזעהען דעם קליינעם טייפעל.

„וואס איז דאס?“ האט ער געפרעגט. „ווידער דאָ?“

„איך בין איין אנדערער,“ האט דער טייפעל געענטפערט. „איך בין געוועזען מיט דיין ברודער טאראס.“

„וואס איז דער חילוק,“ האט איוואַן געזאגט. „איך וועל מאכען א סוף פון דיר.“ דערבייא האט ער אויפגעהויבען דיא האק איהם צו צערשמעטערן.

„הרג'ע מיך ניט! איך וועל ערפילען אירגענד א וואונש וואס דוא האסט.“

„וואס קענסטו טהון?“ האט איוואַן געפרעגט.

„איך קען פאר דיר מאכען וויפיעל געלד דוא ווילסט.“

„זאָל זיין אזוי. מאך נאָר.“

„נעהם,“ האט דער טייפעל געזאגט, „דיא בלעטער פון דיעזען בוים, צערייב זייא אין דיינע הענד אונד עס וועט פאלען גאָלד.“

איוואַן האט אזוי געטהאן אונד נעבען זיינע פיס איז געוואָרען א הויפען גאָלדענע מטבעות.

„הא, הא, הא,“ האט זיך איוואַן צולאכט. „דאס וועט זיין א שעהנע זאך מיט וואס צו אונטערהאלטען דיא איינגלעך פון דארף!“

„קען איך געהן ?" האט דער טייפעל געפרעגט. „געה אין גאָט'ס נאמען!" האט איוואן געענטפערט, אונד דער דריטער טייפעל איז פערשוואונדען וויא דיא ערשטע צוויא.

קאפיטעל 6.

נאכדעם וויא איוואן האט פערטיג געמאכט דיא הייזער, האבען זיך זיינע ברידער אהין אריין געצויגען. וויא איוואן האט געענדיגט דיא ארבייט אויף זיינע פעלדער, האט ער געמאכט א סעודה, צו וועלכער ער האט איינגעלאדען זיינע ברידער, זייא זאגענדיג, אז ער האט פאר זייא א סך ביער צום טרינקען. דיא ברידער האבען אָבער דיא איינלאדונג נים אָנגענומען אונד בעמערקט: „מיר האבען שוין געזעהן דאס ביער וואס מושיקעס טרינקען; מיר זיינען דיר מוחל דיא סעודה."

איוואן האט דאן צוזאמען גערופען אלע בויערן פון דאָרף אונד מיט זייא גע־טרונקען ביער ביז ער האט זיך אָנגעשיכור'ט. דאן האבען דיא אינגלעך געזונגען אונד געטאנצט אונד ער האט אויך געטאנצט. ער האט זייא געבעטען, זייא זאָלען זינגען עפּעס שעהנע ליעדער איבער איהם, אונד דערפאר וועט ער זייא וויזען אזעלכע שעהנע זאכען, וואס זייא האבען נאך קיינמאל נים געזעהן אין זייער לעבען. דיא קליינע מיידלעך האבען געלאכט אונד אויך געזונגען ליעדער לויבענדיג איוואנען, אונד ווען זייא זיינען פערטיג געוואָרען, האבען זייא געזאגט: „יעטצט ווילען מיר זעהן דיינע שעהנע זאכען."

איוואן האט געענטפערט: „באלד וועל איך אייך צייגען." ער האט גענומען א בינטעל שטרוי אונד איז געגאנגען צום וואלד. דיא קליינע מיידלעך האבען גע־זאגט: „אוי איז ער א נאר!" אונד זייא האבען געלאכט אונד זיך ווייטער גע־שפּיעלט פערגעסענדיג אן איהם.

מיט א קורצער צייט שפּעטער, איז איוואן ווידער ערשיענען אונד מיט־טראָגענדיג א זאק, האט ער געזאגט:

„זאָל איך דאס פערטהייקען צווישען אייך ?"

„יא, פערטהייל," האבען זייא אלע געשריען.

איוואן האט אריין געלעגט דיא האנד אין זאק, ארויס געשלעפּט גאָלדענע מטבעות אונד זייא געוואָרפען צווישען דיא קינדער.

„באטיושקאַ!" האבען זייא אלע געשריען באפּעגריג דאס געלד ·

דיא מוזשיקעס זיינען דאן אויך אָנגעקומען אינד אָנגעפאַנגען זיך צו שלאָגען אום צו כאַפּען דיא נעלע שטיקלעך מעטאַל. אין דעם אויפרוהר איז איין אלטע פרוי שיער געהרג'עט געוואָרען.

איוואַן האט געלאַכט אונד זיך שטארק אמוזירט זעהענדיג וויא אזוי פיעל גרויסע מענשען קריעגען זיך איבער עטליכע שטיקלעך מעטאַל.

„אַך, נאַראָנים!“ האט ער אויסגעשריען, „איהר האט דאָך שיער צער־קוועטשט דיא אַלטעטשקע? זייט ניט אזוי ווילד. איך האב נאך גענוג אונד איך וועל אייך געבען פון דיעזע שפּיעלעריין אזוי פיעל וויא איהר וועט נאָר וועלען.“

ער האט דערבייא אָנגעהויבען צו וואַרפען נאך מטבעות.

דיא מוזשיקעס האבען זיך פערזאמעלט ארום איהם אונד איוואַן האט גע־וואָרפען אזוי לאנג געלד, ביז ער האט אויסגעליידיגט זיין זאק. אָבער זייא האבען נאך געוואָלט אונד איוואַן האט געזאגט: „יעטצט האב איך מעהר ניט. איין אנדערס מאָל וועל איך אייך געבען מעהר. אָבער יעטצט מוזען מיר ווייטער זינגען אונד טאַנצען.“

דיא קינדער האבען געזונגען, אָבער איוואַן האט בעמערקט: „איהר זינגט ניט גוט.“

„דאן צייג אונז דוא וויא צו זינגען,“ האבען דיא קינדער געזאגט.

דארויף האט איוואַן געענטפערט: „איך וועל אייך ברענגען א חברה וואס קענען בעסער זינגען וויא איהר.“ וויא ער האט דאס ארויס גערעדט, איז ער אריין אין שפּייכלער, גענומען א בינטעל שטרוי, אונד געטהאַן וואס דער קליינער טייפעל האט איהם געלערענט. באלד איז ערשיענען א רעגימענט סאָלדאַטען אויף דער גאס אונד ער האט זייא געהייסען זינגען.

יעדער איז געווען ערשטוינט אונד ניט געקענט פערשטעהן וויא אזוי איוואַן האט געמאכט דיעזע פּרעמדע.

דיא סאָלדאַטען האבען געזונגען א היבשע צייט אונד אלע איינוואָהנער פון דאָרף האבען זיך אונטערהאלטען. ווען איוואַן האט אויסגעשריען „גענוג!“ זיינען אלע שטיל געוואָרען.

איוואַן האט געהייסען דיא סאָלדאַטען זייא זאָלען אלע אריין אין שפּייכלער אונד אָנגעזאָגט דיא ערשטוינטע בויערן זייא זאָלען ניט נאכגעהן. אָבער וויא זייא זיינען אריין אין שפּייכלער, האט ער באלד פון זייא געמאכט ווידער שטרוי, אונד זיך אוועק געלעגט שלאָפען.

קאפיטעל 7.

אויף׳ן צווייטען טאָג האט מען געזעהן איבעראל אין דאָרף איבער דיא קונסט־שטיק וואס איוואן האט בעוויזען, ביז זיין ברודער סימעאָן האט דערפון געהערט. ער איז דאַן געגאַנגען צו איוואנען אונד צו איהם געזאגט:

„ערקלער מיר פון וואַנען אונד וויא אזוי דוא האסט געקריגען דיא סאָלדאטען?"

„אונד וואס וועט דיר ארויס קומען ווען דוא וועסט שוין וויסען?"

„וואס פרעגסטו? דוא נאַר! מיט סאָלדאטען קענען מיר דאָך אַלעס טהון — גאַנצע מדינות קענען בעזיעגט ווערען!"

איוואן איז שטארק איבעררא־שט געוואָרען ווען ער האט דאס געהערט אונד געענטפערט: „ווארום אַלזאָ האסטו מיר פריהער ניט געזאגט? איך קען מאַכען אזוי פיעלע וויא דוא ווינשט."

איוואן האט דאַן צונעפיהרט סימעאָנען צום שפייכלער אונד געזאגט: „הער אויס, איך וועל פאר דיר מאַכען סאָלדאטען, אָבער דוא דארפסט זייא אוועק נעהמען פון דאַנען, ווייל זייא קענען אַלעס אויפפרעסען פון דאָרף."

סימעאָן האט איהם דאס פערשפּראָכען אונד איוואן האט אָנגעפאַנגען זיין ארבייט. פון יעדען בינטעל שטרוי איז געוואָרען א רעגימענט סאָלדאטען. ער האט אָבער געמאַכט א מאסע, ביז עס איז שוין פאר זייא קיין פּלאַטץ ניט געווען אויף׳ן פעלד.

„איז דאס גענוג?" האט איוואן געפרעגט זיין ברודער.

„גענוג! גענוג!" האט סימעאָן געשריען פול מיט פרייד, „איך דאַנק דיר, איוואן!"

„מיך פרייט עס וואס דוא ביסט צופריעדען." האט איוואן געענטפערט, „אונד ווען דוא וועסט נאָך בענעטהיגען, וועל איך נאָך מאַכען. איך האב גענוג שטרוי."

סימעאָן האט איינגעטהיילט זיינע סאָלדאטען אין באטאליאָנען אונד רעגימענטען, אונד דאַן וויא ער האט זייא גוט אויסמושטירט, איז ער אוועק מלחמה האלטען אונד זיעגען.

וויא סימעאָן איז נאָר ארויס פון דאָרף מיט זיינע סאָלדאטען, איז טאראַס, דער אַנדערער ברודער, ערשיענען פאר איוואַנען. ער האט אויך געהערט וואס עס

האט פאסירט פריהער מיט א טאג אונד געזאגט: „איוואן, דערצעהל מיר דעם סוד וויא אזוי מען מאכט גאָלד, ווייל ווען איך זאָל האבען א סך געלד, קען איך דערמיט אריין קריעגען דאס גאנצע רייכטהום פון דער וועלט.“

איוואן איז געוועזען שטארק ערשטוינט דאריבער אונד געענטפערט: „ווארום האסטו מיר פריהער דאס ניט געזאגט? איך קען דיר געבען אזוי פיעל געלד וויפיעל דוא ווינשט.“

טאראס איז געוועזען שטארק דערפרייט אונד געזאגט: „וועה, איוואן, בעזאָרג מיך דערווייל מיט א דרייא מעסטלעך.“

„גוט,“ האט איוואן געענטפערט, „מיר וועלען אוועק אין וואלד, אָדער נאר בעסער מיטנעהמען דאס פערד אונד וואָגען, ווייל מיר וועלען דאס פיעללייכט ניט קענען אהיים פיהרען.“

דיא ברידער זיינען אוועק אין וואלד אונד איוואן האט געמאכט פון דיא בלעטער גאָלדענע מטבעות. ווען א גרויסער הויפען איז פערטיג געוואָרען, האט ער זיך אומגעווענדעט צו טאראס'ן אונד איהם געפרעגט אויב דאס איז גענוג. טאראס האט געענטפערט שטארק דערפרייט: „איך דאנק דיר, איוואן, פאָרלויפיג וועט דאס זיין גענוג.“

„ווען דוא ווילסט נאך,“ האט איוואן געזאגט, „דאן קום צו מיר וועל איך דיר נאך געבען. בלעטער זיינען דאָ גענוג.“

טאראס האט אָנגעפיללט דעם וואָגען מיט גאָלד אונד איז אוועק אין שטאָדט אום צו מאכען געשעפטען; אונד אזוי זיינען ביידע ברידער אוועק, סימעאָן מלחמה האלטען, אונד טאראס האנדלען.

סימעאָן'ס סאָלדאטען האבען בעזיעגט א קעניגרייך אונד טאראס איז געוואָרען זעהר רייך. מיט א קורצער צייט שפעטער, זיינען זיך דיעזע צוויא ברידער צוזאמען געקומען אונד דערצעהלט איינער פאר'ן צווייטען פון וואנען עס קומט זייער גליק, אָבער זייא זיינען נאך ניט צופריעדען געוועזען.

סימעאָן האט געזאגט: „איך האב בעזיעגט א קעניגרייך אונד איך פיהר א שעהנעס לעבען, אָבער איך האב ניט גענוג געלד אום צו שפייזען מיינע סאָלדאטען.“ טאראס האט ווידער בעהויפטעט, אז ער בעזיטצט גרויסע אוצרות, אָבער דיא זאָרג דאס אָבצוהיטען, לאָזט איהם ניט רוהען.

„לאָמיר נאך אמאל געהן צו אונזער ברודער,“ האט סימעאָן געזאגט. „איך וויל איהם הייסען ער זאָל מאכען נאך סאָלדאטען אום אָבצוהיטען דיינע

אוצרות, אונד דוא ווערסט איהם הייסען מאכען נאך געלד, אום צו שפייזען מיין ארמעע.״

זייא זיינען אוועק צו איוואנען אונד סימעאן האט איהם מיטגעטהיילט זיין וואונש.

„ניין, ברודער, איך וועל עס ניט טהון,״ האט איוואן געענטפערט, „דוא מוזט מיר בעצאָהלען דערפאר.״

„אָבער דוא האסט דאך מיר פערשפּראָכען,״ האט סימעאָן געענט־פערט.

„איך וויים, אז איך האב דיר פערשפּראָכען, אָבער איך האב שוין חרטה געהאט.״

„אָבער, דוא נאר, דומקאָפּ, ווארום ווילסטו ניט האלטען דיין וואָרט?״

„דערפאר וויל דיינע סאָלדאטען הרג׳ענען מענשען, אונד איך וועל שוין מעהר ניט מאכען קיין אנדערע צו דיעזען מערדערישען צוועק.״ איוואן האט זיך באלד אָבגעווענדעט אונד איז געבליעבען הארטנעקיג.

ווען טאראס־בריוכאן האט איהם מיטגעטהיילט זיין וואונש, האט איוואן געענטפערט: „איך וועל שוין פאר דיר קיין געלד ניט מאכען, סיידען דוא ווערסט מיר בעצאָהלען. איך קען ניט ארבייטען ניט בעצאָהלט.״

טאראס האט איהם דערמאָהנט אן זיין פערשפּרעכען.

„איך וויים איך האב פערשפּראָכען,״ האט איוואן געענטפערט, „אָבער איך יויל דאך ניט ערפילען דיין וואונש.״

„אָבער ווארום, נאר, דומקאָפּ. ווילסטו ניט האלטען דיין וואָרט?״

„דערפאר, וויל דורך דיין געלד, האט מען אוועק גערויבט דיא קוה בייא דער ארמער מיכאילאָוונא.

„וויא אזוי איז דאס געוועזן?״ האט טאראס געפרעגט.

„אזוי איז דאס געוועזן,״ האט איוואן געענטפערט: „מיכאילאָוונא האט אימער געהאלטען א קוה אונד איהרע קינדער האבען געהאט צו טרינקען גענוג מילך; אָבער מיט א קורצער צייט צוריק איז געקומען איינער פון איהרע איינגלעך בעטען בייא מיר אביסעל מילך. ווען איך האב געפרעגט: „וואו איז אייער קוה?״ האט ער געענטפערט: „א דיענער פון טאראס־בריוכאן איז געקומען אונד אָנגע־באָטען דרייא גאָלד־שטיקלעך פאר דער קוה. אונזער מוטער האט ניט געקענט איבערשטעהען דעם נסיון, פערקויפט דיא קוה אונד יעטצט האבען מיר ניט קיין

מילך. ניין, ברודער מאררעס, נים דאס האב איך געמיינט; איך האב דיר גע-
געבען נאָלד דוא זאָלסט האבען פערגניעגען, אָבער דוא טהוסט דערמיט אַנדערע
שלעכטעס אונד ווילסט נאָך נאָלד אום נאָך מעהר שלעכטעס צו טהון. דאס וויל
איך נים!"

וויא דיא ברידער האבען דאס געהערט, זיינען זייא אוועק זיך צו בעראטהען
וואס עס איז צו טהון אום זייא זאָלען זיין קענען בערוהיגען. סימעאָן האט געזאגט:
„איך וועל דיר געבען א העלפט פון מיין קעניגרייך מיט סאָלדאטען אָבצוהיטען
דיינע אוצרות, אונד דוא וועסט מיר געבען געלד אום איך זאָל קענען ערנעהרען
מיינע סאָלדאטען."

דיא ברידער זיינען דארויף בעשטאַנען;ביידע זיינען געוואָרען הערשערס
אונד געוועזען זעהר גליקליך.

קאפיטעל 8.

איוואן איז געבליעבען אויף דעם פעלד אונד געארבייט אום צו ערנעהרע
זיין פאטער, מוטער אונד שטומע שוועסטער. אמאל האט עס פאסירט וואס דער
אלטער הונד איז קראנק געוואָרען אונד איוואן האט געמיינט, אז דער הונד ווע
שוין מעהר נים לעבען. ער האט רחמנות געהאט אויף איהם אונד איהם געבראכט
ברויט אין זיין הוט. אָבער גראדע דאמאלס זיינען ארויס געפאלען דיא קרייטער
פון דעם הוט וואס דער קליינער טייפעל האט איהם געגעבען. דער אלטער הונד
האט געכאפט א פאאר דערפון אין זיין מויל, פון וועלכען ער איז באלד געהיילט
געוואָרען, אָנגעפאנגען צו טאנצען, שפרינגען, דרעהען מיט זיין עק אונד ווערען
מונטער. ווען איוואן'ס פאטער אונד מוטער האבען דאס געזעהן, האבען זייא גע-
פרעגט וויא דאס איז געשעהן.

איוואן האט געענטפערט: „איך האב געהאט אזעלכע קרייטער וואס היילען
סאי וואס פאר א קראנקהייט אונד דער הונד האט איינגעשלונגען א פאאר
פון זייא."

אין דערזעלבער צייט איז אָבער דעם צאר'ס טאָכטער קראנק געוואָרען, אונד
דער צאר האט געלאָזען מודיע זיין אין אלע שטעדט אונד דערפער: דאס דעריעניגער
וואס וועט קורירען זיין טאָכטער וועט גוט בעלוינט ווערען; אונד ווען דער גליק-
ליכער וועט זיין אונפערהייראטעט, וועט איהם דער צאר נעהמען פאר זיין איידעם.
איוואן האט אויך דערפון געהערט. זיינע עלטערן האבען איהם צוגערופען אונד
געזאגט:

„ווען דוא האסט נאך פון דיא קרייטער, געה, אונד קוריר דעם צאר'ס טאָכטער. דוא ווערסט דיך פיהלען זעהר גליקליך אין טהון אזא גוטע זאך.“

„זעהר גוט,“ האט איוואן געענטפערט; אונד ער האט זיך באלד פערטיג געמאכט צו דער רייזע. וויא ער ארויס פון הויז, האט ער געזעהן נעבען טויער שטעהענדיג איין ארמע פרוי מיט א צובראָכענער האנד. דיא פרוי איז צוגעגאנגען אונד געזאגט: „מען האט מיר געזאגט, אז דוא קענסט מיך אויסהיילען; איך בעט דיך, העלף מיר.“

„גוט, גוט, ארמע פרוי,“ האט איוואן געענטפערט, „איך וועל דיר העלפען.“ ער האט זיא באלד קורירט אונד געוואָלט אוועק געהען אין זיין וועג. ווען זיינע עלטערן זיינען ארויס אונד געפרעגט: „האסטו נאך קרייטער?“ „ניין,“ האט איוואן געענטפערט, „זיא האט איינגענומען דיא לעטצטע.“

וויא זיינע עלטערן האבען דאס געהערט, זיינען זייא געווען זעהר געערגערט, ווייל ער וועט שוין ניט קענען קורירען דעם צאר'ס טאָכטער אונד זייא האבען איהם געזידעלט.

„דוא האסט געהאט מיטלייד מיט א בעטלערקע,“ האבען זייא געזאגט, „אונד זיך ניט בעקימערט אום א פרינצעסין.“

„איך האב אויך מיטלייד מיט'ן צאר'ס טאָכטער,“ האט ער געענטפערט אונד געוואָלט ווייטער געהן.

„וואוהין געהסטו, דוא נאר?“ האבען זייא געפרעגט. „דוא האסט דאָך שוין ניט קיין קרייטער.“

„שאדעט ניט,“ האט איוואן געענטפערט אונד איז אוועק.

צו דער ריכטיגער צייט איז ער אָנגעקומען אין צאר'ס פאלאסט, אָבער וויא ער האט נאָר בעטרעטען דעם באלקאָן, איז דיא פרינצעסין באלד געהיילט געוואָרען. דער צאר האט זיך זעהר געפרייט אונד געהייסען מען זאָל פאר איהם פאָרפיהרען איוואנען. ער האט איהם אָנגעצויגען אין דיא שענסטע קליידער אונד איהם חתונה געמאכט מיט זיין טאָכטער. דער צאר איז באלד נאכדעם געשטאָרבען אונד איוואן איז געוואָרען דער העררשער. אזוי זיינען אלע דרייא ברידער געוואָרען העררשערס אין פערשיעדענע קעניגרייכען.

קאפיטעל 9.

אלע דרייא ברידער האבען רעגיערט. סימעאָן, דער עלטערער ברודער, האט נעפאנגען מיט זיינע שטרויענע סאָלדאטען ריכטיגע סאָלדאטען אונד זייא אויף מושטירט. יעדער האט פאר איהם מורא געהאט.

טאראס־בריוכאן, דער צווייטער ברודער, האט ניט פערשווענדעט דאס געלד וואס ער האט גענקריעגען פון איוואנען, זאָנדערן ער האט געמאכט נאך מעהר פער־מעגען אונד עס איז איהם גוט געגאנגען. ער האט געהאלטען זיין געלד אין גרויסע קאסטע־קאסטענס, אונד אַבוואָהל ער האט געהאט פיעל מעהר וויא ער האט גע־קענט פערוועגדען, האט ער נאך אַלץ געריסען געלד פון זיינע אונטערטהאנען. דאס פאָלק האט געמוזט ארבייטען פאר דעם געלד וואס טאראס האט געפאָרדערט. אונד דאס לעבען פון דיא מענשען איז פערשטערט געוואָרען.

איוואן דער נאַר, האט ניט אזא הנאה געהאט פון זיין רייכטהום אונד מאכט וויא זיינע ברידער. אזוי שנעל וויא זיין שווינער־פאטער, דער צאַר, איז געשטאָרבען, האט ער באלד פון זיך ארונטער געוואָרפען דיא שעהנע קליידער אונד געזאגט צו זיין פרוי זיא זאָל אויך דאסזעלבע טהון, ווייל זייא דארפען זייא שוין ניט. דאן האט ער זיך אָנגעטהאָן פראָסטע קליידער אונד אָנגעפאנגען צו ארבייטען אין פעלד וויא אין דיא אלטע צייטען.

„עס איז מיר געווען זעהר אונהיימליך,“ האט איוואן געזאגט, „אונד איך האב אויך אָנגעהויבען צו ווערען שטארק פעט. טראָטץ דעם אָבער, האב איך קיין אפעטיט ניט געהאט אונד איך האב אויך ניט געקענט שלאָפען.“

איוואן האט געשיקט ברענגען זיין פאטער, מוטער אונד שטומע שוועסטער, אונד זייא האבען געארבייט מיט איהם צוזאמען.

דאס פאָלק האט אונטערדעסען ערפאהרען, אז איוואן איז א נאַר. זיין ווייב האט צו איהם געזאגט: „דיינע אונטערטהאנען, איוואן, בעהויפטען, אז דוא ביסט א נאַר!

„זאָלען זייא בעהויפטען וואס זייא ווילען,“ האט איוואן געענטפערט, „מיך ארט דאס ניט.“

זיין ווייב האט א היבשע צייט נאכגעדענקט אונד בעשלאָסען, דאס אויב איהר מאן איז א נאַר, איז זיא אויך א נאַר, אונד עס וועט גאר ניט העלפען איהם צו זיין א געגנעריץ, נאַר מען מוז פאָלגען דאס אלטע ווערטעל: „וואו דיא נאָדעל

געהט, דארף אויך געהן דער פארעט." זיא האט דערפאר אוועק געלעגט איהרע שעהנע קליידער אונד זיך אנציהענדיג פראסטע קליידער, האט זיא זיך דער-נעהנטערט צו איהר שטומע שוועגערין אום זיך אויסלערנען ארבייטען. דאס איז איהר אזוי גוט געלונגען, דאס זיא האט באלד זעהר פיעל געהאלפען איוואנען.

זעהענדיג, אז איוואן איז א נאר, זיינען אלע קלוגע מענשען אוועק פון זיין לאנד אונד נאר דיא נאראנים זיינען געבליעבען. זייער פערמעגען איז בלויז בע-שטאנען אין דיא פראדוקטען פון זייער ארבייט; קיין געלד האבען זייא ניט געהאט. אבער זייא האבען געלעבט צוזאמען שטארק צופריעדען, איינער האט געהאלפען דעם צווייטען, אונד עס איז זייא נאך איבערגעבליעבען גאנץ גענוג פאר דיא ארמע אונד קראנקע.

קאפיטעל 10.

דער אלטער טייפעל איז מיעד געווארען ווארטענדיג צו הערען וואס דיא קליינע טייפלען האבען געטהאן. ער האט ענדליך געמוזט אליין געהן ערפאהרען וויא ווייט עס איז געלונגען זיינע משרתים דורכצופיהרען זיין אויפטראג. ער האט געפונען דריי לעכער אין דער ערד אונד ער האט פערשטאנען, אז זייא איז ניט געלונגען אונד ער מוז אליין טהון דיא ארבייט.

דער אלטער טייפעל איז געגאנגען אויפזוכען דיא ברידער, אבער עס האט איהם גענומען א היבשע צייט ביז ער האט געטראפען יעדען בעזונדער אין איין אנדערעס קעניגרייך, גליקליך אונד צופריעדען.

„זייא מוזען אונגליקליך ווערען!" האט ער אויסגעשריען שטארק אויפ-געגרעגט.

פריהער איז ער געקומען צו סימעאנען אונד זיך פערשטעלט פאר א גענעראל.

„גרויסער סימעאן!" האט דער טייפעל צו איהם געזאגט, „דוא ביסט א בעריהמטער קריעגער אונד האסט פיעל ערפאהרונג אין מלחמה, אונד איך וויל האבען דיא עהרע בייא דיר צו דיענען."

סימעאן האט געשטעלט מעהרערע פראגען דעם פערשטעלטען טייפעל, אונד נאכדעם וויא ער האט זיך איבערצייגט, אז ער איז א מענש מיט שכל, האט ער איהם צוגענומען אין זיין ארמעע.

דער נייער גענעראַל האט געלערענט סימעאָנען וויא אזוי ער זאָל פערגרעסערן אונד פערשטאַרקען זיין ארמעע, ביז ער איז געוואָרען זעהר מעכטיג. דאַן האט ער איינגעפיהרט נייע געוועהרען. ער האט איהם בעזאָרגט מיט קאַנאָנען, וואס קענען שליידערן הונדערט קוילען אין א מינוט, אונד יעדער האט ערוואַרטעט, אז ריעזע כלי־משחית וועלען זיין שרעקליך בייא א מלחמה.

סימעאָן, אויף דער עצה פון זיין גענעראַל, האט בעפוילען, אז אלע יונגע לייט פון געוויסע יאָהרען, זאָלען ווערען סאָלדאַטען. דאַן, אימער אויף זיין גענעראַל'ס ראַטה, האט ער געמאַכט קאַנאָנען אונד ביקסען פאַבריקען אין לאַנד, וועלכע האָבען געליעפערט גרויסע מאַסען ווערקציינגען פאַר'ן מלאך המות.

דער נעכסטער שריט פון דעם נייעם גענעראַל איז געווען, ער זאָל בעוועגען סימעאָנען צו ערקלערען קריעג געגען א בענאַכבאַרטען קעניג. דאַן איז ער אריין מיט זיין גאַנצער ארמעע אין יענעם לאַנד, פערוויסט, צערשטערט אונד פערברענט א האַלבעס קעניגרייך אונד פערניכטעט פיעלע פון זיינע סאָלדאַטען. דאס האט אזוי דערשראָקען יענעם הערשער, דאס ער האט באַלד אויפגעגעבען א העלפט פון זיין לאַנד אום צו רעטען דיא אַנדערע העלפט. סימעאָן איז געווען שטאַרק דערפרייט מיט זיין זיעג אונד בעשלאָסען אריין צו מאַרשירען נאָך אינדיען.

אָבער סימעאָן'ס אבזיכטען זיינען בעקאַנט געוואָרען צום־וויצע־קעניג פון אינדיען, וועלכער האט זיך פאָרבערייטעט צום קריעג. אויסער דעם וואס ער האט זיך איינגעשאַפט אַלע לעטצטע כלי־משחית, האט ער נאָך צוגעלעגט וואַפען פון זיין אייגענער ערפינדונג. ער האט ארויס געגעבען א בעפעהל, אז אלע איינגלעך איבער 14 יאָהר אונד אלע אונפערהייראַטע פרויען זאָלען ווערען סאָלדאַטען, אונד זיין ארמעע איז דערפאַר גרעסער געוואָרען וויא סימעאָן'ס. ער האט אויך געמאַכט פליה־מאַשינען, פון וועלכע ער האט געקענט ארונטער וואַרפען באָמבעס מיט דינאַמיט אויף זיין שונא.

סימעאָן, זיך פערלאָזענדיג אויף זיין אייגענער מאַכט, איז אוועק אין דער מלחמה, אָבער דיעזעס מאָל איז איהם דיא אונטערנעהמונג ניט געלונגען אונד ער איז אליין בעזיעגט געוואָרען. דער אינדישער הערשער האט אזוי אויסגעשטאַטעט זיין ארמעע, אז סימעאָן האט אפילו ניט געקענט צוקומען נאָהענט גענוג אום צו שיסען מיט ערפאָלג, וועהרענד דיא אינדיער זיינען ערשיענען מיט זייער פליה־מאַשינען אונד אַרונטער געשליידערט טויט אונד פערדערבען אונטער סימעאָן'ס סאָלדאַטען, פון וועלכע עס האט געהרג'עט גרויסע מאַסען אונד דיא איבריגע

ויינען ענטלאָפען. סימעאָן איז איבערגעבליעבען אליין אונד פערלאָזען. דער איני־דישער קעניג האט דאן צוגענומען זיין לאנד אונד סימעאָן האט געמוזט ענטלויפען אום צו רעטען זיין לעבען.

ווי דער אלטער טייפעל איז פערטיג געוואָרען מיט סימעאָנען איז ער געגאַנגען צו טאררא׳ן. ער איז פאר איהם ערשיענען אלס איינער פון די קויפ־לייטע פון זיין לאנד, וועלכער האט געמאכט נייע פאבריקען אונד פערדיענט א סך געלד. דער קויפמאן, דאס הייסט, דער טייפעל, האט געצאָהלט הויכע פרייזען פאר אלעם, אונד דאס פאָלק איז צו איהם געלאָפען צו פערקויפען אלעם וואס איז פראָ־דוצירט געוואָרען. דורך דיעזען „קויפמאן" האט יעדער פערדיענט א סך געלד, בעצאָהלענדיג זיינע ריקשטענדיגע שטייערן וויא אויך די נייע שטייערן.

טארראס האט זיך זעהר געפרייט דערמיט אונד געזאגט: „איך דאנק דעם קויפמאן, ווייל יעטצט וועל איך האבען מעהר געלד וויא פריהער אונד דאס לעבען וועט זיין אנגענעהמער."

ער האט בעשלאָסען צו מאכען גרויסע מויערן אונד ער האט אנאָנסירט, אז ער פערלאנגט ארבייטער, אנביעטענדיג הויכע פרייזען. טארראס האט געמיינט, אז דאס פאָלק וועט וועלען ארבייטען וויא פריהער, אָבער ער איז שטארק איבערראשט געוואָרען ווען ער האט געהערט, אז יעדער וויל נאָר ארבייטען פאר דעם „קויפמאן." אום זייא צו בעוועגען זייא זאָלען צו איהם קומען, האט ער נאך גרעסערע פרייזען אנגעבאָטען, אָבער דער „קויפמאן" האט אויך געהעכערט די פרייזען אונד יעדער איז בייא איהם געבליעבען. טארראס, וועלכער האט געהאט גרויסע הויפענס געלד, האט געוואָלט קאָנקורירען מיט דעם „קויפמאן," אָבער ער האט ניט געקענט, ווייל יענער האט אימער געצאָהלט נאך העכערע פרייזען. טארראס האט דאן געמוזט אויפגעבען די אידעע עפעס צו בויען.

טארראס האט דאן אנאָנסירט, אז ער וויל פלאנצען גארטענס, ערריכטען שפרינג־ברונענס, אונד די ארבייט זאָל אנפאנגען אין הערבסט, אָבער קיינער איז ניט געקומען, אונד ער האט וויעדער געמוזט אויפגעבען זיין פלאַן. דער ווינטער איז געקומען אונד טארראס האט געוואָלט סויבעל־פעלען פאר זיין מאנטעל. ער האט ארויס געשיקט זיינע דיענער דאס איינקויפען, אָבער זייא האבען צוריק געקעהרט אונד דערצעהלט, אז דער „קויפמאן" האט אלעם אויפגעקויפט.

טארראס האט בעדארפט פערד אונד געשיקט קויפען, אָבער זיינע דיענער האבען צוריק געקעהרט אונד געזאגט, אז דער „קויפמאן" האט אלעם אויפגעקויפט

אום מיט זייא צו ארבייטען. טאראס האט דאן געמוזט אויפגעבען אלע געשעפטען, ווייל קיינער האט פאר איהם גאר ניט געוואלט טהון. אלעס וואס דאס פאלק האט געהאט מיט איהם צו טהון, איז געווען, איהם צו ברענגען שטייערן. זיינע אוצרות זיינען אזוי גרויס געווארען, אז ער האט שוין ניט געוואוסט וואס ער קען טהון דערמיט אונד דאס לעבען איז איהם נמאס געווארען. ער האט דאן אויפ־געגעבען יעדע אידעע פון מסחר אונד ארבייט, אונד נאר געזוכט א מיטעל וויא צו לעבען צופריעדען. אבער דאס איז איהם אויך ניט מעגליך געווען. זאגאר זיינע קעבערס, טרייבערס אונד אנדערע דיענער זיינען פון איהם אוועק אונד געגאנגען צום „קויפמאן." מיט זיין גאנצעם פערמעגען, האט ער ניט געהאט וואס צו עסען, אויך ווען ער איז ארויס אין גאס עפעס קויפען, האט ער אימער ערפאהרען, אז דער „קויפמאן" איז דארט געווען פאר איהם אונד גאר ניט צוריק געלאזען. דאס פאלק האט איהם אונטערדעסען געבראכט נאך געלד.

טאראס איז ענדליך שטארק אין כעס געווארען אונד ארויס געטריעבען דעם „קויפמאן" פון זיין לאנד. דער „קויפמאן" האט זיך אבער בעזעטצט נעבען דער גרענעץ אונד בעטריעבען זיינע געשעפטען אזוי וויא פריהער, זא דאס טאראס איז געצוואונגען געווען א סך מאל צו הונגערן. טאראס האט שוין ניט געוואוסט וואס ער קען טהון. אין דערזעלבער צייט, איז זיין ברודער סימעאן געקומען אין זיין לאנד אונד אויסגעשריען: „העלף מיר, ווייל איך בין בעזיעגט אונד רואינירט גע־ווארען דורך דעם אינדישען וויצע־קעניג."

טאראס האט געענטפערט: „וויא קען איך דיר העלפען, ווען איך אליין האב שוין זייט צווייא טעג ניט געגעסען?"

קאפיטעל 11.

וויא דער אלטער טייפעל איז פערטיג געווארען מיט דעם צווייטען ברודער, איז ער אוועק צו איוואן דעם נאר. דיעזעס מאל האט ער זיך אויך פערשטעלט פאר א גענעראל, גראדע וויא ער האט געטהאן בייא סימעאנען. צו איוואנען האט ער געזאגט: „נעהם צוזאמען איין ארמעע. עס איז א מיאוסע זאך צו האבען א לאנד אהן סאלדאטען. רוף צוזאמען דיין פאלק אונד איך וועל דאן בילדען א גרויסע ארמעע.

איוואן האט געענטפערט: „דוא קענסט מאכען איין ארמעע פון מיין פאלק, אבער דוא מוזט לערנען דיא סאלדאטען זינגען אזעלכע ליעדער וויא איך האב ליעב."

ו'ער אַלטער טייפעל האט צוזאמען געבראכט דיא רעקרוטען אונד געזאגט: „שערט זיך אָב דיא לאנגע האאר פון אייערע קעפּ, יעדער וועט קריעגען א רויטעס היטעל אונד א סך וואָדקא.“

דיא נאַראָנים האבען זיך צולאכט אונד געענטפערט: „מיר האבען אליין גענוג וואָדקא, קיינער דארף עס אונז ניט געבען, ווייל מיר מאבען עס אליין. דיינע היטלעך דארפען מיר אויך ניט, ווייל אונזערע מיידלעך מאכען געוויס בעסערע, אונד דאן ניט גראדע רויטע, זאָנדערן אַזעלכע וויא אונז געפעלט.“

דעם אלטען טייפעל איז עס ניט געלונגען צוזאמען צו נעהמען איין ארמעע אונד אומקעהרען זיך צו איוואנען, האט ער געזאגט: „דיינע נאַראָנים ווילען ניט איינשטימען צו ווערען סאָלדאטען. מען וועט זייא דעפאר מוזען צווינגען.“

„גוט,“ האט איוואן געענטפערט. „דוא קענסט זייא צווינגען, ווען דוא ווילסט.“

דער אַלטער טייפעל האט דאן בעקאנט געמאכט, אז אלע נאַראָנים מוזען ווערען סאָלדאטען, אונד ווער עס וויל ניט, וועט איהם איוואן בעשטראָפען מיט טויט. דיא נאַראָנים זיינען געקומען צום גענעראַל אונד געזאגט: „דוא זאָגסט אונז, אז איוואן וועט אונז בעשטראָפען מיט טויט, ווען מיר וועלען ניט איינשטימען צו סאָלדאטען, אָבער דוא האסט אונז פערגעסען צו דערצעהלען וואס עס וועט ווערען מיט אונז ווען מיר וועלען זיין סאָלדאטען. מען האט אונז אָבער אונ־טערדעסען זעזאגט, אז מען וועט אונז בעשטימען געהרג'עט צו ווערען.“

„יא, דאס איז אמת,“ האט דער טייפעל געענטפערט.

וויא דיא נאַראָנים האבען דאס געהערט, זיינען זייא געוואָרען הארטנעקיג אונד ניט געוואָלט ווערען קיין סאָלדאטען.

„הרג'ע אונז בעסער יעטצט,“ האבען זייא געענטפערט, „וואס דארפען מיר נאך ווארטען פריהער צו ווערען סאָלדאטען?“

„אך, איהר נאַראָנים!“ האט דער טייפעל אויסגעשריען, „סאָלדאטען קענען יא געהרג'עט ווערען אונד ניט געהר'עט ווערען; אָבער ווען איהר פאָלגט ניט איוואַן'ס בעפעהל, ווערט איהר זיכער געהרג'עט.“

דיא נאַראָנים האבען אָנגעפאַנגען נאכצודענקען אונד זיינען אוועק צו איוואנען איהם פרעגען וואס עס איז צו טהון. קומענדיג אהין האבען זייא געזאגט: „א גענעראַל איז צו אונז געקומען אונד אונז מיטגעטהיילט, אז אין פאל מיר ווילען ניט ווערען קיין סאָלדאטען, וועסטו אונז הרג'ענען. איז דאס אמת?“

איוואן האט הערצליך געלאכט אונד געענטפערט: „איך פערשטעה ניט ווירקליך וויא איהר קענט נאר זיין אזוי דום. דאכט זיך איך, איין מענש אליין, קען ניט אלע הרג'ענען? ווען איך זאל ניט זיין אזא נאר, וואלט איך דאס פיעללייכט געקענט ערקלערען.“

„דאן וועלען מיר טאקי ניט ווערען קיין סאלדאטען,“ האבען זייא גע־ענטפערט.

„געווים,“ האט איוואן בעמערקט, „ווען איהר ווילט ניט ווערען קיין סאל־דאטען, קען אייך קיינער ניט צווינגען.“

וויא דער אלטער טייפעל האט געזעהן, אז זיין פלאן איז געשטערט, איז ער אוועק צום הערשער פון טאַרקאניא אונד געזאגט: „לאמיר געהן בעזוכען איוואן'ס קעניגרייך. ער האט אפילו ניט קיין געלד, דערפאר אבער, האט ער א סך בהמות, קארן, ווייץ אונד אנדערע ניצליכע זאכען.“

דער טאַרקאניער הערשער האט צוזאמען גענומען א גרויסע ארמעע, אויס־געשטאטעט זיינע סאלדאטען מיט קאנאנען אונד ביקסען, אונד איז אריבער די גרענעץ אין איוואן'ס קעניגרייך. איוואן'ס פאלק איז צו איהם געקומען אונד גע־זאגט: „דער הערשער פון טאַרקאניא איז אהער געקומען מיט אונז מלחמה האלטען.“

„זאל ער קומען,“ האט איוואן געענטפערט.

דער טאַרקאנישער הערשער, אנקומענדיג אין איוואן'ס מדינה, האט אומזיסט געזוכט סאלדאטען מיט זייא צו קעמפפען, אונד זעהענדיג, אז קיינער ערשיינט ניט, האט ער אריין געשיקט זיינע סאלדאטען אין דיא דערפער. דיא סאלדאטען האבען באלד אנגעהויבען צו רויבען. דיא נאראנים, מענער אונד פרויען, האבען צוגעקוקט קאלטבלוטיג אונד גאר ניט געזאגט ווען זייא האבען געזעהען וויא מען נעהמט אוועק זייערע זאכען. אין געגענטהייל, זייא האבען נאך גאר איינגעלאדען דיא סאלדאטען צו קומען אונד וואהנען מיט זייא, בעמערקענדיג: „ווען איהר, טהייערע פריינדע, זייט ניט אימשטאנדע צו לעבען אין אייער לאנד, קומט אהער וואו מיר האבען אלעס אין איבערפלוס.“

דיא סאלדאטען האבען דאן בעשלאסען ווירקליך דארטען צו פערבלייבען, זעהענדיג פאר זיך א רוהיגעס אונד גליקליכעס פאלק, וואו עס איז דא פון אלעס גוטע. זייא זיינען געווען איבערראשט, פון דעם עמפפאנג, אונד צוריק קעהרענדיג צו זייער הערשער האבען זייא געזאגט: „מיר קענען ניט מלחמה האלטען מיט אזעלכע

ליעבע מענשען. וואס טויג אונז מלחמה איבערהויפט? מיר וועלען בעסער לעבען מיט דיעזע נאראָנים, וועלכע זיינען גליקליך."

דער טאַרקאַנישער הערשער איז געוואָרען שטארק אין בעס, ארויס געשיקט אנדערע סאָלדאטען אונד געהייסען חרוב מאכען דיא שטעדט, פערברענען דיא הייזער, צערשטערען דיא תבואות אונד אויסהרג'ענען דיא בהמות.

דיא סאָלדאטען האבען אָנגעפאנגען זייער ארבייט, אָבער מענער, פרויען אונד קינדער, האבען זיך פערזאמעלט, אונד וויינענדיג האבען זייא געזאגט: "ווארום בעהאנדעלט איהר אונז אזוי שלעכט? ווארום צערשטערט איהר אלעס? ווען איהר בענעטהיגט דיעזע אלע זאכען, דאן נעהמט זייא געזונדערהייט פון אייערט וועגען, אָבער עס איז א שאדע איהר זאָלט דאס קאַליע מאכען, ווייל מיר האבען דארויף געהאָרעוועט."

דאס האט אזוי געווירקט אויף דיא סאָלדאטען, אז זייא האבען איבערגע־לאָזען האק אונד פאק, ניט געוואָלט מעהר פאָלגען זייער קעניג אונד זיינען ענטלאָפען.

קאפיטעל 12.

דער אלטער טייפעל, זעהענדיג וויא דאס איז איהם אויך ניט געלונגען, האט ער זיך פערשטעלט פאר איין אדעלמאַן, אונד זיך אָנציהענדיג שעהנע קליידער, איז ער נאך אמאל געקומען צו איוואנען אונד געזאגט: "איך ווינש צו לערנען דיין פאָלק וויסענשאפט אונד וויל אייך אלע גליקליך מאכען. איך וועל פאר אייך בויען פאבריקען אונד פאלאסטען."

"גוט, גוט," האט איוואַן געענטפערט, "דוא קענסט וואָהנען מיט אונז."

אויף'ן צווייטען טאָג איז דער "אדעלמאַן", ערשיענען אין מיטען גאס, האל־טענדיג אין איין האנד א זאק גאָלד אונד אין דער צווייטער א פלאַן פון א הויז, האט ער אזוי געזאגט צום פאָלק: "איהר לעבט וויא שווינען, אונד איך וועל אייך אויסלערנען צו זיין מענשען. איהר זאָלט אויסבויען א הויז לויט דיעזען פלאַן. איך וועל אייך ציינען וואס איהר האט צו טהון אונד איך בעצאָהלען פאר אייער ארבייט מיט גאָלד."

דיא נאראָנים האבען זיך שטארק אמוזירט דאריבער, הערענדיג, אז פאר גאָלד קען מען ארבייטען. ביז דאמאלס האבען זייא געוואוסט, אז זייא דארפען נאָר

אויסבייטען איין לעבענס-מיטעל אָדער קליידונגס־שטיק אויף׳ן צווייטען. פאר א טאָג ארבייט, האבען זייא בעצאָהלט מיט אלעמען וואס דער ארבייטער האט בע-נעטהיגט. זייא האבען געבליקט צום גאָלד אונד געזאגט: „אך, וואס פאר א שעהנע שפּיעלערייען!“ זייא האבען אָנגעפאנגען צו ארבייטען אונד געקריעגען גאָלד. דער אלטער טייפעל האט זיך זעהר געפרייט אונד גערעכענט, אז ער איז שוין נאָהענט פון זיין ציעל. אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט, ביז יעדער נאָר האט געקריעגען עטליכע גאָלד־שטיקלעך, פערטהיילט אונטער זייערע קינדער דיא שפּיעלערייען אונד זיך ענטזאגט ווייטער צו ארבייטען. דאס הויז האבען זייא גע-לאָזען ניט פערפערטיגט.

דער אלטער טייפעל האט זייא פערשפּראָכען נאָך מעהר גאָלד, אָבער זייא ויינען מעהר ניט געקומען, בעהויפּטענדיג, אז זייא האבען גענוג שפּיעלערייען. נאָר צייטענווייז איז געקומען א איינגעל אָדער א מיידעל, אונד אויסגעביטען אייער אויף א פּאאר גאָלד־שטיקלעך.

דער סוף איז געווען, וואס דער „אדעלמאַן“ האט ניט געהאט וואס צו עסען אונד האט געמוזט געהן זוכען עפּעס צו קויפען פאר מיטאג. ער איז אריין אין איין הויז אונד אָנגעבאָטען גאָלד פאר א הוהן, אָבער דער איינענטהימער האט איהם געענטפערט: „וואס טויג מיר דאס מעטאל? מיר האבען שוין גענוג דערפון.“ דאַן איז ער געגאנגען צו א פישער־פרוי אום צו קויפען א הערינג פאר גאָלד; זיא האט איהם אָבער געענטפערט: „איך דארף דאס ניט, מיין ליעבער העדר; איך האב ניט קיין קינדער וועמען איך קען דאס געבען זיך צו שפּיעלען. איך האב שוין אזעלכע דרייא שטיקלעך מעטאל, וועלכע איך וועל בעהאלטען אלס קוריאָזיטעטען.“ קומענדיג צו א בויער קויפען ברויט, האט איהם דער בויער געזאגט: „איך דארף ניט האבען דיעזע נארישע שפּיעלערייען, נאָר ווען דו ביסט שטארק הונגריג, וועל איך בעטען מיין אלטעשקע, זיא זאָל דיר געבען ברויט אין גאָט׳ס נאמען.

דער טייפעל איז אזוי בעז געוואָרען, אז ער איז ענטלאָפען פון דעם בויער שרייענדיג אונד שילטענדיג. דער נאמען גאָט אונד דיא הארטנעקיגקייט פון דיא איינוואָהנער, וועלכע האבען געשפּאָטעט פון גאָלד, האט איהם שרעקליך אויפגע-רעגט. אָבער וויא דיא זאך איז, האט ער אונטערדעסען קיין ברויט אָדער אנדערע שפּייזען ניט געקריעגען. איבעראל האט ער נאָר געקריעגען דעם ענטפער: „ווען דו זאָלסט אונז ברענגען עפּעס איין אנדערן ניטצליכען ארטיקעל אין טויש פאר

ברויט אָדער גלאט פערלאַנגען אין נאָט'ס נאָמען, וועלען מיר דיר ערפילען דיי וואונש."

אָבער דער אלטער טייפעל האט נאר ניט געהאט אויסער גאָלד אונד אי אויך געוועזן צו פויל צו ארבייטען. פון דעם נאמען גאָט, האט ער גאר ניט געוואָלט הערען.

„דומע מענשען!" האט ער געשריען. „איך וועל אייך געבען גאָלד מיט וועלכען איהר וועט זיך קענען אלעס קויפען אונד איהר וועט שוין מעהר קיינמאל ניט דארפען ארבייטען!"

אָבער דיא נאראָנים האבען גוטמיטהיג געשמייכעלט אונד ניט געוואָלט וויסען פון זיין גאָלד. דער אלטער טייפעל איז דאן געצוואונגען געוועזן צו געהן שלאָפען הונגריג, ווייל ער האט דאמאלס געשפיעלט דיא פאָלקאָמענע ראָלע פון א מענשען, וואס האט געמוזט עסען.

איוואן האט דערווייל ערפאהרען פון דיעזער געשיכטע. זיין פאָלק האט צו איהם געזאגט: „וואס זאָלען מיר טהון? דיעזער אדעלמאן איז ערשיענען אונטער אונז; ער איז גוט געקליידעט; ער וויל עסען אונד טרינקען דאס שענסטע אונד בעסטע, אָבער ער וויל דאס אפילו ניט פערלאַנגען אין נאָט'ס נאמען. פריהער האבען מיר איהם אלעס געגעבען פאר דיא גאָלד־שטיקלעך וואס מיר האבען בעהאלטען אלס קוריאָזיטעט, אָבער יעטצט דארפען מיר דאס מעהר ניט. וואס קענען מיר טהון? ער קען נאך שטארבען פון הונגער!"

איוואן האט זייא געראטהען וויא זאָלען איהם בעשעפטיגען אלס א פאסטוך. דער אלטער טייפעל האט קיין אנדערע ברירה ניט געהאט אונד געמוזט היטען דיא שאָף. אָבער יעדעס מאל האט איהם איין אנדערער בויער בעשעפטיגט, ביז דיא רייהע איז געקומען ער זאָל היטען איוואן'ס שאָף. אלס ער איז אהין אָנגעקומען, האט איוואן'ס שטומע שוועסטער געהאלטען אין פאָרבערייטען מיטאג. זיא איז שוין מעהרערע מאל בעטראָגען געוואָרען פון דיא פוילענצער, וועלכע האבען גאר ניט געארבייט אונד געגעסען וויא דיא פערד. אום זיך ווייטער ניט אָבצונארען, האט זיא געהאט א טבע נאכצוזעהן יעדען ארבייטער'ס הענד איידער מען איז געגאנגען עסען. דיעזע הענד וואס האבען אויסגעזעהן הארט אונד גרויס, האט זיא געוואוסט, אז זייא בעלאַנגען צו פלייסיגע ארבייטער אונד זיא האט אזעלכען געגעבען דיא בעסטע שפייז, אָבער דיעזע הענד וואס זיינען געוועזן ווייס, ווייך אונד גלאַט, האט זיא געוואוסט, אז זייא בעלאַנגען צו פוילענצער אונד זיא האט זייא געגעבען עסען דאס וואס עס איז איבערגעבליעבען.

דער אלטער טייפעל האט זיך נעזעטצט צו טיש. אָבער דיא שטומע האט גלייך עקזאמענירט זיינע הענד, אונד זעהענדיג, אז זייא זיינען צו ערעל, האט זיא איהם געוויעזען אויף׳ן וואנק, ער זאָל אוועק געהן פון טיש.

איוואן׳ס ווייב האט געזאגט צום אלטען טייפעל: „איהר מוזט ענטשולדיגען מיין שוועגערין; זיא זעהט, אז איהר זייט ניט קיין פלייסיגער ארבייטער לויט אייערע הענד, אונד איהר וועט אלזא מוזען ווארטען ביז מיר וועלען אָבעסען אונד איהר וועט קריגען וואס עס וועט בלייבען. איהר מוזט זיך דערמיט צופריעדען שטעלען.״

דער אלטער טייפעל האט זיך אין נעכסטען אויגענבליק געפונען דערוויטערט פון טיש אונד ער האט זיך געפיהלט שטארק בעליידיגט. ער איז צוגעגאנגען צו איוואנען אונד זיך אָנגעפאנגען צו בעקלאגען:

„איהר האט א דומעס געזעטץ אין אייער קעניגרייך, דערמיט וואס יעדער מענש מוז ארבייטען. ווירקליך, דאס האבען נאָר נאראָנים געקענט אויסטראכ־טען. מענשען וואס ארבייטען פיר זייער לעבען, זיינען ניט אימער געצוואונגען צו ארבייטען מיט זייערע הענד. גלויבט איהר, אז קלוגע מענשען ארבייטען אזוי?״

איוואן האט געענטפערט: „פיעללייכט האט איהר רעכט, אָבער וואס קענען מיר נאראָנים וויסען דערפון? מיר ארבייטען אלע מיט אונזערע הענד.״

„אונד דערפאר זייט איהר טאקי נאראָנים!״ האט דער טייפעל געענטפערט. „איך קען אייך לערנען וויא איהר זאָלט ארבייטען מיט אייער געהירן, אונד איהר וועט זיך דאן איבערצייגען, אז אייער ארבייט איז פיעל ניטצליכער.״

איוואן איז געוועזען איבערראשט ווען ער האט דאס געהערט אונד געזאגט: „עס איז פיעללייכט דאָך ניט אין גאנצען ליגען ווארום מען רופט אונז נאראָנים.״

„מיט דעם געהירן איז עס אויך ניט קיין לייכטע ארבייט,״ האט דער טייפעל בעמערקט. „איהר ווילט מיר ניט געבען צו עסען, דערפאר וואס מיינע הענד זעהן ניט אויס געארבייט. אָבער איהר מוזט פערשטעהן, אז געהירן־ארבייט איז געוויס ניט לייכטער, אונד אמאל פאסירט עס וואס פון אזא ארבייט, זעהט אויס דער קאָפּ צו פלאַטצען אין שטיקער.״

„אט טאקי דאס פערשטעה איך ניט,״ האט איוואן געזאגט. „ווען געהירן־

ארבייט איז אזוי שווער, דאן דארפט איהר דאך אויפזוכען לייכטערע ארבייט. האנד־ארבייט איז ניט שווער.

„איך מארטער מיך מיט נעהירן־ארבייט,“ האט דער טייפעל געזאגט,“ „וויל איך האב אויף אייך נאראַנים, רחמנות. ווען איך זאָל דאס ניט טהון, וואָלט איהר געבליעבען נאראַנים ביז אין טויט אריין אונד אויף אייביג. איך האב זעהר פיעל געמארטערט מיין נעהירן אונד יעטצט קען איך אויך עפעס וויכטיגעס לערנען.“

איוואן איז געווען שטארק איבערראשט אונד בעמערקט: „זעהר גוט; לערנט אונז עפעס, דאמיט, ווען מיר ווערען מיעד מיט דיא הענד, וועלען מיר קענען אר־בייטען מיט דיא נעהירן.“

דער טייפעל האט פערשפּראָכען צו לערנען דאס פאָלק, אונד איוואן האט דאס בעקאנט געמאכט אין זיין גאנצעס קעניגרייך. ער איז געווען בערייט צו לערנען יעדען איינעם וויא צו פּראָדוצירען מיט'ן קאָפּ מעהר וויא מיט דיא הענד.

אין איוואן'ס מדינה איז געווען א גרויסער טהורם, אויף וועלכען מען האט געמוזט ארויף געהן מיט א גרויסען לייטער. איוואן האט געזאגט דעם טייפעל, ער זאָל פּרעדיגען צום פאָלק פון דיעזען טהורם, פון וואנען יעדער זאָל איהם קענען זעהן. דער אלטער טייפעל איז ארויף אונד אָנגעפאנגען זיין דרשה.

דיא נאראָנים זיינען געקומען הערען, וויא אזוי מען וועט זייא אויסלערנען מיט דיא נעהירן אנשטאט מיט דיא הענד. דער אלטער טייפעל האט זייא ער־קלערט מיט ווערטער וויא אזוי דאס קען זיין, אָבער ער האט זייא ניט געוויעזען קיין פּראקטישעס ביישפּיעל. ער האט אונטערדעסען צוגעגעבען, אז מענשען וואס אר־בייטען נאָר מיט זייער נעהירן אליין, קענען נאך ניט האבען פון וואנען צו לעבען. דיא נאראָנים האבען איהם ניט געקענט פערשטעהען, אונד נאכדעם וויא זייא האבען איהם אָנגעקוקט ערשטוינט, זיינען זייא אוועק צו זייער געוועהנליכער בע־שעפטיגונג.

דער אלטער טייפעל האט צוויא טעג דורכאנאנד געפּרעדיגט. אונד ענדליך, ווען ער איז שטארק הונגריג געוואָרען, האט ער געבעטען מען זאָל איהם ברענגען עפּעס עסען. אָבער דאס פאָלק האט פון איהם געלאכט אונד איהם געזאגט, דאס ווען ער קען בעסער ארבייטען מיט זיין קאָפּ וויא מיט זיינע הענד, דאן זאָל ער זיך זעהען פערזאָרגען מיט עסען. ער האט גערעדט נאך א טאָג, נאָר דער עולם איז איהם שוין מעהר ניט געקומען הערען.

איוואן האט געפרעגט: „זאגט מיר, קינדער, האט דער אדעלמאן געאר־בייט מיט זיין קאפ?"

„נאך ניט," האבען זייא געענטפערט. „ביז יעטצט האט ער נאר גערעדט."

אין א טאג, בשעת דער אלטער טייפעל איז געשטאנען אויפ'ן טהורם, איז ער זעהר שוואך געווארען פון הונגער אונד ער איז ארונטער געפאלען וואו ער האט זיך שטארק בעשעדיגט זיין קאפ. ווי איינער פון די נאראנים האט דאס געזעהען, איז ער אוועק געלאפען צו איוואנ'ס ווייב אונד געזאגט: „דער אדעלמאן האט שוין ענדליך אנגעפאנגען צו ארבייטען מיט זיין קאפ."

זיא איז געלאפען אין פעלד אריין אונד דאס דערצעהלט איוואנען, וועלכער, זייענדיג שטארק ערשטוינט, האט געזאגט: „לאמיר געהען זעהן וויא ער ארבייט מיט'ן קאפ."

ווען זייא זיינען צוגעקומען אונד געזעהען דעם טייפעל אהנמעכטיג אונד שטארק פערבלוטיגט אויפ'ן קאפ, האט איוואן געזאגט:

„דער אדעלמאן האט רעכט געהאט. אזא קאפ־שפאלטעניש, איז ווירקליך שווערער וויא צו ארבייטען מיט דיא הענד."

גראדע דאמאלס האט דער טייפעל זיך אנגעפאנגען צו דערמינטערן אונד זעהענדיג ארום זיך דיא נאראנים, האט ער אויסגעשריען:

„איך בין בעזיעגט!" דאן האט זיך געעפענט דיא ערד אונד ער איז פערשוואונדען געווארען. איוואן האט זיך געקראצט אין קאפ אונד בע־מערקט:

„אווא! אויך א טייפעל! נעביך! ער זעהט אויס וויא דער פאטער פון יענע דרייא! אונד ער האט געהאט א מפלה! א מצוה אויף איהם. מיר זיינען נאראנים אונד מיר ווילען ניט פערשטעהן זיינע חכמות."

איוואן לעבט נאך אונד מענשען לויפען פון איבעראל אין זיין קעניגרייך. זיינע ברידער קומען צו איהם אונד ער גיט זייא עסען. ווער עס קומט צו איהם פערלאנגען עסען, ענטפערט ער: „איהר זייט ווילקאמען! מיר האבען גענוג פון אלעמען."

אבער נאר איין מנהג בלייבט דארט אונפערענדערט, וועלכער שמעקט זעהר ווייניג דיא פרעמדע געסט פון דיא נאראנים־לענדער: א מענש מיט הענד בעהערטעט פון ארבייט, קריעגט צו ערשט עסען אונד דער מיט ווייסע אונד צארטע הענד, מוזווארטען צו עסען דאס וואס עס בלייבט איבריג.

ע נ ד ע.

מײַן װידוי.

מיין ווידוי.

1.

איך בין געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען אין דעם גלויבען פון דער ארטהאָדאָקסישער גריכישער קירכע. דיעזען גלויבען האט מען מיר אונטעררינכטעט אין מיין קינדהייט און איך האב איהם שפעטער געלערענט אלס יונגערמאַן. טראָטץ דעם אָבער, ווען איך בין אלט געוואָרען 18 יאָהר און פערלאָזען דיא אוניווערזיטעט, האב איך ניט מעהר געגלויבט אין קיין זאך וואס מען האט מיך געלערענט.

צו אורטהיילען, פון וויא ווייט איך קען געדענקען, האב איך גאר קיינמאל ניט ערנסט געגלויבט אין עפּעס. עס האט געמוזט זיין א מין פערטרויען זיך אן עלטערע מענשען, וועלכע האבען מיר אזוי־און־אזוי געזאגט און איך האב מיך אדף זייא פערלאָזען, אז וואהרשיינליך איז עס אזוי.

איך קען מיך עראינערן אן דער צייט, ווען איך בין געווען א אינגעל ט.ז א יאָהר 12, איז צו אונז געקומען אין בעזוך דער סטודענט וולאדימיר ט— און אונז געבראכט דיא לעטצטע מיטטהיילונג איבער א נייער ענטדעקונג, דאס הייסט, אז עס איז גאר נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, און אלעס וואס מען האט אונז ביז דאמאלס דערצעהלט פון גלויבען, איז נאָר געווען א פוסטער חלום. (דאס האט פּאסירט אין יאָהר 1838).

איך געדענק גאַנץ גוט וויא שטארק פעראינטערעסירט מיינע עלטערע ברידער זיינען געווען אין דיעזע געדאנקען. זייא האבען מיך אויך אריין גענומען אין קאָהן און מיר דערצעהלט דעם סוד פון דער נייער ענטדעקונג. מיר איז דאס אלעס פאַרגעקומען עפּעס וויא אנציהענד און זעהר וויכטיג, און אויך אלס א מעגליכע וואהרהייט.

איך קען מיך אויך עראינערן אן מיין ברודער דימיטרי, ווען ער האט אָנגעפאנגען זעהר פרום צו ווערען, לויט זיין מילדער נאַטור, און ער האט בעזוכט רעגלמעסיג דיא קירכע, געפאסט און געפיהרט א ריינעם און מאראלישען לעבען -

ווי מיר האבען דאס פון איהם געלאכט און איהם גענומען אויף חוזק. מיר האבען איהם דערפאר א נאמען געגעבען נח. דאן האט פאסירט וואס מוססין־פושקין, דער פערוואלטער פון דער קאזאנער אוניווערזיטעט, האט אונז אלע איינגעלאדען צו א באלל. מיין ברודער דימיטרי איז אויך געווען אונטער די געלאדענע, אבער ער האט אום קיינעם פרייז ניט געוואלט געהען. מוססין־פושקין האט געלאכט פון זיין פרומקייט, און געבראכט א ראיה, אזוי וויא דוד המלך האט זיך געקענט פרעהליך מאכען און טאנצען פאר דעם ארון מיט די לוחות, אזוי מעג ער זיך אויך ערלויבען און קומען טאנצען אויף'ן באלל.

מיר איז דאמאלס זעהר געפעלען געווארען אזא וויטץ פון א עלטערען מענשען, און איך האב דערפון געלערענט, אז איך דארף טאקי קענען מיינע געבעטע, געהען אין קירכע, אבער וואס עס אנבעלאנגט מיין רעליגיאן, דארף איך דאריבער גאנץ ערנסט ניט דענקען.

איך געדענק אויך, אז איך האב דאמאלס געלעזען די ווערקע פון דעם פראנצויזישען אפיקורס וואלטאר, אין זיין אבלאכען פון רעליגיאן, האט מיך מעהר אמוזירט וויא געערגערט.

אויף דיעזער ארט איז דער גלויבען געפאלען אין מיינע אויגען פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר, וויא דער פאל איז און וועט נאך זיין, אונטער מענשען פון איין עהנליכער געזעלשאפט און בילדונג. דיעזע ארט פון גלויבען פאלען, איז אונגעפעהר אזוי: —

מענשען לעבען אויף דער וועלט, אבער זייער לעבען ווערט ניט געפיהרט לויט די פרינציפען פון זייער גלויבען. דער גלויבען האט קיין איינפלוס אויף'ן לעבען און מאכט אויך קיין איינדרוק אין די בעציהונגען צווישען מענש און מענש. די אורזאכע דערפון איז, ווייל כמעט דער גאנצער גלויבען בערוהט אויף גליקען פון יענער זייט שוועל פון קבר און פערגעסט זיך צו רעדען איבער דעם וואס מיר האבען דא צו טהון, אויף דיעזער וועלט. ווען דער גלויבען בעריהרט אפילו אמאל דיעזע וועלט, דאן איז דאס אויף אזוי וועניג, אז מען דערצעהלט אונז בקיצור, דאס דיעזע וועלט איז ניט מעהר וויא איין ענגער קארידאר וואס פיהרט ערשט אויף יענער וועלט.

ווען מיר בעטראכטען א מענשען'ס לעבען, זיינע האנדלונגען און טהאטען, איז עס אונמעגליך צו וויסען גענוי, אויב ער איז א גלויבינער אדער ניט. דער יעניגער וואס דערצעהלט אויך עפענטליך, אז ער גלויבט אין דער ארטהאדאקסישער קירכע, איז מייסטענטהיילס איינער וואס האט א שוואכען פערשטאנד, א

שטרענגגען כאראקטער און וועלכער דענקט זעהר פיעל איבער זיין איינענער וויכטיג קיים. אינטעליגענטע, עהרליכע, ארענטליכע און גוט־הערציגע, בעגעגענט מען זעהר אפט אונטער דיא אונגלויביגע.

דאס קינד וואס פאנגט אן צו געהען אין שולע, ווערט ער אונטעררריכטעט אין גלויבען און מען שיקט איהם אין דער קירכע; ווען דער מענש ווערט עלטער, פערלאנגט מען שוין פון איהם א פאפיר וואס זאל בעשטעטיגע, אז ער איז געוועזןביים גלח. דאס איז אלץ גערעדט אונטער דיא נידריגע. אבער א מאן, וואס בע־לאנגט צו אונזער קלאסע, בעזוכט ניט אלס קינד דיא שולע און מעג דאן אויך אויפוואקסען, אהנע יעמאנד זאל איהם אפילו אמאל דערמאהנען, אז ער לעבט אונטער קריסטען און ער רופט זיך א מיטגליעד פון דער ארטהאדאקסישער ־עגיערונג.

דערפאר פאסירט עס יעמצט, עבען וויא פריהער וואס דער איינפלוס פון פרייהען רעליגיעזען אונטעררריכט, אקצעפצירט נאר אויף פערטרויען, און שפעטער אויפגעצוואונגען, פאנגט אן אלץ שוואכער צו ווערען מיט דער פראקטישער ער־פאהרונג פון דעם שפעטערדיגען לעבען, וואס איז א ווידערשפרוך צו אלע פרינציפען פון גלויבען. עס פאסירט אויך, וואס א מענש רעדט זיך איין, אז דער גלויבען, וועלכען ער האט געלערענט אין זיין יוגענד, איז נאך אזוי שטארק וויא געוועזן, ועהרענד אין אמת'ן, איז שוין פון איהם קיין שפור ניט געבליעבען.

א געוויסער ס— א קלוגער און אמת'ער מענש, האט מיר אמאל דערצעהלט א געשיכטע וויא אזוי ער האט אויפגעהערט צו גלויבען.

מיט 30 יאהר צוריק, איז ער ארוים געגאנגען אויף דער יאגד. אבענד, איידער ער האט זיך געלייגט שלאפען, לויט זיין געוואהנהייט פון קינדווייז, פלעגט ער ניעדער קניען און בעטען. זיין עלטערער ברודער, וועלכער איז געוועזן מיט איהם צוזאמען, האט זיך אוועק געלייגט אויף אביסעל שטרוי, און צו איהם געקוקט. ווען ס— אין פערטיג געווארען מיט זיין געבעט און זיך געוואלט לייגען, האט זיין ברודער בעמערקט:

„וואס, דוא האלטסט נאך אימער דערפון?"

זייא האבען מעהר ניט געשפראכען, נאר פון דאמאלס אן, האט ס— אויפ־געהערט צו בעטען און געהען אין קירכע. גאנצע דרייסיג יאהר, האט ס— קיין גע־בעט געזאגט, זיך ניט מתודה געוועזן פאר'ן גלח, און ניט געווען אין קירכע. עס איז ניט דערפאר, ווייל ער האט אזוי געדענקט וויא זיין ברודער, אדער ער האט נאר געוואוסט וואס יענער דענקט, זאנדערן בלויז דערפאר, ווייל זיין ברודער'ס

ווערטער זיינען געווען וויא דער שטויס פון א פינגער אויף א וואנד וואס האט שוין געהאלטען אין אומפאלען. דיא עטליכע ווערטער וואס זיין ברודער האט איהם געזאגט, זיינען גענוג געווען איהם צו איבערצייגען, אז זיין גאנצער גלויבען ביז דאמאלס, איז ניט מעהר געווען וויא א פוסטע פאנטאזיע, און אלעס וואס ער האט געטהאן צוליעב רעליגיאן, איז געווען נאריש און דום. זא שנעל אלזא, וויא ער האט בייא זיך בעשלאסען, אז זיינע רעליגיעזע צערעמאניען, האבען גאר קיין שכל'דיגע בעדייטונג, האט ער זייא אוועק געווארפען. אזוי איז עס געווען, און אזוי איז עס, לויט וויא איך רעכען, מיט א היבשער מעהרצאהל מענשען.

איך רעדט דא פון מענשען פון אונזער קלאססע, וועלכע ווילען זיך אליין ניט בעטריגען, אבער ניט פון דיעזע וואס זוכען צו מאכען פון דער רעליגיאן א מיטעל זייא לטובה. (דיעזע מענשען זיינען פאלקאמען אונגלויביגע, דען זאלאנג גלויבען איז בייא זייא א מיטעל זיך לטובה, דאן איז דאס גאר קיין גלויבען ניט.)

מענשען פון אונזער קלאסע געפינען זיך אין אלגעמיינער לאגע. דיא בעקאנטשאפט און ערפאהרונג אין טהעטיגעם לעבען האט צערשמעטערט דיא שוואכע געביידע פון גלויבען וואס מען האט אין זייא אויפגעבויעט. זייא שמייסען אלזא ענטוועדער אוועק דיא חורבות פון דער אומגעפאלענער געביידע. אדער זייא בעקימערן זיך גאר ניט אזוי וויים אום צו בעטראכטען וואס פאר א חורבה דאס איז.

דער גלויבען, וועלכע איז מיר אריין געשטופט געווארען פון קינדהייט אויף, וויא אין פיעלע אנדערע, האט אנגעפאנגען שטופענווייז צו פערשווינדען, אבער מיט דיעזער אויסנאהמע, וואס פון מיין 15־טעם יאהר אן האב איך אנגעפאנגען צו לעזען פילאזאפישע ווערקע און איך האב צייט געהאט צו בעטראכטען דיא נעפאלענע געביידע און אוועק שמייסען דיא חורבות.

פון מיין 16־טעם יאהר אן, האב איך אויפגעהערט צו בעטען, און אויך אויפגעהערט, אויס איבערצייגונג, צו בעזוכען דיא קירכע און פאסטען. דער גלויבען פון מיין קינדהייט איז פערשוואונדען, אבער דאך האב איך אין עפעס געגלויבט, וועלכעס איך קען אבער ניט גענוי ערקלערען. איך האב געגלויבט אין א גאט, בעסער געזאגט אבער, איך האב ניט אבגעלייקענט, אז עס איז ניטא קיין גאט; אבער וואס דיעזער גאט איז, וואלט איך ניט געקענט ערקלערען. איך האב ניט געלייקענט אין קריסטוס'ן און ניט אין זיינע לעהרען, אבער וואס דיעזע לעהרען זיינען, וואלט איך אויך ניט געקענט ערקלערען.

ווען איך דענק יעטצט צוריק איבער יענעם צושטאנד, דאן בעגרייף איך, אז

איך האב דאמאלס גענלויבט, אין עפּעס פאָלקאָמענעס, אָבער וואס דאס איז, בין איך נים אימשטאַנדע געווען צו זאגען.

איך האב אונטערדעסען אָנגעפאַנגען צו זוכען פאָלקאָמענהייט אין גייסטיגע ענטוויקלונגען: איך האב געשטודירט אַלעס וואס איז מיר נאָר מעגליך געווען; איך האב אַלעס מעגליכע אָנגעווענדעט צו שטאַרקען מיין ווילען, אויסשטעלענדיג פאַר מיר אליין רעגעלען וואס איך דארף טהון; איך האב געשטרעבט צו ענט־וויקלען מיין קערפּערליכע קראַפט דורך איבונג וואס פערשאַפט געשיקטהייט און קראַפט, און אום זיך צו צוגעוועהנען צו ליידען, האב איך אליין אויף מיר גענומען פערשיעדענע נסיונות און צרות.

איך האב דאס אַלעס בעטראַכטעט אלס א נויטווענדיגקייט צו דער פאָל־קאָמענהייט צו וועלכער איך האב געציעלט. צום אנפאנג, נאַטירליך, האב איך געשטרעבט צו מאָראַלישער פאָלקאָמענהייט, אָבער איך האב באַלד מיך געזעהען פאַנטאַזירענדיג איבער איין אַלגעמיינע פאָלקאָמענהייט. אום מיך בעסער צו ער־קלערען וואס איך האב געמיינט, מוז איך זאגען, אז איך האב נים גראַדע געוואָלט אויסזעהען גוט בייא מיר אָדער בייא גאָט, זאָנדערן איך האב געזוכט געפעלען צו ווערען לייטען.

אָבער דיעזעס געפיהל האט זיך ווידער פערוואַנדעלט אין איין אַנדערעס, און דאס איז געווען, וואס איך האב געוואָלט בעזיטצען מעהר קראַפט און מאַכט ווייא מיינע מיטמענשען, זיין געעהרט, געאַכטעט, רייך, מעכטיג און שטעהען אין דער שפּיטצע.

2.

בייא איין אַנדערע געלעגענהייט, וועל איך פיעללייכט דערצעהלען מיין גאַנצע לעבענס־געשיכטע, און אָבשילדערן מיין יוגענד מיט אַלע איינצעלהייטען. איך צווייפעל נים, אז פיעלע וועלען אין דעם זעהען א שפּיעגעל פון זיך זעלבסט.

ווייא דיא זאַך איז, גלויב איך, אז איך האב גאַנץ אויפריכטיג געוואָלט זיין א גוטער און עהרליכער מענש. אָבער איך בין געווען יונג, פול מיט תאוות, און בין געשטאַנען איינער אליין, ווען איך האב אָנגעהויבען צו זוכען דיא ריינקייט און עהר־ליכקייט.

יעדעס מאָל, ווען איך האב געוואָלט אויסדריקען מיין הערצענס־וואונש וואס האט געשטרעבט נאַך איין עהרליכעס לעבען, האב איך מיך געזעהען ארום גע־ריינגעלט פון אַלע זייטען מיט פעראַכטונג, שפּאָט און געלעכטער; אָבער אזוי שנעל

וויא איך האב מיך אריין געוואָרפען אין זומפּף פון מיינע ניעדריגסטע תאוות, האט מען מיך געליובט און ערמוטהיגט דערצו.

זייענדיג פערזונקען אין טיעפען שמוטץ, און ווערענדיג דערזעלבער וויא די עלטערע מענשען ארום מיר, האב איך געזעהען, אז מיין לעבען שטעלט גאנץ צר פריעדען די געזעלשאפט אין וועלכער איך האב מיך געפונען.

מיין גוט־הערציגע טאנטע, ווירקליך א גוטע פרוי, פלעגט מיר זאגען, אז זי ווינשט איך זאָל מקיים זיין איין זאך איבער אלעס אנדערע — איין אינטריגע מיט א פערהייראטהעטער פרוי. זי פלעגט זיך אזוי אויסצודריקען אויף פראנצויזיש: “Rien ne forme un jeune homme, comme une liaison avec une femme comme il faut.” (קיין זאך קען אזוי אויסבילדען א יונגען מאַן, וויא צו שפּיעלען א ליעבע מיט עפּעס א בוואטסקע נקבה.)

נאך איין וואונש האט מיין טאנטע געהאט פיר מיין גליק, און דאס איז געווען, איך זאָל ווערען איין אדוואָקאט, און, ווען מעגליך, ביים קייזער אליין. נאָר איהר העכסטער וואונש איז געווען, איך זאָל קריעגען א רייכע כלה, וועלכע זאָל מיר ברענגען א גרויסען נדן און מיך בעזאָרגען מיט א גרויסען אנצאָהל שקלאַפען.

איך קען מיך נאר ניט עראינערן אן יענע צייטען, אָהנע איך זאָל דערבייא שפירען א שמערצהאפטעס געפיהל פון אבשייליכקייט און פעראכטונג.

איך האב געמאָרדעט מענשען אין קריעג, איך האב געקעמפּפט דועלען אום אנדערע צו טויטען, איך האב פערשפּיעלט געלד אין קארטען, פערלומפט מיין פערמעגען וואס איז געקומען פון דעם בויערן־שווייס, געמאַרטערט און געפּלאגט די בויערן, בעגאנגען די שמוטציגסטע ניעדערטרעכטיגקייטען מיט אונגליקליכע פרויען־צימער, און איך האב בעטראגען מענער.

ליעגען זאָגען, רויבען, ניאוף פון יעדער ארט, שיכרות, פערגוואלטיגונג, און מאָרד, אלעס האב איך בעגאנגען, קיין פערברעכע האב איך אויסגעפעהלט, און טראָטץ דעם אלעמען בין איך דאך בעטראכט געוואָרען פון מיינע מיט־מענשען אלס א גאנץ מאָראלישער מענש. אזא לעבען האב איך אָבגעפיהרט וועהרענד א צייט פון 10 יאָהר.

אין יענער צייט האב איך אָנגעפאנגען צו שרייבען, וועלכעס איז געקומען פון נארישעס פערגניעגען, ליעבע צו געלד און שטאָלץ. איך בין געווען דאסזעלבע אלס שרייבער וויא אלס פריוואט מענש. אום צו קריעגען עהרע און געלד פיר וועלכע

איך האב געשריעבען, בין איך נעצוואונגען געווען צו בעהאלטען אלעס גוטע אין מיר און זיך בוקען פאר שלעכטעס.

וויא אָפט, וועהרענד איך האב געשריעבען, פלעג איך פעריאָגען פון מיין געהירן יעדען עדעלען געדאנק און איהם פערבייטען אויף דער ניעדריגסטער שילדערונג! דיעזע ארבייט איז מיר געלונגען און מען האט מיך דערפאר געלויבט.

ווען איך בין אלט געוואָרען 26 יאָהר און דער קריעג האט זיך געענדיגט, בין איך געקומען נאך סט. פעטערסבורג, וואו איך האב בעקאנטשאפט געשלאָסען מיט דיא דאמאליגע בעריהמטע פערפאסערס.

מען האט מיך זעהר שעהן עמפפאנגען און מיך געשמייכעלט פון אלע זייטען.

נאך איידער איך האב ציים געהאט זיך רעכט ארום צו קוקען וואו איך בין אין דער וועלט, האב איך מיך דערוויל צוגעוואָהנט צו דעם פערדאָרבענעם לעבען פון דיא פערפאסערס, און דערמיט האט גענומען א סוף צו מיינע שטרעבונגען צו ווערען א בעסערער מענש.

דיא אנזיכטען פון דיא פערפאסערס איבער דעם לעבען, זיינען געווען אזוי: זייא האבען בעטראכטעט דאס לעבען אלס איין ענטוויקלונג, און דיא הויפט־ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון לעבען, שפיעלען זייא, דיא דענקערס, און אונטער דיא דענקערס געפינען זיך דיא דיכטערס, וועלכע האבען דעם הויפט איינפלוס. אונזער אויפגאבע — דאס הייסט פון דיא פערפאסערס, — איז אלזאָ געווען, צו בעלעהרען דיא וועלט.

דיא פראגע וואס יעדער פערפאסער דארף זיך שטעלען: „וואס וויים איך און וואס קען איך יענעם לערנען?" האט מען אויסגעמיעדען. אזעלכע פראגען זיינען געווע איבריג, לויט זייער בעהויפטונג, זאָנדערן, זייא האבען געזאגט, אז יעדער דענקער און דיכטער לערענט עפעס זיינע מיטמענשען אָהנע ער זאָל עס אפילו בעאבזיכטיגען צ טהון.

איך אליין בין בעטראכטעט געוואָרען אלס א געוואלטיגער ליטעראט און דיכטער, און פאָלגליך האב איך מיר אויך נים בעדארפט שטעלען דיא געגאנטע פראגע.

אין דערזעלבער ציים אָבער, טראָטץ דעם וואס איך בין געווען אי א דענקער אי א דיכטער, האב איך געשריעבען און געלערענט אנדערע וואס איך האב אליין נים פערשטאנען. פאר דיעזער ארבייט האב איך געקריעגען גרויסע סומען

מעלד; איך האב געגעסען דאס שענסטע און בעסטע, געוואָהנט גרויסאַרטיג, זיך צוזאמען געקומען מיט אויסגעלאַסענע פרויען, און איך האב עמפּפאַנגען מיינע פריינדע וויא עס האט געפּאַסט פאַר אזא גרויסען מאַבער וויא איך בין געווען. הויפּטזעכליך, האב איך געהאט עהרע פון איבעראל.

עס האט מיר אַלזאָ דאמאלס אויסגעזעהען, אז וואס איך האב געלערענט אנדערע, איז געווען גאַנץ גוט, און איך בין איינער פון דיא כהנים גדולים אין טעמפּעל פון דענקען אין דיכט־קונסט. איך אַליין האב ווירקליך אזוי געדענקט א היבשע צייט.

אין צווייטען, און איבערהויפּט אין דריטען יאָהר פון דיעזען אַרט לעבען, האב איך אָנגעפאַנגען צו צווייפּלען אין דיעזען גלויבען פון מיין אונפעהלבאַרקייט, און איך האב אויך אָנגעפאַנגען מיך זעלבסט צו עקזאַמינירטען. דער ערשטער פּונקט וואס האט צוגעצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט, איז געווען וואס דיא כהנים גדולים אליין אין טעמפּעל פון דענקען און דיכט־קראַפט, האבען אונטער זיך זעלבסט ניט געקענט איינשטימען

מאַנכע האבען בעהויפּטעט, אז זייא אַליין זיינען דיא גוטע לעהרער פון פאָלק און אַלע אַנדערע טויגע אויף כפּרות; דיא אַנדערע וויעדער האבען איבער זיך אויך געזאגט דאסזעלבע. מען האט זיך מתוכח געווען, זיך געקריעגט, בעליידיגט, אָבגענאַרט און בעטראָגען איינער דעם צווייטען.

איבערהויפּט זיינען געווען מאַנכע אונטער אונז, וועלכע האבען זיך גאַנץ ווענינ בעקימערט איבער דעם וואס איז רעכט און אונרעכט, און זייא האבע בלויז געזאָרגט פיר זייערע איינענע פּריוואַט אינטערעסען. דאס אַלעס צוזאַמען, האט מיך געצוואונגען צו צווייפּלען אויב מיר ברענגען אַלע צוזאַמען עפּעס נוטצען.

צווייפּלענדיג אין דעם נוטצען איינפלוס פון דיא ליטעראַטען, האב איך אָנגעפאַנגען צו שטודירען זייערע כאַראַקטערע, און איך האב מיך איבערצייגט, אז דיעזע שרייבער זיינען אליין זעהר אונמאָראַלישע מענשען. מייסטענטהיילס פון זיא, זיינען געווען גאַנץ ניכטסווירדיגע און אונבעדייטענדע מענשע, און זייא זיינען געשטאַנען פיעל ניעדריגער מאַראַליש אַלס מיינע געוועזענע אויסגעראַסענע חברים בשעת איך בין געווען א סטודענט. דיעזע ליטעראַטען וויעדער, האבען אזוי ווייט געשטעלט אויף זיך, אז זייא האבען אויסגעזעהען ענטוועדער וויא היילינע, אָדער אַלס אַזעלבע בייא וועלכע היילינקייט איז א פּוסטער חלום.

עס האט מיך אָנגעהויבען צו עקלען דיא גאַנצע מענשהייט און איך האב מיך זעלבסט פעראַכטעט; און איך האב מיך איבערצייגט, אז איך האב ביז דאמאַלס

געלעבט אין א גרויסען טעות. דאס מערקווירדיגע אָבער בייא דעם אַלעמען איז געווען, וואס טראָטץ דעם וואס איך האב איינגעזעהען דעם טעות און דיא פאַלש־קייט, האב איך דאָך פאָרטגעזעטצט צו פיהרען דאסזעלבע לעבען וויא פריהער; איך האב מיך נאָך אימער גערופען א דענקער, א דיכטער און א לעהרער.

איך בין געווען נאריש גענוג צו רעכענען, דאס איך, דער דיכטער און דענקער, בין אימשטאַנדע צו לערנען אַנדערע מענשען וואס איך אליין קען ניט.

פון דער בעקאַנטשאַפט מיט דיעזע מענשען, האב איך מיר בלויז אָבגע־שפּארט א נייע שלעכטע טבע: עס האט זיך אין מיר ענטוויקעלט א גרויסער שטאָלץ און א פערטרויען אויף מיר זעלבסט צו לערנען אנדערע פון וועלכע איך האב קיין אהנונג געהאט. דיעזע אבשייליכע טבע האט אזוי געוואַקסען אין מיר, דאס עס האט מיך באַלד געטריעבען צו משוגעת.

ווען איך דענק יעטצט איבער יענער צייט און איך ערמאָנער מיך אן דעם ראמאלינען צושטאַנד פון מיין געהירן, (עס איז נאָך יעטצט אויך דיעזעלבע מכה מיט טויזענדער), דאן רעגט דאס אזוי אויף מיינע געפיהלע, אז איך שפיר מיך אין איין עהנליכער לאַגע וויא א מענש וואס ווערט דורכגעפיהרט דורך א הויז מיט משוגעים.

מיר זיינען דאן אַלע געווען איבערציינגט, אז פאַר אונז פּאַסט צו רעדען, שרייבען און דרוקען אזוי ישנעל און אזוי פיעל וויא מיר קענען, און דאס אַלעס וועט גליקליך מאַכען דיא מענשהייט.

הונדערטער פון אונז האבען געשריעבען, געדרוקט און געלערענט, און אין דערזעלבער צייט, האט זיך איינער דעם אַנדערן בעליידיגט און ווידער־ישפּראָכען.

זייענדיג פאָלקאָמען איבערציינגט, אז מיר אליין ווייסען גאר ניט, און אויף דער איינפאַכסטער פראַגע — דער אונטערשיעד פון רעכט און אונרעכט — האבען מיר קיין ענטפער, האבען מיר דענגאָך איינער דעם אַנדערן געלויבט, געריהמט און געשמייכעלט, און דאן בעשמוטצט, בעליידיגט און געזידעלט — מיט איינעם וואָרט, מיר האבען פאָרגעשטעלט א פאָלקאָמענעם אירדענהויז מיט א באַנדע משוגעים.

הונדערטער פערמאַטערטע ארבייטער, האבען געארבייט טאָג און נאַכט, צו זאַמען שטעלענדיג בוכשטאַבען, דרוקענדיג מיליאָנען זייטען און פערברייטעט צו ווערען דורך דער פּאָסט איבער גאַנץ רוסלאַנד, און מיר האבען פאָרטגעזעטצט צו לערנען און אונטעררייכטען, און זיך אויך בעקלאַגט אין דערזעלבער צייט, אז מיר

האבען נים געגנוג צוהערער. דאס איז געווען א מערקווירדיגער צושטאנד, נאר יעטעצט איז אלעס דייטליך גענוג.

דיא ריכטינע אורזאכע וואס עס האט אונז אלע אזוי בעגייסטערט אום מזכה צו זיין דיא וועלט מיט אונזערע יאלעווע חכמות, איז גאר געלעגען אין דעם וואונש צו קריגען געלד און עהרע, און אום דאס קריגען, האבען מיר קיין אנדערן אויס וועג געזעהען, וויא צו שרייבען ביכער און ציימונגען.

אום זיך אליין צו גערעכטפערטיגען פאר דעם ריינעם געוויסען וואס האט זיך צייטענווייז ערוועקט אין מאנכע פון אונז, האבען מיר אויסגעטראכט פאלגענדען פזמון: אלעס וואס עקזיסטירט, איז רעכט; אלעס וואס ער געפינט זיך, בעלאנגט צו דער ענטוויקלונג, און דיא ענטוויקלונג וויעדער איז א קרובה מיט דער ציוויליזא־ציאן; אום צו וויסען וויא הויך דיא ציוויליזאציאן שטעהט, דארף מען נאר קוקען אויף דער צאהל ביכער און ציימונגען וואס ערשיינען; אונז בעצאהלט מען און מען עהרט אונז פיר דיא ביכער און ציימונגען וואס מיר שרייבען, און פאלגליך זיינען מיר דיא ניצליכסטע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט.

דיעזע זעלבסט־גערעכטפערטיגונג וואלט שוין געמאכט א סוף פון אונזער צווייפעל אין פראגען, ווען מיר וואלטען אלע דאריעבער איינגעשטימט, נאר אזוי וויא דיא בעהויפטונג פון איינעם איז קיינמאל נים גלאט אזוי אקצעפטירט געווארען, און עס האט זיך אימער געפונען איין אנדערער וואס זאל זאגען אקוראט פערקעהרט, האבען מיר אליין נים געוואוסט וואו מיר געפינען זיך אין דער וועלט.

נאר דאס איז געווען א קלייניגקייט. ווען קימערט דאס וואס ליטעראטען קענען צווישען זיך נים איינשטימען? דיא הויפטזאך איז געווען, וואס מיר האבען געקריעגען געלד, מען האט אונז געלויבט און געריהמט, אדער, בעסער געזאגט, יעדען'ס אנהענגער האבען געלויבט זייער ליעבלינג, און, פאלגליך, האט יעדער פון אונז, פיר זיך, געהאט רעכט.

איך בעגרייף עס יעטצט פאלקאמען, אז צווישען אונז ליטעראטען און דיא משוגעים פון איין אירדענאנשטאלט, איז גאר קיין אונטערשיעד נים געווען: איך האב אפילו דאמאלס אויף אביסעל דאריעבער געדענקט, נאר אזוי וויא יעדער משוגענער, האב איך דאן גערעכענט אלעמען פאר משוגע, בלויז מיך אליין פאר קלאר.

3.

איך האב אזוי אָבגעלעבט נאָך זעקס יאָהר, ביז צו מיין האָכצייט. וועהרענד דיעזער צייט, האב איך בעזוכט אויסלאנד. מיין לעבען אין אייראָפּא און מיין בעקאנטשאפט מיט פיעלע בעריהמטע אויסלענדישע געלעהרטע, האט בעשטעטיגט מיין טהעאָריע פון אלגעמיינער פאָלקאָמענהייט. דאס איז געווען דערפאר, ווייל איך האב אויסגעפונען, אז אזוי איז עס, זאָנדערן דערפאר, ווייל זייא האבען אויך אזוי גערעכענט. עס איז ווידער געווען א מין פערטרויען אויף יענעם, וויא מיט גלויבען.

דער גלויבען אין אלגעמיינער פאָלקאָמענהייט, האט מיך אָנגעהויבען שטארק צו פעראינטערעסירען, גראדע וויא דער פאָל איז דאמאלס געווען מיט פיעלע געבילדעטע מענשען. אום אלעס צו ערקלערען קורץ, מוז איך זאגען, אז איך האב געמיינט גלייך מיט אנדערע, דעם „פּראָגרעסס," דעם פאָרטשריט צו פאָלקאָמענהייט. וועניגסטענס איז מיר דאמאלס ערשיענען דאס וואָרט „פּראָגרעסס", אלס דאס פּאסענדסטע פיר דער גאנצער טהעאָריע.

דיא פראגע: „וויא אזוי זאָל איך פערבעסערן מיין אייגענעס לעבען?" האב איך נים געקענט בעענטפערן, און איך האב מיך בלויז בעשעפטיגט דערמיט, דאס איך מוז לעבען אום צו פערבעסערן דיא וועלט. וואס פערבעסערן? ווען פערבעסערן? וויא אזוי פערבעסערן? דאס אלעס האב איך נים בעגריפען, נאָר איך האב מיר געטראכט, אז וואהרשיינליך וועל איך שוין טהון וואס עס איז נעטהיג. מיר קומט עס פאָר וויא א מאן, וואס איז געזעסען מיט נאך א מאן אויף א שיפעל און דיא וועללען האבען דאס געטראָגען. וואוהין רודערן מיר?" פרעגט איינער. „מיר רודערן און מיר וועלען שוין וואהרשיינליך ערגענדוואו אָנקומען."

זייענדיג אין פּאריז, אין מיטעלפּונקט פון ציוויליזאציאָן, האב איך ערפאהרען וויא פאלש אונזער בעגריף איז איבער פאָרטשריט. איך האב דאמאלס בייגעוואָהנט דיא הינריכטונג פון א מענשען. ווען איך האב געהערט דעם קלאָפּ וויא דאס מעסער איז געפאלען, וויא דער קאָפּ איז אָבגעטהיילט געוואָרען פון דעם קערפּער, האב איך פערשטאנען, נים נאָר מיט מיין שכל, זאָנדערן מיט מיין גאנצער עקזיסטענץ, אז קיין זאך אין דער וועלט קען רעכטפערטיגען אזא טהאט. איך האב פערשטאנען, דאס קיין עטאבלירטע אָרדנונג, קיין פּראָגרעס, קיין ציוויליזאציאָן, האט א רעכט צו בערויבען דאס לעבען פון א מיט־מענשען; איך האב פערשטאנען, דאס ווען דיא גאנצע וועלט מענשען, זייט דיא וועלט איז געשאפען געוואָרען, זאָלען

בעהויפטען, אז אזא מהאם איז רעכט און נויטוועגדיג, איז עס פאלש, נעמיין און אונריכטיג! איך האב פערשטאנען, אז נים דאס וואס אנדערע זאגען און בעהויפטען איז גוט און רעכט, זאנדערן וואס מיין הארץ פיהלט, דאס איז עהרליך און גערעכט.

נאך א ביישפיעל איז מיר פארגעקומען צו בעשעפטיגען, אז מען דארף נים אויפשטעלען דעם אבערגלויבען פון פראגרעס אלס א רעגעל און לעבען. דאס איז געוועז דער טויט פון מיין ברודער. ער איז קראנק געווארען, ווען ער איז געוועזן נאך גאנץ יונג, געליטען גרויסע שמערצען א גאנצעס יאהר, און איז געשטארבען אין שרעקליכע מארטערנים. ער איז געוועזן זעהר א פעהיגער מענש, מיט א גוטעס הארץ, און פון איין ערנסטען כאראקטער, אבער ער איז געשטארבען אהנע צו בעגרייפען צו וועלכען צוועק ער האט געלעבט, אדער וואס פאר א בעדייטונג דער טויט האט פיר איהם.

קיינע טהעאריען האבען מיר אדער איהם געקענט געבען איין ענטפער אויף דיעזע אלע פראגען, וועהרענד דער גאנצער צייט פון זיין קראנקהייט. דיא פראגע: „וואס איז לעבען?" און דיא פראגע: „וואס איז טויט?" זיינען געבליעבען פראגען, און אלעס וואס איך האב געקענט דענקען דאריבער איז געוועזן: „עס וועט זיך מאכען וואס פריהער אדער שפעטער וועל איך קריגען איין ערקלערונג דא־ריבער."

ווען איך בין צוריק געקומען פון אויסלאנד, האב איך מיך בעזעצט אויף'ן לאנד, און זיך אנגעפאנגען צו בעשעפטיגען מיט עררייכטען שולען פיר דיא בויערן. דיעזע בעשעפטיגונג איז מיר געוועזן אנגענעהם, ווייל דאס האט אין זיך נים געהאט דעם גייסט פון נאדען און בעטריגען, צו וועלכען איך האב מיך אזוי שטארק צוגע־וואהנט זייענדיג א ליטעראט.

אבער דא האב איך געהאנדעלט אין נאמען פון פראגרעס, נאר דיעזעס מאל האב איך שוין אנגעווענדעט אביסעל א קריטישע אונטערזוכונג איבער דעם וואס איך טהו. איך האב אזוי געזאגט: פראגרעס אליין, איז נים אזוי שלעכט, נאר ער ווערט זעהר אפט פערווענדעט נים אויף'ן ריכטיגען פלאטץ און נים וויא עס דארף זיין, און וואס עס אנבעלאנגט דיא בויערן, איז עס גאנץ גוט זייא צו לערנע און אונטעררייכטען, נאר זייערע קינדער דארף מען לאזען גאנץ פרייא זיך צו וועהלען וואס פאר א פראגרעס עס פאסט פיר זייא אמבעסטען.

אין דער וואהרהייט געשפראכען אבער, בין איך נאך אימער געוועזן בעשעפ־טיגט מיט דער פראגע יענעם צו לערנען, אהנע צו וויסען וואס מען דארף לערנען.

אין הויכער ליטעראַטור, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז יעדער לערנט פּערשיעדענע, און איין אָרט לערנען פּאַסט זיך צום צווייטען ווי איין אַרבעס אַן וואַנט, און די ליטעראַרישע לעהרער נעביך, געבען זיך די גרעסטע מיה צו בעהאַלטען זייער אייגענע אונוויסענהייט.

אָט דאָס האָב איך שוין אַביסעל פערשטאַנען, און זעהענדיג פאַר מיר בויערן קינדער, האָב איך בעשלאָסען זיי צו לאָזען לערנען וואָס זיי ווילען. איך קען מיך ערינערן ווי איך האָב דאַמאַלס געזוכט עפּעס ניטצליכעס. צום לערנען און דאָס פּאָרלעגען פאַר די קינדער זיי זאָלען זיך אויסקלייבען וואָס זיי ווילען. נאָר דער סוף איז געווען, וואָס איך האָב מיר געמוזט אַליין מודה זיין, אַז איך ווייס גאָר ניט וואָס עס הייסט ניטצליכעס צום לערנען און וואָס מען בענעטהיגט צו קענען.

נאָכדעם ווי איך האָב מיך בעשעפטיגט אַ יאָהר מיט די שולען, בין איך ווידער אַוועק געפאָהרען נאָך אויסלאַנד, מיט דער אַבזיכט אויסצוגעפינען וואָס מען דאַרף אונטעררריכטען די בויערן קינדער.

איך האָב געגלויבט, אַז אין אויסלאַנד האָב איך שוין געקריגען איין סך קלערונג דאַריבער, און זייענדיג דאַריבער האַלב איבערצייגט, האָב איך צוריק געקעהרט נאָך רוסלאַנד, אין דעמזעלבען יאָהר וואָס מען האָט בעפרייעט די בויערן פון שקלאַפעריי. איך האָב איבערגענומען דאָס אַמט פון אַ דאָרפס־ריכטער אָדער בורר, און איך האָב אָנגעפאַנגען צו לערנען דאָס אונגעבילדעטע פאָלק אין די שולען, און די געבילדעטע האָב איך געלערענט אין די צייטונגען וואָס איך האָב אַרויס געגעבען.

אַלעס האָט אויסגעזעהען צו געהען גאַנץ גוט, נאָר מיט מיין געוויסען בין איך ניט געווען צופריעדען און עפּעס אַ וועקסלונג אין מיין דענקען האָט זיך דער נעהנטערט.

איך וואָלט דאַמאַלס געגרייכט אַ שטופע פון פערצווייפלונג, ווי דער פאַל איז געווען מיט 15 יאָהר שפּעטער, אָבער עפּעס אַ נייע ערפאַהרונג אין לעבען האָט מיך דערפון גערעטעט — עס איז געווען די חיימאַטה און דאָס פאַמיליען־לעבען פון אַ פערהייראַטעטען מאַן.

אַ יאָהר דורכאַנאַנד האָב איך מיך בעשעפטיגט מיט די פליכטען אַלס בורר, מיט די שולען, מיט די צייטונגען, און איך האָב מיר אַזוי פערדרעהט מיין קאָפּ, אַז עס האָט מיך געערגערט ביז טויט. מיין בוררות איז געווען איין אונ־אונ־טערבראָכענער קאַמפּף; וואָס איך זאָל טהון מיט די שולען, האָב איך פון טאָג צו טאָג אַלץ ווייניגער געוואוסט, און מיין דומע צייטונג־שרייבעריי האָט מיך

יעדעס מאל אלץ מעהר נעעסעלט. יא, עס איז נעוועזן דערזעלבער צושטאנד וויא אמאל: איך האב געוואָלט לערנען אנדערע און איך האב אליין גאר ניט פערשטאנען. אויף דיעזער ארט בין איך קראנק געוואָרען, מעהר גייסטיג וויא קערפערליך, און איך בין אוועק אויף דיא סטעפּעס, איינצואטהמען פרישע לופט, טרינקען מילך פון שקאפּעס און פיהרען א טהיערישעס לעבען.

באלד וויא איך האב צוריס געקעהרט, האב איך געהייראַטעט. דיא נייע צושטענדען פון א גליקליכעס פאמיליען־לעבען, וועלכעס האט מיך ארום גערינגעלט, האט מיך גענצליך ארונטער געפיהרט פון דעם וועג אויף וועלכען איך בין פריהער געגאנגען, און איך האב אָנגעפאנגען צו זוכען א בעדייטונג און איין ערקלערונג איבער אלעס וואס רופט זיך לעבען.

פאר אלעמען, האט זיך מיין גאנצעס לעבען פעראינטערעסירט אין מיין פרוי און קינדער, און דאן האט נעפאָלגט דיא זאָרג צו פערגרעסערן מיין פערמעגען. דער פריהעריגער קאמפּף פיר פערזענליכער פאָלקאָמענהייט, דאן דער וועקסעל פיר אלגעמיינעם פראָגרעס, האט זיך ווידער פערוואנדעלט אין א שרייבונג גליקליך צו מאכען בלויז מיין אייגענע פאמיליע.

אויף דיעזער ארט זיינען פאראיבער 15 יאָהר.

אונגעאכטעט דארויף, וואס איך האב וועהרענד דיעזע 15 יאָהר געקוקט אויף דער פּראָפעסיאָן פון פערפאסערייא אלס ניט זעהר לויבענסווערטה, האב איך דעננאך ניט אויפגעהערט צו שרייבען.

איך האב דורכגעמאכט דיא בעצויבערונג פון זיין א פערפאסער, דיא נסיונות פון קריעגען א סך געלד און א גרויסען אפּלאָדיסמענט פאר ווערטהלאָזע ווערקע, און איך האב מיך איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע צור פערבעסערונג פון מיין מאטעריאלער לאגע. דערבייא אָבער, האב איך אויך דערשטיקט יעדעס געפיהל וואס האט זיך אין מיר ערוועקט און מיך געפרעגט אויף איין ערקלערונג איבער מיין אייגענעם לעבען און איבער דעם לעבען פון דער אלגעמיינע געזעלשאפט.

אין מיינע שרייבערייען האב איך געלערענט אנדערע, וואס מיר איז ערשיענען אלס דיא איינציגע וואהרהייט, און דאס איז, אז דער גאנצער פּרינציפּ אין לעבען בעשטעהט אין דעם גליק פון זיך אליין און דיא אייגענע פאמיליע.

נאך דיעזער רעגעל האב איך געלעבט. אָבער מיט 5 יאָהר צוריק, האט אָנגעפאנגען זיך צו דרעהנען א שרעקליכע מרה־שחורה איבער מיר. איך האב געהאט מאָמענטען פון שוידערהאפטער שרעק און פון גרויסער פערצווייפלונג, ווי ר

איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאָל טהון און וויא אזוי איך זאָל ווייטער לעבען.

איך האב אָנגעפאנגען צו וואנדערן און בין געוואָרען איין אָפּפער פון ווילדע מחשובות. אָבער דאס איז אויך פאָראיבער, און איך האב פאָרטגעזעטצט מיין לעבען וויא פריהער. שפּעטער האט זיך אָבער דיא שוידערהאַפטע שרעק מיט דער מרה־שחורה צוריק געקעהרט עפּטער, און מיט דער צייט איז דאס אלץ שרעקליכער געוואָרע.

וועהרענד אזא אנפאל, פלעגען זיך אין מיר דרינגען ריא פראגען: „ווארום א ז דאס אלעס?“ „און וואס וועט זיין נאכדעם וויא דוא וועסט אויפהערען צו לעבען?“

אנפאנגס האט זיך מיר געדאכט, אז דיעזע זיינען לעערע און אונבעדייטענדע פראגען, און אלעס איבער וואס זייא פרעגען, איז שוין לאנג בעענטפערט, און ווען איך גראדע וויל האבען איין ענטפער דאריבער, קען איך איהם געפינען גאר אָהן פיעל מיה — אָבער איך האב ניט געהאט קיין צייט דאפיר.

נאָר דיעזע פראגען האבען זיך געדרינגט יעדעס מאל אלץ מעהר און מעהר פערלאנגענדיג אונבעדינגט איין ענטפער, און מיך טרייבענדיג אין פינסטערע און שוידערהאפטע פלעטצער.

עס איז מיט מיר געווען דערזעלבער פאל, וויא מיט אירגענד א פערבאָרגענע און טעדטליכע קראנקהייט — אנפאנגס האבען זיך געצייגט דיא סימפּטאָמען גאנץ לייכט אום צו ווייזען וואו דיא קראנקהייט ליעגט, ווען דער פאציענט קימערט זיך נאך ניט פיעל דאריבער, און שפּעטער זיינען זייא געקומען עפטער, ביז זייא ענדיגען אין איין אונ־אונטערבראָכענעם ליידען.

דיא ליידען פערגרעסערן זיך, און דער פאציענט, נאך איידער ער האט צייט צו זוכען א רפואה, זעהט ער זיך פלוצלינג פנים־אל־פנים מיט'ן טויט.

דאס איז אקוראט וואס האט פאסירט מיט מיין גייסט. איך האב מיך איינ־ערציינגט, אז דאס איז ניט בלויז א פאָראיבער געהענדע גייסטיגע קראנקהייט, און דיא סימפּטאָמען זיינען זעהר וויכטיגע. נאך מעהר, דאס ווען דיעזע פראגען וועלען זיך טאקי אלץ אזוי האלטען אין דרינגען, דאן מוז איך אונבעדינגט קריעגען א קלאָרען ענטפער אויף זייא.

איך האב פראָבירט צו בעענטפערן דיא פראגען. אנפאנגס האט מיר יעדע פראגע אויסגעזעהען אזוי נאריש, אזוי איינפאך און אזוי קינדיש, אז איך האב באלד געוואלט נאר אויפהערען צו דענקען דאריבער, אָבער זאָ שנעל וויא איך האב

געהאַלט בעענטפערן, האב איך מיך איבערציינגט, אז זייא ענטהאַלטען דיא העכסטע געהיימניסע פון לעבען, און מיט אלע מיינע חכמות, ווייס איך נים צו געבען דיא מינדעסטע ערקלערונג דאריבער.

איידער איך האב מיך גענומען ווייטער בעשעפטיגען מיט דער פיהרונג פון מיין גוט, מיט דער בילדונג פון מיין זוהן און מיט שרייבען ביכער, האב איך נאך איינגעזעהען, אז איך מוז האבען איין ענטפער אויף דיא פראגען. איך האב געמוזט בעגרייפען דיא אורזאכען פון מיינע טהאטען, זאנסט האב איך נים געקענט ווייטער לעבען.

דענקענדיג איבער דער פיהרונג פון מיין גוט און פון מיין הויז, (וואס האט אין יענע צייטען פיעל גענומען), איז מיר אריין פאלגענדע פראגע אין קאפ: „יעטצט האב איך שוין זעקס טויזענד דעסיאטינס ערד אין דער סאמארער גובערניע, און דרייא הונדערט פערד — אלזא, וואס ווייטער?" איך בין געווען פער־צווייפעלט און נים געוואוסט צו וואס איך זאל מיך פריהער נעהמען.

דענקענדיג איבער דער אויסבילדונג פון מיינע קינדער, איז מיר איינגעפאלען דיא פראגע: „ווארום? צו וועלכען צוועק?" טראכטענדיג איבער דיא מיטלען וויא אזוי צו העלפען דעם פאלק, האב איך פלוצלינג אויסגעשריען: „און וואס קימערט דאס מיך?"

זיך דערמאהנענדיג איבער דער עהרע וואס מיינע ביכער האבען מיר פער־שאפט, פלעג איך צו מיר אליין זאגען: „גוט, וואס וועט אלזא ווערען ווען דוא זאלסט זיין אזוי בעריהמט וויא גאגאל, פושקין, שעקספיער, מאליער — מיט איינעם ווארט, מעהר וויא אלע שרייבערס אין דער וועלט — און וואס ווערט דערפון?" איך האב מיר דיא פראגע נים געקענט בעענטפערן.

אזעלכע פראגען בענעטהיגען איין ענטפער, און ער מוז זאפארט געגעבען ווערען. אהן איין ענטפער קען מען נים לעבען, אבער קיין ענטפער האב איך דאך נים געהאט.

4.

מיין לעבען איז וויא געענדיגט געווארען אויף איינמאל. איך האב געקענט אטהמען, עסען, טרינקען און שלאפען. דאס האב איך געמוזט טהון, אבער דיא וואהרהייט, אז טראָץ דעם אלעמען, איז אין מיר קיין לעבען נים געווען.

איך האב אין מיר נים געהאט קיין איינציגען ווונש צו שטרעבען און ער־פילען מיינעם א געפיהל וואס האט זיך פארגעשטעלט אלס גאנץ פערנינפטיג.

ווען עס האט זיך מיר עפעס געוואָלט, האב איך געוואוסט פאראויס, אז שוין נאכ־
דעם וויא איך וועל האבען ערפיללט מיין וואונש, וועט אויך נאר ניט ווערען און איך
וועל אימער בלייבען אונצופריעדען.

ווען עפעס א גוטער גייסט וואָלט דאמאלס ערשיענען און מיר אָנגעבאָטען
אַלעס וואס איך האב געקענט ווינשען, וואָלט איך אויך ניט געקענט זיין צו־
פריעדען.

אין מיין אויפרעגונג האב איך נאטירליך געהאט ווינשונגען, וועלכע זיינען
געווען א רעזולטאט פון פריהערינע געוואָהנהייטען; ווען מיין אויפרעגונג איז פאָר־
איבער, האב איך געוואוסט, אז דאס אַלעס איז געווען א פוסטע פאנטאזיע און איך
האב מעהר קיין איינציגען וואונש געהאט. איך האב מיר אפילו ניט געקענט
ווינשען צו וויסען דיא וואהרהייט, ווייל איך האב מיר געקענט עפעס פאָרשטעלען
וואס דיא וואהרהייט איז, און אויך דאס האט מיך ניט אינטערעסירט.

דיא וואהרהייט איז געלעגען אין דעם, אז דאס לעבען האט פאר מיר קיין
בעדייטונג. יעדער טאָג פון מיין לעבען, יעדער שריט אין לעבען, האט מיך אַלץ
געבראכט נעהנטער צום אבגרונד, וויא איך האב געקענט זעהען וואס פאר א סוף
עס וועט פון מיר נעהמען.

שטעהען בלייבען, צוריק געהען, איז געווען אונמעגליך; איך האב אויך ניט
געקענט צו מאַכען מיינע אויגען איך זאָל ניט זעהען וואס מיך ערווארטעט. טויט,
פערניכטונג, א גרויסער נאר ניט, דאס האט געשוועבט פאר מיר שלאָפענדיג און
וואַכענדיג.

אויף דיעזער אַרט, האב איך, א געזונדער און גליקליכער מענש, איינגעזעהן,
אז איך האב ניט פאר וואס צו לעבען, און איין אונבעשטרייטבארע קראפט ציהט
מיך צום קבר.

איך מיין דערמיט ניט צו זאגען, אז איך האב געהאט איין אבזיכט צו בע־
געהען זעלבסטמאָרד, נאָר דיא קראפט וואס האט מיך געצווינגען פון דעם לעבען,
איז געווען גראדע אזוי שטארק, וויא יענע פריהערינע קראפט וואס האט מיך אמאל
געצווינגען צום לעבען. דיא אידעע צו בעגעהען זעלבסטמאָרד, איז אַלזאָ צו מיר גע־
קומען גראדע אזוי נאטירליך, וויא דיא אידעע צו פערבעסערן מיין לאגע, איז פריהער־
ערשיענען. דער טויט האט פאר מיר געהאט אזא געוואַלטיגע אנציהונג, אז איך
האב מיך געמוזט אליין אָבנארען, אום, וויא עס איז, ניט צו האנדלען איבער־
איילט.

אז איך האב געוואָלט אויפהערען צו לעבען, איז קיין צווייפעל, נאָר איך האב מיך ניט געוואָלט איילען, און מיין אבזיכט איז געווען פריהער צו פערטרייבען די פערווירדונג פון מיין געהירן, און אזוי שנעל וויא איך וועל פערטיג ווערען דערמיט, זאָל איך מיך באלד הרג'ענען.

אום אויסצומיידען דעם טויט, פלעג איך בעהאלטען דעם שטריק וואס איז מיר געקומען פאר די אויגען, דאמיט איך זאָל מיך ניט אויפהייגנען אויף דעם גרויסען נאָגעל וואס האט געשטעקט הויך אויף דער וואנט אין מיין שטודיר צימער. איך האב אויך אויפגעהערט צו טראגען ביי א מיר א רעוואָלווער, ווייל איהם האבענדיג אין קעשענע, איז עס זעהר לייכט געווען, אין א מאָמענט פון גרויסער אויפרעגונג, מיר אריין צו יאָגען א קוגעל אין קאָפּ.

איך האב אָבער אליין ניט געוואוסט וואס איך האב געוואָלט. דאכט זיך איך האב דאָך מורא געהאט פאר'ן לעבען, געוואָלט פטור ווערען דערפון, און דאָך איז געווען איין עפּעס וואס האט מיך צוריק געהאלטען.

אזא צושטאנד האט אויך געגרייכט, אין א צייט גראדע ווען איך האב בעזעסען אלעס אום גליקליך צו זיין, און איך בין נאך ניט אלט געווען קיין 50 יאָהר.

איך האב געהאט א גוטע, ליעבענדע און געליעבטע פרוי, מיט קינדער, א פיינעס גוט, וועלכעס, אָהנע איך זאָל מיך פיעל בעמיהען, האט עס מיך יעדעס מאָל רייכער געמאכט; איך בין געווען מעהר וויא אימער געערט פון מיינע פריינדע און בעקאנטע; איך בין געווען געריהמט אונטער פרעמדע, און איך האב געקענט בעהויפּטען, אז איך האב מיר מיין נאמען בעריהמט געמאכט אָהנע מיך זעלבסט אָבצונארען.

איבערהויפּט נאָך, איז מיין פערשטאנד ניט פערדאָרבען געוואָרען און אויך ניט אָבגעשוואכט; אין געגענטהייל, איך האב געשפּירט אזא קערפּערליכע און גייסטיגע קראפט, וואס זעהר ווייניג מענשען פון מיין קלאסע און בעשעפטיגונג בעזיטצען. איך האב געקענט נאכהאלטען א בויער און שניידען תבואה, און איך האב געקענט אָבזיטצען 10 שטונדען דורכאנאנד ביי גייסטיגער ארבייט, אָהנע דאס זאָל מיר עפּעס שאדען.

מיין גייסטיגער צושטאנד דאמאלס, איז בעשטאנען אונגעפעהר אין דעם: „מיין גאנצעס לעבען איז געווען און איז א נארישער און שלעכטער שפּאס, פערוואס איך ווייס ניט פון וועמען.“

אונגעאכטעט דערויף וואס איך האב ניט געגלויבט אין קיין גאָט, איז עס מיר דאָך פאָרגעקומען גאנץ נאטירליך, אז דער וואס שפיעלט מיט מיר דעם נארישען און שלעכטען שפאס, איז דאָך איין עפעס. אָט דיזער בעשלוס, האט אמטייסטען בעגלייטעט מיין פינסטערן וועג.

איך האב מיר געדענקט, אז דיזער „עפעס", וואו ער זאָל ערגעץ זיין, איז אזא איינער וואס אונטערהאלט זיך אויף מיין חשבון, און ער זעהט מיך וויא איך האב אָבגעלעבט א וועלט, געשטודירט און געלערענט אלכדיינג, און צולעטצט שטעה איך וויא איין אלטער נאר און פרעג מיך: „וואס איז דאס אלעס?"

וויא נאריש און דום איך מוז בייא איהם אויסזעהען. בייא איהם? בייא וועמען? איז ווירקליך פערהאנדען אזא זאך אין דער וועלט וואס בליקט אויף מיר און פערשטעהט דאס אלעס?

אָבער דאס האט מיר אויך גאר ניט געהאָלפען. אויב עס איז יא דאָ אזא וועזען אין דער וועלט אָדער ניט, איז מיר גאנץ ווענינ ארויס געקומען. דיא הויפטזאך איז געווען, אז איך פערשטעה ניט צו וועלכען צוועק איך עקזיסטיר.

אין דערזעלבער צייט אָבער איז מיר איינגעפאלען איך זאָל מיך זעלבסט וואונדערן דאריבער, ווארום איך האב ביז דאמאלס ניט געקלערט, אז עס קען זיין אזא וועזען. איבריגענס, וואס קומט מיר ארויס ווען עס עקזיסטירט שוין יא א וועזען וואס זעהט מיך שפיעלען אויף דער וועלטס־ביהנע? איך האב געוואוסט, אז קראנקהייט און טויט וועלען קומען (דאס איז שוין קיין נייעס ניט געווען,) ווען ניט היינט, דאן מארגען, איבערמארגען, און פון אלע דיעזע וואס ליעבען מיך, און וואס איך ליעב, און טאקי איך אליין אויך, וועט בלייבען א שטיק פערעיפושט'טער גוף מיט ווערים.

אלעס וואס איך האב אויפגעטהאָן, וועט פריהער אָדער שפעטער פערגעסען ווערען, און פון מיר אליין וועט קיין זכר ניט בלייבען, איך וועל אין ערגיץ ניט זיין.

צו וועלכען צוועק אלזאָ דארף מען זיך אזוי שטארק בעשעפטיגען מיט עפעס? און וויא קענען מענשען דאס אלעס וויסען און נאָך לעבען? עס איז נאָר מעגליך אזוי לאנג צו עקזיסטירען, כל־זמן דאס לעבען בעטייבט אונז; אָבער אזוי שנעל וויא מיר ניכטערן זיך אויס, מוזען מיר איינזעהען, אז אלעס איז א פוסטער און א נארישער חלום! אין דער גאנצער געשיכטע האב איך ניט געקענט געפינען קיין שפאסיגעס אָדער אמוזירענדעס; אלעס איז מיר ערשיענען אלס גרויזאם און דום.

עס איז פעֶרהאַנדען איין אַלטע אָריענטאַלישע פעבעל איבער א רייזענדען אין דיא סטעפעס, וועלכער איז אָנגעגריפען געוואָרען פון א ווילדער חיה. אום זיך צו רעטען, איז דער רייזענדער אריין געשפּרונגען אין איין אויסגעטריקענטען ברונען; ארונטער קוקענדיג אין ברונען, האט ער דערזעהען הינטער זיך א קראָקאָדיל מיט א געעפענטען מויל, בערייט איהם אויפצופרעסען. דער אונגליקליכער רייזענדער האט ניט געוואגט צוריק ארויס צו קריכען פון דעם ברונען, ווייל ער האט מורא געהאט פאר דער ווילדער חיה, און ער האט אויך ניט געוואגט ארונטער צו געהען טיעפער, פאר מורא נעגען דעם קראָקאָדיל. אום ניט צו פאלען אבער, האט ער זיך אָנגע־כאפּט אן א פלאַנצונג וואס האט געוואקסען אין א שפּאַלט פון דער ברונען־וואנט. זיינע הענד זיינען זעהר מיעד געוואָרען און ער האט געשפּירט, אז ער מוז שטארבען און דער טויט ערוואַרטעט איהם פון ביידע זייטען, אָבער טראָטץ דעם אַלעמען האט ער זיך צונעהאלטען. אין דערזעלבער צייט האט ער ערבליקט צוויא מייז, איינע א שווארצע און איינע א ווייסע, וועלכע האבען אָנגעפאַנגען דורכצופרעסען דעם וואָרצעל פון דער פלאַנצונג. ער האט איינגעזעהען, אז דיא פלאַנצונג מוז זיך אָב־רייסען און ער וועט אריין פאַלען אין קראָקאָדיל׳ס מויל. דער רייזענדער האט דאס אַלעס געזעהען און גאַנץ גוט בעגריפען, אז זיין ענדע איז נאָהענט; אין דערזעלבער צייט אָבער, זיך נאך אימער אָנהאלטענדיג אן דער פלאַנצונג, האט ער זיך אומ־געקוקט און ערבליקט האָניג אויף דיא בלעטער פון דער פלאַנצונג — ער האט ארויס געשטעקט זיין צונג און אָנגעפאַנגען צו לעקען.

אויף דערזעלבער ארט האב איך מיך געהאַלטען אין דער פלאַנצונג פון לעבען, און געוואוסט, אז אונטען, אונטער מיר, ערוואַרטעט מיך דער קראָקאָדיל פון טויט, אָבער איך האב אום קיינעם פרייז ניט געקענט בעגרייפען, ווארום מיר קומט דאס אַלעס. איך האב אויך געשטרעבט צו לעקען דעם האָניג, וועלכער האט מיך אמאל געטרייסט; אָבער דער האָניג איז פערגליווערט געוואָרען אויף מיין צונג, זעהענדיג דיא ווייסע און שווארצע מייז, טאָג און נאכט, וויא זייא פרעסען דורך דעם וואָרצעל אן וועלכען איך האַלט מיך פעסט.

יא, איך האב געזעהען פאר מיר דעם קראָקאָדיל זעהר דייטליך, און דער האָניג האט פערלוירען זיין זיסקייט. איך האב געזעהען דעם קראָקאָדיל פון וועלכען מען קען זיך ניט רעטען, און איך האב געבליקט צו דיא מייז וויא זייא זעטצען פאָרט זייער ארבייט.

דאס איז ניט קיין פאבעל, זאָנדערן א לעבעדיגע און אונבעשטרייטבארע וואהרהייט, וועלכע יעדער מענש קען פערשטעהען. דיא פריהערינע פאַנטאַזיע

איבער דעם גליק פון לעבען וואס האט פון מיר פערשטעלט דעם קראָקאָדיל, האט מיך שוין מעהר ניט געקענט נארען.

וויא דיא זאך איז, האב איך אָבער בייא מיר ניט געקענט פועל'ן ווייטער פארטצוזעטצען א לעבען וואס האט פאר מיר קיין בעדייטונג. איך האב געמוזט צוגעבען, אז יעדע נאכט און יעדער טאג וואס איז פאראיבער, האט מיך אלץ נעהענטער געבראכט צום טויט. איך האב קיין אנדערע זאך געקענט זעהען אויסער דיעזען פאקט, ווייל דאס אליין איז אמת, און אלעס אנדערע איז ליגען.

דיא טראָפּענס האָניג, וואס האבען מיך מעהר וויא אלעס אוועק געשלעפּט פון דער גרויזאמער וואהרהייט, זיינען געווען מיין פאמיליע און מיינע ליטעראַרישע ווערקע, און זייא האבען מיר שוין מעהר ניט געשמעקט אזוי זיס וויא אמאל.

„מיין פאמיליע," האב איך מיר געטראכט, „איז א פאמיליע וויא אלע אנדערע פאמיליעס, וואס בעשטעהט פון א פרוי מיט קינדער, וואס זיינען מענשליכע בעשעפּענישען און זיינען אונטערוואָרפען דעמזעלבען שיקזאל וויא איך; זייא לעבען ענטוועדער אין א ליגען, אָדער זייא מוזען ארויס זעהען דיא שרעקליכע וואהרהייט. צו וועלכען צוועק זאָלען זייא לעבען? ווארום זאָל איך זייא ליעבען, זאָרגען פאר זייא, זייא אויפציהען און וואכען איבער זייא? זאָל איך זייא ברענגען צו דערזעלבער פערצווייפלונג אין וועלכער איך געפין זיך, אָדער זאָל איך זייא מאכען פאר דומקעפּ? נאכדעם אָבער וויא איך ליעב זייא, דארף איך פאר זייא ניט בעהאַלטען דיא וואהרהייט, — יעדער שריט אין וויסענשאפט, פיהרט זייא צו בעגרייפען, אז דיא איינציגע וואהרהייט איז דער טויט."

און וואס ווערט פון קונסט, פון פּאָעזיע? אונטער דעם איינפלוס פון ערפאָלג און לויב, האב איך מיר אמאל געהאט איינגערעדט, אז דיעזע זיינען זאכען, וואס האבען ווערטה מען זאָל פאר זייא ארבייטען, אונגעאכטעט דארויף וואס עס דערנעהנטערט זיך דער טויט, וועלכער איז דער גרויסער צערשטערער, וואס וועט פערניכטען מיין שרייבען און אפילו דיא ערינערונג דערפון.

איך האב אָבער געמוזט צוגעבען, אז אויך דאריעבער האב איך אמאל נאָר געפאנטאזירט, און איך האב מיר מודה געווען, אז קונסט איז נאָר א ציערונג און א צויבער פאר דעם לעבען.

אזוי וויא לעבען האט פיר מיר פערלוירען דעם צויבער, וויא אלזא האב איך געקענט מאכען אנדערע זאָלען בעצויבערט ווערען דערפון?

כל־זמן איך האב ניט בעגריפען וואו איך בין אין דער וועלט, האט קונסט און פּאָעזיע פאר מיר געהאט א געוויסע אנציהונג, אָבער וויא איך האב פערשטאנען,

אז אלעס איז פוסטע זאכען, האט אויך דאס פערלוירען זיין גלאנץ. אלעס וואס איך האב געקענט זעהען, איז געווען לויטער דומהייטען און נארישקייטען.

אמאל, אין מיין אירטהום, האב איך געקענט אויפווארעמען מיין הארץ מיט קאמישעס, טראגישעס, ריהרענדעס, שעהנעס און שרעקליכעס. און איך האב מיך געקענט פרייען, טרייסטען אדער ערגערן, אבער ווען איך האב געוואוסט, אז אלעס האט קיין בעדייטונג, האט עס מיך ניט אינטערעסירט און ניט אמוזירט.

קיין האניג האט זיך מעהר געקענט פיהלען זיס אויף מיין צונג, ווען איך האב ערבליקט דעם קראקאדיל, און דיא מייז וואס האבען געהאלטען אין אונטערפרעסען דעם ווארצעל אן וועלכען איך האב מיך פעסט געהאלטען.

אבער דאס איז נאך ניט געווען אלעס. ווען איך וואלט בלויז געקומען צום בעשלוס, אז דאס לעבען איז נאר אהן א בעדייטונג, וואלט איך דאס אויך אנגע־נומען און בלויז געזאגט, אז איך בין צו דום צו ערגרינדען א געהיימניס. נאר דאס איז ניט געווען דער פאל. איך בין ניט געווען וויא איינער וואס איז פערבלאנדזעט געווארען אין א וואלד און קען ניט געפינען דעם וועג ארויס צו געהען; ניין, איך בין געווען וויא איינער וואס קען יעדען שריט אין דעם וועג וואס ער מאכט. און דאך לויפט ער ארום וויא א משוגענער הין־און־צוריק.

אט דאס איז געווען דאס שרעקליכע, און דאס האט מיך געטריעבען איך זאל מיך בעפרייען און מיר נעהמען דאס לעבען. איך האב געשפירט א שוידער זיך דערמאהנענדיג אן דעם וואס מיך ערווארטעט; איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז דער טויט איז נאך ערגער וויא אזא לעבען, אבער טראָטץ דעם האב איך ניט געקענט איינשטימען צו ווארטען אויפ'ן סוף און זיין געדולדיג. איך האב זעהר געוואלט מיך בעפרייען ענטוועדער דורך א שטריק אדער דורך א רעוואלווער־קוגעל. דאס איז געווען דיא הויפט אורזאכע וואס האט מיך געטריעבען צו דענקען פון זעלבסטמארד.

5.

מאנכע מאל האב איך געדענקט, אז נאך אלעמען איז מעגליך, דאס איך האב פיעללייכט עפעס פערזעהען און איך וואלט געקענט געפינען פיעל אדער ווייניג איין ענטפער אויף מיינע פראגען. אבער באלד איז ערשיענען דער געדאנק און צו מיר אזוי געטענה'עט: „לאמיר צוגעבען, אז מען קען שוין געפינען איין ענטפער, אבער דאס וועט דאך נאך ניט פערענטפערן דיא פראגע, צו וואס אי[illegible]אר אין גאנצען געבוירען געווארען!“

אונטערדעסען האב איך דאך פראבירט זוכען איין ענטפער. עס איז ניט געווען אויס נייגיעריגקייט, זאנדערן איך בין געווען ווי א שטערבענדער וואס זוכט א לעטצטע רעטונג. נאר איך האב קיין ערקלערונג געטראפען.

מיין זוכען האט מיך ניט נאר איבערצייגט, אז איך קען קיין ענטפער ניט געפינען, זאנדערן אלע אנדערע וואס האבען געזוכט, גלייך מיט מיר, צו געפינען איין ענטפער אויף דיעזע פראגען, האבען זיך איבערצייגט, אז דאס לעבען האט קיין בעדייטונג.

איך האב גענהאט דיא בעסטע מעגליכקייטען צו זוכען, ניט נאר דאפיר ווייל איך האב גענוג געלערענט, זאנדערן איך האב אויך פערקעהרט פערזענליך מיט דיא גרעסטע געלעהרטע. נאר טראטץ דעם אלעמען, האב איך דאך ניט געקענט בעַנטפערן דיא פראגע: „וואס איז לעבען?"

עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז איך האב מיך איבערצייגט, אז דיא מענשליכע געלעהרזאמקייט, קען ניט געבען קיין קלארע תשובה אויף דיעזער פראגע.

דיא גענויע פראגע איז אזוי בעשטאנען: „וואס קען ווערען דערפון וואס איך טהו היינט און פון דעם וואס איך וועל מארגען טהון? וואס איז דער רעזול־טאט פון מיין לעבען?" אום זיך אנדערש אויסצודריקען, קען עס אזוי הייסען: „צו וועלכען צוועק זאל איך לעבען? ווארום זאל איך עפעס פערלאנגען? צו וואס זאל איך עפעס טהון?" און אין אנדערע ווערטער הייסט עס: „גיבט עפעס א מיינונג אין מיין לעבען וואס קען גובר זיין דעם געוויסען טויט וואס ערווארטעט מיך?"

איך האב געזוכט איין ענטפער אויף דיעזער פראגע אין מענשליכען פער־שטאנד און וויסענשאפט, און איך האב געפונען צווייערלייא ערקלערונגען, וואס האבען זיך איינע דיא אנדערע ווידערשפראכען.

איין סיסטעם אין דער וויסענשאפט זעהט אויס אין גאנצען אבצולייקענען, אז עס עקזיסטירט אזא פראגע, ווערענד אויף אלע אנדערע פראגען ווערען געליעפערט פאלקאמענע ענטפערס, וועלכע האבען גאר ניט צו טהון מיט דער ערשטער פראגע. דיעזעס סיסטעם רופט מען דיא פראבירענדע וויסענשאפט, וועלכע געהט בעווייזען אלעס מיט מאטהעמאטישע אויסרעכנונגען. א צווייטעס סיסטעם איז מודה, אז עס גיבט ווירקליך אזא פראגע, אבער עס איז ניטא קיין ענטפער דארויף; דאס איז דיא טהעארעטישע פילאזאפיע, וועלכע בעדיענט זיך מיט מעטהאפיזיק (איבערנא־טירליכע פארשונג.)

פון מיין יוגענד אָן בין איך צוגעוואָהנט געוואָרען צו טהעאָרעטישער פילאָ־זאָפיע; שפּעטער האבען מיך אָנגעצויגען דיא פּינקטליכע וויסענשאפטען און מאַ־טהעמאַטיק. דיעזע ביידע סיסטעמען פון וויסענשאפט האבען אויסגעזעהען מיר אַלעס צו פערענטפערן, ביז איך האב אָנגעפאנגען אליין גום צו בעגרייפען דיא פראגע: „וואס איז לעבען?"

פון א פּראקטישען שטאנדפּונקט אויס, פלעג איך צו מיר אזוי זאגען: „אַלעס אין דער וועלט איז ענטוויקלונג און אונטערשיידונג, אַלעס שטרעבט צור פּאָלקאָמענהייט, און עס זיינען פערהאנדען געזעצע וואס רעגירען דיעזען נאטור־פּראָצעס. דוא אליין ביסט א טהייל פון דעם גאנצען. לערען אזוי פיעל וויא מעגליך איבער דיעזען גאנצען און שטודיר דאס געזעטץ פון ענטוויקלונג; דוא וועסט דאן וויסען וואס פאר א ראָלע דוא שפּיעלסט אין דער אלגעמיינהייט און דוא וועסט דיך זעלבסט גוט קענען."

אָבוואָהל איך שעהם מיך דאָ צו דערצעהלען מיינע א גרויסע דומהייט, אבער דאָך בין איך געצוואונגען צו שילדערן דיא וואהרהייט. דיא געשיכטע איז אזוי געווען: איך האב געגלויבט אין ענטוויקלונג, אז אַלעס וואס לעבט ענטוויקעלט זיך, און אזוי וויא מיינע מוסקעלן האבען געוואקסען און מיין כח־הזכרון האט זיך געשטארקט, האב איך געגלויבט, אז דאסזעלבע געזעטץ רעגירט דיא גאנצע וועלט. פּלוצלינג האב איך אָבער אָנגעהויבען עלטער צו ווערען: מיינע מוסקעלן האבען אָנגעפאנגען אויסצוטריקענען, מיין ענטוויקלונג האט אויפגעהערט און מיינע צייהן האבען אָנגעהויבען ארויס צו פאלען. דערמיט איז געשטירצט געוואָרען מיין גאנצע פריהערינע פילאָזאָפיע, אז אַלעס האלט זיך נאָר אין ענטוויקלען, און איך האב איינגעזעהען, אז ערשטענס בין איך פריהער געווען א גרויסער דומקאָפּ דערמיט וואס איך האב פון מיר געאורטהיילט אויף דער גאנצער וועלט, און צווייטענס עק־זיסטירט נאר קיין געזעטץ פון וואקסען און ענטוויקלען.

בעטראכטענדיג בעסער דאס זאָגענאנטע געזעטץ פון ענטוויקלונג, האב איך מיך איבערציינט, אז עס גיבט נאר קיין געזעטץ פון אייביגער ענטוויקלונג. צו בע־הויפּטען אז דיא גאנצע וועלט בעשטעהט פון אונענדליכען רוים, און דיא צייט ווערט ענטוויקעלט, פערדרעהט, אונטערשיידעט און פערפאָלקאָמענד, איז ניט מעהר וויא א נארישע פּלוידערייא. אזעלכע ווערטער האבען נאר קיין בעדייטונג, וויל כל־זמן מיר זאגען אונענדליך, קענען מיר דארונטער ניט פערשטעהען קיין איינ־פאכע און פערמישטע, קיין פערגאנגענהייט און קיין צוקונפט, און קיין בעסטערעס אָדער ערגערעס.

אלזאָ, אין דער פילאָזאָפיע האב איך ניט געקענט געפינען קיין צופריעדען שטעלענדען ענטפער צו מיין פראגע, און איך האב מיך ערשט איבער־א־נייעם געפרעגט:

„וואס בין איך אליין מיט אלע מיינע ווינשונגען?“

איך האב פערשטאנען, אז לערנען און שטודירען, איז אינטערסאנט און אנציהענד, נאָר וואס עס אנבעלאנגט איין ענטפער איבער דער פראגע „וואס איז לעבען?“ קענען מיר אין דעם ניט געפינען.

וואס ווענינער דיא וויסענשאפט האט צו טהון מיט דער פראגע פון לעבען, אלס קלארער און דייטליכער איז זיא; קוים אָבער נעהמט זיא זיך אונטער צו פערענטפערן דיעזע פראגע, ווערט זיא דונקעל, אונפערשטענדליך און פערלירט איהר אנציהונג.

ווען מיר ווענדען זיך צו דיא צווייגען דער וויסענשאפט, וואו דער מענש האט געזוכט צו געפינען איין ענטפער אויף דיא פראגען פון לעבען, וויא פיזיאָלאָגיע, פסיכאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, און סאָציאָלאָגיע, געפינען מיר זעהר ארעמע און שוואכע געדאנקען מיט איין אונגעהייערער דונקעלהייט. מיר זעהען אויך איין, אז אלע דיעזע צווייגען דער וויסענשאפט, האבען גאר קיין רעכט צו בעהויפטען, אז זייא געהען בעענטפערן דיא פראגע פון לעבען, ווייל זייא זיינען א ווידערשפרוך צווישען איין רענקער און דעם צווייטען און ווידערשפרעכען זיך זעלבסט.

ווען מיר ווענדען זיך ווידער צו דיא צווייגען דער וויסענשאפט, וועלכע בעשעפטיגען זיך ניט צו געבען איין ענטפער אויף דער פראגע פון לעבען, זאָנדערן זייא זוכען בלויז צו פערענטפערן זייערע אייגענע וויסענשאפטליכע פראגען, דאן בלייבען מיר שטעהן ערשטוינט מיט בעוואונדערונג איבער דער קראפט פון דעם מענשליכען פערשטאנד. אָבער מיר וויסען פאָראויס, אז דאָ וועלען מיר ניט געפינען קיין ענטפער אויף דער פראגע פון לעבען, ווייל דיעזע וויסענשאפט וויל גאר ניט וויסען פון אזעלכע פראגען.

דיעזע וואס בעשעפטיגען זיך מיט דיעזער וויסענשאפט, זאגען אזוי: „מיר קענען ניט וויסען וואס דוא ביסט און ווארום דוא לעבסט; אזעלכע פראגען שטודירען מיר גאר ניט. נאָר ווען דוא ווילסט וויסען איבער דיא געזעטצע פון ליכט, איבער דיא כעמישע פערבינדונגען און איבער דער ענטוויקלונג פון אָרגאניזמען; ווען דוא ווילסט קענען דיא געזעטצע וואס רעגירען פערשידענע קערפערס, זייערע פארמען און דיא בעציהונגען פון צאָהל און מאָס; ווען דוא ווילסט וויסען דיא

געזעטצע פון דיין אייגענעם פערשטאנד, דאן קענען מיר דיר געבען א קלארען, ריכטיגען און א פאזיטיוו זיכערן ענטפער דארויף.“

וואס פאר א שייכות פראבירענדע וויסענשאפט האט מיט דער פראגע פון לעבען, האב איך אויסגעפונען אויף דיעזער ארט. פראגע: „וואס איז לעבען?“ ענטפער: „אונענדליכע קליינע שטיקעלעך, אין אונענדליכע פערבינדונגען, אין אונענדליכען רוים און אונענדליכער צייט, אייביג וועקסלענדיג זייערע פארמען, און ווען דוא האסט געלערענט דיא געזעטצע פון דיעזע וועקסלונגען, ווערסטו וויסען ווארום דוא לעבסט.“

ווען איך האב אליין פילאזאפירט, האב איך אזוי געזאגט: „גייסטיגע אורזאכען בילדען דעם פונדאמענט פון א מענשען'ס לעבען און ענטוויקלונג, און דיעזע גייסטיגע אורזאכען זיינען דיא אידעאלען וואס רעגיערען איהם. דיעזע אידעאלע ווערען אויסגעדריקט אין רעליגיאן, אין וויסענשאפט, אין קונסט, און אין דיא פארמען פון רעגיערונג; זיא שטייגט אלץ העכער און העכער, פון שטופע צו שטופע, ביז דער מענש גרייכט ענדליך דאס העכסטע גוטע. איך אליין בין א מענש, און מיין פליכט איז דערפאר צו העלפען בעקאנט מאכען דיא אידעאלען פון דער מענשהייט און זעהען מען זאל זייא אקצעפטירען.“

אין דיא טעג ווען מיין גייסט איז געוועזען אבגעשוואכט, איז דיעזע פילאזאפיע פאר מיר געוועזען גענוג; אבער זא שנעל וויא דיא פראגע פון ווירקליכען לעבען איז אין מיר ענטשטאנדען „וואס איז דאס אלעס?“ דאן איז דיא גאנצע פילאזאפיע געפאלען.

פילאזאפירענדיג בין איך דערווייל לאנגזאם געקומען צו א בעשלוס, װעלכער האט מיר געצייגט וואס דיא ריכטיגע און געהעריגע פראגע דארף זיין. וויא געוועהנליך פרעגט מען: „וואס בין איך?“ אדער: „צו וואס לעב איך?“ אדער: „וואס זאל איך טהון?“ נאך מיינער אנזיכט דארף דיא פראגע אזוי געשטעלט ווערען: „לעבען עקזיסטירט, אלעס לעבט; וואס דאס איז, ווייסען מיר ניט. מיר, מענשען, לעבען אויך, און בילדען איין אונבעדייטענדען טהייל פון דיעזען אלגעמיינעם לעבען. יעטצט איז דיא פראגע, וואס פאר א שייכות האבען מיר צו דעם אלגעמיינעם לעבען, און וואס דארפען מיר טהון בשעת מיר לעבען שוין, אז דיא פראגע פון לעבען זאל אונז בעענטפערט ווערען?“

איך האב אויך בעגריפען, אז א מענש, וועלכער וויל זיך זעלבסט פערשטעהן, מוז פריהער האבען א בעגריף איבער דער געהיימניספאלער מענשהייט, פון וועלכער

ער בילדעט א טהייל; ער מוז וויסען אָדער זוכען צו וויסען וואס דיא איבריגע מענשען זיינען, וועלכע זיינען אויך אזוי אונוויסענד וויא ער איז.

אזוי האב איך געטראכט, נעקלערט, געדענקט און ספעקולירט מיט מיין פערשטאנד אהין און אהער, אימער רעכענענדיג, טאָמער, פיעללייכט, ווען איך וועל דיא פראגע שטעלען ריכטיג, אָדער, בעסער געזאגט, וויסען גענוי וואס מיר פעהלט, וועל איך אפשר, קענען טרעפען איין ערקלערונג. אָבער וויא פאלש מיין רעכנונג איז געווען, האב איך מיר באלד איבערציינט, ווען איך האב וויעדער אמאל אָנגעפאנגען צו דענקען איבער לעבען.

דיא מעטהאָפיזישע פילאָזאָפען שטעלען אויף פאָלגענדע פראגען:

„וואס בין איך און וואס איז דיא גאנצע וועלט ארום מיר? ווארום עקזיסטיר איך און דיא גאנצע וועלט מיט מיר?“ יעדער האט דיעזע פראגען אימער אויף איין ארט בעענטפערט.

עס איז קיין אונטערשיעד ווען איין פילאָזאָף ערקלערט, אז לעבען איז איין אידעע, א צווייטער זאגט, א סובסטאנץ, אָדער ווילען, גייסט א. ז. וו. איע געבען צו, אז לעבען איז א ווירקליכקייט; ניין, זייא לייקענע, ניט אָב דאס לעבען און זייא לייקענען ניט אָב דיא עקזיסטענץ פון מיין „איך“. דאכט זיך זעהר גוט; אָבער ווען עס קומט צו דער פראגע: „גוט, דיא וועלט עקזיסטירט, איך עקזיסטיר, אלעס איז א ווירקליכקייט; לעבען איז לעבען און איך בין איך — אָבער צו וועלכען צוועק איז דאס אלעס? צו וואס טויג דאס? וואס וועט זיין דער פועל־יוצא?“ דאס בעענטפערן זייא ניט. איינער גנב'עט זיך ארויס, א דריטער זעהט אויס זיך צו פערגעסען, און א טהייל שעהמען זיך ניט און ציהען אויף גוטמיטהיג מיט דיא אַקסלען און ערקלערען: „דאס איז א געהיימניס.“

ווען איך פרעג: „וואס ניטצט דיעזע גאנצע ווירקליכקייט? וואס וועט ווערען פון דער גאנצער וועלט? וואס קומט ארויס דערפון, אז א וועלט עקזיסטירט?“ — קען איך מיר דארויף ניט ענטפערן. דיא פילאָזאָפיע קען דאס אויך ניט בעענטפערן, זיא קען העכסטענס שטעלען דיעזעלבע פראגען.

ווען דיא פילאָזאָפיע זאָל זיך זעלבסט ניט וועלען נארען און קיינעם ניט וועלען פערדרעהען א קאָפּ, וואָלט איהר גאנצע אויפגאבע געווען א גאנץ קליינע און איהרע אלע ארום־ריידונג, וואָלט בעשטאנען בלויז אין עטליכע ווערטער. זיא האט בעדארפט אויסשטעלען ערשטענס דיעזע פראגע:

„וואס בין איך און וואס איז דיא גאנצע וועלט ארום מיר?“ דארויף זאָל זיא ענטפערן: „איך און דיא גאנצע וועלט, זיינען מיר אלעס און גאר ניט.“

ווערן מיט: „איך ווייס נים.“ ווערן דער צווייטע פראגע: „ווארום עקזיסטירט דאס אלעס?“ דארף בעענטפערט

דאס וואס דיא פילאזאפיע איז נים גלאט און רעדט נים אימער צו דער זאך, האט מיך געקאסט זעהר פיעל מיה. איך האב אלץ געמיינט, אז איך וועל זוכען, קלערען און פארשען ביז איך וועל געפינען איין ענטפער.

דאס איז אלזא נים קיין קליינינקייט צו נעהען איבערזיפען דיא פערשיעדענע פילאזאפען און עס קאסט זעהר פיעל מיה. אבער, וויא דיא זאך איז, איך האב נעזוכט, און דער סוף איז געווען, אז נאך דער גאנצער פילאזאפיע, בין איך ערשט צוריק געקומען צו מיין גאנץ ערשטער פראגע: „וואס איז לעבען?“

6.

אין מיין זוכען צו געפינען איין ערקלערונג אויף דער פראגע פון לעבען, האב איך נעהאט דיעזעלבע פראגע וויא יענער מאן וואס האט זיך פערלוירען אין א וואלד. ער איז פלוצלינג צוגעקומען צו א פרייען פלאטץ, ארויף געקראכען אויף א בוים און רערזועהען ארום זיך א פרייען פלאטץ אהן איין ענדע אבער קיין הויז — ער האט אויך פערשטאנען, אז ער קען קיין הויז זעהען. דאן איז ער אריין צוריק אין וואלד און ערבליקט פינסטערניש, אבער קיין הויז.

אזוי האב איך פערלוירען מיין וועג אין וואלד פון מענשליכער וויסענשאפט אין דעם זונען־אונטערגאנג פון מאטהעמאטישע און פראבירענדע וויסענשאפט, וואס האט בלויז פאר מיר געעפענט א פרייען פלאטץ צו זעהען, אז עס גיבט קיין הויז, און אין דער פינסטערניש פון פילאזאפיע, בין איך אריין נאך אין א טיעפערער דונקעלהייט מיט יעדען שריט וואס איך האב געמאכט פארווערטס. דאס האט אזוי לאנג געדויערט, ביז איך האב מיך איבערציינט, אז עס איז ניטא, עס איז נים און עס קען נים זיין קיין ענטפער.

ווען איך האב נאכגעפאלגט דאס גלענצענדע ליכט פון געלעהרזאמקייט, האב איך מיך נאר איבערצייגט, אז איך האב מיך אבגעווענדעט פון דער ריכטינער פראגע.

אונגעאכטעט דארויף וואס איך האב ערבליקט דעם אנציהענדען און ווייטען הימעל פאר מיר, אונגעאכטעט דארויף וואס דער צויבער פון וויסענשאפט האט מיך געצווינגען איך זאל מיך פערלירען אין איהר אונענדליכקייט, האב איך איינ־געזעהען, אז דאס קלערער דאס איז מיר ערשיענען, אלץ וועניגער האב איך עס

געזוכט, און אלץ שוואכער איז געוואָרען דיא האָפנונג צו קריעגען איין ענטפער אויף מיין פראגע.

איך האב צו מיר אזוי געזאגט: „איך ווייס יעטצט אלעס וואס דיא וויסענ־שאפט האט אונטער־גענומען צו שטודירען; אָבער איין ענטפער אויף מיין פראגע, איבער דער בעדייטונג פון לעבען, קען איך ניט קריעגען פון דער וויסענ־שאפט.“

נאך אלעמען האב איך איינגעזעהען, אז דיא פילאָזאָפיע, נאך אלע איהרע קאָפּ־דרעהענישען און פארשונגען, האט געגעבען דעמזעלבען ענטפער וואס איך האב אליין געהאט. דאס איז דיא אונטערשטע שורה:

„וואס איז דיא בעדייטונג פון לעבען? עס האט קיינע בעדייטונג. וואס וועט זיין פון מיין לעבען? גאר ניט. ווארום עקזיסטירט אלעס און ווארום עקזיסטיר איך? ענטפער: ווייל אלעס און איך עקזיסטירען.“

ווען איך האב מיך געווענדעט צו איין צווייג דער וויסענשאפט, האב איך ערהאלטען איין אונענדליכע צאהל ריכטיגע ענטפערס אויף פראגען וואס איך האב גאר ניט געשטעלט. זאָ צום ביישפּיעל, האט מיר דיא וויסענשאפט גענוי ערקלערט איבער דיא בעמישע עלעמענטען פון דיא שטערען און פּלאנעטען; איבער דער בעוועגונג פון דער זונן און אנדערע זונען; איבער דער אבשטאמונג פון דעם מענשען א. ז. ו. גאר דער איינציגער ענטפער אויף מיין פראגע וואס דיא בעדייטונג איז פון לעבען, איז אזוי געווען:

„דוא ביסט א טהייל פון דעם וואס מען רופט לעבען; דאס איז א צייט־ליכע און צופעללינע צוזאמענשטעלונג פון קליינע טהיילען. דיא געגענזייטיגע ווירקונג און געגען־ווירקונג פון דיזע טהיילען, האט דיך פּראָדוצירט און געמאכט דאס, וואס דוא רופסט לעבען. דיא צוזאמענשטעלונג וועט דויערן א געוויסע צייט, דאן וועט אויפהערען דיא געוויסע ווירקונג פון דיא טהיילען, און דערמיט וועט זיך ענדיגען דאס, וואס דיא רופסט לעבען, און דערמיט אויך אלע דיינע פראגען. דוא ביסט א צופעליגער בינטעל פון עפּעס. דאס בינטעל ווערט געענדערט פון צייט צו צייט, און דיזע ענדערונג רופט מען ענטוויקלונג אין לעבען; דאן ווערט דאס בינטעל צופאלען אויף שטיקער, און דערמיט הערט אלעס אויף צוזאמען מיט דיינע פראגען און צווייפלען.“

דאס איז דער ענטפער פון דער קלארער און פּאָזיטיווער מענשליכער וויסענ־שאפט. און אזוי וויא דיזע וויסענשאפט האלט פעסט א איהרע פּרינציפּען, ניט

צו פלוידערן איבער קיין זאכען וואס זיא ווייס נים, איז דאס א גאנץ ריכטינער ענטפער.

אבער, נאך אלעמען, איז דיעזער ענטפער נאך נאר קיין ענטפער נים. איך האב געוואלט וויסען דיא בעדייטונג פון לעבען, און אין דיעזען ענטפער איז געלעגען דער צערשטערער פון אירגענד א האפנונג צו עררייכען מיין ציעל.

דיא טהעארעטישע וויסענשאפט, וועלכע וויל זיך נים אין גאנצען אבטהיילען פון דער פאזיטיווער וויסענשאפט, גיבט אויך אזא ערקלערונג:

„דיא וועלט איז איין עפעס, וועלכער איז אייביג און מען קען איהם נים פערשטעהן. דאס לעבען פון דעם מענשען איז איין אונפערשטענדליכער טהייל פון דעם אונפערשטענדליכען גאנצען עפעס.“

איך האב פערשטיסען דיעזע ערקלערונגען, וועלכע זיינען א פראדוקט פון פאלשער וויסענשאפט, וואס מען רופט יוריספרודענץ (חכמת־המשפט), פאליטישע עקאנאמיע און געשיכטע.

דיעזע וויסענשאפטען געבען אונז אויך א פאלשען בעגריף פון ענטוויקלונג און פאלקאמענהייט, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד וואס זייא זאגען, אז פריהער האט זיך אלעס ענטוויקעלט און יעטצט ענטוויקעלט זיך דאס מענשליכע לעבען.

דיא אונפינקטליכקייט פון דער ערקלערונג וואס דיעזע וויסענשאפטען געבען, איז גראדע דיעזעלבע וויא פון אלע אנדערע וויסענשאפטען. ענטוויקלונג און פאלקאמענהייט אין דער אונענדליכקייט, האט קיין ציעל, וויל א ציעל וואלט שון געהייסען איין ענדליכקייט אין דער אונענדליכקייט דערפאר האט מיך דיא ערקלערונג פון דיעזע וויסענשאפטען, אויך נים געקענט צופריעדען שטעלען.

דארט וואו דיא פילאזאפיע וויל זיך זעלבסט נים נארען, און דער דענקער בעטרייבט נים קיין „פראפעסיאנעלע פילאזאפיע,“ וויא שאפענהויער רופט עס, בלייבט דער ענטפער אימער דערזעלבער, וויא דיא פילאזאפען סאקראטעס, שאפענהויער, שלמה און בודדהא, האבען זיך אויסגעדריקט.

ווען מען האט סאקראטעס'ן פארבערייטעט צום טויט, האט ער געזאגט: „מיר דערנעהנטערן זיך צו דער וואהרהייט אויף אזוי פיעל, וויא מיר זיינען וויים פון דעם לעבען.“

מיר מענשען, וואס ליעבען דיא וואהרהייט, וואס זוכען מיר אין לעבען? דער ענטפער דארויף איז, אז אין לעבען זוכען מיר לויז צו ווערן פון צרות, און אזוי וויא אלע

צרות נעהמען זיך פון קערפער, ווארום אַלזאָ זאָלען מיר זיך ניט פרייען ווען דער טויט דערנעהנטערט זיך?

א קלוגער מענש זוכט דעם טויט כל־זמן ער לעבט, און דער טויט שרעקט איהם קיינמאל ניט. הערט וואס שאָפּענהויער זאגט:

„דוא זאָלסט אַקצעפּטירען דעם ווילען, אַלס דאס לעטצטע פּרינציפּ פון דער וועלט. אין אַלעמען הערשט ווילען, פון די אונבעקאַנטע נאַטור קרעפטען וואס האבען קיין בעוואוסטזיין, ביז צו דער טהעטיגקייט פון דעם מענשען מיט בעוואוסטזיין, איז אַלעס איין אויסדרוק פון א ווילען וואס וויל עס זאָל אזוי זיין. ווען דיעזער ווילען זאָל אויפהערען, דאַן נעהמט א סוף פון אַלע נאַטור־ערשיינונגען, און פון די קרעפטען וואס ווירקען יעטצט, וועט ווערען א תוהו־ובוהו. ווען עס זאָל ניט זיין קיין ווילען, דאַן איז אויך קיין וועלט ניטאָ. ווען מיר האבען קיין ווילען ניט, דאַן זיינען מיר גאר ניט. ווען מיר זאָגען ווען פערניכטען דיעזען ווילען, איהם גובר זיין און בעהערשען, קענען מיר ניט, ווייל עס איז געגען אונזער נאַטור, וועלכעס איז דער ווילען צום לעבען און עקזיסטירען, גראַדע וויא עס איז דער ווילען פון דער גאַנצער וועלט צו עקזיסטירען. דערפאַר וואס מיר האבען אזוי מורא פאַר פערניכטונג, אָדער, וועלכעס איז אויך דאסזעלבע, דערפאַר וואס מיר ווילען אזוי לעבען, בעווייזט נאָר, אַז מיר זיינען ניט מעהר וויא דיזער וואונש אליין, און ניט מעה[illegible]רפאַר, ווען כ[illegible] הערען אויף צו זיין וואס מיר זיינען און דער ווילען פערשווינדעט פון אונז, בלייבט אַלזאָ פון אונז גאר ניט. נאָך מעהר, פאַר דעם וואס דער ווילען איז אין איהם צערשטערט געוואָרען, איז אַלעס, דער הימעל, די שטערען, די מענשהייט און די גאַנצע וועלט — גאר ניט!"

„הבל הבלים!" זאגט שלמה. „הבל הבלים, אַלעס איז גאר ניט! וואס קומט דעם מענשען ארויס פון זיין גאַנצער מיה וואס ער האט אונטער דער זונן? איין דור געהט אוועק און איין אַנדערער קומט. אָבער די ערד בלייבט אימער אזוי... די זאַך וואס איז איינמאל געווען, איז דיעזעלבע זאַך וואס וועט זיין; און דאס וואס איז געמאַכט געוואָרען, וועט זיין דאסזעלבע וואס וועט געמאַכט ווערען, און עס איז גאר נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זונן.

„איז דאָ עפּעס א זאַך וואס א מענש קען זאגען: זעה, דאס איז נייעס? עס איז שוין געווען אין אַלטע צייטען, נאָך פאַר אונז. עס גיבט קיין ערינערונג איבער פריהערינע זאַכען, און עס וועט אויך ניט זיין קיין ערינערונג איבער זאַכען וואס וועלען זיין, און איבער זאַכען וואס וועלען זיין נאָך דעם.

„איך, קהלת, בין געווען קעניג איבער ישראל אין ירושלים. און איך האב נעגעבען מיין הארץ נאכצופאָרשען און נאכצוקלערען דורך חכמה איבער אלעס וואס טהוט זיך אונטער דעם הימעל, און איך האב אויסגעפונען, אז דאס איז א שלעכטער עסק וואס גאָט האט נעגעבען דעם מענשען ער זאָל זיך דערמיט פּלאָגען. איך האב געזעהען, אז אלעס וואס ווערט אָבגעארבייט אונטער דער זונן, איז פּוסט און א גייסטיגע פלאָג...

„איך האב מיך בעראטהען מיט מיין אייגענעם הארץ, און געזאגט, זעה, איך בין גרויס געוואָרען און אָנגעזאמעלט חכמה מעהר אלס אלע אנדערע וואס זיינען געווען פאר מיר אין ירושלים, און מיין הארץ האט געהאט פיעל ערפאהרונג אין חכמה און וויסענשאַפט, און איך האב געגעבען מיין הארץ צו פערשטעהען חכמה, וויסענשאַפט, דומהייט, און נארישקייט: איך האב בעמערקט, אז אויך דאס איז א פוסטע זאך. וואס מעהר חכמה, מעהר פערדרוס; און דער וואס בעזיטצט מעהר וויסענשאפט, האט מעהר שמערץ.

„איך האב געזאגט צו מיין הארץ: לאָמיר נאָר פּראָבירען פרעהליכקייט און הנאה האבען פון גוטעס, אָבער אויך דאס איז א פוסטע זאך. אויף געלעכטער האב איך געזאגט דומהייט, און אויף פרעהליכקייט, וואס טויג דאס?

„איך האב געזוכט אין מיין הארץ און בעשלאָסען מיך איבערצוגעבען צום ויין (דערוויילּ האב איך מיך פעסט געהאלטען אן חכמה) און אָנכאפּען די נארישקייטען ביז איך זאָל זעהען וואס עס איז גוט פאר די מענשען־קינדער, וואס זייא זאָלען טהון אונטער דעם הימעל אלע טעג פון זייער לעבען.

„איך האב מיר געמאַכט גרויסע ווערקע, מיר געבויעט הייזער, געפלאַנצט וויינגערטנער, איינגעריכטעט גערטנער און לוסט־גערטנער, און אין זייא געפלאַנצט אלערלייא פרוכטען; איך האב מיר געמאכט וואסער־קאנאלען, אום פון זייא צו בעגיסען דעם וואלד וואס פּראָדוצירט בוימער; איך האב מיר געקויפט דיענער און דיענסטען, און פאמיליע האב איך געהאט; אויך פיעלע שאף און רינדער האב איך געהאט מעהר אלס אלע וואס זיינען געווען פאר מיר אין ירושלים. איך האב מיר אָנגעזאמעלט זילבער און גאָלד און טהייערע שעטצע פון קעניגע און לענדער; איך האב מיר איינגעשאפט זענגער און זענגערינס און פערגניגענגס פון מענשען־קינדער, וויא פערשיעדענע מוזיקאלישע אינסטרומענטען.

„אייף דיעזער ארט בין איך גרויס געוואָרען און איך האב אָנגעזאמעלט מעהר אלס אלע אנדערע וואס זיינען געווען פאר מיר אין ירושלים: און מיין חכמה איז מיר אויך געבליעבען. און אלעס וואס מיינע אויגען האבען פערלאנגט, האב איך

זייא נים ענטזאגט, איך האב נים צוריק געהאלטען מיין הארץ פון פרייד... דאן האב איך מיך ארום געקוקט צו אלע ארבייטען וואס מיינע הענד האבען מיר איינגעשאפט, אויף דער ארבייט וואס איך האב מיך בעמיהעט, און זעה, אלעס איז פוסט און א גייסטעס פלאג, און עס איז גאר קיין פערדיענסט אונטער דער זונן.

„און איך האב מיך אומגעווענדעט צו זעהען חכמה, דומהייט און נאַרישקייט... און איך אליין זעה, דיזועלבע זאך פאסירט מיט אלע. דאן האב איך געזאגט אין מיין הארץ, דאס וואס עס פאסירט מיט דעם נאר, אזוי פאסירט אויך מיט מיר, און וואס האב איך דא אויפגעטהאן מיט מיין חכמה? דאן האב איך געזאגט אין מיין הארץ, אז אויך דאס איז פוסט, ווייל עס גיבט קיין ערהאינערונג פון דעם חכם מיט דעם נאר אויף אייביג; ווייל דאס וואס עס איז יעטצט, וועט שפעטער אין גאנצען פערגעסען ווערען, און וויא שטארבט דאס דער חכם אזוי וויא דער נאר?

„דערפאר האב איך געהאסט דאס לעבען, ווייל אלעס וואס מען טהוט אונטער דער זונן, איז מיר שמערצהאפט, און אלעס איז פוסט און א גייסטעס פלאג.

„איך האב געהאסט אלעס איבער וואס איך האב מיך בעמיהעט אונטער דער זונן, ווייל איך דארף דאס לאזען צו א מענשען וואס וועט זיין נאך מיר... וואס האט דען א מענש פון זיין גאנצער מיה און פון דער וועהטאג אין זיין הארצען, אין וועלכען ער האט געארביים אונטער דער זונן? ווייל אלע זיינע טעג זיינען שמערצען און וועהטאגען און אפילו בייא נאכט רוהט נים זיין הארץ, אויך דאס איז פוסט. עס גיבט קיין זאך וואס זאל זיין בעסער פאר דעם מענשען, וויא צו עסען און טרינקען, און ער זאל זעהען זיין קערפער זאל הנאה האבען פון זיין מיה. דאס האב איך אויך געזעהען איז פון גאט'ס האנד...

„מיט יעדען פאסירט דיזעלבע זאך: מיט דעם צדיק, רשע, גוטען, ריינעם, אונריינעם, און צו דעם וואס איז יא מקריב קרבנות און צו דעם וואס איז נים מקריב קיין קרבנות; מיט דעם גוטען וויא מיט דעם זינדער; מיט דעם וואס שווערט יא און מיט דעם וואס האט מורא פאר א שבועה. דאס איז זעהר שלעכט מיט אלעס וואס איז אונטער דער זונן, וואס מיט יעדען פאסירט דאסזעלבע, און דיא מענשליכע הערצער זיינען פול מיט שלעכטעס, און דומהייט איז אין זייער הארץ בר"זמן זייא לעבען, און דאן געהען זייא איבער צו דיא טויטע.

„ווייל דער וואס איז נאך מיט דיא לעבעדיגע, האט נאך האפנונג, ווייל א

לעבעדיגער הונד איז בעסער אלס א טויטער לייב. דיא לעבעדיגע ווייסען אז דיא דארפען לעבען, נאר דיא טויטע ווייסען גאר ניט, און זייא האבען אויך קיין בעלוינונג, ווייל זייער עראינערונג איז שוין פערגעסען געוואָרען. אויך זייער ליעבע, זייער האס און זייער קנאה, איז שוין פערלוירען געגאנגען; און זייא האבען שוין קיין אנטהייל אויף אייביג אין דעם וואס עס ווערט אָבגעטהאָן אונטער דער זונן.״

אזוי רעדט שלמה, אָדער דער וואס האט געשריעבען קהלת, דאסזעלבע זאגט אויך א חכם פון אינדיען:

„סאקיא מוני (בודדהא), דער יונגער און גליקליכער יורש פון א גרויסען טראָהן, וועלכער האט נאך ניט געהאט געזעהען קיין קראנקהייט, אלטקייט און טויט, איז אמאל ארויס געפאָהרען שפאצירען און דערזעהן זעהר א מיאוסען אלטען מאן אָהן צייהן. דער פרינץ איז געוועו שטארק פערוואונדערט, און געפרעגט דעם טרייבער וואס דאס בעדייטעט, און ווארום דער מאן געפינט זיך אין אזא טרויעריגען צושטאנד. ווען ער האט ערפאהרען, אז דאסזעלבע שיקזאל טרעפט יעדען מענשען, און אז ער אליין, טראָטץ דעם וואס ער איז א פרינץ און יונג, מוז אונבעדינגט אמאל אויך אזוי ווערען, האט ער ניט געקענט פאָרטזעטצען דעם שפאציר און געהייסען אומקעהרען דיא דראָשקע אהיים, דאמיט ער זאָל זיך דאס אלעס קענען איבערדענקען.

„ער האט זיך אָבגעשלאָסען אליין אין א צימער און דאס איבערגעדענקט. עס שיינט, אז ער האט וואהרשיינליך געדענקט איבער עפעס וואס האט איהם געטרייסט, דען ער האט ווידער געהייסען איינשפאנען דיא דראָשקע און איז אויסגעפאָהרען, זייענדיג זעהר מונטער.

„דיעזעס מאל האט ער בעגעגענט גלאט א קראנקען מאן. ער האט פאר זיך ערבליקט איין אויסגעמאָגערטע און זעהר שוואכען מענשען, וועלכען׳ס געזיכט איז געוועו שטארק בלוי און זיינע אויגען זעהר פערדונקעלט. דער פרינץ האט געהייסען בלייבען שטעהען און געפרעגט וואס דאס בעדייטעט ווען מען האט איהם דערצעהלט, אז דאס איז קראנקהייט, און יעדער מענש איז אונטערוואָרפען דערצו; דאס ער אליין, אָבוואָהל יונג און גליקליך, קען צו יעדען אויגענבליק קראנק ווערען, האט ער ווידער פערלוירען דעם חשק צום שפאצירען און געהייסען אומקעהרען אהיים.

„אין דער היים האט ער נאך אמאל געזוכט צו בערוהיגען זיין גייסט, און ווי

עס שיינט, האט ער זיך אויך בערוהיגט, ווייל ער איז באלד ווידער אויסגעפאָהרען מיט זיין דראָשקע.

„דיעזעס מאל האט ער אויך דערזעהען א נייע זאך: איינינע מענשען האבען עפּעס פארבייא געטראגען. „וואס איז דאס?" האט ער געפרעגט. „א טויטער קערפּער." און וואס הייסט דאס א טויטער קערפּער?" דארויף האט מען ער־קלערט דעם פּרינץ וואס א טויטער קערפּער הייסט, און, עס וועט קומען דיא צייט, ווען ער וועט אויך אזוי זיין.

„דער פּרינץ איז ארונטער פון דער דראָשקע און איז צוגעגאנגען צום טויטען קערפּער, איהם אויפגעדעקט און בעטראכט. „וואס וועט פון איהם ווערען?" האט דער פּרינץ געפרעגט. מען האט איהם געענטפערט, אז דער טויטער קערפּער וועט אריין געוואָרפען ווערען אין א לאָך וואס מען גראָבט אויס אין דער ערד. „ווארום?" האט ער געפרעגט. „ווייל ער וועט שוין קיינמאל מעהר ניט לעבען, און נאָר נבלה מיט ווערים קען פון איהם ווערען." „און דאס פּאסירט מיט אלע מענשען? און דאסזעלבע וועט אויך זיין מיט מיר? מען וועט מיך אריין לעגען אין דער ערד איך זאָל שטינקען און פון מיר זאָלען ארוים קומען ווערים?" „יא!" האט מען איהם געענטפערט. „צוריק! מעהר וויל איך ניט שפּאצירען, און איך וועל שוין קיינמאל מעהר ניט שפּאצירען!"

„אויף דיעזער ארט האט סאקיא מוני מעהר ניט געקענט געפינען קיין טרייסט אין לעבען, און ער האט בעשלאָסען, אז דאס לעבען איז זעהר א שלעכטע זאך, און ער האט אלעס מעגליכע אָנגעווענדעט צו בעפרייען זיך און אויך אנדערע פון דעם לעבען, דאמיט נאָך'ן טויט, זאָל קיין לעבען מעהר ניט קומען, און זאָגאר צער־שטערען דעם וואָרצעל פון לעבען."

אזוי רעדען אלע אינדישע חכמים. דאָ האבען מיר דעם איינציגען גראדען ענטפער וואס מענשליכער פערשטאנד קען געבען אויף דעם געהיימנים פון לעבען:

„דאס לעבען פון דעם קערפּער איז שלעכט און א ליגען, און דאפיר איז דיא פערניכטונג פון דיעזען לעבען, דיא איינציגע גוטע זאך וואס מיר קענען ווינשען."

אזוי זאגט סאָקראטעס.

שפּאָענהויער זאגט אזוי:

„לעבען איז שלעכט, ניט לעבען איז גוט. דאס גוטע אין לעבען, איז דער איבערגאנג פון עפּעס אין גאר ניט."

אלעס אין דער וועלט, דומהייטען און חכמה, רייכטהום און ארמוטה, פרייד און שמערץ, אלעס איז פוסט און ווערטהלאָז. דער מענש שטארבט און עס בלייבט פון איהם גאר ניט איבער. „דאס איז אויך א פוסטע זאך," זאגט שלמה.

בודדהא זאגט:

„צו לעבען ניט וויסענדיג אז ליידען, קראנקהייט, אלטקייט און טויט זיינען אונפערמיידליך, איז אונמעגליך; דערפאר מוזען מיר לויז ווערען פון לעבען, און אויך לויז ווערען פון יעדער מעגליכקייט וואס פעראורזאכט לעבען."

און וואס דיעזע מעכטיגע געדאנקען האבען געזאגט, וואס מיליאָנען און מיליאָנען מענשען האבען געדענקט און געפיהלט, האב איך אויך געדענקט און גע־פיהלט.

מיינע וואנדערונגען אויף דיא פעלדער דער וויסענשאפט, האבען ניט נאָר מיך ניט געקענט קורירען פון מיין פערצווייפלונג, זאָנדערן זייא האבען דאס נאך פערגרעסערט.

איין צווייג דער וויסענשאפט, האט גאר קיין ענטפער ניט געגעבען אויף דעם רעטענעש פון לעבען, איין אנדערע האט געגעבען א דירעקטען ענטפער וואס האט בעשטעטיגט מיין פערצווייפלונג, און מיר אויך בעוויעזען, אז מיינע געדאנקען זיינען ניט פערווירט, זאָנדערן זעהר שטארק און מעכטיג, וויל איך דענק גראדע אזוי וויא דיא גרעסטע דענקער.

ניין, איך האב מיך ניט געקענט נארען. אלעס איז מיר ערשיענען פוסט און וויסט. געבוירען צו ווערען איז דאס גרעסטע אונגליק. טויט איז פיעל בעסער וויא לעבען, און מען מוז זעהען לויז ווערען פון דער לבענס-לאסט.

7.

נאכדעם וויא עס איז מיר ניט געלונגען צו געפינען איין ערקלערונג אין וויסענ־שאפט, האב איך אָנגעפאנגען צו זוכען אין לעבען זעלבסט, האָפענדיג דאס פיעל־לייכט צו טרעפען אין דיא מענשען וואס זיינען ארום מיר. איך האב אָנגעפאנגען אויפצופאסען מענשען וויא איך אליין בין געווען, שטודירען וויא זייא לעבען, און וויא זייא בעטראכטען, פון א פראקטישען שטאנדפונקט וואס דיא פראגע, וועלכע האט מיך געבראכט צור פערצווייפלונג.

יעטצט הערט וואס איך האב געפונען אונטער מענשען פון אזא קלאסע וויא איך בין און פון אזא בילדונג וויא איך האב גענאָסען. איך האב ענטדעקט פיער אויסוועגען אום לויז צו ווערען פון פערצווייפלונג.

דער ערשטער אויסוועג, איז אונוויסענהייט. דאס בעשטעהט אין דעם, וואס מען בעמערקט ניט און מען פערשטעהט ניט, אז לעבען איז שלעכט און דום. מענשען פון דיעזער קלאסע — מייסטענטהיילס זיינען דיעזע פרויען, אדער מענער וואס זיינען ענטוועדער זעהר יונג אדער זעהר דום, — האבען ניט פערשטאנען דאס רעטעניש פון לעבען וויא שאפענהויער שטעלט עס פאר, אדער וויא שלמה און בודדהא ערקלערן עס. זייא זעהן ניט דעם קראקאדיל וואס ערווארטעט זייא, און אויך ניט דיא מייז וואס פרעסען דורך דיא פלאנצונג און וועלכער זייא האלטען זיך אן, און זייא לעקען דעם האניג. זייא לעקען אבער נאר דעם האניג אויף א קורצער צייט; אירגענד עפעס ציהט פריהער אדער שפעטער צו זייער אויפמערקזאמקייט צום קראקאדיל און דיא מייז, און דער האניג פערלירט זיין זיסען טעם. פון דיעזער קלאסע מענשען האב איך גאר ניט געקענט לערנען, ווייל עס איז אונמעגליך צו פערשמייסען דאס וואס מיר ווייסען.

דער צווייטער אויסוועג איז צו זיין איין עפיקורעער. דאס בעשטעהט אין דעם, אזוי וויא מיר ווייסען, אז דאס גאנצע לעבען האט גאר ניט ווערטה, זאלען מיר זיך פערשאפען אלעס וואס קען הייסען גוט, און אויסמיידען דעם בליק פון דעם קראקאדיל און דיא מייז, און מיר זאלען אויך זוכען דעם האניג איבעראל און פון איהם געניעסען אזוי פיעל וויא נאר מעגליך. שלמה אליין האט אויך פראבירט דיעזעס מיטעל.

אויף דיעזער ארט האנדלען זעהר פיעלע פון מיין קלאסע, און מאכען זיך דאס לעבען ערטרעגליך. זייא ווייסען מעהר פון דעם גוטען וויא פון דעם שלעכטען לעבען, און זייערע שטומפיגע מאראלישע בעגריפע מאכען זייא פערגעסען, אז זייער זאגענאנטעס גליק איז נאר צופעליג, און ניט אלע מענשען קענען האבען אזעלכע הארעמען און פאלאסטען וויא שלמה האט געהאט. ניין, זייא זעהען עס ניט און שפירען עס ניט, דאס צור צייט וואס איין מענש האט טויזענד ווייבער, זיינען פערהאנדען טויזענד מענער וואס האבען גאר ניט; אז יעדער פאלאסט מוז געבויעט ווערען דורך טויזענדער מענשען מיט דעם שוויס פון זייער געזיכט, און, אזוי וויא דער צופאל האט מיך היינט געקענט מאכען פאר א שלמה, קען ער מיך מארגען מאכען פאר שלמה׳ס א שקלאף. דיעזעלבע שטומפיגע מאראלישע בעגריפע, מאכט אויך דיעזע לייטע פערגעסען וואס עס האט געשטערט בודדהא׳ס רוהע, דאס הייסט, אונפערמיידליכע קראנקהייט, עלטער־שוואכקייט און טויט, וועלכעס קומט פריהער אדער שפעטער און מאכט א סוף פון אלע פערגניגענס.

אזוי דענקען און פיהרען זיך דער מעהרצאהל מענשען פון אונזער צייט און

פון דער העכערער קלאסע. מאנכע רופען דאס אויך אפילו פאזיטיווע פילאזאפיע, אבער עס מאכט קײן אונטערשיעד צווישען זײא און דיזע וואס ערבליקען די ריכטיגע פראגע און לעקען דאך דעם האניג.

איך האב ניט געקענט טהון דאסזעלבע וויא דיזע מענשען; מײן פערשטאנד איז ניט געוועזען אזוי שטומפיג וויא זײערער, און איך האב שוין ניט געקענט איבערמאכען מײנע געפיהלע. וויא אווירקליכער לעבעדיגער מענש וואס פערשטעהט זײן צושטאנד, האב איך שוין ניט געקענט אבווענדען מײנע אויגען פון דעם קראקאדיל און דיא מייז, וועלכע איך האב אײנמאל ערבליקט.

דער דריטער אויסוועג, איז דורך דער קראפט און ענערגיע פון דעם כאראקטער. דאס בעשטעהט אין דעם, וואס מיר צערשטערען דאס לעבען זא שנעל וויא מיר האבען בעמערקט, אז לעבען איז שלעכט און דום. נאר אזעלכע מענשען וואס בעזיטצען א שטארקען און שטאנדהאפטען כאראקטער, קענען אזוי האנדלען. פערשטעהענדיג דיא גאנצע דומהייט און דעם מיאוס׳ען שפאס וואס מען שפּעלט מיט אונז, און בעגרייפענדיג פיעל בעסער דאס גליק פון דעם טויטען וויא פון דעם לעבעדיגען, מאכען זײא באלד אײן ענדע פון דער לעבענס־טראגעדיע, און בענשען אירגענד א מיטעל וואס קען זײא בעפרייען — א שטריק ארום האלז, וואסער צום טרינקען זיך, א מעסער אין הארצען, אדער אײן אײזענבאהן. דער צאהל פון דיזע אונטער מײן קלאסע, וואס טהון עס, פערמעהרט זיך יעדעס מאל א[illegible]ך מעהר, [illegible] דיזע וואס טהון עס, זײנען מײסטענטהײלס יונג, מיט זײער גאנצער פ[illegible]ראפט ניט אבגעשוואכט, און בלויז מיט א פאאר קלײנע פעהלערען וואס קענען אנגרייפען א מענשען מיט גײסטיגע קראפט. איך האב אײנגעזעהען, אז דיזעס רעטונגס־מיטעל, איז דאס בעסטע, און איך האב מיך געוואלט דערמיט בעדיענען.

דער פיערטער אויסוועג איז דורך שוואכקײט. אבוואהל מען זעהט ארויס, אז דאס לעבען איז שלעכט און דום, לעבט מען דאך וױיטער אהן א פארוואס. מענ[illegible] פון דיזער קלאסע ווייסען גאנץ גוט, אז דער טויט איז בעסער וויא דאס לעבען, אבער זײער כאראקטער איז צו שוואך אום צו האנדלען וויא זײער פערשטאנד דיקטירט, וועלכער בעווײזט, אז זעלבסטמארד איז א בעפרייאונגס־מיטעל. צו דיזער קלאסע מענשען, האב איך אויך בעלאנגט.

אויף דיזער ארט, רעטען זיך מענשען פון מײן קלאסע, אויף פיער פערשיעדענע אויסוועגען. איך האב געזוכט און אנגעשטרענגט מײן בעסטע גײסטיגע קראפט צו געפינען א פינפטען וועג, אבער איך האב ניט געקענט.

דער ערשטער אויסוועג, ווִיא איך האב שוין געזאגט, איז, ניט צו וויסען, אז דאס לעבען איז א פעקעל צרות מיט לייד. אָבער איך זאָל דאס ניט וויסען, איז געווען אונמעגליך, און כל־זמן איך האב שוין איינמאל געזעהען דיא וואהרהייט, האב איך מעהר מיינע אויגען ניט געקענט צו מאכען.

דער צווייטער אויסוועג, איז, צו געניסען דאס שענסטע און דאס בעסטע יעטצט, און זיך ניט קימערן וואס מאָרגען וועט זיין. אויך דאס האב איך ניט געקענט טהון. גלייך מיט סאקיא מוני האב איך ניט געקענט ווייטער שפּאצירען זאָלאנג וויא איך האב בעמערקט עלטער־שוואכקייט, צרות און טויט. מיינע געדאנקען זיינען געווען צו לעבהאפט דאפיר און איך האב אלעס מיר פאָרגעשטעלט. אויסער דעם, האבען מיך דיא פאאר פרעהליכע מינוטען וואס איך האב דאָך גענאָסען, גאר ניט געקענט טרייסטען.

דעם דריטען אויסוועג, מיר צו נעהמען דאס לעבען, ווייל לעבען איז איין אבשייליבע זאך, האב איך ניט געקענט נעהמען, ווייל איך האב ניט געהאט מוטה גענוג צו שטארבען.

דער פיערטער אויסוועג איז צו אקצעפּטירען דאס לעבען וויא שלמה און שאָפּענהויער האבען עס ערקלערט, דאס הייסט, צו וויסען, אז לעבען איז נאריש און א מיאוסער שפאס, און דעננאך לעבען, זיך וואשען, אָנקליידען, עסען, רעדען און זאָגאר שרייבען ביכער. דיעזער צושטאנד האט מיך געעקעלט, אָבער איך האב איהם דאָך אקצעפּטירט.

איך זעה יעטצט איין, אז איך האב מיך דערפאר ניט געטויטעט, ווייל אין מיין פערווירונג, האב איך דאָך נאָך געהאט עפּעס א שוואכע אהנונג, אז מיינע אידעען זיינען נאָך ניט אין גאנצען ריכטיג.

יא, טראָטץ דעם וואס איך האב מיך געזעהען דענקענדיג גלייך מיט דיא קליגסטע מענשען, פון דער ערד, האב איך דאָך געשפירט עפּעס א פערווירטען צווייפעל אויפשטייגענדיג אין מיר, אז מיינע בעשליסע זיינען נאָך ניט אין גאנצען אמת. איך האב אזוי געטראכט:

„מיין פערשטאנד זאגט מיר, אז לעבען איז געגען דעם פערשטאנד. ווען עס גיבט קיין אנדערע זאך וואס איז העכער וויא דער פערשטאנד (און עס גיבט אויך ניט,) דאן איז דער פערשטאנד דער בעשעפער פון מיין לעבען; ווען עס זאָל ניט זיין קיין פערשטאנד, וואָלט איך אויך קיין לעבען ניט געהאט. וויא אַלזאָ איז דאס מעגליך, אז פערשטאנד איז געגען לעבען, ווען דער פערשטאנד שאפט לעבען?

רענקענדיג ווידער פון איין אנדערן שטאנדפונקט: ווען עס זאל נים זיין קיין לעבען, דאן וואלט איך נים געהאט קיין פערשטאנד, פאלגליך שטאמט דער פערשטאנד פון לעבען, און דאס לעבען איז אלסדינג. פערשטאנד איז דער פראדוקט פון לעבען, און דעננאך איז דער פערשטאנד געגען לעבען."

איך האב געשפירט, אז דאס איז עפעס נים אין גאנצען ריכטיג. איך האב ווידער אזוי געטראכט:

„דאס לעבען האט אהנע צווייפעל, קיין בעדייטונג, און איז א שלעכטע זאך, אבער איך האב געלעבט און לעב נאך, און אזוי האבען געלעבט און עס לעבען נאך מענשען. וויא איז דאס אלזא? צו וועלכען צוועק לעבען אלע מענשען, ווען אלע מענשען דארפען שטארבען? איז עס מעגליך, אז בלויז איך און שאפענהויער אליין, האבען פערשטאנען דיא אונבעדייטענדע פוסטקייט און שלעכטקייט פון לעבען?"

צו זעהען דיא ווערטהלאזיגקייט פון דעם לעבען, איז גראדע א גאנץ איינפאכע זאך, און אפילו דיא איינפאכסטע מענשען האבען עס שוין לאנג בעגריפען, און דענ־נאך לעבען מענשען פארווערטס. יא, מענשען לעבען פארווערטס, אבער זייא בע־מיהען זיך קיינמאל נים נאכצוזוכען איבער דעם פערשטאנד אין לעבען!

מיין איינענע וויסענשאפט צוזאמען מיט דער וויסענשאפט פון דיא קלינסטע מענשען, האט בעשטעטיגט, אז אין אלעם וואס עקזיסטירט, געפינט זיך דיא גרעסטע חכמה, וויא דאס איז ארגאנזשירט, בלויז איך אליין געפין זיך אין א נארישען צושטאנד. אבער דאס מערקווירדיגסטע דערבייא איז, וואס דיא גרויסע מאסען פון דיא מיט־מענשען, וועלכע וייסען גאר נים פון קיין וויסענשאפט און בע־גרייפען נים קיין חכמות אין אלעם וואס עקזיסטירט, און דאך לעבען זייא אונטער פערנינפטיגע צושטענדען!

דאן האב איך אזוי געטראכט:

„פון וואנען וויים איך, אז איך בין שוין גאר דער חכם, און עס געפינט זיך נים נאך עפעס פיר מיר צו וויסען און ערפאהרען? ווירקליך, וויא איך האנדעל, האנדעלט יעדער דומקאפ. עס איז אימער אזוי דער פאל; דער מענש האט א טבע אנצורופען אלעם נארישקייטען, וואס ער פערשטעהט נים. עס קומט אויס, לויט דעם וואס איך זעה, אז מענשען האבען אימער געלעבט און לעבען נאך, און זייא געפינען דערבייא א בעדייטונג אין לעבען. ווען לעבען זאל טאקי ווירקליך זיין אזא דומהיים, ווארום האבען זיך אלע מענשען נים פעראייניגט און בעשלאסען

אויסצושטארבען? איך ווייעדער, זעה אין לעבען קיין בעדייטונג און איך קען ניט לעבען — ווארום איז דאס?"

ניעמאנד לייקענט אָב דעם פאקט, אז נאבדעם וויא מיר בענעהען זעלבסט־מארד, לעבען מיר ניט מעהר. ווען איינער ליעבט ניט דאס לעבען, דאן זאָל ער בענעהען זעלבסטמאָרד — אָבער דאַן הערט דאָך שוין אויף יעדער ארגומענט איבער דעם לעבען.

גוט אלזאָ, ווען דאס לעבען געפעלט ניט, זאָל מען מאכען א סוף דערפון. ראכט זיך דאס איז דאָך גאַנץ דייטליך? טראַכט דעם אָבער וואס מען מאכט דעם חשבון גאַנץ ריכטיג, וויל זיך דאָך ניט שטארבען. ווארום איז דאס?

אונזער חכמה, וויא שטארק און מעכטיג זיא זאָל נאָך זיין, האט אונז ניט מיטגעטהיילט דיא בעדייטונג פון לעבען. מיט חכמה קענען מיר אלזאָ ניט ער־גרינדען דיעזעס געהיימניס. ווארום אלזאָ זעטצט פאָרט דיא גאַנצע מענשהייט צו לעבען און געפינט דאָך א מיינונג אין דעם?

איך האב אָנגעהויבען צו בעטראַכטען דיא דורות פון דעם גרויען אלטער־טהום. איך האב אָבער אויסגעפונען, אז מענשען, סאַי ווען זייא האבען געלעבט, האבען זייא געפונען עפּעס א בעדייטונג אין לעבען, און דארויף געשטיטצט האבען זייא געלעבט. אלעס וואס איך זעה ארום מיר, איז אלץ דער פּראָדוקט פון זייער וויסענשאפט אין לעבען.

זאָגאר מיין גייסטיגער אינסטרומענט, מיין געהירן, איז אויסגעבילדעט געוואָרען ניט דורך מיר, זאָנדערן דורך זייא. איך בין געבוירען געוואָרען, אויפגע־צויגען און אויפגעוואקסען, אלץ דורך זייא.

זייא האבען אויסגעגראבען דאס אייזען, געמאכט שנייד־מעסערס, געלערענט וויא אויסצוהאקען דעם וואלד, צאהם מאכען קיה און פערד, פערזייען קאָרן, לעבען איינער מיט אנאנדער; זייא האבען געשאפען איין אָרדנונג און א פאָרמע אין לעבען; אויסערדעם האבען זייא מיך געלערענט וויא צו דענקען און וויא צו רעדען. און איך, זייער ווערק, זייער קינד, זייער שילער פון געדאנקען און ווערטער, געה זייא בעווייזען, אז זייא האבען קיין בעדייטונג!

„דאָ מוז עפּעס זיין," האב איך מיר געטראכט, „וואס איז ניט ריכטיג. איך האב געמוזט מאכען עפּעס איין אירטהום." אָבער איך האב דאָך ניט געקענט ענטדעקען וואו דער אירטהום ליעגט.

8.

אלע דיזע צווייפלען וואס איך קען יעטצט אויסשפּרעכען, פיעל אָדער ווענינ, ־ייטליך, האב איך דאמאלס נים נעקענט ערקלערען. איך האב בלויז דאמאלס גע־ שפּירט, אז טראָטץ מיין לאַנגישער זיכערהייט, אז דאס לעבען איז א פּוסטע זאך, מוז דאך נאך עפּעס זיין א קליינער פעהלער אין מיין דענקען.

אויב דאס איז געלעגען אין דעם בעשלוס אָדער אין דער פראגע, האב איך אליין נים געוואוסט. איך האב בלויז געשטודירט, אז טראָטץ דעם וואס מיין פערשטאנד איז געווען פאָלקאָמען איבערצייגט, איז דאס אליין אויך נים גענוג געווען.

אלע מיינע בעווייזע און איבערצייגונגען האבען מיך נים געקענט פיהרען דערצו, איך זאָל בעגעהען זעלבסטמאָרד.

איך וועל נים זאגען דיא וואהרהייט, ווען איך וועל בעהויפּטען, אז בלויז מיין פערשטאנד האט מיך דערצו געבראכט איך זאָל אזוי דענקען. דער פערשטאנד האט געוויס געארבייט, אָבער נאך עפּעס האט מיטגעארבייט, איין עפּעס וואס איך קען נאָר אָנרופען א נאטירליכעס בעוואוסטזיין פון לעבען.

עס האט אין מיר אויך געארבייט א קראפט וואס האט צוגעצווינגען מיין אויפ־ מערקזאמקייט מעהר צו איין זאך וויא צו איין אנדערער, און דאס האט מיך ארויס געצווינגען פון דער פערצווייפלענדער לאגע, און דאן גענצליך געענדיגט דעם לויף פון מיינע געדאנקען. דיזע קראפט האט מיך געפיהרט צו דער אידעע, אז איך, און נאך טויזענד אנדערע וויא איך בין, בילדען נאך נים דיא מענשהייט, — אז איך וויים נאך אימער נים וואס מענשליכעס לעבען איז.

ווען איך האב געשטודירט דיזע מים וועלבע איך פלעג מיך צוזאמען קומען, האב איך געזעהען בלויז מענשען וואס האבען נים פערשטאנען דיא פראגע; מענשען וואס האבען אוועק געבוינען דעם פערשטאנד פון דיזער פראגע, דורך דער אויפרעגונג אין לעבען; מענשען וואס האבען עס פערשטאנען און געמאכט א סוף פון זייער לעבען, און מענשען, וועלבע האבען עס יא פערשטאנען, האבען פארט־ געזעטצט צו לעבען אין פערצווייפלונג.

קיין אנדערע האב איך נים געזעהען.

מיר האט עס דאמאלס אויסגעזעהען, אז דיא קליינע קלאסע צו וועלבער איך האב דאמאלס בעלאנגט, און געבילדעטע געלעהרטע, רייכע און לעדיג־געהערס,

בילדען דיא גאנצע מענשהייט, וועהרענד אלע איברינע מיליאָנען, לעבען נאָר וויא בהמות, און ניט וויא קיין מענשען.

עס איז מיר יעטצט גאנץ אונפערשטענדליך, וויא אזוי איך האב דאמאלס געקענט דענקען, אז נאָר מיין לעבען, און דאס לעבען פון שלמה'ן מיט שאָפּענ־הויער'ן, האט ווערטה געהאט אָנצורופען לעבען; עס איז מיר אונבעגרייפליך, וויא אזוי איך האב גאר אין גאנצען פערזעהען דאס לעבען פון א גאנצער וועלט אויסער אונז דרייא. אָבער וויא דיא זאך איז, אזוי האב איך דאמאלס געדענקט.

פערפיהרט פון מיין וויסענשאַפטליכען שטאָלץ, האב איך גערעכענט, דאס אויסער מיר, שלמה און שאָפּענהויער, האט נאך קיינער ניט געשטעלט אזוי ריכטיג דיא פראגע איבער דער בעדייטונג פון לעבען, און עס קען גאר קיין אנדערע פאָרמע דערבייא ניט זיין. עס האט מיר אויסגעזעהען אונצווייפעלהאפט, אז אלע מיליאָנען מענשען האבען ניט געקענט בעגרייפען דיא טיעפקייט פון דער פראגע און איהר בעדייטונג.

אָבער דער שלום איז געווען, אז איך האב מיך אזוי געפרעגט:

„מילא איך בעהויפּטע, אז דאס לעבען איז שלעכט און א מיאוסקייט און דערפאר איז ניט ווערטה צו לעבען; דיא מיליאָנען אנדערע מענשען אָבער בע־הויפּטען, אז זייא לעבען, ווייל דאס לעבען האט ווערטה צו לעבען — וואס פאר איין ערקלערונג געבען זייא דאריעבער?"

אזוי, אין דיעזען צושטאנד, האב איך אָבגעלעבט זעהר א לאנגע צייט, און אָבוואהל איך האב מיינע אידעען און טהעאָריען ניט עפענטליך ארויס געזאגט, איז עס אָבער געווען זעלבסטפערשטענדליך פון מיין לעבען און פון מיינע האנדלונגען, אז אזוי דענק איך, גראדע וויא עס איז דער פאל מיט מאנכע אנדערע פון מיין קלאסע, וועלכע צעהלען זיך צו דיא ליבעראלסטע און געלערענטע פון דער געזעל־שאפט.

איך האב אימער געהאט א ליעבע אָדער א נייגונג צו דיא ארבייטער קלאסען, און דאס האט מיך מעהרערע מאל געטריעבען איך זאל זייא שטודירען און איינ־זעהען, אז זייא זיינען ניט אזוי דום און נאריש וויא מיר רעכענען זייא. דאס איז געווען איין אורזאכע ווארום איך בין ניט צופריעדען געווען מיט מיינע פריהערינע פילאזאפישע בעשליסע. דאן האב איך גלאט געצווייפעלט, אויב אויפהייגנען זיך קען שוין אלעס ערקלערען איבער דיא געהיימניסע פון לעבען, און צוזאמען אלזא, האב איך בעשלאָסען צו לעבען און זוכען צו ערפאהרען אלעס מעגליכע. איך האב איינגעזעהען, אז זוכען דיא בעדייטונג פון לעבען, קען מען דאס ניט געפינען אונטער

ריעזע וואס האבען פערלוירען דעם חשק צום לעבען און ווילען בעגעהען זעלבסט־מארד, זאנדערן אונטער די לעבעדיגע און טויטע, וועלכע האבען געמאכט פון אונזער לעבען דאס וואס עס איז, און אויף וועמען עס ליעגט יעצט די לאסט פון אונזער גאנצעס לעבען.

אויף דיעזער ארט האב איך אנגעפאנגען צו שטודירען די גרויסע מאסע טויטע און לעבעדיגע, דאס לעבען פון דעם פראסטען, אונגעבילדעטען און ארמען מענשען, און, איך האב ווירקליך ענטדעקט דארט עפעס גאנץ פערשיע־דענעס.

איך האב איינגעזעהען, אז אלע דיעזע מיליאנען, מיט גאנץ קליינע אויס־נאהמען, קומען נאר ניט אונטער דער קלאסען־פערטהיילונג וואס איך האב פריהער געמאכט.

איך האב זייא ערשטענס ניט געקענט צעהלען צו דער קלאסע וואס שטעלען זיך ניט די פראגע איבער דעם לעבען, ווייל איך האב אויסגעפונען, אז זייא שטעלען די פראגע זעהר קלאר און דייטליך און בעענטפערן דאס אויך אזיף דער־זעיבער ארט.

אונטער די עפיקורעער האב איך זייא אויך ניט געקענט צעהלען, ווייל זייער לעבען ענטהאלט מעהר צרות, מאנגעל, נויט און לייד, ווי פערגניגען און אונטערהאלט.

זייא צו צעהלען צו דיעזע, וואס מאכען דורך א לעבען גאר אהן פערשטאנד און רעכנונג, איז אונמעגליך געווען דערפאר, ווייל ניט נאר אלע זייערע טהאטען זיינען בייא זייא ערקלערט, זאנדערן אויך דער טויט האט א קלארע בעדייטונג.

וואס עס אנבעלאנגט זעלבסטמארד, קוקען דארויף דיעזע מענשען, אלס דאס שלעכטעסטע און ערגסטע אין דער וועלט.

דאמאלס האב איך מיך איבערצייגט, אז אונטער דער מענשהייט הערשט עפעס א געפיהל איבער דער בעדייטונג פון לעבען, וואס איך האב ביז דאמאלס פערנאכלעסיגט און פעראכטעט.

אזוי קלערענדיג און טראכטענדיג בין איך געקומען צום בעשלוס, אז די וויסענשאפט, וואס איז געגרינדעט אויף פערשטאנד, איז א געגנער פון דעם לעבען, וועהרענד די מיינונג וואס די מיליאנען מענשען געבען דעם לעבען, בערוהט נאר אויף אזא זאך, וואס די וויסענשאפט פערנאכלעסיגט און פעראכטעט.

די וויסענשאפט וואס בערוהט אויף פערשטאנד, די וויסענשאפט פון די געלערנטע און קלוגע, בעהויפטעט אז דאס לעבען איז ניט ווערטה צו לעבען.

וועהרענד דיא גרויסע מאַסע פון דער איברינער מענשהיים, בעזימצט אַ־ין אונפער־שטענדינעם בעוואוסטזיין, וואס ערקלערט יא דיא בעדייטונג פון לעבען.

זוכענדיג אום צו געפינען וואס דאס איז, וועלכעס גיבט דער מאַסע דיא מעגליכקייט הנאה צו האבען פון לעבען, האב איך אויסגעפונען, אז דאס איז פער־טרויען און גלויבען, וועלכעס איך האב העכסטענס געקענט פערשמייסען. עס איז א גלויבען אין איין גאָט, וועלבער איז דאָך דרייא; עס איז א גלויבען וואס לערענט, אז דיא וועלט איז בעשאַפען געוואָרען אין 6 טעג מיט דיא טייפלען און מלאכים; און נאָך אַנדערע זאכען, וואס איך קען נים גלויבען, כל־זמן איך בין נאָך בייא מיין געזונדען מענשענפערשטאַנד.

איך האב געוואוסט, אז פון דער וויסענשאַפט וואס דער פערשטאַנד האט מיר געגעבען, קען איך בלויז בעטראַכטען דאס לעבען אַלס אונווירדיג, און צו אָק־צעפּטירען גלויבען, אַבוואָהל מיט אזוי פיעל טרייסט דאַרונטער, איז מיר אַבסאָלוט אונמעגליך געוועזן.

יעמצט האב איך ווידער אָנגעפאַנגען צו מאַכען א חשבון און זעהען וואס איך האב אויסגעפונען. דיא אונטערשטע שורה איז אזוי געוועזן:

1) דער פערשטאַנד לערענט מיך, אז דאס לעבען איז א שלעכטע זאַך און דיא מענשען ווייסען וואס פאַר א סחורה דאס איז; אז מענשען וואָלטען געקענט אויפהערען צו לעבען, ווען זייא זאָלען וועלען, נאָר זייא לעבען דאָך — איך אליין לעב אויך, טראָמץ וואס איך וויים שוין זיים לאַנג, אז דאס לעבען איז פוסט און עס גיבט קיין גוטעס אין דעם.

2) דיא צווייטע זיים, דער גלויבען, האט יא עפּעס א מיינינג איבער דעם לעבען און קען מאַכען דיא וועלט גאַנץ אינטערעסאַנט כל־זמן מען לעבט, אָבער אום דאס צו טהון, מוז מען פערשמייסען דעם פערשטאַנד.

9.

איך בין געבליעבען שטעהען אום איבערצודענקען גוט צו וואס פאַר א בעל־שלום איך בין געקומען, און איך האב אזוי געזאגט:

„ענטוועדער איז דאס וואס איך רוף פערשטאַנד נים אזוי פערשטענדיג וויא איך האב געדענקט, אָדער דאס וואס איך רוף אונפערשטענדיג, איז נאָך אַלעמען דאָך פערשטענדיגער וויא איך האב מיר פאָרגעשטעלט.“

איך האב אָנגעפאַנגען ווידער איבערצוזיפען מיינע געדאנקען און זעהן מאַסער

האב איך ערניץ געמאכט א פעהלער, אָבער איך האב איינגעזעהען, אז אלעס איז ריכטיג און פרייא פון איין אירטהום.

אלזאָ, דער שטראָם פון געדאנקען, איז געוועזן א גאנץ לאָגישער, און וואוהין איך האב מיך געווענדעט, האב איך אלץ געטראָפען דעם ענטפער, אז לעבען איז א נאר ניט; אָבער נאך אלעמען, דאס הייסט, שוין נאך דער עקזאמינאציאָן פון מיינע געדאנקען, האב איך געטראָפען א טעות. דער טעות איז בעשטאנען אין דעם, וואס איך האב ניט פערווענדעט מיינע געדאנקען צו דער ריכטיגער פראגע.

נאך אמאל: דיא פראגע איז געוועזן: ווארום זאָל איך לעבען? דאס הייסט: וואס פאר א ווירקליכעס און אונפערלוירענעס קען בלייבען פון מיין שאטען און שטערבענדעס לעבען? וואס פאר א שייכות האט מיין ענדליכע עקזיסטענץ, צו דער אונענדליכער וועלט?

אום דאס צו בעענטפערן, האב איך אָנגעפאנגען צו שטודירען דאס [illegible]עבע.

וויא עס האט אויסגעזעהען, האט דער בעשלוס פון אונצעהליגע פראגען וואס איך האב מיר געשטעלט איבער לעבען, מיך ניט געקענט צופריעדען שטעלען און בערוהיגען.

[illegible]אכט זיך יעדע פראגע איז אנפאנגס געוועזן אזוי איינפאך און אזוי דייטליך, נאר וויא איך האב אָנגעפאנגען דיעזע צו צערגליעדערן, האב איך מיך פלוצלינג געזעהען ארום געריגגעלט מיט דער אונענדליכקייט, און עס מיר אויסגעקומען צו פערגלייכען איין אונענדליכקייט מיט דער צווייטער, אָדער מיין ענדליכקייט אלס מענש, מיט דער אונענדליכקייט פון דער וועלט.

אָבער איך האב מיך ניט צוריק געשראָקען פון פיעלען און טיעפען דענקען, און איך האב ענדליך אויסגעלייטערט אלע פראגען אין איינער, וועלכע איז בעשטאנען אין דעם: „וואס פאר א בעדייטונג האט מיין לעבען אויסער דער צייט, אורזאכע און רוים?“ דער שלוס איז געוועזן דער אלטער, וועלכער האט געלויטעט: „דיין לעבען האט גאר קיין בעדייטונג.“

וועהרענד מיין דענקען, טראכטען און שטודירען דיעזע אלע פראגען מיט זייערן איינצעלהייטען, און פערגלייכענדיג אונענדליכקייט מיט אונענדליכקייט, ענד[illegible] [illegible]יט ענדליכקייט און אומגעקעהרט, בין איך געקומען צום געצוואונגענעם בעשלוס, אז: א קראפט איז א קראפט, שטאף איז שטאף, ווילען איז ווילען, אונענדליכקייט איז אונענדליכקייט, גאר ניט איז גאר ניט — און אויסער דעם איז קיין אנדערער רעזולטאט ניטאָ.

מיט מיר האט עס פאסירט וויא מיט דער מאטהעמאטיק, דאס ווען מיר זוכען איין עקוואציאָן (פערגלייכונגס־צאָהל) טרעפען מיר בלויז איין עהנליכע בע־דייטונג, אָדער, בעסער געזאגט, נאָך אמאל דיזעלבע פראגע וואס מיר האבען געשטעלט.

דיא אונטערשטע שורה זעהט אימער אויס פאָלקאָמען, ריכטיג, נאָר דער חשבון קומט אויס אונגעפעהר אזוי:

a—a, x—x, o—o.

אזוי האט עס אקוראט פאסירט מיט מיינע פראגען. איך האב אָנגענומען איין פראגע און געגאנגען זוכען איין ערקלערונג איבער איהר אין איין אנדערע פראגע. אָבער איבעראל האב איך געטראָפען דעמזעלבען רעזולטאט, אז גאר ניט מיט גאר ניט איז גאר ניט.

שטרענגע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג, וויא דער גרויסער פראנצויזישער דענקער דעקארט, האט איינגעפיהרט, פאנגט אָן מיט דעם צווייפלען אין אלעמען וואס עקזיסטירט. ער פערשמייסט אלע וויסענשאפטען וואס זיינען געגרינדעט אויף גלויבען, און ער עטאבלירט זייא וויעדער לויט דיא געזעטצע פון דעם פערשטאנד און דיא ערפאהרונג אין לעבען. ווען איך האב אָנגעווענדעט זיין מעטהאָדע אין דענקען איבער דער מיינונג און בעדייטונג פון לעבען, בין איך געגאנגען אזוי לאנג פאָרווערטס, ביז איך בין געקומען צום שלוס פון איין אונענדליכער אונ־וויסענהייט.

אזוי האט עס אויסגעזעהען, אז דיא וויסענשאפט האט נאָר געגעבען איין דייטליכען ענטפער דורך שאָפּענהויער׳ן, וועלכער בעהויפּטעט: „לעבען האט קיין בעדייטונג, עס איז א שלעכטע זאך.“

דיזע אידעע איז אָבער געווען א גאנץ פריהעריגע אין מיין געהירן; יעטצט, ווען איך האב גאנץ גוט אונטערזוכט דיא איינצעלהייטען, האב איך פערשטאנען, אז אזא ענטפער איז נאָר געווען א רעזולטאט פון מיינע געפיהלע, און ווייל איך האב אזוי געשפירט, האט זיך מיר געדאכט, אז אזוי איז עס, וועהרענד מיין פער־שטאנד איז אָבער נאָך ניט צופריעדען געווען דערמיט. מיין פערשטאנד האט גע־שפירט, אז ניט דאס איז דער ריכטיגער ענטפער, און איך בין נאָך מעהר פערווירט געוואָרען.

דאס וואס בודדהא זאגט, שלמה בעהויפּטעט און שאָפּענהויער לערענט, זיינען אפילו דרייא ענטפערס, אָבער זייא זיינען אלע דרייא דיזעלבע זאך, אז לעבען איז גאר ניט, אָדער גאר ניט מיט גאר ניט בלייבט גאר ניט.

אין דערזעלבער צייט אָבער, האָב איך איינגעזעהען, אַז די פילאָזאָפישע וויסענשאַפט לייקענט גאָר ניט אָב, זאָנדערן זיא ענטפערט בלויז, אַז אַז אַלעס איז אונענדליך, און פאָלגליך זיינען אויך די ענטפערס אונענדליך, טראָטץ דעם וואס זיא פראָבירט פון זייא צו מאַכען איין ענדע.

קומענדיג צו דיעזען בעשלוס, האָב איך פערשטאַנען, אַז עס לוינט זיך מעהר ניט צו זוכען איין ענטפער אויף מיין פראַגע אין דער וויסענשאַפט, ווייל די וויסענשאַפט בעווייזט בלויז, אַז ווי מיר זאָלען שטעלען די פראַגע, וועלען מיר אלץ אייף איהר ניט קריעגען קיין ענטפער, סיידען מיר זאָלען נאָר וועלען פערגלייכען די ענדליכקייט מיט דער אונענדליכקייט, און וויסענשאַפטליך וויעדער, קען אזא ענטפער ניט צופריעדען שטעלען.

דאַן ערשט האָב איך אָנגעהויבען צו בעגרייפען, דאָס וויא לעבערליך, וויא דום, און וויא נאַריש דאָס זאָל זיין, קען מען בלויז אויף איין פלאַטץ געפינען איין ענטפער וואָס זאָל צופריעדען שטעלען, און דאָס איז דער גלויבען, וועלכע בעענטפערט אפילו דעם שייכות צווישען ענדליכקייט און אונענדליכקייט, אָדער צווישען מענש און וועלט.

דורך גלויבען געהט אַלעס זעהר לייכט און גאַנץ איינפאַך. ווען איך שטעל מיר די פראַגע: „וויא דאַרף איך לעבען?" קריעג איך באַלד דעם ענטפער: „דורך די געזעטצע פון גאָט." ווען איך פרעג מיך וויעדער: „וועט עפּעס פאָזיטיוועס ווערען פון מיין לעבען, און וואָס קען דאָס זיין?" האָב איך באַלד איין ענטפער: „ענטוועדער אייביגען ניהנום אָדער אייביגען גן־עדן." דאַן די הויפט פראַגע: „גיבט עפּעס א בעדייטונג אין לעבען וואָס קען ניט צערשטערט ווערען דורך טויט, און וואָס איז דאָס?" דער ענטפער איז: „די פעראייניגונג און פערזיכערונג אויף גאָט, וועלכער בעלוינט מיט גן־עדן."

ניין, ניין, דער שכל וויל דאָס ניט אַקצעפּטירען, ער וויל אַזעלכע נאַרישקייטען ניט אָננעהמען, וועלכע האָבען מיט שכל ניט צו טהון, אָבער וואָס טויג דער שכל ווען די נאַרישקייט גילט? איך האָב אָנגעהויבען צו בעטראַכטען מיך און נאָך אַזעלכע וויא איך בין געוועזן, און געזעהען, אַז מיט אונזער שכל, זיינען מיר אונצופריעדען און אונגליקליך, וועהרענד פון דער אַנדערער זייט וויעדער, האָב איך געזעהען וויא דער גלויבינער איז ניט נאָר צופריעדען, זאָנדערן אויך גליקליך.

דאָס האָט מיך געפיהרט דערצו צו בעהויפּטען, אַז אויסער דער שכל־דיגער וויסענשאַפט אין מענשען, וועלכע איך האָב אַמאָל נערעבענט אַלס די איינציגע

גאהרע וויסענשאפט, ליענט אויך א ניט־שכל׳דיגע וויסענשאפט, וועלכע גיבט די׳א מעגליכקייט צו גלויבען און זיין גליקליך.

ווען די׳א שכל׳דיגע וויסענשאפט האט מיך געבראכט צום בעשלוס, אז דאס לעבען אין מיר האט קיין בעדייטונג, איז מיר דאס לעבען נמאס געווארען און איך האב געוואלט דערפון מאכען איין ענדע.

ווען איך האב ווידער געקוקט צו די׳א מענשען ארום מיר, צו דער אלגע־מיינער מענשהייט, און געזעהען וויא מענשען לעבען, האב איך איינגעזעהען, אז אום צו לעבען איז די׳א שכל׳דיגע וויסענשאפט ניט דאס מיטעל דאפיר. יא, אום צו לעבען און געפינען א בעדייטונג אין לעבען, מוז מען האבען גלויבען און פער־טרויען.

שטודירענדיג דאס לעבען אין אנדערע לענדער, אויסער רוסלאנד, וויא אויך דאס לעבען אונטער די׳א מענשען צווישען וועלבע איך האב מיך געפונען, האב איך איינגעזעהען, אז דאס לעבען איז איבעראל דאסזעלבע.

פון דעם אנפאנג דער מענשהייט, וויא עס איז נאר ערשיענען לעבען, איז אויך ערשיענען פערטרויען אדער גלויבען, וואס האט פערארזאכט דאס לעבען זאל זיין ערטרעגליך, און איבעראל האט עס געפיהרט צו דעמזעלבען רעזולטאט.

עס מאכט קיין אונטערשיעד וואס פאר איין ענטפער דער גלויבען גיבט צו יעמאנדען, עס איז איבעראל דאסזעלבע, דער גלויבען פערענטפערט דעם שייכות צווישען דאס ענדליכע און אונענדליכע, און גיבט א בעדייטונג פיר דאס ענדליכע לעבען פון א מענשען, און דיעזע בעדייטונג, טריומפירט אימער איבער צרות, נויט, לייד און טויט.

אין גלויבען אליין קען מען דערפאר געפינען די׳א איינציגע מעגליכקייט צו לעבען און אויך א בעדייטונג פיר דאס לעבען.

אבער וואס איז גלויבען ?

אום דאס בעענטפערן האב איך פיעל נאכגעקלערט און בין געקומען צו פאלגענדען בעשלוס:

גלויבען איז ניט נאר דער בעגריף פון זאכען וואס מען זעהט ניט, גלויבען איז ניט נאר א התגלות, ענטפלעקונג פון זאכען וואס מען ווייס ניט, און איז אויך ניט נאר דער שייכות צווישען מענשען און גאט, זאגדערן, עס איז די׳א וויסענשאפט פון לעבען. גלויבען איז דער מעכטיגער זאל אן וועלכען דער מענש האלט זיך פעסט אום זיך ניט צו טויטען, און ער לעבט פארווערטס. גלויבען איז די׳א קראפט פון לעבען.

ווען א מענש לעבט, דאן גלויבט ער אין עפּעס. עס מאכט קיין אונטערשיעד וואס דער עפּעס איז, ער גלויבט. ווען דער מענש וואס לעבט, וואָלט ניט געגלויבט, אז עס איז דאָ עפּעס פאר וועלכען עס איז ווערטה צו לעבען, וואָלט ער ניט גע־לעבט. ווען ער זעהט ניט און פערשטעהט ניט דיא ווירקליכקייט פון איין ענדליכער זאך, דאן גלויבט ער אין דעם. אָהן גלויבען האט לעבען קיין ווערטה ניט.

קומענדיג צו דיזען בעשלוס, האב איך אָנגעפאנגען צוריק צו געהען אָדער דורכזועהען אלע מיינע געדאנקען פון דער פערגאנגענהייט, און עס האט מיך גע־שווידערט.

עס איז בייא מיר יעטצט געווען דייטליך, דאס אום יעמאנד זאָל לעבען, מוז ער ענטוועדער גאר ניט וויסען פון דער אונענדליכקייט, אָדער זיך ערקלערען דיא בעדייטונג פון לעבען דורך א שייכות צווישען דער ענדליכקייט און אונענד־ליכקייט.

איבערקוקענדיג מיינע געדאנקען פון דער פערגאנגענהייט, איז עס געווען וויא א ספר הזכרונות פון א לאנגער רייהע פערצייכענטע פאקטען.

וואס האב איך געטהאָן ווען איך האב געזוכט איין ענטפער אין דעם שטודיום פון פראָבירענדער וויסענשאפט? איך האב דאמאלס געוואָלט וויסען צו וועלכען צוועק איך לעב, און דאפיר האב איך שטודירט אלעס ארום מיר און אויסער מיר. דאס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אויף דיזער ארט, האב איך געקענט זעהר פיעל לערנען, אָבער דאָך ניט ערפאהרען דאס, וואס איך האב בע־נעטהיגט.

וואס האב איך געטהאָן ווען איך האב געזוכט איין ענטפער אין שטודיום פון פילאָזאָפיע? איך האב שטודירט דיא געדאנקען פון אנדערע, אין דעמזעלבען צושטאנד וויא איך, און וועלכע האבען אויך ניט געהאט קיין ענטפער אויף דער פראגע — וואס איז לעבען? דאס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אויף דיזער ארט האב איך גאר ניט געקענט ערפאהרען מעהר וויא איך אליין האב געוואוסט, דאס הייסט, אז עס איז אונמעגליך עפּעס צו וויסען.

„וואס בין איך? — א טהייל פון דער גאנצער אונענדליכקייט! אָט אין דיזע עטליכע ווערטער איז געלעגען דאס גאנצע רעטענעש.

איז עס מעגליך, אז דיא מענשען האבען זיך נאָר וואס אָנגעהויבען צו שטעלען דיא פראגע? איז עס מעגליך, אז ניעמאנד פאר מיר, האט זיך געשטעלט דיזע איינפאכע פראגע, וועלכע זאָגאר איין אינטעליגענטעס קינד מוז פרעגען?

ווייט דער מענש איז ערשיענען אויף דער ערד, איז שוין דיעזע פראגע יא געשטעלט געוואָרען, און זיא איז אויך פערענטפערט געוואָרען. אָבער דער ענטפער האט אויך ניט צופריעדען געשטעלט. דער ענטפער איז, אז איך מענש, איין ענד־ליכער טהייל, בעלאנגט צו דער גאנצער אונענדליכקייט — וואס ווערט אלזאָ דערפון? וואס קומט מיר ארויס?

אלע דיעזע בעגריפע פון דער גלייכהייט צווישען דאס ענדליכע און אונענדליכע, דורך וועלכע מיר ערהאלטען דיא אידעען פון לעבען, גאָט, פרייהייט און גוטעס, ווען מיר שטעלען זייא אונטער דער פראָבע פון א לאָגישער אונטערזוכונג, מוזען זייא פאלען דורך דיא שטרענגע געזעטצע פון פערשטאנד.

אָבער ווייסט איהר וויא דאס זעהט אויס! דארויף האב איך מיר אזוי גע־ענטפערט: ווען עס וואָלט ניט זיין אזוי שרעקליך, וואָלט מען געקענט לאכען פון אונזער שטאָלץ און זעלבסט־פערטרויען, דאס מיר, גראדע וויא קינדער, נעהמען א זייגערל, ציהען דערפון ארויס דיא ספרונזשינע, מאכען דערפון א שפיעלצייג, און מיר וואונדערן זיך נאכהער, וואס דאס זייגערל געהט ניט ריכטיג.

דער בעשלוס פון דעם ווידערשפרוך צווישען דאס ענדליכע און דאס אונ־ענדליכע, און דער ענטפער וואס פערלאנגט אום מיר זאָלען קענען לעבען — איז דיא איינציגע זאך וואס מיר פערלאנגען און איז בייא אונז זעהר טהייער.

דיעזער ענטפער, אום אונז צו בערוהיגען און מאכען דאס לעבען ערטרעגליך, איז געגעבען געוואָרען איבעראל, אונטער אלע נאציאָנען און אונטער אלע מענשען, און איז געגאנגען בקבלה פון דור צו דור ביז צו אונזערע צייטען, אָבער מיר מענשען, אין אונזערע נאכלעסיגער גלייכגילטיגקייט, מיידען אויס דעם ענטפער און מיר שטעלען זיך נייע פראגען אויף וועלכע מיר האבען קיין ענטפער.

דער בעגריף פון איין אונענדליכער גאָטהייט, פון אונשטערבליכע נשמה, פו דער בעציהונג צווישען גאָט און מענש, פון דער פעראייניגונג צווישען קערפער און גייסט, דער בעגריף פון מאָראלישעס גוטעס און שלעכטעס, אלע דיעזע בעגריפע זיינען אויסגעארבייטעט געוואָרען דורך דיא אונענדליכע גייסטיגע פעהיגקייטען פון דער מענשהייט. אָהן דיעזע בעגריפע, קענען מיר ניט לעבען, אָהן זייא קען איך ניט עקזיסטירען, און, נאך אלעמען, האב איך דיא חוצפה צו פערשמייסען דיא ארבייט פון דער גאנצער מענשהייט און איך פאנג אָן אויסצוארבייטען נייע אויפגאבען לויט נאך מיין אייגענעם פלאָן.

איך בין מודה, אז דאמאלס האב איך ניט אקוראט אזוי געדענקט, אָבער א טהייל פון דיעזע געדאנקען האבען זיך שוין אין מיר ערוועקט.

איך האב פערשטאנען, 1) אז דיא ערקלערונג וואס שפּאָפּענהויער, שלמה און איך האבען געגעבען, איז א דומע ערקלערונג: מיר פערשטעהען אז דאס לעבען איז שלעכט און ניט ווערטה צום לעבען, און דאָך לעבען מיר. דאס איז געוויס דום, דען זאָלאנג דאס לעבען איז דום און איך אכטע אזוי פיעל דעם פער־שטאנד, דאן דארף איך מאכען איין ענדע פון מיין לעבען, און יעדער ווען צונעבען, אז איך האב ריכטיג געהאנדעלט.

2) איך האב פערשטאנען, אז אלע אונזערע ארגומענטען דרעהען זיך אויף איין אַקס, און וויא זייא זאָלען ערשיינען, זיינען זייא אימער דיעזעלבע, און מיר קענען קיין ענטפער קריגען אויף אונזער פראגע. דיא מעטהאָדע פיר אזעלכע אר־גומענטען, איז אלזאָ ענטוועדער דום אָדער ניט ריכטיג.

3) איך האב פערשטאנען, אז אין דיא ענטפערס וואס גלויבען גיבט, ליעגט וואהרשיינליך דער טיעפּסטער קוואל פון מענשליכען פערשטאנד, דאס איך האב קיין פערנינפטיגעס רעכט דיעזע ענטפערס צו פערשמייסען, און דאס זייא אליין זיינען דיא איינציגע מיטלען דורך וועלכע מען קען בעענטפערן דיא פראגע פון לעבען.

10.

איך האב גאנץ גוט פערשטאנען וואס איך האב פריהער אָבגעשילדערט, אָבער דאס האט נאָך ניט ארונטער גענומען דעם שטיין פון מיין הארץ.

אונטערדעסען האב איך בעשלאָסען זיך ... ווענדען צו גלויבען. איך בין געווען בערייט צו אַקצעפּטירען אירגענד א גלויבען, אַבי דיעזער זאָל נאָר ניט זיין א דירעקטער ווידערשפּרוך צו מיין פערשטאנד, ווייל דאס וואָלט דאמאלס געהייסען א שענדליכער בעטרוג געגען דאס אייגענע געוויסען.

איך האב אָנגעפאנגען צו שטודירען דיא ביכער פון דיא בודדהיסטען און דיא מאָהאמעדאנער, און איבערהויפּט האב איך מיך אינטערעסירט מיט דעם קריסטענ־טהום, אי מיט דיא ביכער אי מיט דיעזע וואס האבען פאָרגעשטעלט דיעזע רעל־ליגיאָן.

זייענדיג געבוירען אונטער קריסטען און לעבענדיג אונטער אזעלכע מענשען, האב איך מיך געווענדעט צו דיעזער רעליגיאָן, דאן צו איהרע געלערנטע מענשען, צו דיא אָרטהאָדאָקסישע גייסטליכע, צו דיא פאָרשטעהער פון דיא מאָנארכען, און צו דיא פרעדיגער פון דיא נייע קריסטען, וועלכע פרעדיגען גליק דורך דעם גלויבען

אין קריסטוס׳ן. איך האב מיך אָנגעכאַפּט אָן דיעזע גלויבינגע און זייא געפּרעגט אין וואס זייא גלויבען, און וואס פאר איין ערקלערונג זייא געבען איבער דעם רעד־טענעש פון לעבען.

אונגעאַכטעט דארויף וואס איך האב נאכגעגעבען אזוי פיעל וויא נאַר מעגליך און אויסגעמיעדען אַלע ויכוחים, האב איך דאָך ניט געקענט אקצעפּטירען דעם גלויבען פון דיעזע מענשען.

איך האב איינגעזעהען, אז דאס וואס זייא רופען אָן גלויבען, פערדונקעלט נאר, אנשטאט צו ערקלערען דיא בעדייטונג פון לעבען, און זייא גלויבען ניט דער־פאר אום צו קענען בעענטפערן דיא פראגען פון לעבען, וויא איך האב גערעכענט, זאָנדערן נאר צו איין אנדערן צוועק, וועלכער איז מיר געוועזען אונבעקאַנט.

איך קען מיך ערינערן וויא שרעקליך מיין געפיהל איז דאמאלס געוועזען, ווען איך האב מיך דערמאָהנט, אז איך וועל מיך מוזען צוריק קעהרען צו דעם אלטען געדאנק פון פערצווייפלונג, נאכדעם וויא איך האב געהאָפט, אז אונטער דיעזע מענשען וועל איך שוין געפינען א רפואה צו דער מכה.

וואס בעסער און וואס גענויער זייא האבען מיר ערקלערט זייערע לעהרען, אַלץ דייטליכער האב איך ארויס געזעהען זייער אירטהום, און איך האב אַלץ מעהר פערלוירען דיא האָפנונג צו געפינען אין גלויבען איין ערקלערונג צו דער פראגע פון לעבען.

א מערקווירדיגען איינדרוק האבען אויף מיר געמאכט זייערע לעהרען, וואס זיינען געווען געגען דער מענשהייט און געגען גראדען שכל, און דיעזע האבען זייא אויסגעמישט מיט דיא וואהרהייטען פון רעליגיאָן; אָבער וויא דיא זאך זאָל ניט זיין, האבען זייא דאָך ניט געלעבט נאך דיא לעהרע וואס זייא האבען גע־פּרעדיגט.

איך האב געשפּירט, אז זייא האבען זיך זעלבסט בעטראָגען, און אז זייא, גלייך מיט מיר, פערשטעהען אונטער דעם לעבען עסען און טרינקען, כאַפּען וואס עס קומט אין דער האנד, און ניט מעהר.

איך האב דאס איינגעזעהען, ווייל איך האב בעמערקט, אז זייער גלויבען אין רעליגיאָן, האט ניט פערניכטעט זייער שרעק פאר עלענד, נויט, אונגליק און טויט. דיעזע גלויבינגע, זיינען ניט בעסער געווען וויא דיא מענשען פון מיין אייגענער קלאסע, וועלכע האבען געלעבט אין בעקוועמליכקייט און איבערפלוס, און אימער געקעמפּפט צו פערגרעסערן און פעסטהאלטען זייער פערמעגען, און געציטערט

יעדען אוינגנבליק פיר עלענד, נויט, און טויט. ראן האבען זייא וויא איך און אנדערע איינגלויבינגע, אימער געזוכט צו ערפילען דיא תאוה פון זייער קערפער, און האבען געפיהרט גראדע אזא שלעכטעס לעבען וויא דיא אפיקורסים.

קיין ארגומענט אין דער וועלט האט מיך געקענט איבערציינגען, אז דיעזע מענשען זיינען ערנאנט אין זייער גלויבען. אום מיך דאריבער צו איבערצייגען, האבען זייא געמוזט זאוואס טהון, און איך זאל עס זעהען מיט מיינע אויגען, אז דיא שרעק פאר עלענד, נויט, אונגליק און טויט, פאר וועלכע איך האב אזוי מורא געהאט, זאל פון זייא פערשווינדען.

אבער, דיעזע טהאטען, פון ערנעמוטה און אנשטאנד, וועלכע איך האב ערווארטעט צו זעהען אונטער דיעזע גלויבינגע, האב איך גאר געזעהען אונטער עפענטליכע אונגלויבינגע פון מיין קלאסע, און ניעמאלס אונטער דיא רעליגיעזע.

דאמאלס האב איך פערשטאנען, אז דער גלויבען פון דיעזע לייטע, איז ניט דער גלויבען, וועלכען איך האב געזוכט; אז עס איז איבערהויפט קיין גלויבען ניט, זאנדערן א טרייסט פון איין עפיקורעער, וועלכער געפינט אלעס אין דעם פערגניגען פון דער וועלט.

אונטערדעסען האב איך בעגריפען, אז דיעזער גלויבען, ווען ער קען ניט טרייסטען, וואלט ער ווייניגסטענס געקענט בערוהיגען דעם בעטרבענדען גייסט פון א שלמה, אויף זיין טויטען בעט, אבער ער קען גאר ניט ניטצען דער אלגעמיינער גרויסער מענשהייט, וועלכע זיינען געבוירען געווארען ניט געטרייסט צו ווערען דורך דיא ארבייטען פון אנדערע, זאנדערן צו שאפען א לעבען פיר זיך זעלבסט.

אום דיא מענשהייט זאל לעבען און זיין בעוואוסט איבער דער בעדייטונג פון לעבען, מוז זיין א וואהרער און גוטער בעגריף פון גלויבען.

איך, שלמה און שאפענהויער, ווען מיר האבען ניט בעגאנגען קיין זעלבסט-מארד, איז נאך קיין בעווייז ניט, אז א גלויבען עקזיסטירט, זאנדערן דיא טהאט-זאכע, אז דיעזע אלע מיליאנען מענשען לעבען אין איין שטראם פון לעבען, איז א שלמה מיטגעשלעפט געווארען, איז דער בעסטער בעווייז, אז עקזיסטירט א גלויבען וואס לאזט אונז ניט מאכען א סוף פון אונזער לעבען.

זוכענדיג און פארשענדיג, האב איך אנגעפאנגען מיך צו דערנעהנטען צו דיא גלויבינגע אונטער דיא ארעמע, איינפאכע, פראסטע אונוויסענדע און וואנדערער אונטער דעם פאלק. דיא לעהרען פון דיעזע פאלקס-מענשען, גראדע וויא דיא לעהרע, פון דיא זאגענאנטע גלויבינגע פון מיין קלאסע, זיינען געווען קריסטליך.

איך האב דאָ אויך געפֿינען זעהר פֿיעלע אבערגלויבענס פּראָטעסטאַנטישע מיט די וואהרהייטען פֿון רעליגיאָן, אָבער מיט דעם אונטערשיעד, וואס אונטער מיין קלאַסע איז אַלעס געווען בלויז א מין לוקסוס צו פֿערשאַפֿען פֿערגניגען, וועהרענד אונטער דיא ארמע איז דיא רעליגיאָן מיט דעם אבערגלויבען געווען איינגעוואָרצעלט אין זייא, און מען האט זיך גאר זייער לעבען ניט געקענט פֿארשטעלען אָהן דיעזע זאכען.

דאס גאנצע לעבען פֿון דיא גלויביגע אונטער מיין קלאַסע, איז געווען א דירעקטער ווידערשפּרוך צו זייער גלויבען, וועהרענד דאס גאנצע לעבען פֿון דעם ארמען פֿאָלק, האט פּינקטליך געשטימט מיט דעם גלויבען וואס זייא האבען געהאט.

אויף דיעזער ארט האב איך אָנגעפֿאנגען גרינדליכער צו שטודירען דאס לעבען און דיא לעהרען פֿון פֿאָלק, און וואס מעהר איך האב זייא שטודירט, אַלץ בעסער האב איך מיך איבערצייגט, אז אונטער דיעזע מענשען, הערשט א וואהרער גלויבען, און דער גלויבען איז פֿאר זייא א נויטווענדיגע זאך, וועלכער גיבט זייא ערשטענס א בעדייטונג פֿיר דאס לעבען און מעגליכקייט צו לעבען.

דאס איז געווען אקוראט א ווידערשפּרוך צו דעם וואס איך האב געזעהען אונטער מיין קלאַסע מענשען — דיא מעגליכקייט ערשטענס צו לעבען אָהן גלויבען, און דאן, דאס ניט איינער פֿון טויזענד וואס האבען בעהויפּטעט צו זיין גלויביגער איז געווען א גלויביגער.

אָבער דיא הויפּטזאך איז געווען דיעזע: אונטער מיין קלאַסע האב איך בעמערקט א לעבען צוגעבראכט אין לעדיג געהען, אונטערהאלט און אוצופֿריעדענהייט מיט דעם לעבען, וועהרענד אונטער דעם פֿאָלק האב איך בעמערקט א גאנצעס לעבען פֿערבראכט אין שווערע ארבייט און פֿאָלקאָמענע צופֿריעדענהייט.

אונטער מיין קלאַסע זיינען געווען וואס האבען ניט געקענט ליידען קיין צרות, מאנגעל און אונגליק, וועהרענד אונטער דעם פֿאָלק האט יעדער עמפּפֿאנגען, אָהנע זיך צו בעקלאגען, קראנקהייט און שמערץ, מיט דער איבערצייגונג, אז אַלעס וואס איז, דארף אזוי זיין און עס אימער צום גוטען.

אונטער מיין קלאַסע האט מען גערעכענט, אז וואס וועניגער מיר זיינען געלערענט, אַלץ וועניגער פֿערשטעהען מיר וואס דאס הייסט לעבען, און וואס מעהר מיר זיינען געבילדעט אַלץ מעהר בעטראכטען מיר ליידען און טויט אלס אונגעהייערע שלעכטס, וועהרענד דאס פֿאָלק לעבט, ליידעט און דערנעהנטערט זיך צום טויט מעהרערע מאל מיט פֿערגניגען.

אונטער מיין קלאַסע איז בעוואוסט, אז א לייכטער טויט, אָהן שרעק און פערצווייפלונג, איז א זעלטענע אויסנאַהמע, וועהרענד אונטער דעם פאָלק איז א שווע־ער, רעבעלירענדער און שמערצהאַפטער טויט, איין אויסנאַהמע.

דיעזע מענשען, דאס פאָלק וועלכע קענען ניט דאס אלעס וואס האט זיך פאָרגעשטעלט פאר שלמה'ן אלס גוטעס אין לעבען, שפירען גאר דאס העכסטע גליק און צופריעדענהייט אָהן טויזענדער ווייבער, אָהן לאַנגע אונטערהעלטע, און אָהן לוסט־גערטנער.

איך האב אָנגעפאַנגען צו אַנאַליזירען און שטודירען דאס לעבען פון דער מענשהייט אין דער פערגאַנגענהייט און ארום מיר, און איך האב איינגעזעהען, אז ניט צווייא אָדער דרייא, ניט 10 פון 100, זאָנדערן טויזענדער און מיליאָנען האבען אזוי בעגריפען דיא בעדייטונג פון לעבען, און אויף דיעזער ארט האבען זייא געלעבט און געשטאָרבען.

אלע דיעזע מענשען, שטארק פערשיעדען איינער פון אנאנדער אין בענעה־מונג, גייסטעס־קראַפט, בילדונג און שטופע, זיינען געווען גוט בעקאַנט מיט דער בעדייטונג פון לעבען, און זייא האבען זיך רוהיג געארבייט, געליטען מאנגעל און נויט, און געשטאָרבען, און בעטראַכטעט דאס אלעס ניט אלס קיין פוסטע, זאָנדערן אַלס א גאַנץ גוטע זאַך.

עס האט מיך אָנגעהויבען שטארק צו צוציהען צו דיעזע מענשען. וואס מעהר איך האב שטודירט זייער לעבען און דאס לעבען פון דיא טויטע איבער וועלכע איך האב געלעזען און געהערט, אלץ בעסער האב איך זייא ליעב געקריעגען און עס איז מיר אויסגעקומען לייכטער צו לעבען.

אזוי האב איך אָבגעלעבט צווייא יאָהר צייט, און דאַן איז געקומען א וועקסלונג איבער מיר, וועלכע איך האב שוין פריהער געשפירט זיך אין מיר ערוועקען: דאס לעבען פון מיין קלאַסע, דיא רייכע און געלערענטע מענער, איז מיר ניט נאָר נמאס געוואָרען, זאָנדערן עס האט אויך פאר מיר פערלוירען יעדע בע־דייטונג.

אלע אונזערע טהאַטען, אונזער דענקען, אונזער וויסענשאַפט און קונסט, זיינען פאר מיר ערשיענען אין א גאַנץ נייעם ליכט. איך האב פערשטאַנען, אז דאס אלעס איז ניט מעהר וויא א קינדער־שפּיעלערייא, און אויף דיעזער ארט איז אומ־זיסט צו זוכען דיא בעדייטונג פון לעבען.

דאס לעבען פון דיא ארבייטער קלאַסען, פון דער גאַנצער מענשהייט, פון דיעזע וואס שאַפען לעבען, איז פאר מיר ערשיענען אין דער וואַהרער פאַרב. איך

האב בעגריפען, אז דאס איז דאס לעבען זעלבסט, און דיא מיינונג וואס מען גיבט דיזען לעבען, איז א וואהרע מיינונג, און איך האב אקצעפטירט דיזעס לעבען.

11.

ווען איך האב מיך ערמאנערט וויא דיזע לעהרען האבען מיך אמאל נער עקעלט, ווען מענשען וואס האבען זייא געפרעדיגט און אליין אנדערש געהאנדעלט, און וויא דיא לעהרען האבען מיך ווידער צוגעצויגען ווען איך האב געזעהען, אז מענשען לעבען לויט דיא לעהרען, האב איך ערשט פערשטאנען דיא אורזאכע פון מיינע פריהערינע האנדלונגען.

איך האב פערשטאנען, אז איך האב געהאט א טעות, און וויא אזוי דאס איז געשעהען. איך האב ניט געהאט קיין טעות ווייל איך האב ניט ריכטיג געדענקט, זאנדערן ווייל איך האב ניט ריכטיג געלעבט.

איך האב פערשטאנען, אז דיא וואהרהייט איז פון מיר געווען בעהאלטען, ניט ווייל איך האב געהאט איין אירטהום אין מיין דענקען, זאנדערן ווייל איך האב געפיהרט איין אויסנאהמס-לעבען און נאר געזעהען צופריעדען שטעלען דיא תאוה פון מיין קערפער. איך האב פערשטאנען, אז מיין פראגע: „וואס איז לעבען?" און דער ענטפער: „א פוסטע און ווערטהלאזע זאך," — איז געווען א פאלקאמענע וואהרהייט, ווייל מיין לעבען האט ווירקליך גאר קיין ווערטה געהאט.

דער טעות איז בלויז געווען אין דעם, וואס איך האב געפרעגט איבער מיין איינענעם לעבען און זיך פערנעסען צו אינטערעסירען מיט דעם אלגעמיינעם לעבען.

דאס איז פאלקאמען ריכטיג, מיין לעבען איז געווען א פוסטע און ווערטהלאזע זאך, און האט אין זיך ניט ענטהאלטען עפעס אנדערש, אויסער דוא ערפיללונג פון מיינע תאוות. מיין גאנצעס לעבען איז ניט געווען קיין לעבען, און דער ענטפער, אז דאס איז א שלעכטעס לעבען, איז געווען וואהר, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, וואס דאס האט ניט צו טהון געהאט מיט דעם אלגעמיינעם לעבען.

איך פערשטעה יעטצט דיא וואהרהייט וואס דיא ביבעל זאגט: „מענשען ליעבען פינסטערניש בעסער וויא ליכט, ווייל זייערע מעשים זיינען שלעכט. ווייל יעדער מענש וואס טהוט שלעכטעס האסט ליכט, און ער קומט אויך ניט צום ליכט, פיעללייכט וועלען זיך ארויס ווייזען זיינע מעשים."

איך האב פערשטאנען, דאס אום צו בעגרייפען וואס לעבען איז, מוז מען פריהער זעהען, אז לעבען זאָל זיין עפּעס מעהר וויא א שלעכטע זאך, וועלכעס דער פערשטאנד האט אזוי ערקלערט. יא, אום צו פערשטעהען לעבען, מוז מען בעטראכטען דאס לעבען פון דער גאנצער מענשהייט, און נים נעהמען אלס ביישפּיעל בלויז א פּאאר אומזיסטיגע פרעסערס.

ווייסט איהר ווארום איך האב פריהער ניט איינגעזעהען ריזע וואהרהייט? אַט הערט דיא אורזאכע: 2 מאל 2 איז 4, דאס איז א וואהרהייט, אָבער ווען דיזע וואהרהייט זאָל אייך בעווייזען, אז איך בין א לומפּ, א ניעמאנד און א טויגעניכטס, וואָלט איך דיא וואהרהייט ענטוועדער ניט געזעהען אָדער זיא אויסגעמיעדען. מיין לעבען איז געווען שלעכט, אבשייליך און ווערטהלאָז, אָבער איך האב דאס ניט געוואָלט וויסען, און איך האב דאדורך פערדאמט דאס גאנצע לעבען.

מיט דער צייט אָבער, האב איך אָנגעפאנגען ליעב צו האבען גוטע מענשען, האסען מיך אליין, און איך האב געמוזט אקצעפּטירען דיא וואהרהייט.

יעטצט איז עס מיר שוין געווען גאנץ דייטליך. ווען מען זאָל נעהמען א תליון וואס בעשעפטיגט זיך אימער אין, אָבהאקען מענשען־קעפּ אָדער איין אונהיילבארען שיכור, און איהם שטעלען דיא פראגע: וואס איז לעבען? ער וועט אייך דאן ענטפערן דאסזעלבע וויא א משוגענער, וועלכער איז אָבגעשפּארט אין א פינסטערעס צימער און מיינט, אז ער וועט פערניכטעט ווערען ווען ער וועט פון דאָרט ארויס. יא, דער משוגענער, דער תליון און דער אונהיילבארער שיכור, וועלען אייך אַלע ענטפערן: לעבען איז א שוידערהאפטע שלעכטע זאך.

דער ענטפער וואָלט געווע, וואהר, אָבער נאָר פיר דעם מענשען וואס גיבט איהם. מיר איז אויסגעקומען, אז איך בין דער משוגענער, און איך בעטראכט מיר מיין לעבען, אלס א פינסטערעס צימער וואו איך בין אָבגעשפּארט, און רעכען, אז ווען איך וועל ארויס, וועל איך פערניכטעט ווערען, און ווען איך וועל דאָ בלייבען, איז אַלעס פינסטער און וויסט.

זיינען פיעללייכט אלע רייכע, קלוגע און לעדיג־געהער אזוי וויא דיזער משוגענער? איך האב ענדליך בעגריפען, אז דאס איז וואהר, און איך, וועניגסטענס, בין פּאָזיטיוו ניט בעסער וויא יענער משוגענער.

ווארום? ווייל מיר פיהרען איין אוננאטירליכעס לעבען, נעגען אלע געזעטצע וואס לעבען פאָרדערט!

קוסט איהר צו דיא פיינעליך: זייא לעבען אלע צו פליהען, אויפקלייבען זייער נאהרונג, בילדען זייערע נעסטען און ארבייטען, און ווען איך זעה זייא דאס אלעס טהון, און וויא זייא צווישערן און פרייען זיך דערבייא, דאן פיללט דאס אויך מיך אן מיט פערגניגען.

דיא ציעג, דער האז, דער וואלף, לעבען צו עסען און זיך פערמעהרען און אויפציהען זייערע יונגע; און ווען איך זעה וויא זייא טהון דאס, בין איך איבערצייגט, אז זייא זיינען גליקליך און זייער לעבען איז א גאנץ פערגינפטיגעס.

וואס אלזא זאל דער מענש טהון? דער מענש מוז אויך פערדיענען זיין נאהרונג וויא דיא חיות, אבער מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, אז דער מענש וועט אונטערגעהען, ווען ער וועט דאס טהון פאר זיך אליין. דער מענש מוז ארבייטען, ניט פאר זיך אליין, זאנדערן פאר אלע. דאס איז זיין נאטור און זיין וואהרעס לעבען. און ווען ער טהוט דאס, בין איך פאלקאמען איבערצייגט, אז ער איז גליקליך און זיין לעבען איז א פערנינפטיגעס לעבען.

וואס האב איך געטהאן וועהרענד מיינע דרייסיג יאהר פון בעוואוסטעס לעבען? ניט גענוג וואס איך האב אנדערע ניט געהאלפען וועהרענד דיעזער צייט, זאנדערן איך האב פאר מיר אליין אויך גאר ניט געטהאן.

איך האב געפיהרט דאס לעבען פון איין אומזיסטיגען פרעסער, און בין צו פריעדען געוועזען אדער אונצופריעדען, מיט דעם וואס איך האב ניט געוואוסט ווארום איך לעב.

ווען דיא בעדייטונג פון א מענשען'ס לעבען, ליעגט אין דעם אום זיין אייגענעס לעבען אויסצוארבייטען, וואס האב איך געקענט פערשטעהען? דרייסיג יאהר דורכאנאנד האב איך געטהאן אלעס מעגליכע צו רואינירען מיין אייגענעס לעבען און אויך דאס לעבען פון אנדערע. וואס פאר איין אנדערן ענטפער האב איך אלזא געקענט קריעגען אויף מיין פראגע פון לעבען? יא, דער ענטפער איז געוועזען, אז מיין לעבען איז מיאוס, העסליך, אבשייליך און אהנע ווערטה. דאס איז געוועזען גאנץ ריכטיג.

דאס לעבען פון דער וועלט עקזיסטירט און געהט פארווערטס, דורך דעם ווילען פון א יעמאנד. דיעזער יעמאנד מאכט אונזער לעבען און דאס לעבען פון דער גאנצער וועלט, שטעהט אונטער זיין בעאבאכטונג אדער אויפפאסונג. אום צו פערשטעהען וואס דיעזער ווילען מיינט, מוזען מיר פריהער טהון דאס וואס דיעזער ווילען פערלאנגט פון אונז. ווען איך טהו אבער ניט וואס דיעזער ווילען פערלאנגט,

קען איך ערשטענס ניט בעגרייפען וואס דיעזער ווילען איז און וואס ער פאָרדערט פון אונז און פון דער גאַנצער וועלט.

ווען מען זאָל אוועק נעהמען א נאַקעטען און הונגריגען בעטלער פון פרייען פעלד און איהם אריין ברענגען אין א גרויסאַרטיגען פּלאַטץ, איהם אָנטהון, געבען עסען און אוועק שטעלען בייא א ראָד ער זאָל דרעהען דערמיט. עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז איידער דיעזער בעטלער וויס נאך צו וועלכען צוועק מען האט איהם אהין אריין געבראַכט, דאַרף ער, פאר אַלעמען, טהון וואס מען האט איהם געהייסען און דרעהען דיא ראָד. ווען ער טהוט דאס, דאן וועט ער מיט דער צייט ערפאַהרען, אז דיעזע ראָד דרעהט א פּומפּע, דיא פּומפּע ציהט ארויס וואסער, דאס וואסער פליעסט ארויס דורך מעהרערע קאַנאַלען און בענעטצט דעם באָדען. פערטיג ווערענדיג מיט דער ארבייט בייא דער ראָד, וועט מען איהם פון דאָרט אוועק נעהמען און הייסען טהון עפּעס אנדערש; ווען ער פאָלגט, וועט ער זאַמלען דיא פריכטע און זיך פרייען צוזאַמען מיט זיין הערן.

ער וועט מיט דער צייט בעגרייפען, אז ער געפינט זיך אונטער דער פערוואַל־טונג פון א הערר, וועלכער גיבט איהם אלעס אין איבערפלוס, פערזאָרגט איהם מיט נעציינג, און הייסט איהם ארבייטען פיר זיך, ניט פיר דעם הערר. דער הערר ווידער, איז צופריעדען בלויז דערמיט, וואס דער בעטלער, וועלכען ער גיבט אלעס, האט הנאה פון זיין ארבייט.

מיט דער צייט וועט דער געוועזענער בעטלער קריעגען אלץ וויכטיגערע ארבייט, ביז ער וועט אויך פאָלקאָמען פערשטעהען דיא איינריכטונגען פון דעם גרויסאַרטיגען פּלאַטץ, און ער וועט טהון אלעס וואס עס ווערט פון איהם פער־לאַנגט און קיין פראגע מעהר שטעלען וואס דער הערר פערלאַנגט פון איהם, וויל ער וועט זיך איבערצייגען, אז אלעס וואס דער הערר האט איהם געהייסען ביז יעטצט טהון, איז נאָר געווען איהם, דעם געוועזענעם בעטלער, לטובה.

אָט דאס איז דערזעלבער פאל מיט דיעזע וואס פאָלגען דעם אויפטראג פון זייער הערר; עס קומט קיין פּראָטעסט פון דעם אונוויסענדען און איינפאַכען אר־בייטער, וועלכע מיר בעטראַכטען ניט מעהר וויא בהמות.

מיר ווידער, דיא קלוגע, געבילדעטע און ציוויליזירטע, עסען דערוויל אויף אלעס וואס דער הערר גיבט אונז און מיר טהון גאר ניט וואס ער פערלאַנגט פון אונז מיר זאָלען טהון. אנשטאט עפּעס צו טהון, זעטצען מיר זיך ארום און פאַנגען אן צו שטעלען פראַגען, צו וועלכען צוועק מיר דאַרפען דרעהען דיא ראָד, וויל דאס זעהט אונז אויס זעהר דום.

און ווען מיר האבען שוין דאריבער גוט נאכגעדענקט. וואס איז דער רעזולטאט? מיר ענטפערן, אז דער הערר איז דום, אדער מיר זאגען, אז עס איז גאר קיין הערר ניטא, וועהרענד מיר אליין זיינען דיא איינציגע חכמים, וואוילע יונגען און פערשטעהען אלעס. מיר זעהען איין, אז מיר טויגען צו גאר ניט, אז מיר זיינען גאר ניט, און מיר זוכען עפעס א וועג וויא אזוי פטור צו ווערען פון זיך זעלבסט.

12.

מיין איבערצייגונג, אז יעדע וויסענשאפט וואס איז בעגרינדעט אויף פריינדשאפט אליין, קען פערקריכען אין א גרויסען אירטהום, האט מיר געהאלפען איך זאל מיך בעפרייען פון פוסטע אידעען.

דיא איבערצייגונג, אז דיא וויסענשאפט פון דער וואהרהייט, קען מען נאר ערדייכען דורך לעבען, האט מיך געפיהרט דערצו איך זאל צווייפלען אין דער גערעכטיגקייט פון מיין אייגענעם לעבען. אבער דאס האט ניט פיעל געדויערט ביז איך האב מיך ארום געקוקט און געזעהען, אז איך דארף נאר ארויס קריכען פון מיין אייגענעם גרוב און בעמערקען, אז דאס איינפאכע לעבען פון דער ריכטיגער ארבייטער קלאסע, איז דאס איינציגע וואהרע און גראדע לעבען.

איך האב בעגריפען, דאס ווען איך וויל פערשטעהען דאס לעבען און דיא בעדייטונג דערפון, מוז איך פיהרען א לעבען ניט פון איין אומזיסטען פרעסער, זאנדערן פון אזעלכען וואס שאפט און ווירקט מיט אין לעבען זעלבסט. דאן, ווען איך וויל ווייטער וויסען, זאל איך איבער־א־נייעס קלערען און פארשען.

צור צייט ווען איך האב אזוי געדענקט, בין איך געוועזן אין פאלגענדען צושטאנד:

וועהרענד דאס גאנצע יאהר, וואס איך האב אימער געדענקט, אויב איך זאל יא אדער ניט מאכען קיין סוף פון מיין לעבען דורך א שטריק אדער רעוואלווער, אינען מיינע געדאנקען געוועזן בעשעפטיגט וויא איך האב שוין בעשריבען, מיין הארץ איז געוועזן געמארטערט און געפלאגט מיט פערשיעדענע געפיהלע, וועלכעס איך קען אנדערש ניט בעשרייבען, אויסער צו זאגען, אז איך האב געזוכט גאט.

דאס זוכען גאט, איז ניט געוועזן קיין רעזולטאט פון מיין פערשטאנד, זאנדערן עפעס א געפיהל, ווייל מיין פערשטאנד איז געוועזן דורכאויס געגען דער אידעע פון א גאט. יא, דאס זוכען גאט, איז געקומען פון מיין הארצען.

עס איז געווען עפּעס א געפיהל פון שרעק, פון יתום׳שאפט, פון דין אליין אונטער זאכען וואס האבען מיט מיר קיין שייכות ניט, און האפּענדיג אויף הילפע איך ווייס אליין ניט פון וועמען.

דער פילאזאף קאנט בעווייזט, אז עס איז אונמעגליך צו בעווייזען, אז עס גיבט א גאט. מיט מיין פערשטאנד בין איך אויך געווען איבערצייגט דאריעבער, אָבער טראָטץ דעם האב איך געזוכט גאָט, און אויך געהאָפט איהם צו געפינען.

פון דער געוואהנהייט פון מיין קינדהייט, האב איך זאגאר מעהרערע מאל געבעטען צו א גאָט, אָבער דעם וואס איך האב געזוכט, האב איך ניט געפונען.

צייטענווייז האב איך נאך אמאל דורכשטודירט דיא ארגומענטען פון קאנט און שאפּענהויער, וועלכע בעווייזען דיא אונמעגליכקייט צו איבערצייגען, אז עס גיבט א גאָט, מאנכע מאל האב איך ווידערשפּראָכען זייערע אידעען.

איך פלעג אזוי זאגען: דיא פעראורזאכונג (סבה) שטעהט ניט אין דערזעלבער רייהע וויא דענקען, רוים און צייט. ווען איך עקזיסטיר, דאן גיבט עס איין אורזאכע פון מיין עקזיסטענץ, און דאס איז דיא אורזאכע פון אלע אורזאכען. דיא אורזאכע פון אלע אורזאכען, איז דאס וואס מיר רופען אן גאָט.

איך האב מיך געהאלטען פעסט אן דיעזער אידעע, און געשטרעבט מיט אלע מעגליכקייטען צו גרייכען א געוויסענהאפטען רעזולטאט, אז דיא אורזאכע פון אלע אורזאכען איז איין עפּעס וואס עקזיסטירט און ווירקט.

אזוי שנעל וויא איך האב געשפּירט עפּעס א קראפט איבער מיר, האב איך באלד געפיהלט דיא מעגליכקייט פון וועלען לעבען. דאן האב איך מיך אזוי געפרעגט: „וואס איז דיא אורזאכע דיעזע קראפט? וויא אזוי זאל איך דענקען דאריעבער? וואס פאר א שייכות האב איך דערמיט וואס איך רוף גאָט?“ אלס ענטפער דארויף איז צו מיר געקומען דער אלטער איינגעלערענטער רעליגיעזער געדאנק: „ער איז דער בעשעפער, וואס גיבט אלעס.“

אָבער דיעזער ענטפער האט מיך ניט צופריעדען געשטעלט און דיא פערצווייפלונג האט צוריק געקעהרט. איך האב אנגעפאנגען צו בעטען צו איהם, וועמען איך האב געזוכט, און גערעבענט, אז ער קען מיר העלפען.

נאר וואס מעהר איך האב געבעטען, אלץ דייטליכער האב איך איינגעזעהען, אז קיינער הערט מיך ניט, און עס איז ניטאָ צו וועמען צו בעטען. מיט דער

פערצווייפלונג אין מיין הארץ, אז עס איז קיין גאָט נישטאָ, האב איך דעננאך אויס־נעשריען:

„גאָט, האב מיטלייד מיט מיר, רעטע מיך! אך גאָט, מיין גאָט, לערן מיך!“ אָבער קיינער האט מיט מיר ניט געהאט קיין מיטלייד און קיינער האט מיך ניט געלערענט.

אונצעהליגע מאל איז צו מיר געקומען דער געדאַנק, אז איך האב ניט גע־קענט ערשיינען אויף דער ערד, אָהן א געוויסער אורזאַכע — אז איך קען ניט זיין דער אונבעדייטענדער גאר ניט, פאַר וועלכען איך האב מיך גערעכענט.

אָבער ווארום קלאג איך, שרייא, וויין און בעט מיך? איז דאס ניט עפּעס א געפיהל וויא צו א מוטער וואס האט מיך געבוירען? וואו איז אלזאָ דיעזע מוטער? איך בין געצוואונגען געוועןן צו צוגעבען, אז יעמאַנד וואס האט מיך געליעבט, האט מיך געבראַכט אויף דער וועלט.

אָבער ווער איז דיעזער יעמאַנד? דאַן איז ווידער געקומען דער ענטפער: גאָט! ער קען און ווייס פון מיין זוכען, פאָרשען, פערצווייפלונג און קעמפפען.

„ער עקזיסטירט!“ האב איך אויסגעשריען אין מיין געוויסען. איך האב דאס נאָר בעדארפט צוגעבען אויף איין אויגענבליק, און איך האב שוין געשפּירט דאס לעבען ערוואַכען אין מיר און דערצו א ווילען צו עקזיסטירען און הנאה האבען דערפון.

פון דער איבערצייגונג, אז עס אין דאָ א גאָט, בין איך איבערגעגאַנגען צו דער בעטראַכטונג וועגען דיא פליכטען וואס מיר האבען צו איהם, און דאַן איז פאַר מיר ערשיענען דער דרייפאַכיגער גאָט; פון גאָט, זוהן און הייליגער גייסט.

דאס האט מיט איינמאל צערשטערט דיא גאַנצע האָפנונג און פערגניגען פון לעבען. דיעזער גאָט האט זיך צערשמאָלצען וויא אייז שמעלצט פון דער זונן אין מיין געגענוואַרט. עס איז נאָך אמאל גאר ניט געבליעבען און דער לעבענס־קוואַל האט ווידער אויסגעטריקענט.

פערצווייפלונג האט צוריק געקעהרט און איך האב געשפּירט, אז עס איז מיר קיין זאַך צוריק געבליעבען, וויא נאָר מיך צו טויטען. דאס ערגסטע פון אלעמען איז אָבער געוועןן, וואס איך האב געוואוסט, אז איך וועל קיין זעלבסטמאָרד דאָך ניט בעגעהען.

איך בין דורכגעגאַנגען דורך דיעזע געפיהלע ניט איינמאל אָדער צווייא מאל, נאָר הונדערטער מאל, און האב געשפּירט דעם וועקסעל פון פרייד, אויפרעגונג,

פערצווייפלונג און טרויער, און דאס בעוואוסטזיין, אז עס איז קיין ווערטה צו לעבען אויף דער וועלט.

איך ערא:נער מיך אן א טאָג, צום אנפאנג פריהלינג, בין איך געשטאנען און מיך צוגעהערט צום רוישען פון א וואלד, און דענקענדיג דאמאלס איבער דאס־זעלבע וואס האט מיך וויא בעפעסטיגט — איך האב געזוכט א גאָט.

איך האב צו מיר אזוי געזאגט:

„גוט, עס איז נישטאָ קיין גאָט, עס גיבט קיין זאך אין דער ווירקליכקייט וואס איך קען מיר ניט פאָרשטעלען, — ניין, עס גיבט קיין גאָט! קיין זאך, קיין וואונדער קען בעווייזען, אז עס גיבט א גאָט, דען וואונדער עקזיסטירען נאָר אין דער דומער פאנטאזיע."

דאן האב איך ווידער געטראַכט:

„יעטצט איז נאָר דיא פראגע: פון וואנען קומט צו מיר דער חשק צו זוכען א גאָט? פון וואנען קומט צו מיר דער בעגריף פון א גאָט?

בייא דיעזען געדאנק אליין האט ווידער אמאל געפלאָסען לעבען דורך מיינע אָדערן. אלעס ארום מיר האט אויסגעזעהען אויפצולעבען און קריעגען א גאנץ נייע בעדייטונג.

מיין געדאנק האט אונטערדעסען ניט לאנג געדויערט, ווייל דער פערשטאנד האט באלד פארטגעזעטצט זיין ארבייט און אזוי געטענה'עט צו מיר:

„דער בעגריף פון א גאָט, איז אויך קיין גאָט. א בעגריף איז א געגענשטאנד וואס ענטשטעהט אין מיר; דער בעגריף פון א גאָט, איז איין אידעע וואס איך קען ארויס רופען אין מיינע געדאנקען ווען איך וויל און ווען איך וויל ניט. עס איז ניט דאס וואס איך זוך."

נאך אזעלכע געדאנקען, איז ווידער אלעס ארום אויסגעשטאָרבען און איך האב געוואָלט בעגעהען זעלבסטמאָרד.

וואנדערענדיג אזוי אין דער געדאנקען־וועלט, וועלכע האט זיך אויף איין פלאַטץ געצייגט דונקעל און פינסטער און אויף דער אנדערער ליכטיג און פרעהליך, האב איך געמוזט צוגעבען, אז איך האב נאָר דאמאלס געשפירט לעבען, ווען איך האב געגלויבט אין גאָט.

עס איז געוואָרען א כלל מיט מיר: זאָ שנעל וויא איך האב געגלויבט אין גאָט, האב איך אויפגעלעבט, און וויא באלד איך האב אן איהם פערגעסען, און איהם ניט געגלויבט, האב איך געשפירט דעם טויט.

וואס האט בעדייטעט דיזע פערצווייפלונג און אויפלעבונג? איין זאך איז מיר געוועזען קלאר און דייטליך:

וויא איך פערליר נאר דאס פערטרויען אויף גאט, לעב איך ניט מעהר, און ווען איך וואלט אין מיר ניט געהאט עפעס א געהיימעס געפיהל פון א גלויבען אין גאט, וואלט איך שוין לאנג בעגאנגען זעלבסטמארד.

ווירקליכעס לעבען שפיר איך נאר דאמאלס, ווען איך זוך גאט.

„אבער וואס נאך זוך איך?" האב איך מיך געפרעגט.

א שטימע, וויא אין מיר, האט אויסגעזעהען אויסצושרייען:

„דאס איז ער! ער, אהן וועלכען עס גיבט קיין לעבען. גאט איז דאס וואהרע לעבען! צו קענען גאט און צו לעבען, איז דאסזעלבע! גאט איז לעבען! דאס לעבען איז גאט!"

לעב אום צו זוכען גאט, און דאס לעבען וועט ניט זיין אהן איהם. אויף דיזער ארט, דאס הייסט, אזוי דענקענדיג, איז דאס לעבען אויפגעשטיגען אין מיר מיט מעהר קראפט, און דאס ליכט, וואס האט קיינמאל אזוי הערליך ניט געשיינט, האט מיך מעהר ניט פערלאזען.

אויף דיזער ארט האב איך מיך גערעטעט פון זעלבסטמארד. ווען און וויא אזוי דיזער וועקסעל האט אין מיר שטאטגעפינדען, קען איך גענוי ניט בעצייכענען. אזוי שטופענווייז און אונבעמערקבאר וויא דאס לעבען האט אין מיר זיך פער־ביטערט, ביז איך האב געשפירט אז איך קען מעהר ניט לעבען און מוז בעגעהען זעלבסטמארד, גראדע אזוי שטופענווייז און אונבעמערקבאר, האב איך נאך אמאל געפיהלט דאס לעבען אויפגליהען און זיך צוריק קעהרען צו מיר.

עס איז געוועזען מערקווירדיג, אבער דאס ווידער ערוואכען פון לעבען האט קיין נייעס געפיהל אין מיר ארויס גערופען; עס איז שוין געוועזען אלט, ווייל איך בין נאר דערפון אוועק געפיהרט געווארען ווען איך בין נאך געוועזען גאנץ יונג.

איך האב צוריק געקעהרט צו דער פערגאנגענהייט, אדער בעסער געזאגט, צו מיין קינדהייט און פריהע יוגענד.

איך האב צוריק געקעהרט צו גלויבען און זיך פערטרויען אין דעם ווילען וואס האט מיך געבראכט אויף דער וועלט און פון מיר פערלאנגט איך זאל עפעס טהון; איך האב צוריק געקעהרט צו דעם גלויבען, אז דער מענש דארף האבען בלויז איין ציעל אין לעבען, און דאס איז צו ווערען בעסער, דאס הייסט, צו לעבען לויט וויא דער געטליכער ווילען פערלאנגט.

איך האב צוריק געקעהרט צו דער אידעע, אז דער וואונש פון דיזען ווילען

קען מען געפינען אין דער גרויסער מענשליכער פעראייניגונג פון דער פערגאנגענ־הייט; מיט איינעם ווארט, איך האב צוריק געקעהרט צום גלויבען אין גאט, און מאראלישער פאלקאמענהייט, און אין דיא קבלות וואס זיינען איבערגעגעבען גע־ווארען איבער דער בעדייטונג פון לעבען.

דער איינציגער אונטערשיעד איז געווען, אז אין מיין קינדהייט און פריהער יוגענד האב איך דאס אלעס אקצעפטירט מיט איין אונבעוואוסטזיין, ווערענד יעטצט האב איך געשפירט, אז איך קען אהן דעם ניט לעבען.

מיין דאמאליגער גייסטעס־צושטאנד קען אונגעפעהר אזוי פערגלייכט ווערען: עס איז געווען, גלייך וויא איך וואלט מיך געפונען זיטצענדיג אין א שיפעל, וואס איז אוועק געשטויסען געווארען פון ברעג דורך איין אונבעקאנטער מאכט, און מיר ציינענדיג דעם ברעג אויף דער אנדערער זייט, האט מען מיר געגעבען לאפעטעס צום רודערן און מיך אבגעלאזען. איך האב מיך בעדיענט מיט דיעזע לאפעטעס, אזוי גוט וויא איך האב געקענט און גערודערט; אבער וואס ווייטער איך רודער צום מיטעלפונקט, אלץ שטארקער ווערט דער שטראם וואס טראגט מיך אוועק ווייטער פון מיין ציעל, און וואס מעהר איך בעגעגען נאך אזעלכע רודערער וויא איך בין, אלץ מעהר זעה איך וויא יעדער ווערט פערטראגען פון דעם שטראם. איך זעה איינציגע שיפער וואס רודערן און ארבייטען שווער, אנדערע וואס האבען שוין אוועק געווארפען דיא לאפעטעס, א טהייל וואס געפינען זיך אין גרעסערע שיפלעך און נאר גרויסע שיפען געפאקט מיט מענשען; מאנכע קעמפפען געגען דעם שטראם, און אנדערע לאזען זיך פיהרען וואוהין דער שטראם פיהרט. וואס ווייטער איך רודער, אלץ וועניגער זעה איך דעם ציעל וואוהין איך דארף מיך צו שיפען. אין מיטען שטראם, זיך זעהענדיג ארום געריגנעלט פון אונצעהליגע אנדערע שיפלעך, פערגעס איך וואוהין איך דארף רודערן, און איך ווארף אוועק דיא לאפעטעס. פון אלע זייטען הער איך וויא דיא מונטערע רודערער אדער זעגלער שרייען צו מיר, אז עס קען גאר ניט זיין קיין אנדערער ציעל. איך גלויב זייא און איך לאז מיך אין דערזעלבער ריכטונג מיט זייא.

אויף דיעזער ארט ווער איך אוועק געטראגען ווייט, דארט אהין וואו דער שטראם קומט זיך צוזאמען מיט נאך אנדערע שטראמען, אלע בילדען א דרעהע־נדען און וויטהענדען און קאכענדען תהום, און איך מוז דארט צו גרונדע געהען. איך ערבליק שוין וויא מאנכע שיפלעך זיינען צובראכען געווארען אין ווילדען און גרויסען דרעהענדען שטראם.

פלוצלינג האב איך מיך דערמאהנט וואו איך בין אין דער וועלט. איך בליק

ארום אין אַלע זייטען, און זעה צערשטערונג און פערניכטונג. אונצעהליגע מענשען סעמפפען מיט זייערע לעטצטע קרעפטען געגען דעם שוידערהאפטען שטראָם, און איך דערמאָהן מיך אן מיינע לאַפּעטעס, אן מיין ציעל, און איך פאנג ווידער אן צו רודערן צוריק געגען דעם ברעג.

דער ברעג איז גאָט, דער וועג זיינען דיא קבלות, דיא לאַפּעטעס זיינען דער פרייער ווילען וואס מען האט מיר געגעבען אום, ווען איך וויל, זאָל איך מיט זייא רודערן צום ברעג און זיך פעראייניגען מיט דער גאָטטהייט, אָדער זיך אַבלאָזען צום ווילדען שטראָם. אויף דיעזער ארט האב איך אין מיר דיא לעבענס־קראפט ווידער ערוועקט, און איך האב נאָך אמאל אָנגעפאנגען צו לעבען.

13.

איך האב אויפגעגעבען דאס לעבען פון מיין איינענער קלאַסע מענשען, ווייל איך האב מיך איבערציינט, אז דאס איז נים קיין ריכטיגעס לעבען, דאס זייער איבערפליסיגער לוקסוס פערהינדערט דיא מעגליכקייט צו פערשטעהען וואס לעבען איז, און אום איך זאָל מיין ציעל ערדייכען, מוז איך נים זיין קיין פאראַזיט, קיין אומזיסטיגער פרעסער, זאָנדערן איך דארף פיהרען א לעבען וויא דאס פון דיא ארבייטער־קלאַסען, דאס לעבען וואס בילדעט דיא וועלט, און עס גיבט דיעזע מיינונג וואס דיא ארבייטער־קלאַסען אקצעפּטירען.

דיא איינפאכע ארבייטס־מענער ארום מיר, איז געוועזען דאס רוסישע פאָלק. איך האב מיך געווענדעט צו דיעזען פאָלק און צו דער בעדייטונג וואס זייא האבען געגעבען דעם לעבען.

דיעזע בעדייטונג פון לעבען, קען פיעללייכט אזוי אויסגעדריקט ווערען: —

מיר זיינען אַלע געקומען אויף דער ערד, דורך דעם ווילען פון גאָט, און גאָט האט אזוי בעשאפען דיא מענשען, דאס יעדער פון אונז קען ענטוועדער רואינירען אָדער רעטען זיין זעעלע. אזוי וויא דיא אויפגאבע פון דעם מענשען'ס לעבען איז, צו רעטען זיין זעעלע, מוז ער לעבען לויט גאָט'ס וואָרט: צו לעבען לויט גאָט'ס וואָרט הייסט, אז דער מענש מוז אויפגעבען אַלע פערגניגענס אין לעבען, אר־בייטען, זיין אונטערטהעניג, ליידען און זיין גוט צו אַלע מענשען. דאס איז דיא גאנצע בעדייטונג פון לעבען פיר דעם פאָלק, און אזוי איז געוועזען און איז, לויט וויא דיא פאָרשטעהער פון זייער קירכע לערנען זייא.

דיעזע בעדייטונג איז מיר געוועזען דייטליך און האט דערפרייט מיין הארץ. דיעזער פאָלקס־גלויבען איז אונטערדעסען געוועזען פערבונדען מיט אזעלכע זאכען,

וואס מען האט זייא ערשטענס ניט געקענט ערקלערען און צווייטענס וואס האבען מיך אָבגעשטויסען דערפון. איך מיין דערמיט דיא צערעמאָניע פון דער קירכע, דעם פאָסט און דאס נייגען זיך פאר קמיעות מיט בילדער.

דאס פאָלק האט ניט געקענט אָבטהיילען דיעזע זאכען פון דעם גלויבען און אויך איך האב ניט געקענט.

אונגעאכטעט דארויף וואס פיעלע זאכען, וועלכע האבען בעלאנגט צום פאָלקס-גלויבען, זיינען געוועזן א ווידערשפרוך צו מיין גראדען פערשטאנד, האב איך דעננאך אלעס אקצעפטירט; איך בין געגאנגען אין קירכע, געבעטען פריהמאָרגען און אבענד, געהאלטען פאָסט און זיך פאָרבערייטעט זיך מתודה צו זיין פאר'ן גלח. וועהרענד איך האב דאס אלעס געטהאָן, האב איך פלוצלינג ענטדעקט, אז מיין פערשטאנד האט געגען אלעמען מעהר ניט פראָטעסטירט

אלעס וואס מיר האט פריהער אויסגעזעהען אונמעגליך, האט מעהר ניט ארויס געדופען דעם מינדעסטען ווידערשטאנד אין מיר.

דער שייכות צווישען מיר און גלויבען, איז געוואָרען א גאנץ אנדערער וויא ער איז אמאל געוועזן. פריהער האט מיר דאס לעבען אליין אויסגעזעהען פול מיט בעדייטונג, און דער גלויבען איין אונניטצליכער און אונפערנינפטיגער געגענשטאנד, וואס האט גאר ניט צו טהון מיט לעבען. איך האב אמאל געזוכט צו געפינען דיא בעדייטונג פון גלויבען, און זיך איבערצייגענדיג, אז דאס האט קיין בעדייטונג, האב איך איהם פערשמיסען. יעטצט וויעדער, איז גאר געוועזן דער געגענטהייל: איך האב געוואוסט פאָזיטיוו, אז לעבען האט קיינע בעדייטונג, און דער גלויבען, אויסער דעם וואס ער איז מיר מעהר ניט ערשיענען אונניטצליך, זאָגדערן ער האט מיר דייטליך געצייגט דורך ערפאהרונג, אז נאר דורך גלויבען קען איך געפינען דיא בעדייטונג פון לעבען.

פריהער האב איך בעטראכטעט דעם גלויבען אלס א ווערטהלאָזע און אונפערשטענדליכע פאנטאזיע; יעטצט האב איך איינגעזעהען, אז איך פערשטעה דאס ניט, נאר דאס האט א בעדייטונג, ווען איך האב בעשלאָסען צו זוכען און געפינען דיא בעדייטונג.

איך האב אזוי געטראכט:

גלויבען שטאמט, גראדע וויא דער מענש און דער פערשטאנד, פון דער גע־היימניספאָלער ערשטער אורזאכע. דיעזע ערשטע אורזאכע איז גאָט, פון וואנען עס פאנגט אן דער קערפער און דער פערשטאנד פון מענשען. אזוי וויא מיין קערפער האט זיך ענטוויקעלט דורך פערשיעדענע שטופען פון גאָט צו מיר, אזוי האט אויך

מיין פערשטאַנד און מיין בעגריף פון לעבען, זיך ענטוויקעלט פון גאָט, און פאָלגליך זיינען דיא שטופען פון דיעזער ענטוויקלונג ניט קיין פאַלשע. אַלעס אין וואָס מענשען גלויבען אויפריכטיג, מוז זיין וואָהר; מען קען דאָס פערשיעדענאַרטיג אויסדריקען, דורך פערשיעדענע אופנים, דורך פערשיעדענע מנהגים און צערעמאָניען, אָבער דער תוך איז אונבעדינגט [illegible] און פאָלגליך, ווען דאָס זעהט בייא מיר אויס ליגען, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל איך פערשטעה עס ניט.

דאָן האָב איך וויעדער אַזוי אַרגומענטירט:

דיא הויפּט אויפגאַבע פון גלויבען, איז צו געבען אַ בעדייטונג פיר דעם לעבען וואָס דער טויט קען ניט צערשטערען. דער ענטפער, אין דיעזער בעציהונג, איז שטאַרק פערשיעדען, ווייל דיא מענשען זיינען ניט גלייך דורך זייער לעבען, ערציהונג, געוואָהנהייט אין לעבען. ווייל דיעזער ענטפער, וואָס ווערט פון פיעלע אויף איין אַנדערער אַרט אויסגעדריקט, איז פערשיעדען, דאַריבער ערשיינט ער דום און לעבערליך. טראָטץ דעם אַלעמען, איז ער אָבער איבעראַל גלייך, ווייל ער ברענגט צו יעדען, וואָס אַקצעפּטירט דעם ענטפער, דיא בעדייטונג איבער דער לעבענס־פראַגע.

פון דיעזען אַרט דענקען, בין איך געקומען צו דער פראַגע איבער דיא צערעמאָניען פון דער רעליגיאָן אונטער דיא מענשען וואו איך האָב מיך געפונען. עס איז מיר אונמעגליך געווען צו אַקצעפּטירען דיעזע צערעמאָניען, ווייל זייא זיינען געווען נעגען מיין פערשטאַנד, און איך האָב ניט געוואָלט זיין אַ ליגנער געגען מיין איינענעם געוויסען. מיין וואונש אָבער, צו זיין איינער פון פאָלק, אונטער דעם פאָלק און מיט דעם פאָלק גלייך, האָט מיך געטריעבען דערצו איך זאָל זוכען איין אויסוועג. דערצו האָבען מיר שוין געהאָלפען דיא נייע רוסישע טהעאָלאָגען.

לויט דער ערקלערונג פון דיעזע גייסטליכע, זיינען דיא פונדאַמענטאַלע גלויבענס־אַרטיקלען, דיא אונפעהלבאַרקייט פון דער קירכע. זאָ שנעל וויא מען אַקצעפּטירט דיעזען גלויבענס־אַרטיקעל, פאָלגט שוין באַלד דיא נויטהווענדיגקייט, אַנצונעהמען פאַר הייליג אַלעס וואָס דיא קירכע לערענט. דיא קירכע וויעדער, וועלכע בעשטעהט פון אַ פערזאַמלונג פון גלויביגע פעראייניגט אין ליעבע, ווערט אַלזאָ דער פונדאַמענט פון מיין גלויבען.

דאָס איז מיר ניט געווען אַזוי לייכט צו אַקצעפּטירען, נאָר איך האָב אַזוי אַרגומענטירט: דיא וואָהרהייט, וועלכע איז אין גאָט און פון גאָט, קען ניט ערגרייכט ווערען דורך איין מענשען, — דיעזע וואָהרהייט מוז ערגרייכט ווערען דורך דער פעראייניגונג פון אַלע מענשען אין ליעבע. אום צו ערגרייכען דיא וואָהרהייט,

דארפען מיר ניט שטעהען איינער דעם אנדערן אין וועג; און אום צו פערמיידען מחלוקה, מוזען מיר בעזימצען ליעבע איינער פיר דעם צווייטען, און אויף דיעזער ארט ערטראגען און דולדען גאנץ געמיטהליך אפילו אזעלכע זאכען, וואס שטימען מיט אונז ניט איין. דיא וואהרהייט ווערט ענטדעקט אין ליעבע, און אום דיעזע וואהרהייט ניט צו צערשטערען, מוזען מיר אין ליעבע אקצעפטירען אלעס וואס דער גלויבען לערענט.

אזוי האב איך דאמאלס געטענה'עט און ארגומענטירט מיט מיר אליין, אבער איך האב ניט איינגעזעהען דיא פאלשקייט דערפון. מיין איינציגע אויפגאבע איז געווען, צו גלויבען, און פערשמייסען אָדער אוועק קוקען פון דעם, וואס האט מיך געטריעבען איך זאָל ווידערשפרעכען דיעזען גלויבען.

בעפאָלגענדיג וויא ווייט מעגליך אלעס וואס דיא קירכע בעפעהלט, האב איך מיך געפיהלט גליקליך, און מיך געזעהען פעראייניגט מיט דיא נשמות פון מיין גע־ליעבטען פאטער, מוטער און גראָס־עלטערן. זייא און אלע פאר זייא, האבען געלעבט און געגלויבט, און מיך געבראכט אויף דער וועלט. איך האב מיך פעראייניגט מיט דיא מיליאָנען מענשען פון פאָלק, וועלכע איך האב געליעבט.

איבערהויפט, האב איך גאר קיין שלעכטעס אין דעם געזעהן, ווייל שלעכטעס בייא מיר האט נאָר אויסגעזעהען זיך נאכצוגעבען דיא תאוות פון דעם קערפער.

אין א טאָג בין איך ערשיענען אין קירכע און אנטהייל גענומען בײם הייליגען אבענד־ברויט. פריהער האט יעדער געזאגט: „לאָמיר זיך פעראייניגען אין ליעבע איינער צום צווייטען.“ דאס איז מיר גאנץ גוט געפעלען געוואָרען. אָבער נאכדעם האט געפאָלגט דער גלויבענס־ארטיקעל אין גאָט, דער זוהן און דער הייליגער גייסט — איך האב דאס אריעבער געהיפט, ווייל איך האב עס ניט פער־שטאנען.

14.

צו יענער צייט איז פאר מיר געווען נויטווענדיג צו גלויבען, דאמיט איך זאָל קענען לעבען.

וויא ווייט מעגליך האב איך מיר געזעהען אלעס אין גלויבען ערקלערען, אז דאס האט א טיעפע מיינונג. איך האב מיר זאָגאר פראָבירט צו ערקלערען דיא ווערטער: „געדענקענדיג אונזער הערשענדע דאמע (מאריע), דיא הייליגסטע

מוטער פון גאָט, און אַלע הייליגע, לאָמיר זיך פאַרבערייטען און איבערגעבען דעם צווייטען, און אונזער גאַנצעס לעבען, צום קריסט גאָט.״

נאָך מעהר, אפילו דיא געבעטע פאַר׳ן קייזער מיט דער פאַמיליע האָב איך מיר ערקלערט, אַז זייא זיינען דערפאַר, ווייל זייא זיינען אויסגעזעטצט צו מעהר נסיונות וויא מיר געוועהנליכע מענשען. איך האָב מיר אויך ערקלערט דיא געבעטע פיר אַ זיעג איבער אונזערע שונאים, אַז דאָס הייסט אַ זיעג איבער דיא פרינציפּען פון שלעכטעס, נאָר ווען עס איז געקומען צום אַבענד־ברויט און דיא פערהערונג פון דער „בתולה מאריע,״ האָב איך ווייטער ניט געקענט געהען. דאָסזעלבע איז מיר געוועזען מיט דעם גלויבען אין דעם ווידער־לעבעדיג ווערען פון יעזוס׳ן א. ז. וו.

איך וועל ניעמאַלס פערגעסען אין דעם שמערצהאַפטען געפיהל וואָס איך האָב געהאַט ווען איך האָב צום ערשטען מאַל, נאָך פיעלע יאָהרען, אנטהייל גענומען ביים הייליגען אַבענד־ברויט. ווען איך בין צוגעקומען צום אַלטאַר (מזבח) און דער גייסטליכער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל גלויבען, אַז איך שלינג אַרונטער מיט דיעזען ברויט דעם ווירקליכען קערפּער פון יעזוס קריסטוס, האָב איך געשפּירט אַ שאַרפען שטאָך אין מיין הארצען.

אָבער, וויא דיא זאַך איז, האָט מיך דער גלויבען צוגעצווינגען צו זיך און מיר געגעבען נייעס לעבען. איך האָב געפיהלט דעם שטאָך אין מיין הארצען, נאָר איך האָב אַרונטער געשלונגען דאָס ברויט מיט דעם וואונש צו גלויבען, אַז דאָס איז דער ווירקליכער קערפּער און בלוט פון יעזוס קריסטוס, און איך האָב צו מיר ניט צוגעלאָזען אפילו קיין שפּאָטישען געדאַנק דאַריעבער.

איך האָב אונטערדעסען פאָרטגעזעטצט און אָבגעהיט דיא מנהגים פון דער קירכע, און איך האָב נאָך אימער געגלויבט, אַז דיא לעהרען וואָס איך האָב אַקצעפּטירט זיינען וואהר. אָבער דיא צייט האָט אַלעס געענדערט און מיך געפיהרט אויף גאַנץ אַנדערע וועגען.

15.

וויא אָפט האָב איך מקנא געוועזען דעם בויער, וואָס קען ניט לעזען און שרייבען און האָט גאַר ניט געלערענט. דיעזעלבע לעהרען פון גלויבען, וואָס האָבען פאַר מיר ענטהאַלטען אונזינן, זיינען בייא איהם ערשיענען אַלס דיא וואהרהייט זעלבסט.

ער, דער בויער, האָט אַלעס געקענט אַקצעפּטירען און גלויבען אין וואהרהייט

דיזעלבע וואהרהייט, אין וועלבער איך האב גענלויבט. וועהרענד בייא מיר, אונ־גליקליבער, איז עס געווען דייטליך, אז דיא וואהרהייט איז פערבונדען מיט ליגען, און איך קען דאס אזוי ניט אקצעפטירען מיט מיין בעסטען ווילען.

אין דיזען צושטאנד, האב איך אָבגעלעבט דרייא יאָהר. וויא איך האב שוין פריהער געזאגט, האב פּראָבירט מיר אלעס צו ערקלערען עס זאָל שטימען מיט מיין פערשטאנד, נאָר ווען איך האב דאס ניט געקענט, האב איך מיר געזאגט, אז איך פערשטעה עס ניט.

אמת, איך האב איינגעזעהען, אז גאָט איז לעבען און לעבען איז גאָט; איך האב אנערקענט דיא וואהרהייט פון גלויבען און פערטרויען; איך בין גליקליך געווען אין דער וואהרהייט פון ארבייטען און ווירקען אום צו פּראָדוצירען לעבען, אָבער, — איך ווייס ניט, עפּעס האט מיך געדריקט און געשטיקט, וואס האט מיך ניט געלאָזען רוהען.

נייע אונרוהען, נייע צווייפלען און נייע שמערצען זיינען אין מיר ענטשטאנדען. איך בין אָבער טראָטץ דעם נאָך אימער פערבליעבען בייא דער אָרטהאָדאָקסישע קירכע, נאָר וואס עס אנבעלאנגט דאס הייליגע אבענד־ברויט, האב איך מעהר קיין אנטהייל גענומען בייא דיזער צערעמאָניע.

דאָן איז אין מיר ענטשטאנדען דיא פראגע וועגען דעם שייכות צווישען דער אָרטהאָדאָקסישע קירכע און אנדערע קירכען. דיא אינטערעסע וואס איך האב דאָ־מאלס געהאט אין דיא גלויבענס־פראגען, האט מיך געפיהרט דערצו איך זאָל בע־קאנטשאפט שליסען מיט דיא פאָרשטעהער און לעהרער פון פערשיעדענע גלויבענס, וויא קאטאָליקען, פּראָטעסטאנטען, אלטע גלויביגע, נייע גלויביגע און אנדערע. אונטער דיזע האב איך געפונען מאנבע, וועלכע זיינען געווען אויפריכטיגע גלויביגע און אָבגעהיט דיא העבסטע מאָראַליטעט.

איך האב געוואָלט ווערען א ברודער פון דיזע מענשען, אָבער וואס איז געווען דער סוף? דיא לעהרען, וועלבע האבען מיר פערשפּראָכען דיא פעראייניגונג פון אלע מענשען אין גלויבען און ליעבע, דורך דיא פּערזאָנען פון זייערע בעסטע פאָרשטעהער, האבען מיר באלד בעוויזען, אז אלעס וואס איך האב צו ערוואַרטען פון דיזע לייטע, איז, אויסצובילדען מענשען אין שקר וכזב.

דיא קראפט, וואס גיבט דיזע לייטע דיא מעגליכקייט צו לעבען, בעשטעהט נאָר אין דעם, וואס יעדער איינער גלויבט פאר זיך, אז ער אליין האט נאָר דער־טאפּט דיא וואהרע אמונה און אלע אנדערע וואנדערן אין אירטהום. דיזער שקר האט מיך געשווידערט.

איך האב בעמערקט, אז דיא אנהעגגער פון דער אָרטהאָדאָקסישער קירכע בעטראַכטען אַלע אנדערע, וואס האַלטען ניט פון זייער גלויבען, אלס אפּיקורסים, גראָדע וויא דיא קאַטאָליקען בעהויפּטען איבער זייא. איך האב בעמערקט, אז יעדער איינער בעטראַכט זיין מיט־מענשען, וועלכער אַקצעפּטירט אנדערע פאָרמען און צער־רעמאָניען פון גלויבען, אלס זיין שונא.

דיא אָרטהאָדאָקסישע קירכע טהוט עס, אָבוואָהל זיא זוכט צו בעהאַלטען דעם פאַקט; און עס מוז אזוי זיין, דען דיא בעהויפּטונג, אז איך האב דעם אמת און דוא דעם ליגען, פיהרט דערצו איך זאָל א מיט־מענשען פון א גלויבען מיט איין אנדערע צערעמאָניע, בעטראַכטען אלס מיין שונא. ווען איינער וואס ליעבט זיינע קינדער, זעהט דאס איין אנדערער וויל דיזע קינדער איבעררעדען צו איין אנדערן גלויבען, מוז ער איהם בעטראַכטען פאַר א שונא.

דיזע שנאה וואַקסט אַלץ מעהר, ווען מען שטודירט זיך איין אין דיא פאָרמען פון א געוויסען גלויבען.

אויף דיעזער אַרט, האב איך, וועלכער האט געגלויבט, אז גלויבען איז גע־גרינדעט אויף ליעבע, מיך געזעהען אונווילענדיג געצוואונגען אנצוערקענען, אז דיא לעהרען פון גלויבען צערשטערען אַקוראַט דאס, וואס זייא בעהויפּטען צו פּרעדיגען און פערברייטען.

אום מיך בעסער צו איבערצייגען דאַריעבער, האב איך בעזוכט דיא אַרכי־מאַנדריטען, דיא אַרכיפּרעלאַטען, דיא פּריאָרען און דיא מאָנאַכען, און מיט זייא איינגעטענה'ט אין דיעזער אנגעלעגענהייט. אָבער בלויז איינער פון זייא האט גע־האט דעם מוטה מיר מיטצוטהיילען דעם וואָהרען צושטאַנד. נאָכדעם האב איך שוין מעהר קיינע פראַגען געשטעלט.

מיט דיעזען וואס איך האב געהאט דיא לעטצטע אונטעררעדונג, האב איך גע־שפּראָכען איבער דער אידעע, וויא אַזוי אַלע גלויבענס וואָלטען געקענט פער־איינינט ווערען. איך האב איהם געצייגט א וועג דערצו, דאס הייסט, אַלע מענשען פון אַלע גלויבענס, זאָלען איינשטימען איבער דעם הויפּט־פּונקט פון גלויבען, וועלכער בערוהט אויף גלויבען אין א גאָט וואס איז א בעל־רחמים, וואס ליעבט אַלע מענשען גלייך, וואס פערלאַנגט יושר, גערעכטיגקייט און מאָראַליטעט, און וואס עס אנבע־לאַנגט דיא צערעמאָניען פון גלויבען, זאָל יעדער מענש טהון וויא ער וויל.

דער גייסטליכער האט מיר מודה געווען, אז דאס איז ניט מעהר וויא רעכט, אָבער, דאס קען ניט זיין, ווייל עס וועט הייסען, אז דיא גייסטליכע אָדער פאָר־שטעהער פון דיא רעליגיאָנען, פערלאָזען דיא קבלות און גרונד־פּרינציפּען פון זייערע רעליגיאָנען.

דאַן האב איך אַלעס פערשטאַנען. איך בין געגאַנגען זוכען א גלויבען, וואס זאָל זיין דער צייל פון לעבען, און וועלכען אַלע מענשען זאָלען זיך קענען גלייך אָנשפּאַרען, וועהרענד דיעזע מענשען, דיא פאָרשטעהער פון דיא רעליגיאָנען, זוכען נאָר צו ערפילען געוויסע קאַפּריזען און מיינונגען לויט וויא געוועהנליכע מענשען

טהון. חיפיעל זייא זאָלען רעדען און פּרעדיגען איבער ליעבע, מיטלייד, און ערבאַרמען פיר דיעזע וואס גלויבען ניט אין זייערע אמונות, מוז ענטשטעהען דיא צוואַנג־קראַפט פון דעם שטאַרקען איבער דעם שוואַכערן.

וואס קען מען טהון מיט דיעזע, וועלכע רעדען איבער אַזעלכע קינדער איבער־צוגעהען צו זייער גלויבען ? דער איינציגער ענטפער דאַרויף איז, לויט דיא צר־שטענדען, אָבצושניידען זייערע קעפּ אָדער זייא אריין וואַרפען אין געפענגנים.

צור צייט פון אלעקסיי מיכאַילאָוויטש, האט מען דאַפיר פערברענט מענשען; מיט איינעם וואָרט, מען האט דאַמאלס אָנגעווענדעט דיא שטרענגסטע שטראַפע געגען דיעזע וואס האבען געהאט אַנדערע צערעמאָניען און גלויבען, און צו דער געגענוואַרט פּאַסירט דאַסזעלבע, דאַמיט וואס מען שיקט אַוועק מענשען צו איינ־זאַמער געפענגנים־שטראַפע.

ווען איך האב מיך אַרום געקוקט און געזעהען אַלעס וואס מען טהוט אין נאַמען פון רעליגיאָן, האב איך אויפגעשוידערט, און איך האב מיך ביינאַהע גענצליך צוריק געצויגען פון דער אָרטהאָדאָקסישער קירכע.

דער צווייטער פּונקט וואס האט מיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען, איז געווען דיא בעדייטונג פון דער קירכע מיט מלחמות און הינריכטונגען. עס איז געווען דיא צייט פון דעם קריעג אין רוסלאַנד. רוסען האבען געמאָרדעט זייערע ברידער אין נאַמען פון קריסטליכער ליעבע. ניט אַזוי צו דענקען, איז געווען אונמעגליך. ניט איינצוזעהען, אַז מאָרדען איז א שלעכטע זאַך און איז געגען דיא ערשטע פּרינציפּען פון יעדען גלויבען, איז געווען אונמעגליך.

אין דיא קירכען וויעדער, האבען מענשען אונטערדעסען געבעטען גאָט פיר דעם ערפאָלג פון אונזערע אַרמעען, און דיא לעהרער פון רעליגיאָן האבען אַקצעפּ־טירט דיעזע מערדערייען, אלס טהאַטען וואס זיינען דיא פאָלגען פון גלויבען.

ניט נאָר מאָרד אין אַקטיווען קריעג איז בעשטעטיגט געוואָרען, זאָנדערן אויך וועהרענד דיא אונרוהען וואס האבען געפאָלגט, האבען דיא פאָרשטעהער פון דער קירכע, איהרע לעהרער, איהרע מאָנאַכען און איהרע נזירים, בעשטעטיגט, אַז מען מעג ערמאָרדען דיא פעראירטע און הילפלאָזע יונגע מענשען. איך האב מיך אַרום געקוקט און געזעהען אַלעס וואס מענשען טהון, וועלכע בעהויפּטען צו זיין קריסטען, און עס האט מיך געשוידערט.

16.

פון דיעזער צייט אָן, האב איך אויפגעהערט צו צווייפלען, און איך בין געוועזן פאָלקאָמען איבערצייגט, אַז ניט אַלעס וואס דער גלויבען, וועלכען איך האב אָנגענומען, איז וואַהר. אמאל וואָלט איך געזאגט, אַז אלעס אין דיעזען גלויבען איז פאַלש, נאָר יעטצט האב איך עס מעהר ניט געקענט טהון.

אַז דיא מענשען פון פאָלק, האבען עפּעס געוואוסט פון וואַהרהייט, איז קיין צווייפעל, דען זייא וואָלטען אַנדערש ניט געקענט גלויבען. איבערהויפּט, האב איך דיעזע וואַהרהייט שוין געקענט, ווייל איך האב אין איהר געלעבט, אָבער אין

דערזועלבער צייט האב איך געמוזט איינזעהען אויך דיא פאלשקייט. דאריעבער האב איך אויך ניט געקענט צווייפלען.

פון וואנען אלזא איז געקומען דיעזע וואהרהייט און דיעזע פאלשקייט? ביידע, דאס הייסט, דיא פאלשקייט און דיא וואהרהייט, איז געקומען פון דארט וואס מען רופט קירבע; ביידע געפינען זיך אין דיא זאגענאנטע הייליגע קבלות און ספרים.

דאס האט מיך ווידער געפיהרט דערצו איך זאל אנפאנגען צו שטודירען דיא טהעאלאגיע (רעליגיאנס־לעהרע) וועלכע איך האב אין דער פערגאנגענהייט פערשמיסען אלס איין אונניטציגע זאך.

איך האב בעשלאסען ארויס צו זוכען דיא וואהרהייט פון צווישען דער גרויסער מאסע פאלשקייטען. איך האב דערפאר אנגעפאנגען צו שטודירען אלעס אין זיינע איינצעלהייטען.

אבער עס איז מיר יעטצט אונמעגליך געווען אלעס צו ערקלערן, ווייל איין ערקלערונג פון דעם גאנצען, איז גראדע וויא דער אנפאנג פון אלע זאכען, וועלכעס איז דיא אונענדליכקייט.

איך האב בלויז געוואלט גרייכען צו דער גרענעץ, וואו דאס אונפערשטענדליכע פאנגט אן; איך האב געוואלט, אז אלעס וואס בלייבט אונפערשטענדליך, זאל אזוי בלייבען, ניט ווייל דער מענשליכער גייסטעס־וואונש איז ניט נייגיעריג צו וויסען, זאנדערן ווייל איך האב שוין גוט געקענט מיין פערשטאנד וואו ער שטעלט זיך אב און קען ווייטער ניט געהען.

מיין אויפגאבע איז בלויז געווען, אבצוטהיילען, וויא ווייט מעגליך, דעם אמת פון דעם שקר. דאס האב איך אנגעפאנגען צו טהון. וואס איך האב געפונען פאר פאלש און וואהר, און צו וואס פאר א רעזולטאט איך בין געקומען, האב איך אויפגעשריעבען א צווייטעס בוך („מיין רעליגיאן") דאפיר. ווען דאס וועט עפעס ווערטה זיין, און ווען דאס וועט עפעס קענען נוטצען ברענגען, וועט עס אמאל פובליצירט ווערען.

— — — — — — — — — —

דאס, ביז דאנען, האב איך מיט דרייא יאהר צוריק אויפגעשריעבען, אין 1879. מיט א קורצער צייט צוריק האב איך דורכגעקוקט מיינע כתבים און אויך דאס איבערגעלייענט. איך האב בעטראכט דעם שטראם פון מיינע געדאנקען, וויא איך האב דאס דאמאלס אויפגעשריעבען, און איך האב אלעס געפונען אלס א ריכטיגע שילדערונג פון מיין טראכטען, צווייפלען, דענקען און בעשליסע.

דאס אלעס האט אין מיר אויפגעפרישט דיא עראינערונג פון אמאל, און דורך א אורזאכע פון בעשעפטיגען זיך מיט דיעזע געדאנקען, האב איך געהאט א חלום.

דיעזער חלום האט פאר מיר ווידערהאלט, אין א קורץ־געפאסטער פארמע, דיא גאנצע פערגאנגענהייט וואס איך האב בעשריעבען.

איך דענק דערפאר, אז א בעשרייבונג פון דיעזען חלום, וועט פיר דיעזע, וואס

האבען מיך פערשטאנען, ניטצען אום נאך דייטליכער צו בעגרייפען מיינע אידעען. דאס וועט זייא אויך דערמאהנען אן דער גאנצער רייהע געדאנקען, וועלכע איך האב פערוואנדעלט אין ווערטער, און זייא וועלען קענען זעהען דאס גאנצע וואס איך האב געוואלט און געציעלט, און וועלכעס איך האב אזוי באריכות בעשריעבען אין דיעזען בוך.

דער חלום איז געוועזן פאלגענדער:

מיר האט זיך געדאכט, אז איך ליעג אין א בעט און איך פיהל ניט איבריג גוט און בעקוועם, און אויך ניט דעם נעגענטהייל, דאס הייסט, שלעכט אדער אונבעקוועם.

איך האב אנגעפאנגען צו קלערען, אויב עס איז גוט פאר מיר אזוי צו ליעגען. וויא דיעזער געדאנק איז נאר אריין אין מיין קאפ, האב איך באלד געשפירט עפעס אונבעקוועמעס בייא מיינע פיס. אויב דאס בעט איז געוועזן צו קורץ, אדער גלאט שלעכט געמאכט, האב איך ניט געוואוסט; איך האב בלויז בעגריפען, אז עפעס איז ניט ריכטיג.

איך האב אנגעהויבען צו ריהרען מיט מיינע פיס, און איך האב אויך אנגעפאנגען צו דענקען וואו איך ליעג אין גאנצען, וועלכעס האט מיך ביז דאמאלס נאך קיינמאל ניט בעאונרוהיגט.

איך האב עקזאמינירט מיין בעט און געזעהען, אז איך ליעג אויף א נעטץ־ווערק פון שטריק צוגעבונדען ארום בייא דיא זייטען פון דעם בעט. מיינע פאדעשוועס זיינען געלעגען אויף א בעזונדערן טהייל, מיינע פאלקעס אויף א צווייטען טהייל, און דאס איז מיר געווען אונאנגענעהם.

עפעס האט זיך מיר געשפירט, אז מען קען בעוועגען דיא שטריק, און מיט מיינע פיס, האב איך אנגעפאנגען דיא שטריק צו בעוועגען און אוועק שטופען, און מיר האט זיך געדאכט, אז אזוי וועט עס בעסער זיין.

אבער איך האב דיא שטריק צו ווייט אויסאנאנדער געשטופט. איך האב זייא געוואלט ווידער אנכאפען מיט מיינע פיס, אבער דאס האט פעראורזאכט, וואס נאך א שטריק, פון הינטער מיר, האט מיך אוועק געשטופט, און מיינע פיס זיינען געבליעבען הייענגען.

איך האב בעוואוינען מיין קערפער אום מיך ווידער גלייך צו לייגען, מיט דער איבערצייגונג, אז אזוי וועט עס בעסער זיין, אבער דיעזע בעוועגונג האט פעראורזאכט, וואס נאך שטריק האבען זיך ארויס געגליטשט פון אונטער מיר, און איך האב בעמערקט, אז מיין צושטאנד איז נאך ערגער געווארען; מיין גאנצער קערפער האט אנגעהויבען צו זינקען און מיינע פיס האבען ארונטער געהאנגען אהנע צו בעריהרען דעם באדען.

איך האב מיך אנגעהויבען צו צוהאלטען בייא דער העבערער זייט פון בעט און איך האב ניט נאר געפיהלט אונבעקוועם, זאנדערן אויך עפעס שוידערהאפטעס יעטצט האב איך מיך אנגעהויבען צו פרעגען אזעלכע זאכען, פון וועלכע א ד

האב גאר פריהער נים געדענקם. איך האב מיך געפרעגט וואו איך בין און אויף וואס איך ליעג.

איך האב אנגעפאנגען מיך ארום צו קוקען, און צום ערשטען מאל האב איך ארונטער געקוקט אהין, וואו מיין קערפער איז נאכגעהאנגען און געהאלטען אין דינקען. קוקענדיג ארונטער, האב איך גאר ניט געקענט גלויבען מיינע אויגען וואס איך האב געזעהען.

איך האב מיך ערבליקט פיעל העכער וויא דער העכסטער טהורם אדער בארג, אזא הויכקייט וואס האט איבערגעשטיגען אלע מיינע פריהעריגע בעגריפע.

עס איז מיר אונמעגליך צו פאסען א געגויען בעגריף, אויב איך זעה עפעס אדער ניט דארט אונטען. איך האב בלויז בעגריפען, אז איך הייגג איבער א שרעקליכען תהום, און עס ציהט מיך אהין אימער וועהרענד, אום אריין צו פאלען.

ארונטער צו קוקען, איז געווען שרעקליך. איך האב געשפירט, ווען איך וועל קוקען ארונטער, וועל איך מיך אויסגליטשען פון דעם לעטצטען שטריק און פאלען.

איך האב אויפגעהערט צו קוקען. אבער ניט קוקען, איז נאך פיעל ערגער, וויל דאמאלס דענק איך, וויא שרעקליך דאס וועט זיין, ווען דער לעטצטער שטריק וועט זיך איבעררייסען.

איך האב געשפירט, אז אין מיין שרעק, וועל איך פערלירען דאס לעטצטע ביסעל קראפט, און מיין רוקען זינקט אלץ ניעדריגער און ניעדריגער. נאך איין אויגענבליק, און איך וועל זיין אונטען!

דאן איז צו מיר פלוצלינג געקומען דיא אידעע, אז דאס אלעס קען ניט זיין וואהר, און עס איז בלויז א חלום; איך מוז ערוואכען.

איך האב געקעמפפט מיט מיר זעלבסט אום צו ערוואכען, אבער איך האב ניט געקענט.

„וואס זאל איך טהון?“ האב איך מיך געפרעגט. וועהרענד דיעזער פראגע האב איך געקוקט ארויף.

איבער מיר האט זיך אויסגעברייטעט איין אנדערער תהום — דער תהום פון אונענדליכקיים. איך האב געקוקט ארויף און געזוכט צו פערגעסען אן דעם תהום אונטער מיר, און דאס איז מיר געלונגען.

דערפון האב איך בעמערקט, אז דיא אונענדליכע טיעפקייט, אונטער מיר, שרעקט און שווינדערט מיך, וועהרענד דיא אונענדליכע הויכקייט, איבער מיר, טרייסט און שטעלט מיך צופריעדען

איך בין נאך אימער געהאנגען אויף דעם לעטצטען שטריק וואס האט זיך נאך ניט אויסגעגליטשט פון אונטער מיר. איך האב געוואוסט פון מיין צושטאנד, אז איך הייגג נאר אויף איין שטריק, אבער זוכענדיג צו קוקען נאר ארויף, איז דער שרעק פון מיר פערשוואונדען.

וויא עס פאסירט אין חלומות, אזוי האב איך אויך געהערט א שטימע אויסשרייען:

„בליק גוט! דאָרט איז עס!“

איך האב געבליקט ווייטער און ווייטער אין דער אונענדליכקייט איבער מיר, און איך האב געשפירט, אז עס בערוהיגט מיך.

איך געדענק וויא אלעס איז געשעהען — וויא אזוי איך האב בעוואויגען מיט מיינע פיס, וויא איך בין געהאנגען אין דער לופט, וויא עס האט מיך געשווידערט, און וויא אזוי איך האב מיך גערעטעט פון דיעזע שרעק, קוקענדיג ארויף.

איך האב מיך געפרעגט: „וויא אזוי היינג איך נים נאך אימער וויא פריהער?“

איך האב אָבער געשפירט אין אלע מיינע גליעדער, אָהנע צו קוקען, דעם שוטץ אין וועלכען איך האב מיך פעסט געהאלטען.

איך האב אויך בעמערקט, אז איך היינג נים און פאל נים, זאָנדערן איך האלט מיך פעסט. איך האב מיך געפרעגט וויא אזוי דאס איז וואס איך האלט מיך אזוי פעסט.

איך האב געטאפט, זיך ארום געקוקט, און איך האב געזעהען, אז אונטער מיין מיטעל־קערפער, געפינט זיך א זייל, און בליקענדיג ארויף, האב איך בעמערקט, אז איך ליעג אויף א גלייכגעוויכט, און בלויז דיעזער זייל אליין, האט מיך אויך פריהער פעסט געהאלטען.

אזוי וויא עס פאסירט אין חלומות, איז דיא זייל וואס האט מיך פעסטגעהאלטען, מיר פאָרגעקומען גאנץ נאטירליך, א זאך וואס מען קען לייכט בעגרייפען, און אן וועלכען מען דארף נים צווייפלען, אונגעאכטעט דארויף וואס דיא גאנצע זייל האט קיין בעדייטונג פאר מיר ווען איך ערוואך.

אין מיין שלאָף, בין איך זאָגאר געווען ערשטוינט, וואס איך האב דאס אלעס פריהער נים פערשטאנגען.

נעבען מיין בעט, שטעהט אויך א זייל, גאנץ פעסט, און איבער דער פעסטקייט, איז גאר נים צו צווייפלען, אָבוואָהל איך בעמערק קיין זאך אויף וואס דאס שטעהט. פון דיעזער זייל שטעקט ארויס א שטריק, עפעס אזוי כיטרע און דאָך איינפאך אויסגעארבייטעט, און ווען איך לייג זיך אויף דיעזען שטריק און בליק ארויף, הערט אויף יעדער צווייפעל און יעדע פראגע פון פאלען.

דאס אלעס איז מיר געווען קלאָר און דייטליך, און עס האט מיך געפרייט, און מיין גייסט איז בערוהיגט געווארען. עס האט אויסגעזעהען גלייך וויא יעמאנד וואָלט מיר געזאגט:

„זעה, דאמיט דוא זאָלסט דאס געדענקען!“

און איך האב ערוואכט.

לעאָ נ. טאָלסטאָי. 1888.

ענדע.